STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01709

# IN UNDZERE TEG

Chawa Slucka-Kestin

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Leyla Sacks*
*in loving memory of*
*her father Charles Margolis*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חוה סלוצקא־קעסטין

# אין אונדזערע טעג

דערציילונגען, מיניאטורן און סקיצן

CHAWA SLUCKA-KESTIN

# IN UNDZERE TEG

## IN OUR DAYS

©
Copyright by Autor
Tel-Aviv — Israel
1 9 6 6

נדפס בישראל, 1966
Printed in Israel, 1966

דפוס „אורלי", תל־אביב, רח' יסוד המעלה 27, טלפון 32062



חוה סלוצקא-קעסטין

חיימען

צייכענונגען: ח. עוויס

פאַרלאַג „מאיר"

# I

# מענטש מיט מענטש

# דאָס געסל

## קאַפּיטל איינס

אויב איר פרעגט וועמען פון געסל ווו ער וווינט, ענטפערט ער אייך מיט גאווה: אין „יד־משה“. דאָס איז דער רייכער טייל פון דער געגנט, ווו עס געפינען זיך די גרויסע, רחבותדיקע הייזער. ער פאַרשווייגט לגמרי אַז דאָס געסל געפינט זיך נאָר אויפן ראַנד פון „יד־משה“ און אַז אין דער אמתן ליגט עס האַרט ביי דער גרענעץ פון „שכונת־עתיד“, וואָס האָט נישט קיין גוטן שם אין שטאָט. פאַרוואָס — ווייל קודם־כל האָט זיך דאָ באַזעצט א היפש געזעמל בעטלערס און סתם אָרעמע לייט; אָבער די מערהייט איינוווינער באַשטייען פון פראָסטע בעלי־מלאכות, טרעגערס, שוסטערס און ירקותניקעס, וואָס פירן פאַנאַנדער די ביליקסטע סחורות איבערן שטאָט. אויך וווינען דאָ די ווילע־יונגען, וועלכע זענען באַקאַנט מיט זייער אורטימלעכן כוח, וואָס דרימלט אין זיי. אַ כוח, וואָס קען אַ וועלט צעשטערן, אָדער אויפבויען. צוליב דעם טאַקע וועקן זיי שרעק ביים רייכן בירגער פון צפון־טייל פון דער שטאָט.

מען האָט מורא פאַר „שכונת־עתיד“, ווי פאַר וואַדי־סאַליב. עס זענען דאָ אַזויפיל שוואַרצע: שוסטערס און בויערס, סטאָליאַרעס און מעכאַ־ניקערס, הענדלער און דינסטן. ווער האָט זיי דאָ אַלעמען צונויפגעזאַמלט? מען קוקט אויף די שוואַרצע פון „שכונת־עתיד“, ווי אויף עקזאָטיק. אַ קלייניקייט: אַזויפיל פּעבל. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן צונויפצוזאַמלען אַזויפיל פּעבל אויף איין אָרט? פאַרוואָס רייניקט מען נישט אָפּ די שטאָט פון זיי? נישט מען זאָל דאַרפן קוקן מיט מורא אויף די קינדער און נאָך דאַרפן פאַרשליסן טירן. אַמאָל איז אַלץ געווען אָפן. ווער האָט מורא געהאַט פאַר גנבים?

צבי, דער סטאָליאַר, חכמהעט זיך: יענע לייט האָבן מורא פאַר „שכונת־עתיד" ווי אַ שד פאַר ווייררויך; נו, נו, איר זינדיקט אויך אונטער, ווי די רייכע, מיט אַ ביסל גדלות — ס׳טייטש אַשכנזער, מערב־קולטור, אייראָפּע. איר האָט מורא, אַז עס וועט פאַר אייך נישט סטייען? ווען אין שיסל וועט זיין פול — וועט מען זיך נישט רייסן. ס׳וועט פאַר אַלעמען זיין גענוג.

די איינוווינער פון געסל זאָגן נישט אויס וועגן זייער קרובהשאַפט מיט „שכונת־עתיד", כאָטש דער וועג, וואָס פירט צום געסל דורך דער גאַס גיבורי העם, איז פאַרזאָרגט מיט אַ שילדל, וואָס ווייזט, אַז דאָס איז דער וועג צו „שכונת־עתיד".

פון ביידע זייטן געסל זענען זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן צוויי רייען ביימער. ס׳איז נישט קיין אַלייע, ווי אין אַנדערע גאַסן, וואָס זענען זאָרג־פעלטיק און מיט אַ פּלאַן באַבוימט געוואָרן. מיט פופצן יאָר צוריק, ווען מען האָט געבויט די הייזער פון געסל, לינקס פון הויפּט־כביש, האָט מען אויך פאַרכאַפּט די ביימער, וואָס זענען שוין דאָ געוואַקסן. מען האָט זיי אַריינגענומען אין שטח פון בוי און אַרומגעמויערט זיי מיט אַ פּאַרקן, אַזוי, אַז זיי האָבן נישט קיין שייכות צום געסל, נאָר וואַקסן האַרט לעבן די הייזער און קריכן נייגעריק אַריין אין כמעט יעדער שטוב. אייגנטלעך איז גוט אַזוי געשען, ווייל ווען די ביימער וואָלטן געבליבן אין ענגן געסל, וואָלט שוין לאַנג פון זיי קיין שריד און פּליט נישט געבליבן.

די צוויי רייען ביימער שטייען די מערהייט פון יאָר גרוי פון שטויב און דאָך באַשיינען זיי די דריי־שטאָקיקע הייזער, וואָס זענען צו זיך ענלעך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. זיי אונטערשיידן זיך נאָר איינער פון דעם צווייטן מיט דער אַנדערשקייט פון אינערלעכן אויסזען פון די באַלקאָנען, וואָס נעמט אויך אַריין אין זיך דעם איינציקן פענצטער פון דעם צימער.

דער באַלקאָן, דאָס איז דאָס פנים פאַר דער גאַס. ווער עס באַפּוצט אים מיט בלומען, ווער מיט אַן אַקוואַריום, ווער מיט פּולקעס, אָדער שאַפּקעס. די מערהייט לייגט־אַרויס אויפן באַלקאָן אַלץ וואָס געפינט נישט פאַר זיך קיין ווינקל אין דער ענגער דירה, אָדער אויף דער אַנטרעסאָלקע, וווּ עס איז אַזוי אויך פול. אַז מען דאַרף דאָרטן עפּעס געפינען, מוז מען

מאַכן אַ פּסחדיקן רוים. אָבער אַלע באַלקאָנען זענען אויסגעשנירלט פון דרויסן מיט שטריק, אויף וועלכע מען טרוקנט וועש.

לעצטנס האָט מען אָנגעהויבן אין געסל צו פאַרהענגען די באַלקאָנען מיט פאַרהאַנגען אין בונטע פּאַסן. אָנגעהויבן האָט עס זיך פון די לאַנגערס. פריער, מיט אַ צענדליק יאָר צוריק איז נאָך נישט געשען, אַז עמעצער זאָל זיך אָפּטיילן מיט אַ פאַרהאַנג פון דעם געסל. דער איינפאַל האָט זיך אָנגענומען און מען האָט אָנגעהויבן צו באַצירן די באַלקאָנען מיט קאָלירטע ברעזענט־פאַרהאַנגען, וואָס זענען כמעט שטענדיק פונאַנדערגערוקט. מען פאַררוקט זיי נאָר אין די נעכט, ווען דער ריח פון וואָדי לאָזט זיך שטאַרק פילן און דרינגט אַריין אין די שווער־אָטעמדיקע לונגען פון די מידע אַרבעטס־מענטשן. אין די אָוונטן גיבן די בונטע פאַרהאַנגען צו דעם געסל אַ טעאַטראַלן חן. ביים ליכט פון עלעקטריע מאַכן זיי דעם אויסזען פון געסל רייכער און היימישער.

דאָס לעבן פון געסל קריכט סיי־ווי אַרויס אַפילו דורך די פאַררוקטע פאַרהאַנגען. דאָס קאָן קיינער נישט אויסמיידן אין געסל. עס ווייסן די באַלעבאָסטעס פון וועלכער שטוב עס טראָגט זיך דער ריח פון אַ פאַררייִשעכץ, אַ גוועטש, אַ געדישעכץ, געדינצטע פלייש, אָדער ווען מען באַקט לעקעך צי גאָר שבתדיקע פיש. די אַלע ריחות מישן זיך אויס מיט געפּרעגלטע ציבעלע, וואָס טראָגט זיך פון די אָפענע פענצטער און מיטן ריח־ניחוח פון דרויסן.

ווי אין אַ שפּיגל קאָנסטו דאָ זען די פאַרשידענע גורלס פון די, וואָס לעבן אין געסל. זיי אַלע זענען געבונדן און אַרומגענומען מיט עפּעס אַן אומרו פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

דער צווייטער טייל געסל, רעכטס פון הויפּט־כביש, האָט זיך זיין באַזונדער לעבן, וואָס טראָגט דעם ריטעם פון זיין אייגנאַרט. זיי קלאַמערן זיך אָפּט אין אַ פּרימיטיווער בשותפותדיקייט, וואָס זעט נישט קיין דיסטאַנס צווישן איינעם און צווייטן. אַלץ איז גלייך, נאָר אין דער משפחה הערשט דאָס פּאַטריאַרכאַלע — דאָס רעכט פון עלטערן און שטאַרקן. אָבער דער לויזער בונד פון צעפאַלונג, האָט זיך אויך אַריינגעגנבעט אין דעם טייל פון געסל, און דראַמאַטיזירט זייער פּשוט לעבן דורך קאָנפליקטן מיט

קינדער, וואָס גייען אַוועק, מיט ווייבער, וואָס פאַרלאָזן זייערע מענער. זיי קוקן נישט ווי ס'וועלן דאָס אויפנעמען זייערע דערוואַקסענע קינדער, ווייל זיי זענען נאָך פול מיט כוחות, נישט אויסגעלעבטע. גאָר יונג זענען זיי איינגעשפּאַנט געוואָרן אין יאָך פון קינדלען און משפּחה און — זיי רייסן די צוימען און געפינען דעם וועג צו פאַרראַט, ליבע. דאָס געסל ווייסט שוין פון קינדער, וואָס ווערן פאַרשווינדן און קערן זיך טיילמאָל אינגאַנצן נישט צוריק אין זייערע היימען. עס טרעפן אַזעלכע, וואָס דערגרייכן צו עפּעס העכערס. אָבער פון גאַנצן געסל קאָנט איר אָפּציילן געציילטע משפּחות, וואָס די קינדער זייערע האָבן זיך דערשלאָגן צו עפּעס און זענען געוואָרן לייט — פּקידים אין משרדים, צומאָל — גרויסע באַאַמטע.

די דאָזיקע איינוווינער טראַכטן וועגן זיך ווי וועגן מענטשן פון אַ בעסערן שטאַנד. אַוודאי און אַוודאי לגבי די איינוווינער פון יענעם טייל געסל, וואָס געפינט זיך לינקס פון הויפּט־כביש. זיי קוקן אויף זיי ווי אויף ציגיינערס, שלעפּערס, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין אייגנס. זיי שלעפּן זיך פון דירה צו דירה.

זיי געדענקען נאָך, ווי אין דער גאַנצער געגנט האָבן געוווינט אַראַבער. די אַשכנזער, זאָגן זיי, זענען ערגער פון די אַראַבער. מיט יענע האָט מען געקאָנט דורכקומען, גוטע שכנים געווען. זיי געדענקען די נאַכט, ווען אין בהלה זענען זיי אַנטלאָפן לאָזנדיק אָפן די הייזקעס און די קליינע פּרדסימלעך, וואָס עטלעכע משפּחות האָבן בשותפות באַאַרבעט. אַלץ איז היינט אויסגעהאַקט געוואָרן, אַז עס איז פון זיי קיין זכר נישט געבליבן.

חידושן זיך די איינוווינער פון לינקס פון הויפּט־כביש: דאָ ווו די הייזער שטייען איצט האָבן געוווינט אַראַבער? זיי פאַרשטייען אויך נישט, פאַרוואָס היינט קאָן מען נישט לעבן מיט זיי בשלום.

משה קוליק ווייסט אַלץ, וואָס איז געשען אין געסל און אַלץ וואָס טוט זיך היינט. ער זיצט ביי זיין סאָדע־וואַסער־בודקע און זעט אַלץ. אויסערלעך קאָן זיך דוכטן, אַז ער דרימלט, אָבער געטרויט אים נישט. ער הערט אַלץ. אין די ווינטער־טעג זעט משה קוליק אויס עלטער, קלענער, ער ציט אַריין דעם קאָפּ זיינעם טיפער צווישן זיינע אַקסלען. ער האַלט דאַן די בודקע אין די ווינטער־טעג האַלב־פאַרמאַכט און האַלב־אָפן.

איר וועט קיינמאָל נישט זען משה קוליקן אָן זיין הוט, וואָס געדענקט מלך ראָדעצקיס צייטן. אַזוי זומער און ווינטער. נאָר איין מאָל אין יאָר, פאַר פסח, ווען ער קאַלכט זיין הייזקע אינעווייניק און אויסנווייניק, טראָגט ער עפּעס אַ צעריסענעם, גראַנאַטענעם בערעט, וואָס איז פון עמעצן פאַרגעסן געוואָרן ביים ביר טרינקען. אַ סך איינוווינער קויפן ביי אים אין בודקע זיסוואַרג און געטראַנקען. קיין עושר איז ער אָבער נישט געוואָרן.

אויב משה קוליק הערט נישט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין געסל, דערגייט אָבער אַלץ צו אים. און אויב עס דערגייט נישט אַלץ, איז גענוג עפּעס אַ שאָרך, אַפילו איין וואָרט, אַז ער זאָל פון דעם מאַכן אַ גאַנצע מעשה, ווייל פון אַ וואָרט קאָן מען דאָך מאַכן אַ קוואָרט. אויף דעם איז משה קוליק אַ מייסטער. יעדעס וואָרט איז שטאָף פאַר זיין מחשבה און פאַר זיין פאַנטאַזיע, וואָס באַוועגט זיך פריי אין זיין לופטיקן מוח. ער רעכנט זיך נישט מיט קיין עטישע נאָרמעס און קיין באַריער צווישן אמת און ליגן, צווישן ווירקלעכקייט און אויסטראַכטעניש, האָט ער אויך נישט אָוועקגעשטעלט. ווען די פּרובירסט קעגנצושטעלן זיך זיינס אַ מעשה, וואָס אַנטשפּרעכט נישט דעם אמת און די גיסט דיינס אַ פאַרקערטן נוסח צום דערציילטן — ענטפערט ער רואיק: עס טרעפן אַזעלכע זאַכן. כ׳האָב וויניק געזען אין מיין לעבן? איר גייט מיר דערציילן?

משה קוליק לעבט אין דער וועלט פון זיינע אייגענע געפילן, פון זיין אייגענעם לעבן, דער עיקר: פון נייגער צו יענעמס לעבן. אָט ווערט ער אויפגעלעבט דורך קנאה. שוין העכער דרייסיק יאָר ווי ער איז אין לאַנד. פריער האָט ער געוווינט אויפן צפון, שפּעטער איז ער אַריבער וווינען אין דרום מיט גרויסע האָפענונגען עפּעס צו דערגרייכן און — איז נישט געבליבן מער, ווי ביי דער בודקע מיט סאָדע־וואַסער. פאַרוואָס האָט ער אויסגעוואַנדערט פון דאָרטן? הייגט איז עס די רייכסטע געגנט פון דער שטאָט. די סאַמע סמעטענע וווינט דאָרט. אַז מען האָט נישט קיין מזל. עס האָט געפעלט שכל. געזוכט גליקן ערגעץ־ווו און פאַרלאָזן אַ שמאַלץ־גרוב. אמת, אַלע זיינע געוועזענע שכנים, וואָס לעבן נאָך דאָרט, זענען געבליבן ביזן היינטיקן טאָג אין זייערע הילצערנע

הייזלעך, וואָס אַרום זיי איז אויסגעוואַקסן אַ רייכע געגנט פון בנינים און געשעפטן. אָבער דאָך עסט אים די קנאה אויף. ער וואָלט אויך זיכער מצליח געווען. אין אַזעלכע מאָמענטן רעכנט ער זיך שטאַרק אָפּ מיט די, וואָס מיידן־אויס זיין פאַרנאַכלעסיקטן קיאָסק, כאָטש ער ווערט רעגולער געקאָלכט יעדן פאַר פסח.

איצט זיצט ער ביים קיאָסק פאַרטיפט אין די געשעפטן, וואָס ער וואָלט געקאָנט פירן, ווען ער וואָלט פאַרבליבן אין צפון־טייל פון דער שטאָט. און אויפסניי נעמט ער וועגן געסל וועבן מעשיות, וואָס גייען שפעטער איבער פון מויל צו מויל און וואַנדערן אַמאָל אַפילו אַריבער צו די, וואָס האָבן נישט לאַנג פאַרלאָזט דאָס געסל און אויך צו די, וואָס פאַרברענגען די פרייטיקצונאַכטסן ביים קאָרטן־שפיל.

עס טרעפט, אַז משה קוליקס מעשיות דערגרייכן ביז צו די גאָר אַלטע געוועזענע איינוווינער, וואָס קענען שוין כמעט קיינעם נישט אין געסל. הערנדיק די מעשיות קרעכצן זיי אָפּ: וואָס פאַראַ מענטשן וווינען היינט אין געסל? אַ שרעק! ווען מיר האָבן דאָרט געוווינט, איז געווען גאָר אַנדערש.

זיי האָבן פאַרגעסן וועגן די שכנישע קריגערייען; פאַרגעסן ווי שווער עס איז זיי געווען זיך איינצולעבן אין דעם אָפּגעשלאָסענעם לעבן אונטער פאַרמאַכטע טירן פון די קליינע דירות; פאַרגעסן, אַז זיי האָבן מיטגע־בראַכט פון דעם לאַנגן זיצן אין בית-עולים אַ שותפותדיקייט פון אַ הו־האַ, פון לעבן אויף דערוויל, פון אויסמישן זיך אַלץ מיט אַלעמען, פון באָרגן אַ ביסל גרינע פיעטרושקע ביז אַ ציינדל קנאָבל, ביז אויף אַן אויטאָבוס־בילעט אין דער סוכנות און דער עיקר: פון אָפּזיצן שעהן לאַנג אין טעמפּער פאַרטראַכטקייט וועגן אויסזיכטלאָזן מאָרגן.

## קאַפּיטל צוויי

כל־זמן עס לעבט דער אַלטער קוליק אין געסל, וואָס לינקס פון הויפּט־כביש, איז ער דער איינציקער מקור פון געסלס געשיכטע. ער איז דער עלטסטער איינוווינער דאָ. נאָכן טויט פון אַלטן יחיה קאָן מען נאָר ביי אים זיך דערוויסן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון געסל און אירע אמאָליקע איינוווינער. וואָס שייך די היינטצייטיקייט טאָר מען זיך נישט צופיל פאַרלאָזן אויף אים. מען מוז אַליין אויסגעפינען דעם אמת פון דעם, וואָס ער דערציילט און פון דעם, וואָס עס דערטראָגט זיך צו אים, דורך די אָפענע פענצטער און אויך פון דעם, וואָס קאָכט זיך אויס אין די מיילער פון די ווייבער, וואָס לאָזן נישט ארויס פון אויג די קלענסטע געשעעניש.

נעמט, למשל, באַשען: פּרובירט נישט צוצוהערן זיך צו דעם וואָס זי דערציילט אייך — וועט זי אייך באַפאַלן מיט אַזאַ מענה לשון, אַז איר גיט איר ברצון אָפּ אייער אויער, אַבי אַרויסצוגיין נקי פון אירע רייד. אין איר מויל יאָגט אייך וואָרט דאָס צווייטע מיט אַזאַ גיכקייט — טאָמער וועט זי נישט באַוויזן אַלץ צו זאָגן אין די פּאָר רגעס.

די מעשה מיט דער גניבה אויפן בוידעם איז געווען אַ מחיה פאַר איר. זי האָט גערעדט מיט אַזאַ אייפער און אימפּעט, ווי עס וואָלט געווען אירס אַ זאַך. מען האָט איר נישט געגלייבט, אַז זי נעמט זיך איבער אַזוי שטאַרק מיט יענעמס שאָדן. אַלץ דערפאַר, וואָס זי האָט אַזאַ שם אין געסל.

נאָך דער גניבה האָבן אַלע געהאַלטן, אַז עס איז אוממעגלעך אַז אַ גנבֿ פון דרויסן זאָל האָבן צוגעגנבעט די וועש און אַרויסגעטראָגן דאָס פּעקל פון געסל. פון וואַנען האָט אַ גנבֿ געקאָנט וויסן, אַז פּונקט היינט הענגט די וועש פון די יחיאלס, וואָס האָבן נאָר־וואָס חתונה געהאַט און די גאַנצע וועש איז געווען שפּאָגל־ניי. קיין בעטלער קומען כמעט נישט אין געסל. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין מוחן, ווער עס קומט אַריין אין געסל. זיי האָבן אויסגערעכנט:

דער שוסטער, וואָס קומט שוין יאָרנלאנג אין געסל מיט זיין שוסטע־רישן בענקל אויפן אַקסל. מיט זיין הייזעריקער שטימע „לתקן“ דערמאָנט ער די מאַמעס צו באַקוקן די שיך פון זייערע קינדער צי מען דאַרף זיי פאַרריכטן, אָדער מען מוז שוין לייגן אַ פּאָר זוילן. ווינטער קומט ער אין אַ וואָלן כאַקי־היטל, וואָס שטאַמט נאָך פון צייט פון מאַנדאַט און זעט־אויס ווי אַ שקאָרמיץ; זומער קומט ער מיט אַן אַרומגעבונדענעם שאַל אַרום האַלדז, וואָס זאַפּט־איין דעם שוויס. דער שוסטער איז דאָ אין געסל אַן אייגענער, ער ווייסט וועמען צו געטרויען אויף באָרג. ער קען אַלעמען.

דער גלעזער, וואָס קומט נאָר אין די קאַלטע רעגנדיקע טעג, אויף זיין ראָוועך, מיטן קאַסטן גלאָז, און מיט זיין הילכיקן ז־אַ־ג־אַ־ג צווינגט ער אַריינצושטעלן די שויב, וואָס שטייט מיט אַ האַלבן פּנים דריי פערטל יאָר אין זיכערקייט, אַז עס וועט קיין טראָפּן רעגן נישט אַריין.

דער בלעכער, דער טערק, וואָס קומט כמעט צוגלייך מיטן שוסטער שוין יאָרן אין געסל. צו זיין אויסרוף „מתקן“ גיט ער צו אין ספּאַניאָליש „מעטא, קעמברימא“, נישט זאָרגנדיק זיך ווייפל אין געסל פאַרשטייען פון דעם וואָס ער שרייט אויס יעדן טאָג מיטן זעלבן ניגון.

דער אייז־פירער קומט מיט זיין קליינעם לאַסט־וואָגן און דאַנקט גאָט, אַז ער קאָן וואָס גיכער אַוועקפאָרן, אַז זיין סחורה זאָל זיך נישט צעגיין צווישן די פינגער.

איז טאָקע, ווער האָט געגנבעט די וועש? נישט אַנדערש, נאָר אַן אייגענער פון געסל, וואָס לינקס פון כביש. האָבן זיך די דעות צעטיילט. אַ גאַנצן חודש האָט מען געקאָנט הערן וועש אַהין, וועש אַהער. ס׳האָט געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק, ווען אַ פרעמדע האַנט וויל זיך צוקלייבן צום האָניק.

ריווע, וואָס גרויסט זיך מיט אירע פּאָר קלאַסן גימנאַזיע, וואָס זי האָט געענדיקט אין דער אַלטער היים, גיט צו אויף רוסיש: פּאַנימאַיעטיע־לי ווי — קטאָ פרידיאָט. נישט אומזיסט האָבן מיינע קינדער נישט געוואָלט דאָ פאַנאַנדערבויען דאָס הייזל, כאָטש עס איז דאָ געגנוג. — „ניע נאַדאָ“ מיט אַזעלכע שלעפּערס, בעטלערס, „איזוויניטיע זאַ וויראַ־

זשעניע״ און מיט יעדערן מיט וועמען זי רעדט גיט זי צו: „נישט איך געמיינט״. איר — אוי, זענט מיינע מענטשן, אַזאַ יאָר אויף מיר אָן אייער שאָדן. פון גרויס התלהבות פאַרמאַכט זי אירע קליינע אויסגע־בלאַקעוועטע אויגן. אַזאַ באַנדע, גיסט זי ווייטער אויס איר גאַל און ווייטיק, וואָס זי איז דאָ אַליין געבליבן אין געסל. איינע אַליין. דאָ אין געסל איז געבליבן די וועש, אַזאַ וועש האָט קיינער נישט, טייערע, כמעט שפּאָגל־נייע. צוויי יאָר האָבן זיי בײדע געשפּאָרט און צונויפגע־שטעלט א „וויפּראַווע״ ווי אין אַמאָליקע צייטן. אַזאַ וועש!

דאָ לייגט ריווע צונויף אירע צעשפּאָלטענע, פאַרשרפּעטע ליפּן פון דער זומערדיקער זון — אַלע זומער זענען זיי ביי איר אַזעלכע. דאָס חזרט זיך ביי איר איבער שוין 27 יאָר. ווינטער גייט איר דאָס איבער און זומער קומט דאָס צוריק — דאָס זעלבע.

ווען ריווע איז אויפגערעגט, רוקן זיך איר אַפּער די גרויע לאָקן פון גרויסן אַלטן שטרויענעם הוט. אויך איצט, ווען זי וויל פאַרזיכערן, אַז די וועש איז געבליבן דווקא אין דעם טייל געסל, וואָס לינקס איבערן הויפּט־כביש. זינט איר מאַן איז געשטאָרבן איז זי נאָך באַרעדעוודיקער געוואָרן. זי איז אָפּט אויפן גאַס, שטייט פאַר איר פאַרקאַנדל און זוכט אַ קרבן, כדי צו פאַרבונדן מיט אים אַ שמועס. דאָס געסל איז געגאַנגען אויף רעדלעך.

משה קוליק האָט אַ זאָג־געטאָן: איך ווייס ווער, אָבער אַ קרענק וועל איך זיי זאָגן, די יחיאלס. זיי האָבן דאָ געפּעלט צום רומל אין געסל. מסתמא צו וויניק פרענקן? וואָס? זע נאָר, עס פּאַסט זיי נישט דאָס ביר פון משה קוליקס קיאָסק. דאָ האָט משה קוליק זיך נישט געקאָנט באַהערשן און איז צוגעשטאַנען צו אוריהן, דעם קאַמאַשן־מאַכער, ער זאָל אים שווערן ביי זיין שוואַנגערדיקער פרוי, אַז ער וועט נישט דערציילן פון וועמען ער האָט עס געהערט. — צי־ליא־טי, האָט משה קוליק אוריהן אַריינגעשעפּטשעט פאַרטרוילעך אין אויער אַריין. ער, דער ממזר, נישט לאַנג איז דאָך דאָס פּאָליציי־קעטשל געקומען נאָך אים.

— אָבער דאָס איז דאָך געווען צוליב דעם טומל, וואָס איז אַנטשטאַנען

ביי דער אַרבעט, ווען מען האָט אים אָפּגעזאָגט און דער מייסטער האָט זיך אויף אים געוואָרפן מיט די פויסטן — האָט געזאָגט אוריה.

— מסתמא פאר מעשים־טובים, האַלט זיך ביי זיינס משה קוליק. גייט גלויבט זיי. איר קענט זיי נישט. ער האָט עמעצן אונטערגעשטעלט. מען האָט די וועש שטיל ארויסגעטראָגן.

אוריה האָט פול מיט כעס אַ קוק געטון אויף משה קוליקן און נישט געקאָנט רוען, ביז ער האָט דאָס דערציילט מלכהן, איידער ער איז געגאַנגען שלאָפן. ער האָט נישט אָנגערופן דעם מקור פון וואַנען ער ווייסט דאָס, אַז מען איז חושד, ציליאטין אין צוגנבענען די וועש. עס לייגט זיך אויך אויפן שכל — ער איז שוין אַ צייט אַרבעטסלאָז.

די פליאָטקע האָט גענומען וואַנדערן פון מויל צו מויל און איז דערגאַנגען צו ציליאטין, וועלכער איז גלייך געלאָפן צו ריווען אין הויף מיט אַ געשריי:

— אַלטע מכשפה! אַ בילבול וועסטו אויסטראַכטן אויף מיר, כ׳וועל דיר באַלד...

די צעשראָקענע ריווע, וואָס האָט אין געסל געהאָט אַ נאָמען פון דער גרעסטער רכילותניצע, האָט אָנגעהויבן שטאַמלען פאַר שרעק: כ׳ווייס... נישט פון וואָס צו זאָגן, איך נישט, נישט איך, — האָט זי געצאַפּלט מיטן גאַנצן דאַרן, הויכן גוף, ווערנדיק זיך מיט אירע ביינערדיקע, לאַנגע הענט, נישט איך, אדון ציליאַטי...

צום גליק איז משה קוליק צוגעקומען און מיט זיין גאַנצן כוח גענומען צוהאַלטן ציליאטין, וואָס האָט זיך געריסן מיט די פויסטן צו ריווען.

ווען משה קוליק האָט זיך געכאַפּט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ, האָט ער גענומען איבערצייגן ציליאטין, אַז זי איז גאָט די נשמה שולדיק. נישט זי, כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אַז זי זאָל זאָגן וועגן אייך עפּעס שלעכטס. כ׳בין דאָך איר נאָענטסטער שכן. כ׳לעבן, נישט געהערט. זי וואָלט דאָך מיר דעם ערשטן דאָס געזאָגט. איז ווען וואָלט זי דערציילט, אויב נישט מיין פרוי. זי זיצט דאָך אָפּ ביי אונדז אין גערטל גאַנצע שעהן. נישט געהערט אדון ציליאַטי.

ציליאַטיס צאָרן איז אָפּגעשוווּמען. דער כוח, מיט וועלכן משה קוליק האָט זיך באַמיט איבערצוציייגן ציליאַטין האָט געהאָלפן.

ווער עס האָט געגנבעט די וועש פון די יחיאלס האָט מען זיך קיינמאָל נישט דערוווּסט. די איינוווינער איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז עמעצער איז געקומען פון דרויסן.

יחיאל איז געווען זיכער, אַז די פּאָליצײ וועט געפינען דעם מחבל — אַ ראיה: מען האָט געפונען די שולדיקע אין יאָסעלעס געשיכטע, אייכמאַנען האָט מען געפונען, וועט מען דעם גנב אויך געפינען.

— גיי שוין גיי, האָט אים זיין יונג ווייבל חנדלדיק געענטפערט. קודם איז דאָ נישט מער ווי פיר שטריק וועש, צוויטנס, נאַרעלע מיינער, דו ווייסט דאָך גאָרנישט, ווער עס האָט געהאָלפן זוכן יאָסעלען אין שווייצאַריע, ענגלאַנד און אַמעריקע. איז אפשר ווילסטו אויך הילף, צו געפינען, דיינע וועש? — גענוג, מען מוז פאַרגעסן.

אָבער דאָס געסל האָט נישט געוואָלט פאַרגעסן און נאָך לאַנג געקאָכט זיך וועגן דער גניבה מיט די וועש.

## קאַפּיטל דריי

משה קוליק איז אַ „וּוספּילשעטשעווער", ווי עס זאָגט זיך ביים שלום־עליכמען. אַפילו די יאָרן וואָס ער האָט אָפּגעלעבט און וואָס האָבן זיך מיט שניי אָפּגעלייגט אויף זיין קאָפּ, האָבן נישט אָפּגעקילט זיין אייפּערדיקע נאַטור. אין די ווינקלען פון זיין דיק מויל האָבן זיך איינגענעסטעט צוויי טיפע קנייטשן, וואָס האָבן מיט כעס געקוקט אויף אַלעמען. ווען זיין שטימונג איז געווען אַ שלעכטע, פלעגט ער זוכן אַ קרבן. ער פלעגט גאָר־נישט זוכן ווייט, נאָר דער ערשטער־בעסטער, וואָס פלעגט אים קומען אונטער דער האַנט, פלעגט באַקומען זיין חלק. פאַרדינט, אָדער נישט — דאָס איז שוין פאַר משה קוליקן נישט וויכטיק. אַמאָל זענען דאָס געווען

די קינדער, וואָס כאַטש זיי האָבן ביי אים געקויפט די גראָשיקע נאַשוואַרג, פלעגן אָבער שטענדיק זיך געפינען אַ צוויי־דריי יאַטלעך, וואָס פלעגן וועלן זיך אַ רייך־טאָן מיט אים. ער פלעגט זיי נאָכלויפן מיט אַ ווילדן געשריי: ממזררים, תעופו, פליט פון דאַנען, איר זעט דעם שטעקן? מיט דער וואָרענונג פלעגט ער זיך איינשטילן.

די מערהייט איינוווינער באַמיען זיך צו זיין גוט מיט משה קוליקן. מען באַמיט זיך ביי אים צו קויפן אַפילו אַ קלייניקייט. אַבי עפּעס. קיינער אין געסל איז דאָך נישט פאַרזיכערט, אַז ער וועט אַמאָל נישט אַריינפאַלן צו אים אין מויל אַריין. אַ קלייניקייט — פון אַלע שווערע הערצער ווייסט ער!

דער ערשטער, וואָס האָט זיך דערוווּסט, אַז אסתר טראָגט, איז געווען משה קוליק. יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט ווערן שוואַנגער, האָט איר דאָס געסל געהאָלפן טראָגן. אָבער די צרה איז געווען, וואָס יעדעס מאָל פלעגט זי נאָך אַ פּאָר חדשים מפּלען. און זי איז ווידער אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם בליק צו דער ערד און אירע געדיכטע שוואַרצע, צאפּלדיקע וויעס, האָבן געוואָרפן אַ געדיכטן שאָטן אויף איר קליינעם פּנים און פאַרדעקט מיט טרויער אירע קליינע מאַנדל־אויגן.

עס איז אַריבער אַ האַלב יאָר און מ׳האָט זיך ווידער גענומען שושקען: אסתר טראָגט שוין ווידער. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן: זי האָט ווידער געמפּלט — נאָך דער שווערער אַרבעט אין דער פאַבריק, אַ גאַנצן טאָג ביי דער ניי־מאַשין. און ווידער איז אסתר אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם בליק צו דער ערד.

אָבער ווי עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט, איז זי ווידער אַוועק צו איר שווערער אַרבעט אין דער פאַבריק און — זי האָט זיך ווידער גענומען שפּילן מיט די שכנישע ברעקלעך־קינדער טיילנדיק זיי נאַשוואַרג און נייענדיק פאַר זיי קליידלעך, אַפילו געשטריקט וואַרעמע שיכלעך פאַר דער קליינער מימי.

אַלע האָבן איר געגעבן עצות. מ׳האָט איר געראָטן צו עסן קרייטעכצער, צעשטויסן זיי פּונקט ווי עס טוען עס די תימנער, והא־ראיה — איר זעט

דאָך, 10, 11 — וויפל זי ווילן. מען האָט געהייסן איר עסן פלפול, דער עיקר גאַמבאַ, צו שטאַרקן דעם מין.

אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. און זי האָט ווידער גענומען שמייכלען צו פרעמדע קינדער, אויסגייענדיק פון בענקשאַפט נאָך אַ וואַרעם נפשל, וועלכעס מען וואָלט געקאָנט פעסט צודריקן צום ברוסט, פילנדיק, אַז דאָס איז אַן אייגנס — גאָר אייגנס, פון אייגענעם טראַכט, פון אייגן בלוט און פלייש.

און ווידער איז אַריבער אַ האַלב יאָר און ווידער האָבן זיך די ווייבער צונויפגעטראָפן ביים וואָגן פון גרינס און גענומען איינע דער אַנדערער איינרוימען אַ סוד אויפן אויער: אסתר שוואַנגערט שוין ווידער, אפשר דאָס מאָל וועט זיין כשורה. די אַלטע תימנקע, שושנה, וואָס האָט כמעט אויסגעוואַשן אַלע טרעפּ אין געסל און געוווסט פון אַלע שווערע הערצער, האָט פרום אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט: ירחם אדוני עליה, כבר מספיק, אני בגילה הייתי כבר סבתא. אָבער עס האָט זיך אויך דאָס מאָל אויסגעלאָזן ווי אַלעמאָל.

מען האָט גענומען זוכן די בעסטע דאָקטוירים. ציפּע האָט אָנגעפרעגט ביי איר שוועגערין, דאָבע, אין ירושלים, וואָס איז דאָרט מכוח עפּעס אַ מומחה. אויף דעם האָט זי באַקומען אַ בריוו פון דאָבען: ביסט משוגע געוואָרן. דריי אין דיין ענגן שטיבל איז נישט גענוג? דו ווייסט אַז אברהם, מיין ברודער איז פון אייזן. ער האָט שוין גענוג דורכגעמאַכט. באַזין זיך, ציפּע. און עס זענען אַוועק בריוו אַהין און צוריק, ביז דער טעות האָט זיך אויפגעקלערט.

ווען אסתר האָט נאָכאַמאָל פאַרשוואַנגערט, האָט זי דאָסמאָל געלאָזן די אַרבעט, אַוועקגעלייגט זיך אין בעט אויף גאַנצע ניין חדשים, און ווי אַ הון געדולדיק געוואַרט ווי עס וועט אויפבליען פון איר טראַכט אַן אייגן קינד.

און — אין אַ מזלדיקער שעה! עס האָט זיך דערטראָגן צום געסל די בשורה, אַז אסתר האָט אַ זון. ניסים ונפלאות. אַזוי גרויס, אַז מען האָט געמוזט אסתרן אָפּערירן. שיין ווי דער טאַטע מיט דער מאַמען צוזאַמען.

ער וועגט 3 קילא. 4 — האָט אין אַ גוזמא געזאָגט די צווייטע; קיינער פון זיי האָט נאָך אַפילו נישט געזען דאָס קינד אויף די אויגן. אַ ייִנגאַטש, אַ מאַנספּאַרשוין, — האָט שרה, אסתרס נאָענטסטע שכנה זיך באַרימט. יעדערן האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אין דעם אַ חלק.

בשעת מעשה האָט מען שוין געהאַט אינגאַנצן פאַרגעסן אין אסתרן. די ידיעה וועגן אַ זון, וואָס זי האָט געבראַכט ווי אַ מתנה דעם געסל, פאַר אַזויפיל אַנטוישונגען, איז געקומען אומגעריכט, ווייל אסתר האָט אָפּגעטאָן דעם געסל אויף טערקיש. זי איז פּלוצעם נעלם געוואָרן. אַלע זענען זיך משער געווען, אַז זי טראָגט. מען האָט אָנגעהויבן טרעפן ווו איז זי אייגנטלעך: ביי איר שוועסטער אין יפו, — אוממעגלעך, אַ קליינע דירה, דריי קינדער; און אפשר גאָר ביי איר מומע אין שכונת הטייסים, מסתמא ביי איר מומען. עס איז שיער נישט אַרויסגעקומען צווישן מירען און שרהן אַ קריג: וואָס הייסט, האָט געטענהט שרה, זי איז גאָרנישט אַזוי גוט מיט איר מומען, זינט דער פעטער איז געשטאָרבן, די אשכנזיכע איז פאַרריסן זינט זי האָט באַקומען די שילומים.

שרה האָט שטענדיק אונטערגעהאַלטן אסתרן אין אירע צווישנרייד מיט דער מומע, וועלכע זי האָט נישט געקאָנט מוחל זיין, אַז זי האָט זיך אַריינגעריסן אין אַזאַ מיוחסדיקער משפחה. פון דריי דורות ספרדישע צברות, כאָטש אסתרס מאַן איז אַליין געווען אַ דרום־אַמעריקאַנער געבוי־רענער פון שפּאַנישע עלטערן. שרה האָט געוואָלט איבערצייגן ציפּען, אַז דאָס איז אוממעגלעך און ציפּע האָט מיט אַ שטעכיק׳ שמייכעלע אָפּגע־וואָרפן שרהס טענות. — וואָס מיינט איר זיך, אַזוי פּשוט, אשכנזיכע, ווייניק האָט זי זיך אָנגעליטן, ווען מען האָט פאַרברענט אירע קינדער, וועלכע מ׳האָט ביי איר אַרויסגענומען פון שטוב, ווען זי איז אַוועק אין דאָרף זוכן ברויט ביי אַ באַקאַנטן פּויער.

זיי האָבןביידע פאַרגעסן, אַז זיי שטייען ביים וואָגן מיט אַרבוזן און דער פאַרקויפער האָט אומגעדולדיק אַ צי געטאָן דאָס פערד און ווייטער געגומען לויבן זיין סחורה, שרייענדיק מיט אַ צווינג: על הסכין! אם לא טוב — לא כסף!

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז געווען גערעכט מירע. אסתר איז נאָך די דריי חדשים ליגן אין שפּיטאָל, געווען ביי דער מומען אין שיכון. ווען מ׳וואָלט, חלילה, נישט געוווּסט גענוי אַלע פּרטים, וואָלט מסתמא דאָס גאַנצע געסל אויסגעגאַנגען פאַר נייגער.

אין דער אמתן האָט דאָס געסל די גאַנצע ניין חדשים פאַרגעסן וועגן אסתרן. מילא, איז עמעצער אין די אויגן, לוינט נאָך וועגן אים צו רעדן, און ווען ער גייט אַוועק פון געסל, איז זאָל שוין זיין וואָס עס דאַרף זיין. דאָס געסל האָט אייגענע ענינים און צרות. ביז אסתר איז נישט צוריקגעקומען, האָט מען כמעט וועגן איר נישט געהערט קיין וואָרט. יעדן טאָג איז דאָך דאָ עפּעס נייעס.

דורך דער צייט האָבן זיך פאַרלאָפן אַ סך זאַכן.

אין אַ הייסן זומער־אָוונט, ווען די דושנעקייט האָט אַרויסגעטריבן אַלעמען אויף די באַלקאָנען און דער ריח פון דער וואַדי איז געקראָכן נישט בלויז אין נאָז נאָר אין האַלדז אַריין, און האָט גענומען שטיקן, — האָט זיך צעטראָגן אַ ידיעה, אַז דער פלאַשן־אויפקויפער, פלאַשנאָוויטש, האָט געהאַט אַן עקסידענט — ער איז אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ טאַקסי.

זיין פרוי איז נאָך דאַרער און העכער געוואָרן — ווי עמעצער וואָלט נאָך מער געוואָלט אונטערשטרייכן איר קאַריקאַטורעלן וווּקס. זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרטרויערט פּנים, און אַלע רעדנדיק וועגן איר און אַריינקוקנדיק איר אין פּנים אַריק, האָבן געזוכט דעם אמת. ווען איז זי אויפריכטיק, די מאַדאַם פלאַשנאָוויטש? צי ווען זי דערציילט ווי זי וואַרט אויף איר מאַן גאַנצע אָוונטן? ווי ער האָט ליב יונגע פרויען און פאַרראַט זי; צי איצט, ווען זי האָט געטרויערט, אַז ער ליגט אין שפּיטאָל. זי פלעגט קרעכצן מיט באַדויער: אַזאַ מאַן! און לויפן צוויי מאָל אין טאָג אין שפּיטאָל אַריין. אָבער ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז ער אין עטלעכע טעג אַרום געקומען צוריק אַהיים אַ געזונטער. און קיינער האָט נישט געוווּסט ווו עס ליגט דער אמת, — אפשר אין ביידע פאַלן.

אָבער משה קוליק האָט געבורטשעט אונטער זיין געדיכטן אָנוווּקס אונטערן נאָז, וואָס האָט אויסגעזען ווי וואָנצעס פון אַן אַמאַליקן עפּענדי, וועלכע האָבן נאָר דערגרייכט ביי אים ביז די מויל־קנייטשן.

חוה סלוצקאַ־קעסטין

— זאָרגט זיך נישט פאַר איר, זי איז אַ גוטע טשאַטשיע...
— גיי שוין, משה, גיי, — האָט זיך אַריינגעמישט משה קוליקס פרוי,
— דו וועסט שטענדיק פאַרטיידיקן די מענער.

## קאַפּיטל פיר

דער שטייגער אין געסל איז געווען משתתף צו זיין, וואָס מערער שכנים אין יעדער שמחה. אסתר האָט דאָסמאָל געמאַכט אַ שטילע שמחה בלויז פאַר אַ פאָר שכנים שטיל־שאַ, אַ לחיים, און דאָס אַלץ. מען האָט געשושקעט זיך: אַזאַ חזיריי, אַפילו פאַר די שכנים פון הויף — גאָרנישט?
אייניקע האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז די מורא פאַר קנאה־שנאה. שרה האָט פאַרשוויגן, ווייל זי איז געווען צווישן די עטלעכע אויסדערוויילטע אויפן מזל־טוב און פאַרזיכערט, אַז דאָס איז אויס מורא פאַר אַ בייז אויג.
— וואָס איז דאָ מקנא צו זיין, אַ בייז אויג — נאַרישקייטן! — האָט געענטפערט זלאַטע. און וועגן הוצאות? מיר וואָלטן דען געלאָזן, חלילה, אַז זי זאָל זיך לאָזן פאַר אונדז קאָסטן? אמת, ס׳וואָלטן סיי ווי סיי נישט אַלע געקומען. מיר וואָלטן שוין צוגעטראָגן אונדזער חלק, אַז עס וואָלט געווען פול, — האָט געענטפערט זלאַטע.
— נו, כ׳בעט איך, האָט זיך פרוי ליבערשטיין אַריינגעמישט אין שמועס, — זי האָט צונויפגעצויגן איר קליין מויל, שטענדיק געפאַרבט אויף העל־ראָז קאָליר, אַ שאָקל געטאָן מיט איר בלאָנד־געפאַרבטן קאָפּ, — איר זאָלט נישט מיינען זלאַטע, אַז דאָס איז נאַרישקייטן. אָט אַזוי זיך סתם, — כ׳קען איך דערציילן פון מיין אייגענעם לעבן. די טאָכטער מיינע, די אַדוואָקאַטין, איר זעט דאָך איר טאַקסי, ווען זי קומט צו מיר. נישט פאַר היינט געדאַכט, — זי איז שיער נישט פון דער וועלט געגאַנגען צוליב אַ בייז אויג. אָבער דאָ האָט איר שרה איבערגעריסן, ווייסנדיק, אַז באַלד וועט זי ווידער הערן די זעלבע מעשה ווי אַזוי זי איז מיט איר טאָכטער

אַרויסגעפּאָרן מיטן קינדער־וועגעלע שפּאַצירן אין דער אַלייע. ווי זי האָט אַרויסגעשיינט פון קינדער־וועגעלע מיט אירע שוואַרצע לאָקן־האָר און קלוגע אויגן. אַלע האָבן געזאָגט, אַז דאָס קינד איז אַזוי שיין ווי אַן אמתע בת־מלכה! ווי איך האָב זיך פּלוצלינג פאַרקוקט, האָב איך אַ שטויס געטאָן דאָס קינדער־וועגעלע און ס׳האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין אַ לאָמטערן. און דאָ וועט זי באַלד אַריבערגיין צו דעם, ווי די גאַסן אין בודאַפּעשט זענען געווען באַלויכטן נאָך מיט גאַז, נישט מיט עלעקטריע; און ווי אַזוי איר טאָכטער, די היינטיקע אַדוואָקאַטין, איז אַרויסגעפאַלן פון קינדער־וועגעלע. האָט שרה מיט אַ שמייכל געזאָגט: יאָ, איך ווייס דאָס שוין, טאַקע אַ נס, וואָס אייער טאָכטער איז אַרויספאַלנדיק פון וועגעלע בלויז אָפּגעקומען מיט אַ קליין קלאַפּעלע. זייט מיר מוחל, פרוי ליבערשטיין, כ׳מוז אַרויפלויפן, דאָס עסן וועט מיר פאַרברענט ווערן.

מאַדאַם ליבערשטיין, וואָס איז שטענדיק געגאַנגען עלעגאַנט אָנגעטאָן, האָט אַ צי־געטאָן די הענטשקע אויף איר לינקער האַנט און איז מיט דראַבנע טריטלעך צו צום מאַן אירן, וואָס האָט שטענדיק געדולדיק געוואַרט, ביז זיין פרוי, לי, וועט ענדיקן אירע מאָטלערייען. אויף זיין פנים, אויף וועלכן ס׳האָט זיך פעסט אָוועקגעזעצט דער עלטער, האָט זיך באַוויזן אַן אומצופרי־דנהייט און די קנייטשן אויף אים האָבן זיך נאָך טיפער צעפאַלדעוועט. ער איז געווען געדולדיק, ווען זיין פרוי האָט געשפּילט איר שטענדיקע ראָל פון אַ גראַנד־דאַמע. זיי האָבן זיך ביידע געלאָזט ווייטער גיין ביז זיי זענען פאַרשווינדן פון געסל.

אָבער ווי נאָר זיי זענען אַנטרינען געוואָרן, איז שרה ווידער אַרויס פאַרן טויער און ווייטער גענומען איינטענהן מיט די ווייבער. שרה האָט פרובירט פאַרטיידיקן אסתרן. זלאַטע האָט זיך געקאָכט, פאַרוואָס אסתר איז אַזוי זיך באַגאַנגען מיט איר. מילא, אַנדערע, נאָר איר. זי וווינט טאַקע אין צווייטן אַריינגאַנג, אָבער אין זעלבן הויז. און מען איז כסדר צווישן זיך קוצעניו־מוצעניו. דאָ האָט די אַלטע קאָטלאַר, די אלמנה, וואָס קיינער וואָלט נישט געקאָנט גלויבן, אַז אָט אין דעם אַלטן קאָפּ מיט די צעפלאָסענע גרויע האָר, שטעקט אַ קלאָרער שכל.

— גלויבט מיר, כ׳לעבן, ערגעץ אַנדערש ליגט די סיבה. אסתר האָט

מורא פאַר אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. אַזאַ אויסגעוויינט נפשל, מען מוז עס שטענדיק היטן. אַפילו אַ ווינטעלע, די קלענסטע זאַך, קען זיך צו אַזאַ ציטריקס צוטשעפּען. איר האָט שוין פאַרגעסן, ווי איר האָט געציטערט איבער אייערע קינדער, ווען זיי זענען געווען פּיצלעך, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען פון פאָרצעליי. מען טאָר יענעם נישט נעמען פאַר אומגוט, איר זעט דאָך, זי גייט נישט צו קיינעם און קיינער קומט נישט צו איר.

אויף דעם האָבן שוין די ווייבער נישט געהאַט וואָס צו זאָגן און אַ טייל פון זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז באַלד קומען די קינדער פון שול און זענען זיך איילִיק צעגאַנגען יעדע צו זיך אין שטוב אַריין.

אָבער משה קוליק האָט נישט געשוויגן. ס׳טייטש? אַזאַ זאַך, אַזאַ געלעגנהייט — אַ ברית! און ער האָט גענומען חשבונען וויפל פלעשער לימאָנאַד, ביר און פּאַפּיראָסן ער וואָלט ביי דער געלעגנהייט פאַרקויפט. אַזאַ פּדיון! עס האָט זיך אָנגענומען אַ שלעכטער מנהג צו מאַכן אין שפּיטאָל דעם ברית, אָבער ביי לייטישע מענטשן קומט מען נישט אָפּ מיט דעם.

דאָ האָט זיך שרה צעהיצט און אים אַריינגעזאָגט:

— וואָס מיינט איר זיך, אדון משה? דאָ וווינען פאַבריקאַנטן? באַנ־קירן? אַרבעטס־מענטשן וווינען דאָ. וואָס איז אסתרס מאַן? — אַ פּשוטער אָנגעשטעלטער אין דער עיריה. וואָס פאַרדינט ער? זי האָט אויסגעלאָזן דעם גאַנצן כעס פאַר זיין שטענדיקן נישט פאַרגינען יענעם, פאַר דעם, וואָס ער באַרעדט דעם מכולתניק אויפן הויפּט־כביש, הלמאַי ער האָט אויך נאַשוואַרג. מיט די ריידעלעך זיינע גיט ער שטענדיק יענעם אַ פּיק פאַרוואָס מען קויפט נישט די פּאַפּיראָסן אויך ביי אים.

שרה האָט אים שאַרף אָפּגעענטפערט: עס זענען פאַראַן נאָך יידן וואָס דאַרפן לעבן.

— ס׳פּאַסט אייך נישט צו קויפן ביי מיר, — איז ער נישט אָפּגעטראָטן פון זיינס. מסתמא לאָזט ער אייך אַ גראָשן ביליקער.

— יאָ, אדון משה, אַזויפיל בענק אין לאַנד, — פאַרוואָס האָט מען דאָ אין געסל נישט געעפנט קיין איין באַנק? ווייל עס איז נישטאָ ווער עס זאָל דאָס געלט דאָ לייגן אין באַנק אַריין. די רעגירונג זאָרגט שוין, אַז דאָס אָפּגעשפּאָרטע פון מויל זאָל אין דער „קהלהשער קאַסע״ גיין.

דאָ האָט שוין משה קוליק קוים אויסגעהאַלטן.

— איר רעדט שוין ווי אייער מאַן, צבי, דער פּאָליטיקער. כ׳בעט אייך, כ׳בין שוין איבער דרייסיק יאָר אין לאַנד — פּאָליטיק פירט צו קיין גוטס נישט. כ׳בעט אייך...

נאָר קיינער האָט שוין נישט געהערט זיינע רייד. זיי זענען אַלע אַוועק.

משה קוליק האָט זיך נאָך נישט באַוויזן צו באַרואיקן, ווי אסתר האָט זיך מיט איר קינדער־וועגעלע פאַרהאַלטן לעבן זיין בודקע.

— שלום, אדון קוליק, כ׳האָב שוין לאַנג ביי אייך נישט געקויפט.

— אָ, לאַנג, זייער לאַנג, אַריבער אַ יאָר. און דאָ האָט ער, ווי אַריבער־שפּרינגענדיק איבער אַ שמאָל בריקעלע אויף איין פוס, געזאָגט:

— עס קומט אייך אַ מזל־טוב, גברת אסתר. אויף לאַנגע יאָר.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, האָט זיך צעשמייכלט איר פּנים מיט אַ שורה קליינע ווייסע, געזונטע ציין. אַ דאַנק, איר וועט מיר באַזאָרגן אויף היינט אין אָוונט — און דאָ האָט זי משה קוליקן דערלאַנגט אַ צעטל פון זאַכן, וואָס זי וויל באַשטעלן.

משה קוליקס אייגעלעך זענען ווי אַנטרינען געוואָרן אין די אויגן־לעכלעך, און מיט אַ שמייכעלע געזאָגט:

— דאָס אַלץ?

— איר זעט, אדון קוליק, דאָס קומען היינט נאָר די חברים, וואָס אַרבעטן מיט מיין מאַן. עס האָט מיך גענוג אָפּגעקאָסט דאָס יאָר. די קופּת־חולים האָט מיך נאָר געהאַלטן דריי חדשים, די אַנדערע חדשים אויף אונדזער חשבון. אם ירצה השם צום יאָר — וועלן מיר מאַכן אַ שמחה, אַז פלעשער שאַמפּאַניער וועלן פליען.

— זאָלט איר מיר פריער אָנזאָגן, גברת אסתר, וועל איך אָנגרייטן. קיין שאַמפּאַניער האָב איך נישט. ווו? דאָ, פאַר די פּענטאַקעס, שאַמפּאַ־ניער? אַ פלאַש ווייַן פאַר אַ פונט מיט עפּעס — דאָס איז די השגה פון געסל. גיי פאַרלאָז זיך אויף זיי מיט פּדיון. אַט יענעם זומער האָב איך זיך געלאָזט איינרעדן פון אַגענט פון דער פירמע „גיבער״ און גענומען אַ פּאָר פּעקלעך בעסערע שאָקאָלאַד. זענען זיי טאַקע געלעגן אַזוי לאַנג, און קאַליע געוואָרן, ביז עס זענען געקומען די אייניקלעך און זיי אויפגעגעסן.

איר ווייסט ווי עס זאָגט זיך דאָס ביי שלום עליכמען? אָ, כ׳האָב גאָר פאַר־געסן, האָט זיך געכאַפּט משה קוליק, ביי אייך אין לבנון האָט איר דאָך נישט געהערט פון קיין שלום עליכמען.

— אָבער דאָ, אין לאַנד, האָב איך יאָ געהערט.

— איר הערט, גברת אסתר: ווען עסט אַ ייד אַ פּאָמעראַנץ? ווען דער פּאָמעראַנץ איז קאַליע, אָדער דער מענטש איז קאַליע. בדיוק אַזוי. מען פאַרגינט זיך נישט.

— אדון קוליק, דער משל מיטן פּאָמעראַנץ גייט שוין ביי אונדז אין לאַנד נישט אָן. אָבער דער נמשל איז אַ ריכטיקער. פאַרן טיוול געפינט זיך שטענדיק.

אסתר האָט פאַרזיכטיק געעפנט דאָס פאַרהאנגל, וואָס האָט מיט זיין שניי־ווייסקייט פאַרדעקט דאָס פּנים פון קליינעם נפשל, וואָס איז געווען די טעמע פון געסל אין די לעצטע טעג — און משה קוליק האָט דערזען אַ צעוואָרעמט פּנימל פון אַ ברעקעלע מענטשעלע מיט פאַרמאַכטע אויגן. די געדיכטע שוואַרצע וויעס ווי ביי דער מאַמען, האָבן נאָך שטאַרקער אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס קינד שלאָפט מיט אַ טיפן שלאָף, פון אַ געזונטן נפש, וואָס איז נאָך פאַרזונקען אין די בראשית־טעג פון זיין קיום.

— קיין בייז אויג נישט, טפו־טפו־טפו, — האָט משה קוליק געזאָגט כמעט מיט אַ ווייבערישן טאָן און האָט דריי מאָל אָנגעקלאַפּט אין טישל ביי וועלכן ער איז שטענדיק געזעסן ווי אַ מלך אויף זיין טראָן.

## קאַפּיטל פינף

דאָס געסל האָט פיינט היינט. אין גאַנצן געסל קאָן מען אָנציילן פיר היינט. אויב מען וויל זיין פּינקטלעך, איז פינף — ווען מען קאָן צורעכענען צו היינט בת־שבעס קליין צעקודלטע העל־גרויע באַשעפעניש, וואָס ווערט שטענדיק און אומעטום געפירט אויף אַ לאַנגן רימען דורך זיין באַלעבאָסטע.

דאָן ווייסט מען באמת נישט אויף וועמען צו האָבן רחמנות. וואָס פאַראַ טרייסט קען עס ברענגען אַזאַ צעטומלטע חיה, וואָס נישט עס בילט, נישט עס בייסט זיך און נישט עס פרייט זיך. עס נעמט אייך אָן אַ רחמנות אויף דער באַלעבאָסטע וואָס זאָגט: „עס איז מיר שווער צו לעבן אָן אַ לעבעדיקן נפש”. עס מוז דאָך עמעצער היטן איר „כּודאָבע”, ווי זי זאָגט, — דעם צעבראָכענעם פּלויט מיט די עטלעכעביימער, דעם פאַרלאָזענעם טויבנ־שלאָק, פון וועלכן עס זענען שוין לאַנג די טויבן אַוועקגעפלויגן, און דאָס הייזל, וואָס קוים עס האַלט זיך. דאָס איינציקע, וואָס ביזן היינטיקן טאָג איז נישטאָ דערין קיין עלעקטריע. „קען די שטוב זיין אָן אַ באַלעבאָס?” — קלאָגט זי זיך. און אַזוי זעט עס אַלץ אויס. איז דאָס קליינע באַשעפעניש, דאָס צעקודלטע העל־גרויע הינטעלע, אַ טרייסט, אַ סימן פון בונד מיטן לעבן.

— וואָס מיר קינדער, אייניקלעך — דאָס אַלץ אויף יום־טוב, — צוויי מאָל אַ יאָר. דער עיקר — יום כּפּור אויף מוחל צו זיין. אַזוי פאַרלאָזן האָבן זיי מיך. „לאַדנאָ” — ענדיקט זי, ליבהאָבנדיק אַריינצווואַרפן אַ רוסיש וואָרט, כּדי אונטערצושטרייכן די עטלעכע קלאַסן רוסישע גימנאַזיע, וואָס זי האָט מיידלוויז געענדיקט. „לאַדנאָ, מיין מותקל איז אַ ליב הינטעלע, אָן אים — ווער ווייס?”, גוט וואָס איך האָב זיך מיין אָרט און נישט איך פּלאָנטער זיך צווישן די קינדער. — יעדער איז פאַרטאָן אין זיינע צרות און אין זיינע פריידן. אַזוי — ווו איך וויל, גיי איך, מיט וועמען איך וויל, — רעד איך.

דריי פון די פיר הינט געפינען זיך אין דער נאָענטער שכנות פון מיין הויז. אַלע דריי פּודלען. צוויי שוואַרצע, וואָס געהערן צום הידראַוליק. האַלטן האַלט' מען זיי שטענדיק אין שטוב. איין מאָל אין טאָג פירט מען זיי שפּאַצירן. זיי זענען זייער חשוב. דאָס פּאָרפּאָלק פלאַדזשעט נאָר פון דער ריינער ראַסע — שוואַרצע פּודלעס. מען זאָגט, אַז פון די קליינע פאַלט אים אַריין נישט קיין קליינער גראַשן.

— „אַ גוטער האָבי” — זאָגט אברהם, דער שוסטער, וואָס אַרבעט אין דער מעכאַנישער פאַבריק אין יפו. „וואָס איז ווערט מיין האָבי? כ'זיץ אַמאָל אָפּ אַ האַלבע נאַכט און גאָרנישט — קיין פישל נישט. כאַפּן זיך

אַריין אַ ביסל סנאָבן, די וואָס מיט זייערע טאַקסיס ווילן פאַרברענגען די אָוונט־שעהן ביים ים, איז אַ חורבן — זיי צעיאָגן אַלע פיש. ביי איך, אדון משה — אַ סאָלידער האָבי, ס׳קומט די צייט, איז דאָ דער „פּראָצענט״.

שרה מיטן שאַרפן צינגל ענטפערט דעם מאַן אירן: אָודאי, אַז מען האָט נישט קיין קינדער האָדעוועט מען הינט. בעסער, כ׳האָב דריי מיידעלעך ווי די ליאַלקעס, אײדער אַ הינטל!

דער ווייסער פּודעל איז דער דריטער הונט, אייגנטלעך דער פערטער. ער איז אַן אַריסטאָקראַט. מען ווייסט אַפּילו נישט, ווי מען רופט אים, ווייל אין דער טשעכישער שפּראַך אין וועלכער די באַלעבאָסטע רעדט צו אים, ווען זי פירט אים אַרויס, איז שווער אונטערצושיידן, וועלכעס וואָרט באַציט זיך צו זיין נאָמען. די באַלעבאָסטע פון ווייסן פּודעל, דעם אַריסטאָקראַט, האַלט זיך אַליין ווייט פון אַלעמען. זי היט אַפּילו, אַז איר הונט זאָל זיך נישט דערנענטערן צו די צוויי שוואַרצע פּודלען, וואָס שטאַמען פון דער „מאַסע״, פון המון. איז טאַקע דער ווייסער פּודעל שטענדיק אַן אַנגעבוזשעטער, אַ גרייטער צו פאַרטשעפּען יעדערן און אָנצופאַלן יעדן דורכגייער. ער בילט אַפּילו, ווען ער פילט דורך דער פאַרמאַכטער טיר, אַז עמעצער גייט פאַרביי, אַן אמתער כלב.

וועגן פינפטן הינטל איז ווייניק וואָס צו דערציילן. קודם כל לעבט ער אין סוף פון געסל, און דאָרט איז שוין אַן אַנדער לעבן. ער אַליין געהערט צו אַן אַנדער ראַסע. אַ קלייניקייט — אַ וואָלף. ער בליצט מיט זיינע ווייסע, שפּיציקע ציין. עס איז גענוג נאָר אַ קוק צו טאָן אויף אים, אַז אַ פּחד זאָל באַפאַלן. ער איז דער איינציקער, וואָס טראָגט אויפן האַלדז אַ רימען מיט אַ בלעכל, דאָס הייסט, אַז ער איז געאימפט. רעקס, דער וואָלף, ווען ער באַווייזט זיך אין געסל, ווערן אַלע מאַמעס אומרואיק און אַלע קונדייסים פריילעך. באַלד הויבט זיך אָן אַ טומל: רותי, דוד, זהבה, טאַלי, רוני. דאָס רופן אַזוי די מאַמעס דורך די פענצטער, די נעמען פון זייערע קינדער.

אדון מזרחי, אדון עקיבא, הערט איר געשרייען, — נעמט צו אייער רעקסן, די קינדער שרעקן זיך.

אַזוי איז אַלע מאָל, ווען עס באַווייזט זיך דער הונט און נאָך אים שטענדיק זיין באַלעבאָס. אין דער אמתן האָבן די מאַמעס מער מורא

פֿאַר רעקסן ווי די קינדער, וועלכע ס'לאָקט זיין געשיקטקייט, זיין גלאַנציקע, גלאַטיקע פֿעל און זיין גרויס.

דאָ נישט לאַנג האָט זיך אברהם דער שוסטער שיער נישט צעהרגעט מיט מזרחין צוליבן הונט. „מירן גיין אין דער משטרה, אַזאַ כלב, אַזאַ ריז, דאַרף זיין אויף אַ קייט, אָדער איר דאַרפֿט אים פֿירן אויף אַ רימען".

— וואָס שייך קייט, קאָן איך נישט פֿאַרטראָגן, ווען מען שמידט עמעצן אין קייטן, אָדער אַ פֿויגל, ווען מען האַלט אים אין אַ שטייג. מיין רעקס איז דאָך נישט בת־שבעס מותקל, וואָס זי פֿירט אים אויף אַ פּאַסיקל, ער איז דאָך אַ פּליג אין פֿאַרגלייך מיט מיינעם.

דער סוף איז געווען, אַז מזרחי האָט רעקסן אַוועקגעגעבן צו זיין ברודער, וואָס וווינט אין גליל און פֿירט דאָרט אַ משק.

משה קוליק האָט דאָ געהאַט שטאַף צו רעדן און צו רעדן מיט יעדן איינעם ווער עס איז נאָר געקומען אין זיין קיאָסק: געזען אַזאַ זאַך? — האַלטן כלבים, עס איז דאָך בפירוש געשריבן אין דער תורה, אַז אַ הונט איז אַ טמא זאַך און ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט דערמאָנען דעם משל און דעם נמשל ווו דאָס איז געשריבן געוואָרן. אין קליינע פּינטעלעך איז ער געווען גאַנץ שוואַך, אַ חוץ דאַווענען און לייענען אַ בלאַט, האָט ער נישט געקאָנט.

נאָר אויב הינט האָבן נישט געהערשט אין געסל, האָבן דערפֿאַר דעם אויבנאָן פֿאַרנומען קעץ. קעץ פֿון דער גאַנצער וועלט. אפֿשר דערפֿאַר, וואָס אַ קאַץ דאַרף נישט קיין באַלעבאָס. קעץ זענען נישט קיין אינדיוויד־דואַליסטן, ווי הינט, זיי האָבן מער אויסדויער, מערן זיך ווי שוואָמען נאָכן רעגן. דעם אויבנאָן האָבן פֿאַרנומען שוואַרצע קעץ. שוין צוליב דעם אַליין, האָט אין געסל געמוזט נעלם ווערן דער אָבערגלויבן, אַז מען טרעפֿט אַ שוואַרצע קאַץ אויפֿן וועג איז אַ שלעכטער סימן, ווייל ווו מען האָט זיך געגעבן אַ ריר און אַ קער איז אנטקעגנגעקומען אַ שוואַרצע קאַץ מיט בלישטשענדיקע גרינע פֿאַנטערע־אויגן.

## קאַפּיטל זעקס

פריער האָט מען נאָר געוווּסט, אַז זי הייסט: מאַדאַם סטעפאַ. מאַדאַם האָט מען זי גערופן צוליב איר שיינעם אויסזען און שטאַלטנעם קערפּער. זי האָט דערמאָנט אין אַ „שליאַכטשיאַנקע" סיי מיט איר נאָמען, סיי מיט איר אויסזען. מזל האָט זי אָבער, די מאַדאַם, וואָס איר מאַסיווער קערפּער האָט זיך געהאַלטן אויף צוויי שטאַרקע, דיקע פּיס. זי, ווייזט אויס, האָט נישט שלום געמאַכט מיט דער גאָב פון דער נאַטור און פלעגט זיי שטעלן, די פּיס אירע, אַזוי איידל און פאַרזיכטיק און שטענדיק אין לאַטשן מיט די מאָדערנסטע שמאָלע שפּיצן און הויכע קנאַפּל, ווי זי וואָלט זיך געדאַרפט שטעלן פאַר אַ זשורי פון פּיס־שיינהייט.

ווען עס איז איר אויסגעקומען צו קויפן אין קיאָסק ביי משה קוליקן דאָס ערשטע מאָל אויף באַרג, און ער האָט ביי זיך אין העפטל פאַרשריבן דעם חוב, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז איר פאַמיליע־נאָמען איז עפּלצימעס.

— עפּלצימעס, — האָט געלאַכט משה קוליקס פרוי, מלכה. געהערט אַ נאָמען?

— לאָך נישט, מלכה, וואָס פאַראַ פאַמיליעס עס זענען אַלץ פאַראַן אויף דער וועלט? איז עפּלצימעס אויך אַ נאָמען.

פון דאַן אָן האָט דאָס געסל מיט הנאה גענומען זי רופן: מאַדאַם סטעפאַ עפּלצימעס.

מען האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, אין וואָס פאַראַ קאָליר האָר זי וועט דערשיינען. זי פלעגט זיי בייטן יעדע פאָר וואָכן. זי איז שוין געווען בלאָנד, שאַטין, גרוי און לסוף קאַשטאַן מיט אַ זילבערן פּאַס האָר אין מיטן קאָפּ.

— מאַדאַם סטעפאַ עפּלצימעס, פאַרוואָס האָט איר געביטן אייער בלאָנדן קאָליר? עס האָט דאָך אייך אַזוי געפּאַסט?

— ניין, איר האָט אַ טעות. בלאָנד פּאַסט מיר אין גאַנצן נישט און אַ חוץ דעם, איז שוין ברידזשיט באַרדאָ נישט מאָדערן.

מען האָט געוווסט, אַז ערגעץ אין דער סביבה איז זי דאָ די „שליאַכ־טשיאַנקע״, די מאַדאַם סטעפאַ עפּלצימעס. נישט מחמת „שמה הולך לפניה״ נאָר צוליב די איידעלע פּערפומען, מיט וועלכער זי פלעגט זיך „אָנדושען״.

— ווייזט אויס נאָך „פּאַן צו האַוזע״ איז זי געווען אַזוי געוווינט — האָבן שכנים געלאַכט.

לאַנג נאָך דעם, ווי זי איז דורכגעגאַנגען, האָט זי נאָך זיך געלאָזן דעם אַראָמאַט פון שאַרפן ריח. מענער האָבן געזאָגט: מילא, ווען זי איז כאָטש אַ ביסל ייִנגער.

— מאַדאַם סטעפאַ עפּלצימעס — האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג אַרויסגערעדט דעם גאַנצן טיטל — מזל, און אַלע „ע״ס אירע זענען טיף אַרויס פון ערגעץ פון דער קעל פון איר דאַרן האַלדז. זאָגט מיר ביטע, צו וואָס באַנוצט איר דאָס אויף אַלע טאָג? מילא, אויף אַ שמחה, אַ חתונה, מען שוויצט, — זאָל די לופט זיין אַ ביסל פרישער, איז גוט אַ ביסל מי־קולון.

— גברת מזל, וואָס רעדט איר? איר האָט געזען אַמאָל בינען? ווו לויפן זיי אַרום? — אַרום די בלומען. יאָ? נו, צוליב וואָס? צוליבן ריח זייערן. איז פאַרשטייט איר דאָך צוליב וואָס?

— גאָט איז מיט אייך! איר האָט דאָך אַזאַ פיינעם מאַן, אַן ערלעכן אַרבעטער.

— גייט־שוין, גייט, מזל, מיט אייערע תימנישע השגות. וואָס האָט איינס צום צווייטן. און אַז עס גיט אויף אייך אַ קוק אַ מאַנספּאַרשוין איז וואָס? וואָס ער וועט אייך אויפעסן מיט די אויגן? עס וועט אייך עפּעס אָפּקומען?

מזל האָט איר נישט געענטפערט. איצט איז איר געוואָרן קלאָר, וואָס מען דערציילט: ווען דער שכן ראַזנצווייג פון פערטן הויז אין געסל, קערט זיך צוריק פון דער אַרבעט, איז זי יעדעס מאָל אין געסל, כדי אַנטקעגנצו־טראָגן אים דעם שטענדיקן ברייטן שמייכל און דעם שאַרפן ריח...

מזל האָט נישט אויסגעהאַלטן און כדי צו קאָנען אַ ביסל אַ מוליע טאָן די צונג איז זי גלייך אַריין צו רחלען און איר אַלץ דערציילט.

— אַט, דאָס איז עס — האָט זי אָפּגעזיפֿצט — ווען די מענער אַרבעטן אין פֿאַבריקן אָוונט־שיכטן. ווו זאָלן זיך אַהינטון די ווייבלעך ? ווען זיי זענען געווען יונג, האָבן זיי נישט געוואָלט האָבן קיין קינדער, שפּעטער האָבן זיי שוין נישט געקאָנט האָבן — האָט מזל פֿאַרזאָרגט געזאָגט — טראַכטנדיק דערביי : ווען די מאַדאַם סטעפֿאַ עפּלצימעס האָט מיינע דאגות און דאַרף צוגרייטן עסן און וועש און פֿירן אַ שטוב פֿאַר אַזויפֿיל נפֿשות, וואָלט איר דאָס אַלץ נישט געלעגן אין קאָפּ.

רחל, וואָס איז געווען פֿאַרטאָן אין גרייטן מיטאָג, האָט נישט באַלד געענטפֿערט, אָבער ווי שטענדיק האָט רחל, פֿיינט האָבנדיק רכילות, געמאַכט דעם אויספֿיר פֿון יענערס רייד :

— איר וועט זען, מזל, צו וואָס דאָס וועט דערברענגען. איר האָט געהערט ? אַט נישט ווייט אין געסל, האָט מען זיך געגט נאָך פֿופֿציק יאָר !

— יאָ, כ׳האָב געהערט, אָבער דאָרט האָט ער זיך געפֿונען אַ געליבטע און דווקא די, וואָס פֿלעגט ביי זיי מאַכן ספּאָנדזשאַ !

— אין איין מאָל איז ער שולדיק, גברת מזל, אין אַן אַנדערן — זי. עס איז נאָר גענוג אַ ביסל אַראָפּצוגיין פֿון וועג — גייט עס שוין...

— אָבער ווו נעמט זי דאָס געלט אויף אַזעלכע טייערע פֿלאַשן מיט די בעסטע ריחות ?

— די מאַדאַם סטעפֿאַ עפּלצימעס, די „שליאַכטשיאַנקע״, מזל, טענהט, אַז עס שיקט איר איר שוועגערין פֿון פּאַריז ביי יעדער געלעגנהייט. מ׳זאָגט, אַז זי איז רייך.

מזל איז געווען שטאַרק איבערגענומען מיט דער גאַנצער געשיכטע וועגן דער מאַדאַם סטעפֿאַ עפּלצימעס. די ווייבערישע נייגעריקייט האָט זי נישט געלאָזט רוען. ווען די מאַדאַם סטעפֿאַ עפּלצימעס האָט זיך באַוויזן אויפֿן גאַס, איז זי אַרויס פֿון שטוב און פֿאַרפֿירט מיט איר אַ שמועס, און דווקא וועגן פּערפֿומען.

— מיר האָבן דאָך שוין היינט אינדערפֿרי גערעדט וועגן דעם, — האָט זי אַ גלאָץ געטאָן מיט אירע בלויע, וואָסערדיקע אויגן, — וואָס ווייסט איר עפּעס פֿון אַ לעבן, גברת מזל. איר זענט דאָך אַ מטופּל מיט

קינדער. איך פּאַסט דאָך אַלע יאָר אַ פּאָר! און זי האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

— וואָס לאַכט איר, מאַדאַם סטעפּאַ עפּלצימעס?

— אָט, אַזוי גלאַט. איך שטיי דאָ און רעד מיט אייך און דאָרטביים אויטאָבוס וואַרט מיין פריינדין. מיר ווילן פאָרן אַ ביסל צום ים. שלום.

מזל האָט איר נאָכגעקוקט און געטראַכט: די פּערפומע איז שטאַרק נישט אין ריח, נאָר אין די עבירות, צו וועלכע זי ציט. און אַז דיין שוועגערין פון פּאַריז וועט דיר אויפהערן צו שיקן? האַ, ווו וועסטו נעמען?

מזל האָט לאַנג נישט געקאָנט שטיין אין געסל און טראַכטן וועגן דער מאַדאַם סטעפּאַ עפּלצימעסעס געשעפטן. עס האָט אויף איר געוואָרט אַ באַליע איינגעווייקטע וועש, וואָס זי מוז זי נאָך היינט אויפהענגען. מאָרגן איז דאָנערשטיק און פרייטיק דאַרף פאַר אַלע פינף זיין פּאַרטיק צו פינף שטיקלעך, אַ חוץ פאַר די דערוואַקסענע. אַ קליייניקייט, אַרבעט, ברוך השם, פעלט נישט! ברוך השם!

## קאַפּיטל זיבן

ווען נחה איז אָנגעקומען אין געסל, ווו זיי האָבן געדאַרפט אויפבויען זייער הייזקע — נאָך יאָרן פון וואָגלעניש אין צריפים, נאָך זייער קומען פון רומעניע — האָט זי זיך אָנצציקט מיטן אָרט.

— אַ מחיה, אַ שטיקעלע דאַטשע. געבליבן אַ ביסל פונעם פּאַרלאָזענעם פּרדס. די, וועמען עס געפעלט נישט דאָס אָרט, זאָלן זיך זוכן אין שטאָט.

אייביק פאַרטאָן. די יאָרן זענען געגאַנגען. די משפחה איז געוואַקסן. יצחק איז דעם גאַנצן טאָג געזעסן ביי דער מאַשין און געדזשאָבעט. מיט יאָרן שפּעטער, ווען די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, זענען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען — יעדער זיין וועג און די משפחה האָט זיך איינגעשרומפּן.

געבליבן זענען זיי זאלבעצווייט: נחה און יצחק. אין דעם טעגלעכן יאָך האָבן זיי נישט באַמערקט ווי דאָס לעבן זייערס גייט אַמאָל אַראָפּ, אַמאָל אַרויף — ווי אַ ווינט־מיל.

אין דער משפחה איז געשטאָרבן אַ קרוב — אַ מומע. מען האָט געריסן קריעה, געשיט אַש אויפן קאָפּ. עס זענען ווידער צוגעקומען נייע מענטשן. בריתן און חתונות. די משפחה האָט זיך צעוואַקסן. מאַראָקאַנער איידעמס און תימנער שנירס זענען צוגעקומען. מנהגים האָבן זיך געקרייצט, אָבער שווער זיך צונויפגעוואַקסן. עקשנים געווען און נחה האָט נישט געזען ווי די יאָרן זענען אַוועק.

פון לינקס פון כביש האָט נחה געוווינט און דאָרט האָט מען הייזער גענומען בויען. דאָס געסל האָט זיך גענומען צעוואַקסן. נחה פלעגט אויסמיידן די גרודעס ציגל און שטיינער און פרעגן: צו וואָס דאַרף מען דעם גאַנצן רעש?

— די שטאָט דאַרף זיך צעוואַקסן — פלעגט מען איר קורץ ענטפערן.

— טאָ וואָס האָט מען זיך עפּעס אָנגעזעצט אויף אונדזער ווינקל. עס פעלט אָרט? גיט אַ קוק, אַדרבא, וויפל פריי אָרט איז נאָך דאָ אין ארץ־ישראל — כאָטש פּאַלאַצן אויסצובויען.

ווען עס זענען געקומען די ערשטע עולים, פאַר וועלכע מ׳האָט די הייזער געבויט, האָט נחה אַלץ נישט געקאָנט תופס זיין: פאַרוואָס דווקא דאָ אין געסל? גייט בוים זיי דאָרט ערגעץ־ווו נענטער צו אַ שטיקל פּרנסה, נישט אויף אַזאַ וויסט אָרט. איר מאַכט נאָר ענג. ס׳וועט נאָר זיין צרות און נישט מער.

צו די וואָס האָבן דאָס אַלץ פּלאַנירט, זענען נחהס טענהס נישט דערגאַנגען. זיי האָבן זיך געהאַט זייערע אויסרעכענונגען: פאַר דער אָרעמשאַפט דאַרף מען בויען נאָר אויף דער פּעריפעריע פון דער שטאָט, ווו דער באָדן איז ביליק אָדער זי האָט גאָר קיין פּרוטה נישט געקאָסט, ווייל דאָס איז געווען אין יאָר 1948, ווען אַ סך ערד, אין דער געגנט, איז געבליבן נאָך די אַנטלאָפענע אַראַבער.

דאָס געסל האָט זיך אויפגעבויט און נחהס לעבן האָט זיך איינגע־שרומפּן נאָך מער. אַריינגעטאָן אין זיך און אין משפחה־ענינים. זינט דער

מאַן אירער איז געשטאָרבן האָט זי זיך קיין אָרט נישט געפונען. געטרויערט האָט זי לאַנג, אָבער זי האָט געפילט, אַז אויב זי וועט נישט איבערברעכן די רינג פון בענקשאַפט און פון איינזאַמקייט — בלייבט זי אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג. און דאָ איז שוין קיין צוריק נישטאָ. איר קינדהייט איז געוואָרן געשענדעט דורך די פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס האָבן איר היים צעשטערט און געלאָזן אין דער נשמה אַ שאַנד, וואָס זי האָט עס קיינמאָל פאַר קיינעם נישט אַרויסגעבראַכט. פאַר יצחקן האָט זי דאָס איינמאָל אַנטפּלעקט. צערונען ערגעץ די זכרונות וועגן דעם. אָבער אין די טעג פוןליידן, האָט זי באַנומען די גרויסע פרייד פון לעבן.

ווי אַ קליין קינד, מיט נאָך איינזאַמע קינדער פון נאָכן קישיניעווער פּאָגראָם, האָט מען זי קיין ארץ־ישׂראל געבראַכט. איצט לעבן אירע קינדער אין אַ „יידישער מדינה". מען וואָלט געדאַרפט עפּעס טאָן. עפּעס אַרויסגיין פון די אייגענע דלד אמות. און נחה האָט זיך אַריינגעטאָן אַלץ מער און מער אין לעבן פון געסל. ווו אַ לוויה, אַ חתונה, אַ סכסוך, אַ גט — האָט געמוזט זיין נחה. מען האָט זיך צו איר צוגעוווינט און זיך גענויטיקט אין איר ביי יעדער געלעגנהייט.

פריערדיקע יאָרן איז נחה געפאָרן יעדן יום־טוב צו די קינדער, אַמאָל צו אברהמען, אַמאָל צו איתנען, אַמאָל צו עמין. לעצטנס קומט מען זי נעמען. ווען ס׳קומט פאַר אַ בר־מצווה פון אַן אייניקל צי אַן אַנדער שׂמחה, זאָגט מען איר שוין אָן אויף אַ סך פריער, כדי זי זאָל זיך צוגרייטן. זי פלעגט דאַן אַרויסנעמען איר שוואַרץ זיידן קלייד, געפּרעסט עס, פאַרריכט, צעלייגט עס אויף דער שטול און עס האָט געוואָרט אַמאָל אַפילו וואָכן ביז עס איז געקומען די צייט זי זאָל עס אָנטאָן.

דאַן האָבן אַלע טאָג־טעגלעכע ענינים פאַרלאָרן זייער וויכטיקייט. מיט צוויי זאַכן מיט איין מאָל האָט זי אין דער זעלבער צייט זיך נישט געקאָנט פאַרנעמען. אין דערוואַרטונג, האָט זי פאַרבראַכט אונטערן פייגנ־בוים, וועלכער איז פאַנאַנדערגעוואַקסן ווי אַ סוכה, — ביז מען איז זי געקומען נעמען.

נאָך היינטיקעס מאָל זיצט נחה אונטערן פייגנבוים, האַלט אויף דער קני דאָס זיידענע שוואַרצע קלייד, אין אַ וואָך אַרום איז מרימס חתונה. דאָס

יינגסטע אייניקל האָט חתונה. זי איז פּאַרקוקט אין דער ווייט. דער גאַנצער גאָרטן איז פול מיט ווילד־גראָז. זיי וויגן זיך שטיפעריש און צווישן זיי — די געלע פרילינגס־בלימלעך, וואָס וויגן זיך ווי שיפלעך אַהין און אַהער. די ערד אַרום איז אָנגעטאָן אין גרינעם זייד, סאַראַ שאָד, ס'וועט באַלד קומען די חמימה־צייט און אַרויסציען פון זיי די זאַפטן און קודם — דעם גלאַנץ. דער יונגער גרין וועט ווידער צוריקקומען מיטן ערשטן רעגן אין

האַרבסט. נאָר דער מענטש מוז לעבן ביזן לעצטן אָטעם און געגנוג. ער ווערט געבוירן, לעבט און שטאַרבט, אָבער נישט, כדי ווידער אויפצו־קומען צום לעבן. נאָך אים קומען אַנדערע. זי שווין נישט — טראַכט נחה.

נחה גלויבט, אַז זי וועט נאָך אַ סך צייט קוויקן אירע אויגן מיט דעם גלאַנץ פון וואַקסנדיקן און בליענדיקן אַרום. זי וועט נאָך אַ סך יאָרן

באַוואַסערן די פּאָר בלימלעך ביי איר אין הויף. מען וועט זיי באַוואַסערן אַפילו ווען זי וועט נישט זיין. און אפשר וועלן אירע יורשים אויף דעם אָרט אַ גרויס הויז אויפבויען — און דאָס אַלטע צעשטערן? נחה האָט פון דעם געדאַנק דערפילט אַ שטאָך אין האַרצן. זי האָט דערפאַר צו קיינעם קיין תרעומות נישט, ווייל ווען איר מאַן, יצחק, איז געשטאָרבן, איז זי נישט געבליבן אויף איין אָרט, נאָר געלעבט ווייטער. זי האָט די ביימער געפלעגט און געטאָן דאָס אַלץ, וואָס ער פלעגט טאָן.

## קאַפּיטל אַכט

אין ערגעץ קאָנט איר נישט אויפנעמען אַזאַ שלל פון כלערליי קלאַנגען, רופן, געשרייען, ראַדיאָ־מוזיק ווי אין געסל — פון אַלע זייטן. אַלץ אין איינעם, איינס אין אַנדערן, יעדער פאַר זיך און אַלע צוזאַמען. אין דעם ווירוואַר אָבער קאָנסטו אויספישן אַ געוויסן סדר. פון זיך אַליין לייגט ער זיך איין, אָן אַ דיריגענט.

אין געסל רופט מען די עלטערן לויט די קינדער. אַ מנהג, אָנגענומען אין גאַנצן לאַנד. איז היינט וועגן אַמירהס טאַטן. אין דער יוגנט, דערציילט ער, האָט ער זייער געוואָלט זיך לערנען שפּילן. איינגעשפּאַרט זיך און גענוג.

— ווו נעמט מען געלט?

— אָפּגעלייגט גראָשנס, צוויי יאָר, ביז ר׳האָט געקויפט אַן אַקאָרדיאָן. וויפל דער טאַטע האָט זיך נישט געבייזערט און די מאַמע נישט געברוגזט, האָט דאָס זיי גאָרנישט געהאָלפן.

— גיב נאָר אַ קוק אויף דיינע שיך! שוין לאַנג צייט געוווען זאָלסט זיך אַ פּאָר נייע קויפן. — עס האָבן איר נישט געהאָלפן די רייד.

— זאָג מיר, האָסט געזען ביי אונדז, אין עיר הקודש, אַ צברה זאָל זיך פאַרנעמען מיט אַזעלכע פּוסטע זאַכן? אַלץ די אָנגעפּאַרענע. מילא, האָסט

נישט געוואָלט זיין קיין למדן, געוואָרן אַ שוסטער, זאָל זיין אַזוי. וואָלסט כאָטש זיך געלערנט אויף אַ חליל, אויף אַ פידעלע, אויף אַ יידישער זאַך, אָבער נישט סתם אַזוי, עפּעס אַ משונהדיקע כלי — האָט דער טאַטע איינ־געטענהט. — דאָס קומט דאָך פון יענע אויסגעלאַסענע הייזער, וואָס די צוגערייזטע האָבן געעפנט אויף חילול השם! — און פון כעס האָט ער זיך פאַרהוסט. און ווי שטענדיק, ווען ער פלעגט זיך צעהוסטן, איז די מאַמע שוין געשטאַנען גרייט מיט אַ גלאָז וואַסער.

— אָבער כ׳האָב זיך עקשנותדיק געהאַלטן ביי מיינס, און אויסגעפירט — האָט זיך גערימט אמירהס טאַטע.

— ווען כ׳וואָלט נישט אַזוי יונג חתונה געהאַט מיט מיין לאהן, וואָלט איך צו אַלץ דערגאַנגען. כ׳האָב זיך צו פרי איינגעשפּאַנט אין אַ שטוב, קינדער און ווייטער גאָרנישט. געמיינט, וואָס פריער פון טאַטע־מאַמע אַוועקצוגייך וועט זיין בעסער.

איז שפּילט אמירהס טאַטע אויפן אַקאָרדיאָן די לידער, וואָס ער קען. אַלעמאָל די זעלבע, שוין יאָרן. אַמאָל צעציט ער אויף זיין כלי־נגינה אַן אומעטיקן ניגון. ער טראָגט אים אין זיך נאָך פון זיין קינדהייט. אַ האַלב־אַראַבישער, אַ האַלב־יידישער, פון יענע חסידישע ניגונים, וואָס זענען אין בענקשאַפט פאַרוואָגלט געוואָרן צו די פאַסטעכער אין די יהודה־בערג. ער האָט אים זיך אויסגעלערנט, ווען ער האָט געהאָלפן פאַשען די שעפּסן פון איידלבערג, דעם באַלעבאָס פון גוט לעבן ירושלים. זיין עקשנותדיקער חשק צום שפּילן האָט זיך אויף אַן אַנדער זאַך איבערגעטראָגן — אויף כאַפּן פיש. כאַפּט ער אָפּט אין די אָוונטן פיש און זייער זעלטן שפּילט ער אויפן אַקאָרדיאָן.

ער איז צופרידן, וואָס אמירה, זיין עלטסטע טאָכטער, איז אויך מו־זיקאַליש. מוטיקט ער זי:

— שפּיל, אמירהלע, שפּיל! שפּיל דערווייל אויפן חליל. אַז דו וועסט זיין פלייסיק, וועסטו זיך ווייטער לערנען. דעם אקאָרדיאָן גיב איך דיר אַוועק. פאַר דיר, אמירה.

זעלטן הערט מען אמירהן שפּילן אויפן חליל. אַ נס פון הימל; אמירה איז אַ פוילע קאַץ, שפּילט נאָר ווען דער טאַטע איז אין שטוב.

ווו האָט זי צייט צו אַזעלכע זאַכן, ווי שפּילן, אַז דער גאַנצער הויף און די גאַס קינדער וואַרטן אויף איר? אַן איר אַ שפּיל?

דערפאַר שפּילט שוין דער גראָבער דוד א סך. נישט ער שפּילט, נאָר ער פּויקט. בעסער געזאָגט, נישט ער פּויקט, נאָר ער לערנט זיך פּויקן אויף אַ פּשוטער בלעכענער פּושקע. פּויקט ער אויס אויף איר אַלע מאָדערנע טענץ. ער לאָזט נישט קיינעם רוען. ווען עס וויל זיך אים פּרובירן — פּרובירט ער. ווי נאָר ער עסט־אָפּ נאָך זיין צוריקקומען פון דער אַרבעט, הויבט ער אָן צו רעפּעטירן.

אַלע שכנים פון געסל מורמלען און אַלע שוויַיגן. ווער וועט זיך אָנהויבן „מיט דער באַנדע״, וואָס מאַכט יעדע עטלעכע וואָכן נשפים אויפן דאַך. מען טאַנצט אויף וואָס די וועלט שטייט און מען פאַרגעסט, אַז מען האָט אייגענע פיס, אויף וועלכע מען וועט נאָך צומאַרגנס דאַרפן גיין.

ווי נאָר עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אָוונטן, האָט דער אַלטער מיטל־פּונקט געגומען שרייען אין דער נאַכט אַריין: — שיהיה שקט! שקט שיהיה! — עס האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן ריצנאַייל. דאָס האַסטיקע טוויסטישע טופּען האָט זיך פאַרשנעלערט מיט אַזאַ פאַרביסנקייט, אַז נאָר איין גאָט אין הימל ווייסט, ווי אַזוי די ווענט זענען נישט איינגעפאַלן פון די פאָר צענדליק טופּענדיקע פיס.

אַ בכבודיק אָרט צווישן זיי פאַרנעמט דער באַוווסטער אין דער גאַנצער געגנט מעלאַמאַן מאַשקאַוויטש. ער איז אַ פאַרקויפער־קויפער פון אַלטע פּליטן פון פאַר די 30־קער יאָרן, און אפשר נאָך פריער. ביי אים קאָן מען טרעפן פּליטן פון עמיליא לאַרענטא, לעאַנארדאָ פאטא, נאַ־טאַליאַ מאַרינאַ ראַצאַ. הויבט ער אָן שפּילן אויפן פאַטעפאָן, איז אָן אַ סוף. ער פּרובירט די פּליטן, וואָס ער קויפט, ער פּרובירט די פּליטן וואָס ער פאַרקויפט. קיין קונה וועט בלינדערהייט נישט קויפן. און איצט — שפּילט ער פאַר זיין פאַרגעניגן וועגן. וואָס איז זיין נשמה, אַ ראַזשינקע?

ער פאָרט אָפּט איבערן לאַנד. דאָן איז שטיל, אַ מחיה! ער פאָרט אויף צוויי טעג און ברענגט סך־הכל אַ פּליטע. זיין וויַיב זאָגט, אַז די גאַנצע מעשה מיטן קויף איז אַן אויסרייד. ער פאָרט צו דער מאַד. די „אַ״ רעדט זי אַרויס מיטן כוח פון איר כעס. אין רומעניע איז אויך אַזוי געווען.

מאַשקאָוויטש קומט פון יעדער רייזע אַ צופרידענער, אַ גליקלעכער און זעצט זיך וואָס גיכער אויספּרובירן צענדליקער מאָל זיין „נייע" דעראָ־בערונג — ראזשע לא פריק פון די 20־קער יאָרן, דעם באַוווסטן טענאָר.

אין די אָוונטן אין אַ מיטן דער וואָך האָט מאַשקאָוויטש אַ ספּעציעלע הנאה צו הערן אַ שטיקל חזנות, סיראָטען, קוסעוויצקין. און איצט פאָלקס־לידער, אמתע, גאָר אַמאָליקע. זיי דערקוויקן אים זיין האַרץ. זיצט ער און זינגט־מיט און וויגט זיך צום טאַקט. דער פּאַטעפאָן שטייט אויפן באַלקאָן. אויף דער פרישער לופט הערט זיך בעסער. נאָר אין די ווינטער־אָוונטן, ווען עס רעגנט, רייסן זיך ארויס דורך די פאַרמאַכטע פענצטער און לאָדנס שטיקלעך נגינה, אויף וועלכע בלויז מאַשקאָוויטש פאַרשטייט זיך.

זיין ווייב האָט זיך שוין צוגעוווינט צו זיין שפּילן, נאָר צו זיינע רייזעס — אין לעבן נישט. אָנשטאָט זיך צו טשעפּען צו זיינע רייזעס, טשעפּעט זי זיך צו זיינע פּליטן.

— פאַרוואָס ראַצן אַזוי דיינע פּליטן?

— הערסט, דאָס איז דאָך די גאַנצע קונץ — אַלטע, פּונקט ווי ווין — וואָס עלטער אַלץ בעסער. זיי זענען שוין אויסגעשפּילטע.

— אָפּגעשפּילטע, ווי דו — ענטפערט זי אים, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ, פּונקט ווי די פאָר יאָר, מיט וועלכע זי איז יינגער פון אים, וואָלטן זי פאַרוואַנדלט אין אַ „יונג־פרוי".

מאַשקאָוויטש האָט אַזוי ליב זיין „פּאַד", אַז אים אַרט נישט וואָס זיין ווייב זאָגט וועגן דעם. ער טוט זיך זיינס. ער קויפט זיין סחורה. איידעלע סחורה, קונסט. ער קאָן איינרעדן אַ קונה, ער זאָל קויפן „ראָזאַמונדע" שובערטס, אָדער „די קליינע נאַכט־מוזיק" מאָצאַרטס, און יעדער חלק זאָל זיין פון אַן אַנדער אָרקעסטער.

— ס׳מאַכט נישט, אַדוני, מוזיק איז מוזיק, קונסט — איז קונסט. עס איז נאָך אינטערעסאַנטער — זאָגט ער.

און דער קונה שטייט און ווייסט נישט צי איז דאָס פאַרליבטקייט, צי טפּשות און קוקט אים אָן פאַרוווּנדערט.

דאָס געסל האָט אַ סך געדולד צו אירע איינוווינער און קוקט אויס מיט בענקשאַפט, אַז מאַשקאָוויטש זאָל אויף עטלעכע טעג נעלם ווערן — צום

צער און רוגז פון זײן װײב. אָבער אַזאַ בעל־רחמנות איז נישט דאָס געסל, אַז עס זאָל טראַכטן װעגן איר, נישט װעגן זיך.

די עקשנות פון די נישט־דערפאַרענע איז אַזױ שטאַרק, אַז זי ברעכט אַלץ. ס׳איז אומפאַרשטענדלעך װי אַזױ אין דער דירה פון מאַרק קלינגער, אין אַזאַ ענגשאַפט, שטײט אױבנאָן אַן אַלטע פּיאַנע — אַ קליאַק. חבצלת האָט זיך אײנגעשפּאַרט: זי מוז שטײן. דאָס האָט איר נאָך דער טאַטע געקױפט אין די צײטן פון מאַנדאַט.

— זאָל די „נסיכה״ האָבן — פלעגט ער זאָגן.

חבצלת איז געװען גליקלעך. טראָץ דער ערעמקײט אַרום אין שטוב און אָפּגעלאָזנקײט, האָט זי געהאַט אַ געפיל פון אַ געװיסער העכערקײט, בעסערקײט, דערהױבנקײט. די פּאָר קלאַסן מיטל־שול, אַ ביסל שפּילן, אַ ביסל זיך דערהױבן. אַלץ „אַ ביסל״ — טראַכט חבצלת. אַלץ װעט נאָך קומען — דער פּרינץ. און דאַן װעלן מקוים װערן אירע פאַרלאַנגען, װי זי האָט געלײענט אין יענע ביכלעך, װעגן ליבע־דראַמעס. זי האָט זיך געלערנט שפּילן, ביז זי האָט מאַקס קלינגערן דערקענט, אַ בחור — אַ „בובה״, װי מען האָט אים גערופן. אַזױ װי זי שטײט און גײט איז זי געגאַנגען מיט אים װױנען, און שפּעטער חתונה געהאַט. אַ קלײניקײט, אַזאַ דערהױבונג. נישט פון די „אָפּגעשטאַנענע״, נישט פון ס׳איריקע, נאָר פון די „מערבדיקע״ — אַן אשכנזי! אָבער נאָך דער חתונה האָבן זײ געהאַט אַזױפיל, װיפל ביז דער חתונה. כאָטש זי האָט אַ צײט געאַרבעט, האָט דאָס קײן סך נישט געהאָלפן. מאַקס קלינגערס געהאַלט איז אײנגעשרומפּן געװאָרן מיטן װוקס פון די צװײ קינדער. װען איתן איז געבױרן געװאָרן, איז זי געזעסן אַ גאַנץ יאָר כמעט אין שטוב, געשפּילט, אַפילו פּרובירט זיך לערנען. אָבער נישט אױף לאַנג, אױף אַ קורצן אָטעם. שפּעטער, פאַרטאָן אין שטוב און אין די קינדער, האָט זי זיך אינגאַנצן נישט צוגערירט צו דער פּיאַנע.

די קינדער זענען אונטערגעװאַקסן, האָבן זײ אָנגעהױבן טערעבענצען אין דער פּיאַנע און אין שטוב איז געװאָרן נאָך ענגער.

— גברת חבצלת, פאַרקױפט די פּיאַנע. זי פאַרנעמט בײ אײך אַן איבעריק אָרט, און לופט װיפל נעמט זי צו.

— זה לא בא בחשבון — פלעגט זי רואיק ענטפערן.

די פּיאַנאָ איז ביי איר אַ סימן פון עפּעס אַן אַנדער וועלט. אַז איתן און עטי וועלן אויפוואַקסן, וועלן זיי זיין גרויסע קינסטלער — פלעגט זי זאָגן. כ׳זע דאָס, לאַכט נישט. כ׳האָב אַ כוח צו זען וואָס עס וועט זיין — באַרואיקט זי די שכנה.

דערווייל וואַקסט די נויט, ווייל מאַקס קלינגער האָט ליב נעלם צו ווערן פון שטוב אויף גאַנצע אָוונטן ביז האַלבער נאַכט. און דאַן דערהערט זיך נאַכט־מוזיק נישט פון קיין כלי־נגינה, נאָר פון מענטשלעכע קולות, און עס באַווייזן זיך פאַרשלאָפענע נייגעריקע קעפּ אין די פענצטער, וואָס פרעגן:

— „ביי וועמען? ווו?"

די קולות טראָגן זיך פון דער דירה פון די קלינגערס. דאָס קינדערישע געוויין שרייט ארויס אין געסל אַריין. אויבנאָן אין צימער שטייט דער שוואַרצער קאַסטן פון דער פּיאַנע מיט פוסטער גאַווה.

דאָס געסל איז פול מיט קלאַנגען בייטאָג און אַמאָל אויך ביינאַכט.

## קאַפּיטל ניין

אַ דושנער אָוונט. אויפן הויף האָבן די לאָקאַטאָרן פון די אונטערשטע שטאָקן אַרויסגעטראָגן שטולן, כדי צו כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט פון די עטלעכע פאָמעראַנצן־ביימער, וואָס זענען דאָ ווילד געוואַקסן — אַן איבערבלייבעניש פון אַמאָליקן פרדס.

היינט האָט דוד מאַשקאָווסקי דערציילט אַ געשיכטע, דאָס איז געווען זיין ריי. שוין פון ערשטן וואָרט האָט זיך אַריינגעמישט זיין פרוי, סימע: „זיין געשיכטע! אַזוי ווי ער און איך זענען געווען טויזנטער אין וואַלד. וואַרעמס און קאַלטס האָט מען דורכגעמאַכט".

— אַלץ בעסער, ווי אומצוקומען אין געטאָ — האָט זיך חנה אַריינגע־מישט.

— און ווי אין אויוון, — האָט צוגעגעבן זעלדע.

— ווייבער, זאָל שוין זיין שטילער. צערעדט זיך אַ ביסל — האָט אברהם, דער אַלטער בחור זיך צעלאַכט, מאַכנדיק שטענדיק, ביי יעדער געלעגנהייט זיין „חשבון" מיט פרויען.

— זאָל זיין שטיל, — האָט דוד מאַשקאָוויטש זיך געבעטן, — נו, כ'הייב אָן.

אַלע האָבן זיך צונויפגערוקט, אַוועקגעזעצט זיך באַקוועם און אָנגע־שטעלט די אויערן.

— כ'האָב איך שוין לאַנג צוגעזאָגט צו דערציילן. אין דער אמתן איז סימע געערעכט: טויזנטער האָבן דורכגעמאַכט דעם זעלבן גורל. אָבער ס'קומט אַמאָל אַ מאָמענט, אַז עס באַפאַלט דיך אַ חשק נאָכאַמאָל דאָס איבערצולעבן און דווקא אַרויסצוברענגען דאָס פּאָר אַנדערע. דאָס איז אַ טיפע באַדערפעניש.

— די מלחמה איז דערגאַנגען צו אונדז אַזוי שנעל, נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן צו פאַרשטיין, וואָס ס'איז דאָ פאָרגעקומען, כאָטש אונדזער שטעטל איז דאָך קנאַפּע הונדערט קילאָמעטער פון וואַרשע. מיט איין מאָל האָבן זיך אַרום באַוויזן חורבות, גרודעס ציגל און שטיינער פון די באָמבאַרדירונגען.

— אַלץ אַרום איז אַנדערש געוואָרן. ווי פון זיך אַליין איז זיך צעפאַלן דער סדר, וואָס האָט פריער געהאַלטן די געזעלשאַפט אין ראַמען: אַמטן, פּאָליציי; די אַטמאָספער איז געווען פול מיט מורא און הפקר. קלאָר, אין וואַרשע האָט מען דאָס אָנגעזען נאָך בולטער. די פאַבריקן זענען מיט איין מאָל געבליבן שטיין, טעאַטערס, בענק; די בערזע איז איבער נאַכט גלייך געוואָרן אַ שוואַרצע און גענומען ספעקולירן אויפן חשבון פון די אומגליקלעכע. מיט איין וואָרט: אין אָנהויב פון אונדזער „גאָלדענעם פּוילישן האַרבסט" האָט זיך אַריינגעריסן די מלחמה. אַ סך האָבן פאַרלאָזן די הייזער אין די רואינעס און גענומען וואַנדערן צו דער סאָוועטיש־דייטשער גרענעץ.

מיר האָבן זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט צוליב דער אַלטער מאַמען. לאָזן זי איז געווען אַ רחמנות.

— ס׳האָט ממש געשניטן אין האַרצן — האָט סימע אים אַרויס־געהאָלפן.

אַ יונג פּאָרל זענען מיר געווען, האָט דוד ממשיך געווען, — נאָר־וואָס נאָך דער חתונה, איז וואָס מיר ווען זיך קיין עצה נישט געבן?

— האָבן מיר דאַן מיט בטחון געטראַכט, — אַבי די מאַמע אויסצוהיטן.

— אויך איר אַלע האָט זיכער נישט ווייניקער וואָס צו דערציילן. אונדזער דור איז רייך אין איבערלעבונגען. יעדער איינער פון אונדז האָט געפילט דעם אכזריותדיקן שטיוול פון דעם היטלער־מחבל, אָבער ס׳ווילט זיך דערציילן, ווי כ׳האָב שוין געזאָגט.

— דער חורבן אין שטעטל איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. די עלעקטריע, די וואַסער־לייטונג איז געווען צעשטערט. אונדזער הייזל איז געווען דאָס איינציקע אין גאַס, וואָס איז געבליבן גאַנץ. איינמאָל, אַ פּרייטיק פּאַרנאַכט איז די מאַמע אַרויס נעמען וואַסער צום ברונעם, וואָס איבערן שאָסיי. כ׳האָב איר נישט געלאָזן גיין, געוואָלט ביי איר צונעמען די קאַראָמיסלעס מיט די עמערס, אָבער זי האָט נישט געלאָזן.

— בלייב אין שטוב. אַן אַלטע פרוי וועלן זיי נישט טשעפּען. סימע איז דאָך קראַנק, זי ליגט. איז ווער זאָל גיין? זיי לויערן נאָר אויף מענער.

— מיט איינמאָל האָבן מיר דערהערט אַ שאָס. כ׳בין אַרויס. דאָס האָט עמעצער פון אַדורכפאָרנדיקן מאָטאָציקל געשאָסן צו איר. זי איז געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד. די צוויי עמערס וואַסער האָבן זיך אויסגעמישט מיטן רויט פון איר בלוט.

מיר זענען געבליבן פאַראייַנזאַמט נאָך דער מאַמעס אומקום. מען זאָגט, אַז מיט אַלעמען ווערט מען געוווינט. ריכטיק, אָבער מיר האָבן זיך נישט געקאָנט צוגעוווינען, אַז די מאַמע איז נישטאָ. יעדע זאַך האָט דערמאָנט אין איר מאַמישער זאָרג, וואָס האָט געקאָנט אפילו אין יענע צייטן אַרויסווייזן אַזאַ מסירת־נפש. זי האָט איינגעשטעלט איר לעבן פאַר אונדז. שטענדיק איז זי דאָס געווען די, וואָס האָט פון די אַרומיקע דערפער געבראַכט פּראָדוקטן. אין יענער צייט זענען די פּויערים געווען פול מיט

אומצוטרוי צו יעדן געקומענעם מענטשן, אַפּילו דעם, וואָס זיי האָבן גוט געקענט, בפרט לגבי אַ יידישקע.

צום טויט האָב איך זיך צוגעוווינט, אָבער דאָס בילד פון דער מאַמען אויפן וועג מיט די עמערס פוןביידע זייטן פון איר גוף, — פאַרפאָלגט מיך ביזן היינטיקן טאָג.

פון דאַן אָן האָט זיך די מלחמה אַריינגעריסן אויף דער אמתן אין אונדזער לעבן. כ׳גלויב, אַז אויך סימע האָט עס דאַן געפילט. כ׳האָב געהאַט אַ שטאַרק געפיל פון אַ געענדערטער וועלט, וואָס קייקלט זיך ערגעץ אין אַן אומבאַשטימטקייט און אויסזיכטלאָזיקייט.

— ווייטער בלייבן אין הייזל איז געווען אוממעגלעך. מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס הייזל.

— געדענקסט, ווי מיר האָבן געוואַנדערט איבער די חורבות און באַהאַלטן זיך אונטער אַ גרודע ציגל, וואָס האָט זיך געעפנט ווי אַ הייל און מיר האָבן דאָרט איבערגעוואַרט ביזן אָוונט.

— יאָ, כ׳געדענק גוט, סימע. דאָס איז דאָך גאַרנישט צו דערציילן.

דער פּחד צו באַוועגן זיך איז געווען גרויס. אויפן שליאַך האָט זיך כסדר באַוועגט דייטשיש מיליטער. די זון האָט זיך שוין געקליבן אין איר רו. נאָר מיר האָבן נאָך נישט געוווסט, וווּ וועלן מיר דעם קאָפּ אַוועקלייגן. פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַ קול פון אַ פּרוי: גייט אַרויף העכער, דאָ זענען דאָ טרעפּלעך. מיר קוקן זיך אַרום מיט שרעק. אין דער ערשטער מינוט טראַכטן מיר: אפשר ליגט אונטער דעם רוף עפּעס אַ געפאַר אָבער דאָך פּרובירן מיר צו זוכן. מיר זעען קיין זאַך נישט. דאָס קול האָט זיך ווידער דערהערט. אָבער דאָ האָט עס אונדז שוין באַפוילן: — „וואַרפט אָפּ די ציגל און שטיינער, וועט איר טרעפן געפינען.“ און אַזוי איז עס געווען. ווען מיר זענען אַרויף, זענען מיר נשתומם געוואָרן — מיר האָבן דערזען אַן אויסגערוימט צימער. אין די ווינקלען זענען געווען אָנגעלייגט זעקלעך און פאַרשידענע פּעקלעך. ווען איך האָב דערזען דעם צימער, מיט די בענק ביי די ווענט, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דאָ האָט זיך געפונען דער פּרץ־קלוב. פון דרויסן איז געווען שווער זיך צו אָריענטירן, ווו מיר געפינען זיך, — קיין סימן פון קיין ביכער זענען נישט געווען. דאָס האָבן

די דייטשן זיי אַרויסגעפירט נאָך אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה. אַחוץ דער פרוי, וואָס האָט אונדז גערופן, האָבן זיך אין טיילווייז אָפּגעהיטן לאָקאַל געפונען נאָך צוויי פרויען. קורץ, דאָס איז געווען דער הילפספונקט פון דעם פּאַרטיזאַנער־שטאַב.

דוד מאַשקאָווסקי איז אַנטשוויגן געוואָרן. טיף אָפּגעאָטעמט און ווייטער דערציילט:

מיר האָבן כסדר געלעבט אין פּחד, כסדר אונטער דער געפאַר פון טויט, אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט ביז דאַן, האָט אונדז אויסגעזען אַ גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס האָט געוואַרט אויף אונדז אין אונדזער פּאַרטיזאַנער־וואָגל. מיר זענען געווען אָנגעלאָדן מיט אַזויפיל שנאה צו די נאַציס, אַז קיין זאַך האָט אונדז נישט געקאָנט אָפּשטעלן. ווען מיר ווייסן אַפילו פון פאַרויס, ווי שווער ס׳וועט אונדז זיין צו נעמען נקמה, — האָט אונדז קיין זאַך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן.

דוד מאַשקאָווסקי האָט פאַרייכערט אַ פּאַפּיראָס, אַ קוק געטאָן אויף זיינע צוהערער. אַ שטילקייט האָט געהערשט. סימע איז געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און פאַרזונקען אין אירע מחשבות. יעדעס וואָרט האָט איר געבראַכט אַסאָציאַציעס פון יענער צייט.

— אין אָוונט, — האָט דוד מאַשקאָווסקי ווייטער ממשיך געווען זיין דערציילונג, — זענען געקומען די פּאַרטיזאַנען. זיי האָבן גענומען די פּעקלעך און זעקלעך און מיטגענומען מיט זיך די מענטשן. געבליבן איז נאָר די עלטערע פרוי, אין די קורץ־געשוירענע האָר, וועלכע האָט אונדז באַפוילן אַריינצוגיין. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער פּאַרטיזאַנער־לעבן. — מיט איין מאָל אַריינפאַלנדיק אין וואַלד, האָבן מיר געמוזט בייטן דעם שטייגער־לעבן. דאָס האָט אונדז געטראָפן נישט צוגעגרייטע אין גאַנצן, פּאַקטיש איז דאָס דאָך געווען אַ צופעליקייט.

— מיר האָבן זיך נאָך אַ געוויסער צייט צוגעפּאַסט. דער לעבנסדראַנג, טראָץ די געפאַרן, האָט געטאָן זיינס. עס האָט זיך גערדוכט, אַז די געפאַרן האָבן אַרויסגערופן דראַנג צום לעבן. דעם ערשטן ווינטער האָבן מיר ווי עס איז דורכגעמאַכט; ער איז געווען אַ שפּעטלעכער, אָבער שפּעטערע יאָרן איז דאָס געווען אַ כסדרדיקער געראַנגל מיטן פראָסטיקן אָנגריף,

וואָס האָט אין די הונגער־טעג אויפגעגעסן יעדע איבערבלייבעניש פון א גערויקס, אָדער גרעזל. יעדן האַרבסט פלעגן מיר מקנא זיין די וואַנדער־פייגל, כאָטש אַ סך פון זיי זענען, מסתמא, נישט דערפלויגן אין די וואַרעמע לענדער און אין אָפּגרונט פון ים אומגעקומען. מיר זענען זיי מקנא געווען שוין צוליב דעם, וואָס זיי האָבן מאַסנווייז פאַרלאָזן די ערד, וווּ היטלער האָט געברענט און געבראָטן אונדזערע טריט. און נישט נאָר אונדזערע — ווייניק פּאָליאַקן האָט ער פאַרניכטעט?

אונדזער פאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג האָט געזוכט אַ פאַרבינדונג. מיר האָבן זי געפונען. אין די טיפע וועלדער אַרום אונדזער געגנט זענען אַ סך פאַרטיזאַנער געווען. דאָס האָט איר דאָך שוין געהערט און וועגן דעם אַ סך געלייענט.

פאַרשאַרפט האָט זיך אונדזער לאַגע נאָכן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד. ביז דאַן האָבן מיר נישט נאָר די ערד פאַרלאָרן, נאָר אויך דעם הימל. ער האָט זיך פאַר אונדז געעפנט, ערשט אין סוף 1943, ווען עס האָבן זיך באַוויזן די רויטע שטערנס, וואָס האָבן אין מיטן טאָג גענומען יאָגן די שוואַרצע האַקנקרייצן אויף צוריק. דער הימל האָט ווידער זיך בלוי באַקומען. נאָך די אַקציעס פלעגן מיר אָנשטאָט צו שלאָפן, שעהנווייז אויס־קוקן די מינוטן, ווי די רויטע אָדלערס האָבן די שוואַרץ־ברוינע פרייסישע פעסט געטריבן. דאָס האָט אונדז כוח און אויסדויער געגעבן.

— זע נאָר, זע, — האָט ישראל אויסגענוצט דאָס מינוטיקע שווייגן.

— אַ גאַנצער פאָעט איז ער געוואָרן. דאָס אַלץ ביי דער מאַשין?

— לאַכט נישט. אין די וועלדער זיצנדיק אין דער איינזאַמקייט, איז טיילמאָל געווען אַ סך צייט פון אַקציע צו אַקציע. אַ געוויסע צייט איז סימע געווען גאָר אין אַן אַנדערער אָפּטיילונג. מען האָט דאָך נישט געקאָנט שטענדיק אַלעמען שיקן אויף אַקציעס, בפרט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן גרויסע אויפרייסן, ווי באַנען, בריקן.

אמת, אינגאַנצן איינזאַם בין איך נישט געווען, — האָט דוד מאַשקאָווסקי ממשיך געווען, — אָבער דאָך מער מיט זיך אַליין. כ׳פלעג דאַן אַ סך נאָכטראַכטן און זען דייטלעך דאָס אַמאָליקע לעבן און ווי עס האָט זיך איבערגעריסן — באַרג־אַראָפּגאַנג פון לעבן. טעג און נעכט פון

העלפן פאַרניכטן דעם שונא האָט פאַרגעניגן פאַרשאַפן. כ׳האָב באַקומען נייע פרייד. עס האָט מיך געצויגן צו דער ערד, וואָס איז מיר פריער פרעמד געווען. געוויינלעך האָט איינער דעם צווייטן וויניק געפרעגט, בדרך כלל האָט יעדער געטראָגן לעבעדיקע ווונדן אין האַרץ פון די נאָענטסטע, וואָס זענען ערגעץ אומגעקומען. אַזעלכע טעג האָבן זיך פון זיך אַליין גענומען, איינגעלייגט אין אַ סדר, מעשיות וועגן שווערער קינדהייט, יתומימדיקער יוגנט, וועגן דער מאַמע און היים, וועגן סימען, וואָס האָט מיך נאָר פאַרלאָזן אויף אַ צייט, אָבער מיר האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן, וואָס עס וועט מיט אונדז געשען. דאָס האָב איך אין די מאָמענטן גערעדט מיט זיך אַליין.

— ס׳טרעפט אויך נאָך היינט, אַז עס לייגן זיך אייערע געדאַנקען אין מעשהלעך?

— נאָך דאָס פעלט מיר, — האָט זיך מיט אירע גיכע רייד אַרויסגע־ריסן סימע — אַ פּאָעטניק.

— סימע, לאָז רעדן! — האָט דוד מאָשקאָווסקי מיט פאָרוואורף אַ קוק־געטאָן אויף סימען, — ווי אַלע ווייבער ניין מאָס רייד.

— חלילה! די מענער קאָנען נישט דעם פאַך פון רעדן, וואָס?

— גענוג, סימע. כ׳האָב נישט געמיינט דיך צו טרעפן. לאָז רעדן. ווייל דאָ וויל איך עפּעס דערציילן, טאַקע וועגן דיר.

— אונדזער פאַרטיזאַנער־גרופּע איז באַשטאַנען קודם־כל פון יידן. ס׳זענען אויך געווען ביי אונדז עטלעכע פּאָליאַקן, וואָס דער שטאַב האָט זיי צו אונדז צוגעטיילט. צווישן אַנדערע דער „קולאָווי יוזעק״. ווי אַזוי די ידיעות פון דער אויסערלעכער וועלט זענען דערגאַנגען אין וואַלד, האָב איך נישט אַלעמאָל געוווסט. מיר האָבן געמיינט, אַז ער איז עס געווען דער, וואָס האָט זיי געבראַכט, אָבער עס זענען געווען צייטן, ווען יוזעק דער קולאָווי (ער האָט אַ ביסל געשלעפּט דעם רעכטן פוס) האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און די ידיעות וועגן די פראָנטן זענען צו אונדז דערגאַנגען רעגלמעסיק. מיר האָבן אַלץ געוווסט, וואָס עס טוט זיך אויף די פראָנטן. שפּעטער זענען מיר דערגאַנגען, אַז ערגעץ־ווו איז אַזוי געווען פאַרקאָנספּי־רירט דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט, אַז נאָר איין מענטש, דער קאָמענדאַנט אַליין,

האָט געוווּסט פֿון דעם. צייטנווייז זענען מיר אַלע געווען אָן אַ שטאָך אַרבעט. אָבער דער קולאַווי יוזעק האָט געדאַרפֿט זיין יעדן טאָג אויסערן וואַלד. עפּעס אַ ספּעציעלע פֿונקציע האָט ער געהאַט, און דאָ — ער רירט זיך נישט פֿון אָרט.

—פֿאַרוואָס? האָט חנה מיט נייגער געפֿרעגט. פֿאַרוואָס איז אים דערלויבט געווען נישט אויסצופֿילן זיינע פֿליכטן?

— צוליב וואָס? צוליב סימעלען. צוליב איר, סימעלען, צוליב אירע אויגן, פֿלעגט ער זאָגן. ביז דער מלחמה איז ער געווען אַ דאָרפֿישער פֿאַסטעך ערגעץ אין דעם געגנט, צוליב דעם האָט ער געקענט גוט די אָרטשאַפֿט. עס האָט זיך אייך שטענדיק געדאַכט, אַז ער וויל אייך עפּעס אַ פֿאַרטרויילעכע זאַך זאָגן. אין זיינע אויגן איז שטענדיק געלעגן אַ רעטעניש. דאָס בלוט זיינס האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט זי גענומען פֿאַרפֿאָלגן. ווי פֿאַרכישופֿטע האָבן זיינע אויגן נאָכגעפֿאָלגט נאָך יעדן ריר אירן. פּיינלעך איז דאָס געווען. עס איז מיר געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף סימען, ווי זי איז ביסלעכווייז אויסגעטרוקנט געוואָרן. וואָס אַ טאָג איז געוואָרן שווערער. מיר האָבן כּסדר געלעבט אין מורא פֿאַר זיינס אַן אומגעריכטן אויסברוך. מיר, דאָס הייסט איך מיט סימען, האָבן אַריינגע־קלערט, ווי אַזוי אויפֿצולייזן דעם גאַנצן פּיינלעכן פּלאָנטער, אָבער מיר האָבן קיין אויסוועג נישט געפֿונען. פֿאַרפֿירן מיט אים אַ קריג, איז געווען געפֿערלעך, ווייל אין אָן אַנגעגליטער וואַלד־אַטמאָספֿער פֿון דיווערסיעס, אַקציעס, האָט אַזאַ ליידנשאַפֿט, וואָס האָט אים אינגאַנצן פֿאַרפֿלייצט און זיך געגרענעצט מיט אַלע אומגעריכטע פֿאָלגן, געקאָנט ברענגען דעם טויט פֿון קנאַפּע פֿערציק מאַן. מיט גוטן האָט אויך נישט געטויגט. האָבן מיר זיך פֿאַרלאָזן אויפֿן גורל. אפֿשר וועט אויך די צייט אַנטשיידן. העלפֿט גאָט — ס'איז אונטערגעקומען אַן אַקציע, אַן אָנפֿאַל אויף אַ זשאַנדאַרם־פּאַטראָל. און דאָ האָט אונדזער קאָמאַנדיר באַשטימט אַלע דריי אַדורכצופֿירן די אַקציע. זענען מיר צוזאַמען אַרויס צום אָנגעוויזענעם פּונקט און, ווי ביי יעדער אויפֿגאַבע, האָבן מיר געצויגן קוויטלעך, ווער עס זאָל וואַרפֿן דעם גראַנאַט. און דער גורל איז געפֿאַלן אויפֿן קולאַווי יוזעקן. ער איז אַרויס, זיך פֿאַרטייעט, און ווי נאָר ס'האָט זיך באַוויזן דער

זשאַנדאַרם־פּאַטראָל, האָט ער אַ שפּרונג־געטאָן פאָרויס און אַ וואָרף־געטאָן דעם גראַנאַט. מיר זענען געווען פּאַרטייעט הינטערן הייזל, וואָס אין אָנהייב וועג, אויף שמירה. אָבער דאָ איז געשען אַ גאָר אומדערוואַרטע זאַך: די ידיעה וועגן פּאַטראָל איז, ווייזט־אויס, נישט געווען קיין גענויע. ס'איז טאַקע געפאָרן דער זשאַנדאַרם־פּאַטראָל, אָבער הינטער אים — אַ גרופּע באַוואָפנטע זעלנער, וועלכע האָבן ראַפּטעם נאָכן באַווייזן זיך פון קולאַווי יוזעקן, זיך אַ וואָרף־געטאָן אויף אים.

דוד מאָשקאָווסקי איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך פאַרטראַכט. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט צער. מען האָט געפילט, אַז ער לעבט דאָס אַלץ נאָך אַמאָל איבער. יאָ — האָט ער אָפּגעזיפצט — פון זיך אַליין האָט עס זיך געלייזט.

## קאַפּיטל צען

זעלדע און פעלע זענען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג אין הויף. זייערע קיישלעך זענען געשטאַנען לעבן זיי. דאָס איינגעקויפּטע גרינס האָט נעבעך געוועלקט אין דער צעגליטער פאַרמיטאָג־זון. זיי האָט דאָס גאָרנישט געאַרט. באַוואָפנט די אויגן מיט שוואַרצע זון־ברילן, און די קעפּ אין די שטרויענע שוואָמען־הוטן, זענען זיי געשטאַנען און געשמועסט. די זון האָט אָנגענעם געוואָרעמט זייערע פּלייצעס פון די טיף־אַרויסגעשניטענע משונה ראַשיק־געבלומטע קאָטאָן־קליידלעך. פון אָנהויב איז זייער שמועס צוגעגאַנגען שטיל, בנעימות — ווי עס פירט זיך. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך דער שמועס צעפלאַקערט — אויך ווי עס פירט זיך — און מען איז אַרויס אויפן הויכן קול:

— וואָס דערציילט איר מעשיות, זעלדע, אַז זי האָט פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע, אַן אייגענע הייזקע, שוועסטער און ברידער? „ליובאָוו ניע קאַר־טאָשקאַ״ — זאָגט איר? זי האָט זיך פאַרליבט אין פּיוולען? זי האָט

געוואָלט כאַפּן אַ מאַן. דאָס איז עס, זעלדע, האָט זיך שוין פּעלע אָנגע־הויבן היצן: אַ קלייניקייט ליבע... דאָ זענע איר געקומען צוהילף די אַלע העלדינס פון די גראָשן־ראָמאַנען, די אַלע פּאַרפּירטע מיידלעך, וואָס אייגנטלעך לאָזן זיי זיך פּאַרפירן אין דעם אומוויסן און אין דער בענקשאַפט נאָך ליבע. איר האָט געזען, זעלדע, דעם נייעם פילם „לילה״? וואָס פּאַראַ הנאה האָב איך געהאַט, ווען ענדלעך האָט זי באַקומען איר אויסדערוויילטן און געלעבט ווי אַ קייסערינע.

— נאַרישקייטן. אַלץ אין פילם אונטערן רעזשיסערס שטעקעלע. פּעלע, אין לעבן איז אַלץ פּשוטער.

— ליבע דערהויבט. וויפל טרערן, זעלדע, האָב איך אויסגעגאָסן איבערן גורל פון די אומגליקלעכע מיידלעך?

— פאַרוואָס גלויבט איר נישט אין דעם, אז רחל זינגער, טאַקע נאָך די פּערציקער, האָט זיך פאַרליבט אין איר פּיוולען. ווען נישט היטלער, וואָלט נאָך געלעבט איר ערשטער מאַן, דאַן וואָלט איר לעבן אַוועק גאָר אַנדערש.

— אַוודאי, — אָן צווייפל, אָבער ווען וועמען ווילט איר, זעלדעניו, איינרעדן, אַז רחל זינגער האָט זיך פאַרליבט אין פּיוולען. אין אַזאַ עלטער.

— ליב האָבן קאָן אַ מענטש ביז שפּעט. און רחל זינגער איז געווען נישט אַזוי אַלט.

— זעט איר דאָך וואָס עס איז אַרויס פון דער ליבע, זעלדע.

— וואָס מאַכט איר, פּעלע, פון רחלען זינגער אַזאַ אומגליקלעכע? אַרבעטן — אַרבעט זי. זי זיצט טאַקע מיט אַ טישל מיט לאָטעריי־צעטלעך, אָבער דאָך אַן אַרבעט. אמת, פּעלע, רחל זינגער איז געווען אַ ספּעציאַ־ליסטין, אַ בראַקיראָווטשיצע אין אַ טעקסטיל־פאַבריק אין אָדעס, דאָרט ווו זי האָט געלעבט ביזן קריג. און דאָ האָט מען איר נישט צוריקגעקערט צו איר פאַך. פון דעם ליידט, מסתמא, רחל זינגער, מיין איך.

— מה יש? וואָס פאַראַ צימעס איר מאַכט מיט איר מומחיות? פּעלע האָב ליב געהאַט אַריינצוּוואַרפן אין יידיש אַ העברעאיש ווערטל, כדי זיך צו באַווייזן אַז זי קען עברית. אין דער אמתן האָט זי די קורסן אין דער שכונה פאַרלאָזן נאָך אַ חודש צייט, ווייל פּונקט אין איינע פון די טעג

פון די לעקציעס פלעגט איר מאַן קריגן הנחה־צעטלען אין קינאָ. ווי קאָן אַזאַ ליבהאָבערין פון ראָמאַנען און ראָמאַנס דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט. מילא, וואָס קאָן מען טאָן. ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי דעמאָנסטרירט איר „ביסל" קענטעניש, וואָס זי האָט זיך באַוויזן אויסצולערנען.

— מה יש — מומחית? עס איז דאָ יינגערע פאַר איר.

— וואָס דערציילט איר, פעלע, יוגנט! קיין יוגנט גייט נישט צו דעם פאַך און צוויטנס, ווען מען וואָלט אַלע צוזאַמען געקעמפט מער פאַר רעכט אויף אַרבעט, וואָלט דאָס דער פרוי אויך פאַרגרינגערט און ס'וואָלט נישט געגאַנגען לאיבוד מענטשן פאַך־קענער, ווי רחל זינגער.

— זעלדע, — האָט שוין גאָר אויפן קול אָנגעהויבן פעלע, אַז אויך די דורכגייער זאָלן הערן, — וואָס דערציילט איר מיר וועגן אַזעלכע ענינים. דאָס איז ריינע פּראָפּאַגאַנדע. עס שמעקט מיט קאָ...

— איר פאַרגעסט, זעלדע, אַז זי איז אין דער מולדת און למען המולדת מוז מען אַלץ מקריב זיין! — האָט זי פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל און איינגעצויגן אירע ליפּן, ווי צו אַ תפילה.

זעלדע האָט איר נישט געוואָלט אָנווייזן אויף דער צביעות אין איר באַציאונג צו דער מולדת, צו דער שפּראַך. זי האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אַראָפּפירן פון וועג.

— ריכטיק, פעלע, אָבער וואָס איז דאָס שייך צו איר מאַן, פּעלוניע, — האָט איר דאָך אַליין מיר געהאַט דערציילט, ווו ער פאַרברענגט זיינע אָוונטן, און רחל פירט אַ זעלבשטענדיק און כמעט אַן איינזאַם לעבן. ווען נישט דאָס, אַז זי איז אַן אַקטיווע שלום־קעמפערין און פון צייט צו צייט איז זי פאַרנומען אין די אָוונטן, וואָלט זי אויסגעגאַנגען פון אומעט און בענקשאַפט. רחל זינגער האָט געהאַט אַן אַנדער דערציאונג.

פעלע האָט געוואָלט איבעררייסן זעלדען אין מיטן אירע רייד, נאָר זי האָט זיך נישט געלאָזט.

— איר ווילט נישט הערן, ס'פּאַסט זיך נישט אַריין אין אייערע ליבעס־ראָמען. זי וואָלט אים געדאַרפט שטעכן, סמען, — זי ליידט אַ סך. נישט קיין משפחה־לעבן ווי עס באַדאַרפט צו זיין, נישט קיין ריכטיקע אַרבעט, די

אַנדערשקייט פון לעבנס־באַדינגונגען אין וועלכע זי לעבט איצט, דאָס אַלץ פירט זי אויף אַנדערע וועגן.

רחל זינגער האָט ליב איר מולדת, דעם ים, אָבער זי בענקט נאָכן שוואַרצן ים פון איר קינדהייט און יוגנט און יעדער בריוו פון דער היים איז פאַר איר אַ קוואַל פון פרייד און איז זי מחיה נפש.

ווען זעלדע האָט געענדיקט אירע רייד, האָט פעלע אויפגעהויבן איר קײשל, אַוועק אַ ברוגזע און דורך די ציין אַ שיפּע געטאָן: קאָמוניסטקע...

## קאַפּיטל עלף

דריי בײנאַכט. אַנצינדן דעם לאָמפּ און לייענען איז אוממעגלעך, ווייל באַלד וועט זי זיך אויפוועקן, — טראַכט אברהם. אַרום איז שטיל. מען הערט אַפילו נישט קיין פאַרשפּעטיקטער מאַשין דורכפאָרן. די נאַכט איז שוין געווען מעוברת מיט דעם אָנקומענדיקן טאָג.

ווי גוט וואָלט געווען, ווען מען וואָלט געקאָנט אַרויס אין אַן אַנדערער דירה. דער ריח פון דער וואַדי פאַרסמט. די געדיכטקייט פון די הייזער שטיקט סיי מיט דער דושנעקייט פון דער לופט, און נאָך מער פון דער ענגשאַפט, פון דער קאָמפּאַקטקייט פון צוזאַמענוווינען, ווו איין לעבן איז אָפּגעטיילט פון צווייטן בלויז מיט דינע ווענטלעך. דאָס ראַשיקע לעבן פון גאַס רייסט זיך אַריין דורך די אָפענע פענצטער און באַלקאָנען, דער טומל אין שטוב ווערט נאָך טומלדיקער און דו בענקסט נאָך אַ ביסל רו וואָס דו קאָנסט אַפילו בײנאַכט נישט געניסן, ווייל ביז האַלבער נאַכט רוישט שטענדיק אויפן כביש. בלויז אין די געציילטע פאַרטאָג־שעהן קאָן מען געניסן פון רו — נאָך דער אַרבעט און נאָך די איבערלעבונגען פון טאָג. אַזוי טראַכט אברהם — אָבער דאַן שלאָף איך דאָך און איך קאָן פון דער געבענטשטער רו וואָס קומט פון פריע, שאַריענדיקע מאָרגן־שעהן, נישט געניסן.

אַזויפיל ציען זיך אַרויס. דאָס געסל איז ווי אַן אַריינפאָר־הויז, ווו איינציקע זיצן איבער עטלעכע יאָרן און אַנדערע האַלטן אין איין וואַרטן. און די דירות וואַקסן איבער נאַכט. אַזוי יאָר־יערלעך. מיט קויפן אַ דירה איז אַקוראַט ווי אַ טשערעפּאַכע זאָל וועלן דעריאָגן אַ האָז — טראַכט אברהם — שטענדיק וועט דער האָז זיין פאָרויס.

— אַ סך זענען אַוועק אין גרעסערע דירות. קינדער זענען געוואַקסן, נייע זענען געבוירן געוואָרן און צעשפּאַרן די ווענט איז אוממעגלעך געווען.

— איז נישט קיין וווּנדער, — זאָגט ער כמעט אויפן קול צו זיך אַליין — וואָס אַן אייביקע קנאה פרעסט די, וואָס בלייבן אין דער ענגשאַפט פון שטח. אַן ענגעניש וואָס מאַכט איבעריק די צאָל קינדער, וואָס וואַקסן־אונטער. די מאַמעס לאָזן אויס זייער כעס צו זיי. גראָד צו זיי, וואָס זענען גאָט די נשמות שולדיק. שולדיק זענען נאָר זייערע באַשאַפער. אָבער, גיי זאָג זיי דאָס, — אַז אין אימפּעטיקן לעבן און גראַנגל נאָך אַרבעט, נאָך ברויט זוכט מען אַ טראָפּן פאַרגעניגן, וואָס קאָן אַריינטראָגן אַ ביסל פאַרב און זוניקייט אין דער גרויקייט פון זייערע טעג. גייט זאָגט זיי „האָט נישט קיין קינדער" און געַנוג.

די דירות זענען קליינע, זאָגן זיי, די „פריצים" — שטעכעלירן די פאַרבליבענע יענע, וואָס ציען זיך אַרויס: זע־נאָר־זע, פריצים גאַנצע! פאַרבאָרגט און פאַרשולדיקט זיך איבערן קאָפּ, אַבי אין פּאַלאַצן. דאָס געפיל פון קנאה, — טראַכט זיך אברהם — פאַרקריפּלט דעם געפיל פאַר יושר — אַז עס קומט זיי. אַז די וואָס רייסן זיך אַרויס, וועלן די טויזנטער באַצאָלן. די חובות וועלן צונעמען נישט איין נאַכט רו פון זייערע אויגן. די טאַטעס וועלן נישט איין צענדליק איבערשעהן אַרבעטן אין די דושנע, ענגע וואַרשטאַטן און די מאַמעס וועלן ביים „ספּאָנדזשע" זייערע הענט פאַרקויפן אַזוי, אַז עס וועט זיי וויניק בלייבן צייט פאַר זיך — דער עיקר פאַר זייערע קינדער.

— איז טאַקע נישט אַלעמאָל בליען געזונטע געוויקסן אין געסל, — טראַכט אברהם אין די שעהן פון אויפגייענדיקן טאָג. אין דער געדיכטעניש פון מענטשלעכן שווייס און משפּחה־ערטיק, בליען זיי, די קראַנקע

בלומען, וואָס ווערן אויך דאָ אויסטערליש. מיט קרומע וועגן, וואָס דערטראָגן זיך דאָ מיט דער געדעמפּטער לופט פון די נאַכט־הייזער פון צענטער שטאָט און די ברעגעס פון יפו. — אין דער אטמאָספער וואַקסט אַ קראַנקע בלום. צומאָל — אין גאָר יונגן עלטער, ווען עס האָט זיך רעכט נישט צעבליט.

נייק, עפּעס איז נישט בסדר אַרום אונדז — טראַכט אברהם — אָבער ווי ס׳ליגט די סיבה, קאָן ער נישט פאַרשטיין. ער איז אַ צברה בן צברה, דער דריטער דור אין לאַנד, און קיינער האָט אים נישט געלערנט אַריינקוקן טיפער אין לעבן. ער פּרוּווט אַליין דערגיין די סיבות פון דעם אַלעם, אָבער נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג אין דער שוך־פאַבריק „נעלי לעם״, באַוועגט זיך זיין מוח שווער און האַמעטנע.

## קאַפּיטל צוועלף

באַלד פון דער פרי האָט שלמה געשריגן:

— מיין מאַמע איז געוועזן גערעכט. זיבן טעפּ — האָט זי געזאָגט — וועסטו איר דאַרפן קויפן. יעדן טאָג וועט זי קאָכן אין אַן אַנדער טאָפּ און שבת וועסטו זיי טאָקע אַליין שייערן. וואָס האָסטו זיך עפּעס אויסגעקליבן אַן אַשכנזרין מיט ווייסע הענטלעך? אַ שוך־פּוצער וועסטו ביי איר ווערן, — אַ ת...־לעקער, האָט דער טאַטע געזאָגט. אויך דער טאַטע איז געוועזן גערעכט! — האָט שלמה נאָך העכער ווי פריער געשריגן. זיי האָבן ליב לאַנג צו שלאָפן, — די אַשכנזישע ווייבער — האָט ער מיך געוואָרנט און איך: נייך און נייך, — חנה איז מיינע, נאָר זי און זי...

דער כעס האָט אים אַ זעץ־געטאָן אין קאָפּ. זי האָט געווענדט אירע גרויסע, גרינע אויגן אויף אים, בעטנדיק זיך מיטן בליק, אַז ער זאָל זיין שטיל, ווייל מען הערט אַלץ דורך די אָפענע פענצטער. יעדעס וואָרט. צו

זיין באַוווּסטזיין איז דאָס אָבער נישט דערגאַנגען. דער כעס האָט פאַר־שטעלט אַלע וועגן צום פאַרשטאַנד זיינעם.

ער האָט ווייטער אָנגעהויבן זיינס:

— מיין געפיל נאַרט מיך נישט אָפּ. אָט, היינטיקער חלום: כ׳האָב דיך געזען אויף די צעבושעטע כוואַליעס פון ים. דיינע צעלאָזענע בלאָנדע האָר און דיין שמייכל האָבן געכישופט. אין דעם טאַקע ליגט דער סוד פון דעם סם, מיט וועלכן דו פאַרטשאַדעטסט מענער. דו ביסט געווען אַ וואַסער־פרוי — האַלב־פרוי, האַלב־פיש. און אַ וווּנדער — דו ביסט נישט געשווּמען, נאָר האָסט געטאַנצט און געשמייכלט אַרום די מענער — אַ ים מיט מענער.

ווען ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן דעם חלום, איז ער אַ ביסל אַראָפּ פון פריערדיקן טאָן און גענומען שטיל שילדערן, וואָס אים האָט זיך געחלומט.

חנה איז צו צו אים און אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין קורץ־געשוירענעם קאָפּ, גענומען אים וואַרעם גלעטן און ווייך געזאָגט צו אים:

— דו ביסט דאָך נאָך אַזאַ שווערער קראַנקייט, היט דיך האַרץ. ס׳קאָן דאָך נאָך עפּעס געשען מיט דיר. ס׳איז נאָך קיין יאָר נישט ווי דו ביסט פון שפּיטאָל אַרויס.

שלמה האָט גענומען האַסטיק שפּאַנען איבערן צימער און אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך געזעצט ביים פענצטער און געקוקט טעמפּ אין דרויסן אַרויס.

חנה איז אַריין אין קיך גרייטן מיטאָג. ביידע האָבן די גאַנצע צייט פאַרעקשנט געשוויגן. די שטילקייט איז געווען אַ געדיכטע, אַן אָנגעלאָדענע, וואָס האָט געקאָנט ביי דער מינדעסטער סיבה אויסברעכן.

ווען חנה האָט געענדיקט זיך פאַרען ביים מיטאָג, איז זי אַריין אין צימער און געזעצט זיך לעבן שלמהן.

— דו ביסט ברוגז אויף מיר? אויב דו האָסט דווקא געוואָלט, האָסטו דאָך געקאָנט פאָרן מיט די שכנים צום ים. יאָסי וואָלט געווען צופרידן, ווען דו פאָרסט מיט זיי מיט. דער שבת נאָך דער וואָך אַרבעט איז דאָך פאַר דיר, אויף צו האָבן אַ ביסל פאַרגעניגן. אָבער דו ווייסט דאָך,

ס׳איז מיר געווען אוממעגלעך היינט צו פֿאָרן — האָט זי זיך באַמיט מיט א מילדן טאָן איינטענהן מיט אים ווי מיט אַ קינד. זי האָט געגלויבט אין כוח פֿון איר בונד מיט אים. אָבער דאָס מאָל האָט דאָס נישט געהאָלפֿן.

ער איז אויפֿגעשפּרונגען מיט רוגזה — יאָ, אויף דעם וואָרטסטו, צו בלייבן אַליין. נישט גענוג דיר אַ גאַנצע וואָך? וואָס? דו מיינסט, אַז איך פֿאַרשטיי נישט צוליב וואָס זכריה קומט יעדעס מאָל בעטן עפּעס אַנדערש? איר אַשכנזער, פּריי זענט איר, וואָס?

אויף דעם האָט נאָר חנה ברייט צעעפֿנט אירע גרויסע אויגן און שטיל געענטפֿערט:

— שלמה, דו גלייבסט אַליין נישט אין דעם וואָס דו רעדסט.

— אָט־אָט — דאָס איז דאָס, דאָס זענען דיינע אויגן, וואָס זענען באַשאַפֿן געוואָרן, אַז זיי זאָלן אָפּנאַרן. זיי נאַרן און פֿון דער צווייטער זייט, ווען דו ווילסט, שטעלסטו זיי אָן אַזוי, אַז זיי לאַקן. זכריהן, ראובנען, אַלעמען, אַלעמען, דו ציסט זיי אַלעמען צו זיך, אַז זיי זאָלן זיך דרייען אַרום דיר ביז דו פֿאַרדרייסט זיי דעם קאָפּ ווי דו האָסט מיר פֿאַרדרייט. די אויגן — איך האָב זיי פֿיינט! האָט ער אין איין קול געשריגן.

— וואָס רעדסטו, שלמה, שטותן? זכריה האָט דאָך שוין אייניקלעך!

— אָט דאָס איז דאָס, וואָס עלטער, געפֿערלעכער, וואָס האָט דאָס געשטערט דעם 80־יעריקן מאַליאַנאַ חתונה צו האָבן מיט אַזאַ יונגע? ער איז טאַקע געשטאָרבן, אָבער אַ יונג ווייבל האָט ער געהאַט. גענוג אַ רגע — איז אויך חי־געלעבט. און זכריה איז דאָך נאָר 60.

— שלמה!

— וואָס דערציילסטו מיר מעשיות! אַז כ׳בין געווען אין מיליטער האָסטו אויסגעהאַלטן אָן מיר איין חודש? האָסט זיך שוין אויסגעפֿונען אַ פֿריילעכע קאָמפּאַניע. שלמהקע, דער מוזיקאַנט, מיט זיין חברותא. צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָט מען געהוליעט. מען האָט געטאַנצט אויפֿן דאַך, אַז דאָס הויז האָט געקאָנט איינפֿאַלן.

חנה האָט פֿאַר זיך אַ טראַכט־געטאָן: אָט דאָס איז עס. טאָמער האָט ער עפּעס צו איר תרעומות, — איז אין אַ חודש, אין צוויי אַרום, וועט עס

אַרויסקריכן. ער וועט דאָס נישט פאַרשווייגן. עס ליגט ביי אים אין האַרצן און ער מוז עס מיט דער פּיאַנע פון כעס, פּונקט ווי די כוואַליעס פון ים, אַרויסברעגנגען. איצט איז עס קאַפּויער־געקומען.

— שלמה, באַזין זיך, דאָס איז דאָך געווען שלמהקעס געבורטסטאָג. אַן איינזאַמער מענטש. איינער אַליין האָט ער אויסגעקליבן די געסט פון זיינע באַקאַנטע, וואָס זענען אים צום האַרצן. אַ מענטש איז נאָך אַזויפיל וואָגלענישן און געפּאַרן דערגאַנגען צו די פערציק. זי האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף אים מיט איר ברייטן, דורכדרינגלעכן בליק. מאָמענטנווייז איז זי געווען ענלעך צו דער פילם־אַקטריסע מאַרלין פערדי אין בילד „דער מלאך המות פון ליבע". אָבער שלמה האָט נישט געקוקט איצט אויף איר. ער וואָלט געווען צופרידענער, ווען זי וואָלט אָנגעהויבן צו שרייען, וויינען, אָדער גאָר ספּאַזמירן. דאָס וואָלט אים געגעבן אַ פּתרון־פּה, נאָך העכער צו הויבן דעם קול, כדי עס זאָל פון אים אינגאַנצן אַרויסשרייען דער אומרו, מיט וועלכן ער גיט זיך נישט קיין עצה.

אַזאַ אויסברוך ווי היינט האָט זי פון אים שוין לאַנג, לאַנג נישט געהערט, זינט דער מעשה אַדעק, איר יוגנט־חבר, וועמען זי האָט פּלוצלינג געטראָפן אין תל־אביב, אויף אלנבי. זי האָט געמיינט אַז ער לעבט נישט. פון דעמאָלט ביז היינט האָט זי אים אַזעלכן נישט געזען. אַ געשפּאַנטער, פול מיט צאָרן, איז ער געשטאַנען געווענדעט צו איר מיטן פּראָפיל. מיט ביידע הענט האָט ער זיך געהאַלטן ביים טיש. זיין שאַרף טונקעלער פּראָפיל האָט זיך נאָך מער אויסגעצויגן. די געדיכטע ברעם האָט אויסגעזען ווי אַ שוואַרץ צווייגל פון אַ נאָדל־בוים.

ער איז געשטאַנען און ווי נישט געזען זיין באַליבטן צימער, נישט די פריילעך־בליענדע בלומען־טעפּ אויף די פענצטער, נישט די העלע, נייע פאָרהאַנגען, וואָס חנה האָט זיי מיט אַ טאָג פריער אויפגעהאַנגען. זיי האָבן צוגעגעבן דעם צימער מיידלשן חן און לופטיקע דורכזיכטיקייט. די בלויע בלימעלעך, וואָס זענען אים נעכטן אַזוי געפעלן און אים באַרואיקט, האָבן אים אויסגעזען ווי שוואַרצע פּונקטן, און די גרינע בלעטעלעך האָבן זיך אים אויסגעלייגט אין פאַרשידענע אויסטערלישע

פיגורן. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס בילד אויף דער וואַנט פון פּיקאַסאָ — דער פּאַיאַץ אין ראָז און אין בלוי זאָגט צו אים:

— דו זעסט, וואָס זאָגסטו אויף דער צניעה, האַ? אַ הייליקע, וואָס?

— און דו, וואָס ביסט? האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער פּאַיאַץ האָט אַ פּינטל געגעבן מיטן אויג.

— שלמה, האָט אויפסניי חנה אָנגעהויבן: מען טאָר זיך נישט אונטערגעבן דעם כעס. ער פאַרפירט. ער האָט איר אָבער נישט געלאָזט ענדיקן. דער יצר-טוב האָט נאָך נישט גובר געווען דעם שוימיקן כעס און די גאַליקע אייפערזוכט. ער האָט ווידער גענומען קלאַפּן אין טיש:

— אין ביוראָ, ביי די אַרבעטס־שוועריקייטן, פאַרגעס נישט, אַז עס איז נאָך נישט אַריבער קיין יאָר, ווי איך אַרבעט דאָ, נאָכן ענדיקן דעם קורס מנהל־חשבונות און זיך באַפרייט פון דער שווערער אַרבעט, וואָס מיין קראַנק האַרץ האָט נישט געקאָנט אויסטראָגן.

נאָר דאָ איז געשען אַן אומגעריכטע זאַך פאַר זיי ביידן. מיט איין מאָל האָט זיך די אַטמאָספער אין צימער געביטן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זי, חנה, האָט דאָס פון איר שניידעריי אין קאָנפעקציע־מאַגאַזין און פון נאָך צוגאָב־אַרבעט געגעבן אים אַ מעגלעכקייט זיך צו לערנען, אַז עס זאָל אים גאָרנישט פעלן פון דעם נייטיקסטן וואָס ער האָט געדאַרפט, פאַר זיין געזונט, כדי צו ענדיקן. דאָס לערנען האָט אויך נישט ווייניק געקאָסט. און עס האָבן זיך ביי אים געעפנט אַלע קוואַלן פון פאַרשטאַנד, וואָס האָבן אים געפירט אויפן וועג צו זען, צו וואָס זי איז געווען מסוגל צו טאָן פאַר אים.

— ווייסט חנה, וואָס איך האָב איצטער געטראַכט?

— ?

— ווי דו האָסט דאָך געפונען אַלע מיטלען און וועגן, אַז איך זאָל נישט בלייבן קיין אינוואַליד, אַז כ׳זאָל קאָנען אַרבעטן מיט מענטשן גלייך, אַז כ׳זאָל זיך נישט פילן פון דער געזעלשאַפט מינדערווערטיק און אין דער משפחה, לעבן אויפן חשבון פון דיין אַרבעט.

— און איך, שלמה, — האָט זי אים וואַרעם אַרומגענומען מיטן אָרעם — האָב געטראַכט, ווי ליב עס איז מיר געווען יעדע אָנשטרענגונג פאַר

דיר, כדי זאָלסט נאָך דער שווערער האַרץ-קראַנקייט ווידער אַרויף אויף אַ וועג.

— דאָס איז אַלץ מיין פאַרשאָלטן הייס בלוט! זיי מיר מוחל, — האָט ער כמעט ווי געגומען זיך בעטן ביי חנהן.

חנה האָט אויפגענומען דעם וועג צו שלום און נאָר סקעפּטיש אַ טראַכט געגעבן: אויף ווי לאַנג? ווען דו האָסט צו טאָן מיט אַזאַ עמאָציאָ־נעלן און דערצו האַרץ־ליידנדיקן מענטשן, פאַר וועלכן יעדע מינוט קאָן ברענגען אַ גורלדיקן באַשייד. אויף ווי לאַנג וועט סטייען די רואיקייט און די ליבשאַפט? וועט די איפּערזוכט ווידער אַ ברי טאָן אונטערן האַרץ און ווי אַ ווולקאַן וועט דער כעס זיך אויסגיסן איבער די ברעגעס פון שכל? זי ווייסט, חנה, אַז ערגעץ־ווו אין דער טיף ליגט באַהאַלטן אויך דאָס, וואָ שלמה האָט געבראַכט פון זיין היים — דורותדיקע פאַרשקלאַפונג פון דער פרוי, וואָס האָט אויך אין מוסולמענישן אַרום געזען פאַרשטעלטע פנימער מיט פאַראַנדזשעס. דאָס אַלץ האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך מיט דער מאַמעס מילך!

וויפל לעבנס־כוח און ווילן צום זיין פאַרמאָגט ער? וואָס פאַראַ פייער און אומאויפהערלעכע טרייב־קראַפט באַוועגט אים? דאָס האָט איר געצויגן צו אים. ווי אַן אויפפרישנדיקער קוואַל איז ער געווען פאַר איר, — אַזוי טראַכט חנה וועגן שלמהן. ווי אַ יונג מיידל האָט זי געבראַכט פון דער אַלטער היים — און דורכן לאַגער דורכגעטראָגן — די מנהגים פון משפחהדיקייט, וואָס האָט שוין אין זיך אַריינגעזאַפּט געראַנגל: פאַר אַרבעט, דאָס וואַרטן אויפן טאַטן נאָך די גאַסן־אַרעסטן, לאַנגע חדשים דאָס שטילע פאַרביסענע שווייגן פון דער מאַמען, וואָס איז קיין טראָט נישט אָפּגעטרעטן פון אירס אין די סכסוכים מיטן טאַטן. און איצט איז זי צוריקגעשטויסן געוואָרן אויף צוריק — אַריין אין ווירוואַר פון ליידנשאַפטלעכן פאַרמעסט צווישן צוויי איינגאַנצן אַנדערע וועלטן. צוויי מענטשן, וואָס זענען אָבער פאַרבונדן מיטן קנופּ פון ליבע און גליק.

חנה האָט צו זיך טענות — זי האָט זיך ווייניק דערהויבן איבער דעם אַלעמען. לגבי איר טאַטן איז זי געגאַנגען אויף צוריק. זי מוסרט זיך און זוכט פאַר זיך אַ וועג, ווי אַזוי די צוזאַמענשטויסן פון צוויי באַזונדערע

כאַראַקטערן צו פאַרמיידן. דאָס אַלץ עסט זי אויף אינגאַנצן. און באַטש שפּעטער קומט נאָכן שטורעם אַ קוואַליקע פרייד פון געפינען זיך ווידער, אָבער... אויף לאַנג? — פרעגט זיך חנה.

## קאַפּיטל דרייצן

דושנע אין געסל. ווען מען וואָלט געקאָנט צעשפּרייטן אין דער ברייט דאָס געסל, אַז עס זאָל אַ ווייניק טאָן פון ערגעץ אַ ביסל פרישע לופט, וואָלטן זיך אַלע מחיה געווען. די קינדער ליגן אָבער אויף דעם קיין אַכט נישט. די ענגע דירות טרייבן זיי אַרויס אויפן גאַס — צי זומער, צי ווינטער. די איינציקע שטערונג איז דער רעגן. אין די טעג זיצן זיי אין די שטובער. לויפן זיי אַרום אין געסל האַלב־נאַקעטע אין די זומער־פאַרנאַכטן, כדי שפּעטער צו פאַלן אין שלאָף פון וווקס און קוועלן, פון וועלכן די מאַמעס קאָנען זיי אין די פעריען־פרימאָרגנס נישט דערוועקן.

דאָס זיין אַ גאַנצן טאָג אויפן גאַס, ווערט באַגלייט מיט רופעניש און געשרייען:

— גדי, הביתה!

— מזל — תעזוב אותי!

— מה אתה רוצה ממנה?

— הוא ילד קטן!

— בוקו, מה אתה עושה?

— רובי — לאכול.

— דליה — תפסיקי לצעוק!

אַזוי אַ גאַנצן טאָג. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי עמעצער זאָל שטיין איבער זיי מיט אַ בייטש און צווינגען זיי צו שרייען און אַריבערשרייען איינער דעם צווייטן.

קיין אייגענעם נאָמען האָבן נישט די מאַמעס. מען רופט זיי לויט די נעמען פון זייערע קינדער:

— אתה שומע: באה אמה של רותי ולא נותנת לשחק על־יד החלון שלהם.

— את יודעת: לאמה של יודית יש תינוק.

— לא תינוק אלא תינוקת — פאַרריכט שמעון — זאת ילדה.

— מה זה חשוב? — עקשנט זיך מזל. ילד קטן שמניקים אותו זה תינוק.

און אַז קינדער הייבן זיך אָן צו שפּאַרן איבער עפּעס — שפּרינגט מען זיך באַלד אין די אויגן, ווי העגער.

איז טאַקע יענע וואָך געווען פריילעך אין געסל. מאירקע האָט זיך אָנגעהויבן צו שפּאַרן מיט גדי, וועלכע פוטבאָל־מאַנשאַפט ס׳וועט געווינען היינטיקן שבת. האָבן זיי זיך אַזוי צעהרגעט, אַז די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים. אויף זייערע געשרייען, זענען זיך די מאַמעס געשפּרונגען אין די אויגן אַריין און געריסן זיך פאַר די האָר. אַנשטאָט צו באַרואיקן די קינדער, האָבן זיך נאָך דורכגייער אָוועקגעשטעלט און צוגעהאָלפן, פונקט ווי אויף אַ באָקס־מעטש:

— אַזוי, מאירקע!

— דערלאַנג אים, גדי!

— שטיי נישט אָפּ! — גיכער.

אַ נס, וואָס עס איז אָנגעפאָרן אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ און אַלע זענען זיך צעלאָפן.

אין געסל פעלן נישט קיין איינזאַמע מענטשן, מערסטנטייל צווישן די עולים. זיי האָבן זיך צוגעוווינט צום רעש און טומל, וואָס טראָגן אַריין דאָס לעבן אין געסל, בפרט — די קינדער. זומער דערטראָגט זיך דער דער רעש גאָר שאַרף אין די שטיבער דורך די אָפענע פענצטער, באַלקאָנען און דורך די דינע ווענט. נישט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי זיי האַלטן זיך און פאַלן נישט איין, אַז דורך זיי הערט מען, וואָס מען רעדט אין דער צווייטער וווינונג. אַז מען זאָל פון יענער זייט וואַנט אַנרייבן אַ שוועבעלע — הערסטו דאָס ביי דיר אין שטוב. איז קאָנסטו זיצן אין

שטוב און דאָס לעבן פון געסל דערטראָגט זיך צו דיר דורך אַלע זייטן, דורך אַלע שפּאַרעס.

בן־ציון איז דער איינציקער, וועלכער וואַרט נישט ביז עס וועט צו אים דערגיין דער רעש און טומל פון קינדערשן געלעכטער און געשריי. כמעט יעדן טאָג, ווי נאָר די קינדער באַוויזן זיך נאָכמיטאָג אין געסל, פאַרלאָזט ער דאָס צימער, נעמט זיין צונויפלייג-בענקל און זעצט זיך אין אַ זייט אויף דער גאַס.

פון אָנהויב האָבן אים די קינדער פיינט געהאַט.

— וואָס איז דאָס עפּעס פאַראַ מין זיצן אין גאַס און קוקן ווי מיר שפּילן זיך ?

— ס׳איז געגוג פאַר אונדז דער לערער אין קלאַס — האָט געזאָגט גדי.

— און דער מנהל אין שול — גיט צו דליה.

— און די מאַמע אין שטוב — ענדיקט שמוליק.

בן־ציון לעבט אַליין. ער קאָן זיך נישט אָפּגעוווינען פון זיינע אַלטע נטיות. אַ קליניקייט — דרייסיק יאָר געווען אַ לערער אין אונגאַרן. ער איז צופרידן, וואָס ער זיצט דאָ אויף דעם צונויפלייג־בענקל און האָט הנאה פון די קינדער־שטיפערייען. ווען ער זעט, אַז עס געשעט אָן עוולה אַ קינד, מישט ער זיך אַריין. נישט איינמאָל כאַפּט ער אַריין אַ גאָב פון גדיס שאַרף צינגל. דליהן דאַרף מען אויך די צונג נישט האַקן. זיי נעמען זיך דאָ אַלע אָפּ דערפאַר, וואָס אין שטוב מוז מען אַ ביסל צושווייגן, אַנישט פליען אַמאָל פּעטש.

בן־ציון איז הויך און דאַר. די קינדער זאָגן, אַז ער גייט, ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ שטעקן. בן־ציון גייט אַזוי גלייך, דערפאַר, זאָגט מירעלע, — ווייל ער האָט געמאַכט גימנאַסטיק יעדן טאָג. היינט מאַכט ער דאָס זעלטענער. ער איז געוואָרן פוילער. ער האָט אַפילו אויפ־געהערט צו גיין יעדן טאָג צום ים, צו דער חברה „נאַקעטע פּרינצן”, ווי זיי רופן זיך. ער לעבט־אויף, ווען ער זיצט אויף זיין בענקעלע און קוקט זיך צו צו די קינדער. שטענדיק האָט ער ביי זיך צוקערקעס. שמוליק זאָגט, אַז זיי וואַקסן ביי אים אין קעשענע.

ביסלעכווייז האָבן זיך די קינדער צוגעוווינט צו אים, און אים אַפּילו מוחל געווען, וואָס ער מישט זיך אַמאָל אַריין אין זייערע ענינים. אדרבא, זיי האָבן אַרום אים געקלעפּט. בשעת ער פּלעגט דאַרפֿן אויפשטעלן אַ סוכה, זענען די ייִנגלעך געוואָרן גאַנצע באַלעבאַטים. איינמאָל איז שיער נישט געשען אַן אומגליק. געווען איז דאָס צוליב דעם, וואָס מאָטי האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל מיט יאָסין אַליין צושלאָגן די ווענט פון דער סוכה צו דער ראַם. מאָטי האָט זיך אַזוי פּאַרמאָסטן מיטן האַמער, אַז דער האַמער איז אַרויס פון הענטל און ער איז געפאַלן יאָסין אין קאָפּ אַריין, און געמאַכט אים אַ לייכטן בייל.

גראָד איז בן־ציון געווען אין געוועלבל. מאָטי האָט זיך זייער דער־שראָקן, און יאָסי האָט געגעבן אַזאַ געשריי, אַז אַלע מאַמעס זענען אַרויס־געשפּרונגען פון די שטיבער ווי זיי שטייען און גייען: ווער מיט אַ שטשערקע אין האַנט, ווער מיט אַ פּאַטעלניע און ווער מיט א טעפּל.

— „גוט, וואָס מיר זענען אָפּגעקומען מיט שרעק“, — האָט געזאָגט דליהס מאַמע.

יאָסיס מאַמע האָט אָבער גענומען חלשן און וויינען.

מזלס מאַמע האָט זי באַרואיקט: איר זעט דאָך, אַז עס איז אים גאָרנישט געשען.

— אָבער עס האָט געקאָנט געשען — האָט געשריגן יאָסיס מאַמע. ער האָט זיך געקאָנט אויסהאַקן אַן אויג!

— אָבער איר זעט דאָך, אַז עס איז אים גאָרנישט געשען — האָט ווידער זי באַרואיקט חוה, מזלס מאַמע.

— גאָרנישט געשען, — זענען אויף איר אָנגעפאַלן די מאַמעס. אַ נס מן השמים! אַלץ צוליב דעם „פּראָפעסאָר", דעם כניאָק. אַז ער וויל עסן אין אַ סוכה, זאָל ער זי אַליין מאַכן. געזען אַן עסק — קינדער זאָלן פאַר אים מאַכן!

בן-ציון האָט שוין מער קיין סוכה נישט געמאַכט. נאָך די יום־טובים איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן און קיינער האָט נישט געוווּסט ווו. מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט פאַרקויפט די דירה און איז אַוועק וווינען אין אַ בית־אבות. דעם אמת האָט קיינער נישט געוווּסט.

דאָס געסל האָט אים שנעל פאַרגעסן, נאָר די קינדער — נישט.

## אין די חנוכה־טעג

היינט זעט איר אַלץ אויס אַנדערש: די האַלב־אָפּגעדאַרטע ביימער, וואָס וואַקסן ביי די ברעגעס פון וואַדי זעען־אויס אַזוי שפּילעוודיק אין דער מאָרגן־זון; די קרומע, שמאָלע געסלעך מיטן דומפּיקן ריח אַרט איר נישט מער; אויך די מענטשן זעען היינט אויס אַנדערש ווי אַלעמאָל. אַלע אירע באַקאַנטע, וואָס זי באַגעגנט אויפן וועג, באַגריסט זי מיט אַ ברייטן שמייכל. היינט וויל זי מער נישט אויסמיידן זייערע בליקן, פאַרקערט: זי וואָלט געוואָלט יעדן אָנגעטראָפּענעם מענטשן אַנטקעגנטראָגן די בשורה, אַז היינט שטייט פאַר איר אַ גרויסער טאָג. אַ טאָג פון באַקומען אַרבעט. און דאָס מיינט פאַר איר — נישט שטיין מער אויפן ראַנד פון אָפּגרונט, נאָר אַריבער־שפּרייזן דעם תהום, פּונקט ווי זי האָט עס היינט געטאָן אין חלום. ווען מען וואָלט זי נישט אַזוי האַסטיק אויפגעוועקט, וואָלט זי אויף זיכער אַריבער־געשפּרונגען די בריק פון גלאָז און צווייגן.

מרים שפּרייזט פאָרויס מיט זיכערע טריט, טראָגנדיק אין זיך די גוטע שטימונג, אַז היינט וועט זי זיכער באַקומען אַרבעט. אָבער וואָס מער זי דערווייטערט זיך פון דער היים און קומט נעענטער צו צו דער אַלנבי־גאַס, ווערט זי אומרואיקער און אומזיכערער. ווי אַ זלידנע פליג נעמט איר זשומען אין אויער: און אפשר וועט זיך אויך דאָסמאָל ענדיקן ווי אַלעמאָל, ווען זי קומט מיט אַ צעטל פון לשכת עבודה און מען ענטפערט איר — פאַרשפּעטיקט. און אפשר וועט די אַרבעט נישט זיין צוגעפּאַסט פאַר איר? ווער ווייס?

ווי שטענדיק אין שווערע מינוטן, דערמאָנט זיך איצט מרים אין איר באָבעס מעשהלע וועגן דעם רייז קאַרא גוטש, וועלכער האָט געלעבט אויפן

שפּיץ פון אַ משופּעדיקן באַרג און פאַרשפּרייט אַ גרויס ליכט, וואָס האָט דערפרייט דאָס האַרץ פון יעדן, וואָס האָט זוכה געווען צו זען דאָס דאָזיקע ליכט. דער וואָס האָט נאָר איין מאָל געזען אויפגיין דאָס ליכט — דער האָט געטראָגן אין זיך פרייד דעם גאַנצן לעבן זיינס. אַז ווייל איז געווען צו יענעמען. זענען צו אים געגאַנגען צוויי מיידלעך — אַ רייכע און אַן אָרעמע. אָבער דערגאַנגען צום באַרג איז די אָרעמע. די, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ לויטער, ריין האַרץ.

זי איז געגאַנגען גאַס־איין, גאַס־אויס און זיך געשניטן אַ וועג צום אָרט, צו וועלכן זי האָט געדאַרפט קומען. איבערן גאַנצן וועג איז זי געווען ווי אויסגעטאָן פונעם אַרום. זי האָט פאַרקירעוועט אירע טריט אין אַ קליינער, ברייטער גאַס און געבליבן שטיין פאַר אַ צווייִשטאָקיקן בנין, וועלכער איז געשטאַנען אין שיין פון דער פאַרמיטאָגדיקער זון, וואָס האָט שטאַרק געבלענדט.

דער בנין איז געווען באַפּוצט מיט ציגל־רויטע קוויטן, וואָס זענען אַזוי פאַרשפּרייט אין צפון פון תל־אביב און צוגעגעבן אַ סך חן. הארט פאַר דער לאַנגער שורה פענצטערס זענען געוואַקסן גוט־געפּלעגטע, אַרומגעשניטענע פּאַלמעס. פון זייער אייגענער קאָרע האָט זיך אויסגעפּאַרעמט וואַזאָנען. דאָס פריש־געשניטענע גראָז האָט מיט זיין שמאַראַגד־גרינקייט דערפרישט דאָס אויג און דער שאַרפער ריח האָט געקיצלט אין נאָז מחיהדיק.

זי האָט איבערגעלייענט דאָס שילדל. יאָ, יאָ, דאָ איז עס! זי איז געוואָרן אומרואיק און געאָטעמט שווער און האַסטיק. דער בנין האָט איר איצט אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקער נפש, וואָס וועט זי איינשלינגען, אָדער אויסשפּייען. זי האָט זיך געוואַקלט, אָבער באַלד אָנגענומען זיך מיט קוראַזש און אָנגעקלונגען אין טיר.

אַ פרעמדע ווייטקייט האָט אויף איר אַ ווייע געטאָן פון דער באַברילטער, מיטליאָריקער פרוי, וואָס האָט געקלאַפּט אויף אַ שרייב־מאַשין.

כמעט נישט אויפהערנדיק צו אַרבעטן, האָט זי זי אָפּגעשיקט אין צווייטן צימער, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ מאַטער, גלעזערנער שיב־טיר.

— ביטע, וואָס דאַרפט איר, האָט זי דערהערט אַ קלינגענדיקע שטים, וואָס האָט זי פאַרהאַלטן האַרט פאַר דער פאַליטורטער טיר פון פיינעם האַלץ.

מרים האָט אויפגעהויבן איר בליק און דערזען פאַר זיך אַ גאָר יונג מיידל. איר אַרט קעמען זיך האָט דערמאָנט אָן די פריזורן פון היסטאָרישע פילמען, אַ שטייגער אין די צייטן פון קלעאָפּאַטראַ. דער הויכער פעך־שוואַרצער קאָק איז ווי געזעסן נישט אויף זיין אָרט. ער האָט נישט געפּאַסט צום קינדערשן פּנים אירס. זי האָט גענומען פון מרימס האַנט דאָס צעטעלע און אַנגעוויזן איר אויף דער טיר — בבקשה!

— סוף־סוף, — האָט זיך מרים אַ טראַכט־געטאָן — און אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— ביטע, האָט זיך דערהערט אַ פעסטע שטים פון אינעווייניק.

דאָס איז געווען א באַס־שטים פון עמעצן, וואָס געפינט זיך ערגעץ ווייט.

יאָ, אַזאַ בויכשטים האָט זי אַמאָל געהערט פון אלי פּאַרי, דעם קונצנ־מאכער אין באַגדאַד. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף אירע ליפּן. זי האָט זיך באַהערשט און דערלאַנגט אים דאָס צעטל.

דער דירעקטאָר האָט גענומען דאָס צעטעלע און אַריינגעקוקט אין דעם.

— איר זענט מרים חרוזי? איר קומט פון באַגדאַד? איר האָט נישט פאַרענדיקטע מיטלבילדונג? — האָט ער זי געפרעגט מיט אומצוטרוי.

— יאָ, האָט זי שטיל געענטפערט.

דער דירעקטאָר האָט געוואָרפן אויף איר אַ פאַרשנדיקן בליק און ווייטער אַריינגעקוקט אין צעטל. ער האָט זיך פאַרטראַכט, געקוקט פאַר זיך און ווידער גענומען קוקן אויף איר. ער האָט זיך מיט זיינע קליינע אייגעלעך געשאַרט איבער איר פיינעם קערפּער־געבוי. זיינע אייגעלעך האָבן געשוואומען אין פליישיקן פּנים און דערמאָנט אין וואַסערדיק־בלויע קינדער־שע גלעזערנע דזשוליעס.

מרים האָט זיך אויסגעגלייכט, אַנגעצויגן אויף זיך דאָס גרויע סוועדערל און פאַרריכט אירע האָר, וואָס זענען אַרונטערגעהאָנגען, ווי אַ שוואַרץ־גראַנאַטאָווער קנויל פאָדעם.

מרימען האָט זיך אויסגעדוכט, אז זיינע אייגעלעך זענען עפּעס ווי

פאַרגליווערט געוואָרן. דאָס צעטל האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן אין האַנט. זי האָט נישט געוווסט צי דרימלט ער, צי לייענט ער דאָס צעטל?

אין הינטערגרונט איז געזעסן דער געהילף פון דירעקטאָר, שלמה דאַבקין. ער האָט אָנגעשטעלט אויף מרימען זיינע גרויסע ים־גרינע אויגן פול מיט ביטול.

מרים האָט זיך דערפילט, ווי עס וואָלט ראַפּטעם אויף איר אַ גאַס־געטאָן אַ קאַלטער שטעכיקער רעגן.

פלוצלינג האָט זי הינטער זיך דערפילט נאָך אַ בליק. זי האָט זיך אומגעדרייט און פון הינטערן ברייטן טיש, אויף וועלכן ס'זענען געלעגן פאַרשידענע טאָוולנע טעקעס, האָט זי דערזען אַ יונגע מאַשיניסטין — מיט אַ פלאַקסענעם קאָפּ האָר, פונקט ווי עס האָבן די מאַנעקינען אין די שויפענצטער.

— ביטע, זעצט זיך! — האָט זי דערהערט דאָס זעלבע קול.

מרים האָט זיך אַוועקגעזעצט, אָבער זי איז געזעסן ווי אויף הייסע קוילן. נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך, האָט זי גענומען באַטראַכטן דאָס צימער. אויפן טיש, פאַרן דירעקטאָר, איז געלעגן אַן אָנגעפּראָפּטע טונקל־ברוינע טעקע און אַרום אַ סך אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן; אין דער זייט איז געשטאַנען אונטערגעשפּאַרט אויף אַ פיסל אַ קאַלענדאַר פון אַ טונקעלן מעטאַל, באַפּוצט מיט מעש. ער האָט געוויזן דעם 23־טן דעצעמבער. אין מיטן טיש האָט זיך געפונען אַ גרויסער אַש־בעכער פון גרין־בלויען שטיין. וויפל בראָשקעס וואָלט מען געקאָנט פון אים מאַכן, האָט מרים אַ טראַכט־געטאָן. דער גרין־בלויער שטיין האָט זי באַרואיקט און ווייכער געמאַכט די פרעמדקייט, וואָס דאָס צימער האָט אויף איר אָנגעוואָרפן.

ערשט ווען שלמה דאַבקין האָט געעפנט זיין טעקע און גענומען זוכן אין די פּאַפּירן, האָט זי לייכטער אָפּגעעטעמט און אַנטשפּאַנט געוואָרן. זי האָט געהאַט דאָס געפיל ווי אירע גלידער וואָלטן זיך באַפרייט פון אַ קלעם.

דאַבקין האָט אַריינגערופן זיין פאַרטרעטער. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין טעקע אַ געקעסטלטן בויגן פּאַפּיר און אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער, האָט ער געפרעגט: „ווי מיינט איר, חבר אָרליק? דערביי האָט ער אין דער שטיל

עפּעס אויפגעקלערט ארליקן. סיי צוליב דער שפּראַך און סיי צוליבן שטילן רעדן זייערס, האָט זי קיין איין וואָרט נישט אויפגעכאַפּט.

אָרליק האָט אויף מרימען אַפילו נישט קיין קוק־געטאָן און האָט צוגע־שטימט מיט אַן אָקצענטירנדיקן: „בוודאי"!

מרים האָט דערפילט אַ וואַרעמען שטראָם פון פרייד אין דער ברוסט. אין דעם מאָמענט האָט איר געשטערט איר הילוך, איר שוואַרץ-ווייסער פּעפּיטאַ־ראָק, וואָס זי האָט נאָך פון דער אַלטער היים, און דער גרויער סוועדער, וואָס זי האָט געקויפט אַ געניצטן, דאָ נישט לאַנג אין יפו אויפן וואַנצנמאַרק.

— האָט איר טאַקע נישט פאַרענדיקט מיטלבילדונג? — האָט זי דערהערט שלמה דאַבקינס שטים, וואָס איז געווען פול מיט ספקות.

— כ'האָב נישט געמאַכט די לעצטע עקזאַמענס, נישט געהאַט דערצו די מעגלעכקייטן. אָבער ווי נאָר איך וועל באַקומען אַרבעט, וועל איך זיך ווייטער לערנען, אין די אָוונטן — האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט.

— אמירה — האָט זיך דאַבקין געוואָנדן צו דער מאַשיניסטין — לייגט אַריין דאָס צעטל אין די אַקטן.

— פאַרשרייבן? עפּענען אַ תיק? — האָט אמירה געפרעגט דאַבקינען מיט אַ טיפן סאַברע־קול, אין וועלכן די ריישן און עיינס זענען יעדעס מאָל אַנטרונען געוואָרן, ערגעץ־ווו אין דער קעל. מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַט, אַט ווערן זיי דערשטיקט, נאָר די שטים האָט יעדעס מאָל צוריקבאַ־קומען איר קלינגעוודיקייט, ווי נאָר זי פלעגט אַריבערשפּרינגען איבער די ריישן, עיינס און חיתן.

— ניין, האָט ער אָפּגעהאַקט אמירהס רייד.

— פאַרשרייבט נאָר דעם אַדרעס און נומער פון פּאַס.

— איר וועט די חברטע מרים הרוזי אַוועקפירן אין דעם צימער, ווו מיר האָבן יענע וואָך געענדיקט דעם רעמאָנט, אויפן צווייטן שטאָק.

אמירה האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט און אַ וויג זיך געגעבן מיט אירע היפּטן אונטער דעם געפּאַלדעוועטן גרינעם ראָק, פון וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעזען העל־געלע ניילאָן־שפּיצן. מיט איר בויגעוודיקן גאַנג, האָט זי אַ שווים־געטאָן פאַר מרימען.

מרים איז איר נאָכגעגאַנגען מיט לייכטע טריט, ארויף מיט איר אויפן צווייטן שטאָק און באַטראַכט דאָס צימער אין וועלכן זי וועט שוין פון מאָרגן אָן אַרבעטן. זי האָט זיך אַליין נישט צוגעגלויבט. אַלץ אין איר האָט געטאַנצט פאַר פרייד.

— אָט אין דעם צימער וועט איר פון מאָרגן אָן אַרבעטן -- האָט אמירה אַ זאָג-געטאָן אין אַ האַלב־אָפיציעלן טאָן, וואָס האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז מיט דעם איז די פּראָצעדור געענדיקט.

מרים האָט אָנגעהאָנגען אירע וואַרעמע בליקן אויף אמירהן, זיך געזעגנט מיט איר און אַ פריידיקע, אַ גליקלעכע אַרויס אויפן גאַס.

אויפן וועג אַהיים האָט זי באַשלאָסן, אַז איצטער וועט זי זיך אָנהויבן אָנטאָן לייטישער. זי מוז דאָס טאָן, — אין אַ חודש אַרום ווערט זי אַלט פיר־און־צוואָנציק יאָר. זי איז זיכער, אַז די מאַמע אירע וועט איר נישט שטערן צו קויפן, פאַרן ערשטן חודש־געהאַלט, דאָס העל־ברוינע קלייד, וואָס זי קוקט אויף דעם שטענדיק דורכן שויב־פענצטער.

*

מיט א גרינג געמיט האָט זי זיך היינט אינדערפרי געזעצט צום אָנבייסן. זי האָט געהאַט אַ פריידיק געפיל, אַז אָנהייבנדיק פון היינט, פאַרקערעוועט איר לעבן אין אַ נייער ריכטונג — אויף אַ נייעם וועג. דאָס באַקומען אַרבעט האָט איר אָנגעפילט מיט האָפענונגען און דערוואַרטונגען אויף אַ בעסער, מענטשלעך לעבן. דאָס האָט איר אויך געגעבן די זיכערקייט, אַז פון היינט אָן וועט זי מער נישט זיין אָפּהענגיק פון איר שטיפפאָטער, מנשהן.

אַ שווער לעבן האָט זי געהאַט. אָבער אַמשווערסטן פלעגט איר זיין דעמאָלט, ווען איר שטיפפאָטער פלעגט אין די שטיקנדיקע חמסין־טעג אַהיימקומען אַ מידער, אַ צעבראָכענער פונעם פאָרט, ווו ער האָט געאַרבעט. ער פלעגט דעמאָלט אַפילו קיין אַראַק נישט טרינקען, נאָר אַ בייזער אַ פאַל־טאָן אויפן בעט אין אָנטועכץ און שילטן די גאַנצע וועלט. דער עיקר פלעגט ער דעם גאַנצן כעס אויסלאָזן צו איר, מרימען, גלייך זי וואָלט שולדיק געווען אין זיין שווער, ביטער לעבן.

— אַזאַ גרויסע מויד און האָט נישט חתונה! ביי אונדז אין איראַק וואָלסטו שוין באַלד געווען אַ באָבע. און דאָ, וואָס מיינסטו מיט זיך? אפשר וואַרטסטו, אַז אַן עפּעדי זאָל דיך אויסכאַפּן? נישט אַנדערש!... נישט געפונען קיין שענערע פון דיר... נו, רעד אַ וואָרט! וואָס האָסטו פּלוצלינג איינגענומען דאָס שטימעניש?

— רחל, — פלעגט זיך מנשה אַ נעם־טאָן צו דער מאַמען, — ווי געפעלט דיר דיין טעכטערל? אפשר ווייסטו וועגן וועמען זי חלומט? זאָג איר, רחל, אַז דער סולטאַן פון טויזנט און איין נאַכט איז פאַרבליבן אין באַגדאַד. ער האָט דאָרט שענערע פּרינצעסינס פון דיין טעכטערל...

און די אָרעמע דערשלאָגענע מאַמע פלעגט שאָקלען מיטן קאָפּ און צושטימען, אַז ס'איז שוין טאַקע די רעכטע צייט חתונה צו האָבן. דאָס פלעגט מנשהן אַריינברענגען אין אַ פרישן אויסברוך:

— ווי איז דאָס געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך? אַנדערע מיידלעך געפינען זיך אַ וועג צו אַ לייכט לעבן, און זי, וואָס? אַט נעם פאַר אַ ביישפּיל אַזאַ סגאַל מיידל ווי די דעיזי....

נאָר דאָס איז אַלץ געווען נעכטן. היינט איז דער ערשטער טאָג פון איר אייגן זעלבשטענדיק לעבן. און מנשה וועט נישט אַנטוועגן זיך זי צו דערנידעריקן.

מרים שפּרינגט־אַריין אין פולגעפּאַקטן אויטאָבוס. זי טאָר היינט נישט פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט. מיט כוח שטופּט זי זיך אַדורך אין געדראַנג, שטייט אויף די שפּיצפינגער און האַלט זיך אָן אין לעדערנעם רימען, וואָס איבערן קאָפּ, כדי נישט אַרויפצופאַלן מיטן גאַנצן געוויכט פון איר קערפּער אויף וועמען פון די מיטפאָרער, בעת אַ שטאַרקן טרייסל פון אויטאָבוס. זי קוקט זיך אַרום: יונגע תימנער מיידלעך פון איר שכונה פאָרן מאַסנוויז אין די רייכע הייזער אויפן צפון, כדי אָנצודינגען זיך אויף שטוב־אַרבעט.

זיי האָבן אַרומגעבונדן די קעפּ זייערע מיט ראַשיק־קאָלירטע, אָראַנזשע, רויטע און געלע גאַזע־טיכלעך, וואָס אַ פרעמדע מאָדע האָט זיי אַריינגע־ברענגט אין אונדזער לאַנד אין מיטן ברענענדיקן זומער. ערשט ווינטער איז די מאָדע דערגאַנגען צו זיי אין דער שכונה. מיט זייער קלינגענדיקן געלעכטער איז פול דער אויטאָבוס, און מרים האָט שטאַרק חשק אייצושליסן

זיך אין דער אַלגעמיינער אויפגעלעבטקייט. זי וואָלט גערן זיך אַריינגעלאָזט מיט עמעצן אין אַ שמועס, טיילן זיך מיט אַלעמען מיט איר פרייד. גראָד זעט זי נישט קיין איין באַקאַנט פּנים. קוקט זי אַרויס דורכן פענצטער און וואַרט מיט אומגעדולד, אַז זי זאָל שוין דערפאָרן צו דער אַרבעט.

ווען דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן דריי פערטל אויף אַכט, איז מרים אַריבערגעטרעטן די שוועל פון בנין, אַרויף אויפן צווייטן שטאָק און אַריין אין זעלבן צימער, וואָס אמירה האָט איר נעכטן אָנגעוויזן.

באַלד נאָך איר איז אין צימער אַריין אַ מאַן, וואָס האָט געטראָגן אַ פּאַק העל־גרינע טאָוולנע טעקעס, פון הינטער וועלכע מען האָט רעכט נישט אַרויסגעזען זיין פּנים.

ווען ער האָט פאַר איר אָוועקגעלייגט די טעקעס מיט די דאָקומענטן, האָט מרים פאַר זיך דערזען אַ מאַן, ווייט אַריבער די זעכציקער, מיט אַן אָנגענעם קלוג פּנים און מיט אַ צעשמייכלטן בליק.

— שלום, חברה, — האָט ער זי באַגריסט. לאָמיר זיין באַקאַנט: מיין נאָמען איז חנן. איך האָב אייך געבראַכט אַ מענגע אַרבעט. באַלד וועט אַריינקומען דערווירטשאַפטס־פאַרוואַלטער און געבן אייך די בויטיקע אָנווייזונגען. טאָמער וועט אייך זיין עפּעס נישט קלאָר, געפינען איך זיך שטענדיק דאָ אין נאָענטן צימער און — זייט מצליח.

מרים האָט אין דער שטים פון דאָזיקן מענטשן דערפילט אַ וואַרעמקייט און דערביי אויך אַן אומרו — צי וועט זי זיך אַן עצה געבן מיט דעם־אַ שטויס פאַרשטויבטע פּאַפּירן? זי האָט אַ גוטן געפיל שוין פון דעם, וואָס זי האָט גלייך ביים אָנהייב, אָנגעטראָפן אויף אַ פרעמדן מענטשן, וואָס איז אַזוי פריינדלעך צו איר און ווינטשט איר, אַז זי זאָל מצליח זיין אין איר אַרבעט.

— תודה רבה! — האָט זי מער מיט אירע וואַרעמע בליקן, ווי מיט איר מויל אים געענטפערט.

אײדער זי האָט זיך אַרומגעקוקט, איז אַריינגעקומען דער פאַרוואַלטער און זיך באַגריסט מיט איר: שלום, חברה! מען רופט מיך: ישראל. ער איז גלייך צוגעטראָטן צום ענין:

— אייער אַרבעט דאָ איז אַ גאַנץ פּשוטע — האָט ער אַ זאָג־געטאָן מיט

אַן אויסשפּראַך גלייך אונטערן צונג וואָלט אים געלעגן אַ קאַרטאָפל — אין די אַלע טעקעס געפינען זיך בריוו, דאָקומענטן, חשבונות א. אַ. וו. דאַרפט איר יעדן דאָקומענט אויסדרן לויטן זאַכלעכן קענצייכן. איר פאַרשטייט... צוויטנס... — ער האָט פאַרריכט די גאָלדענע פענסנע אויף זיין דאַרער לאַנגער נאָז, געגלעט מיט ביידע הענט די גרויע זילבער־גלאַנציקע האָר אויפן קאָפּ, אַ ווילע זיך פאַרטראַכט און ווייטער גערעדט: יאָ, צוויטנס, יאָ, — האָט ער זיך דערמאָנט — קודם־כל לויט די יאָרן און לויט אַ לויף־נומער. דאָ האָט איר ליידיקע טעקעס. נאָכדעם ווי איר וועט אַלץ ענדיקן און אָוועקלייגן אויף די פּאָליצעס לויט די איינגעשטעלטע סימנים, איר זעט? דאָ זענען פאַנאַנדערגעקלעפּט צעטעלעך — וועט חנן אַריינברענגען נאָך מאַטעריאַל. זיי זענען שוין אַ ביסל פאַרשטויבט, די טעקעס. עפּעס אַ קלייניקייט: 12 יאָר האָבן זיי געוואַרט אויף אייך, חברטע... ער האָט אָנגע־שטעלט אויף מרימען אַ פרעגנדיקן בליק, און חנן איז אים געקומען צוהילף און אונטערגעזאָגט: מרים חרוזי. כן, כן, מרים חרוזי. חנן וועט אייך באַלד אַריינברענגען אַ כאַלאַט און אַ שטויבטוך. דאָס איז אַלץ. שלום און — זייט מצליח אין דער אַרבעט.

ווען מרים האָט געענדיקט איר ערשטן טאָג אַרבעט, האָט די זון זיך שוין געהאַט געזעצט. בעת זי איז אַרויס פון אַרכיוו־צימער און זיך געקליבן גיין אַהיים, האָט אין בנין געהערשט אַ טויטע שטילקייט. זי האָט זיך גע־וווּנדערט, וואָס דער איינציקער מענטש, וועמען זי האָט באַגעגנט אין גאַנצן בנין, איז געווען חנן. ער איז געזעסן ביים אַריינגאַנג לעם אַ טישל און אויף איר „שלום", האָט ער עפּעס אַזוי פייערלעך געענטפערט: שלום, שלום, חג שמח!

— וואָס פאַראַ חג, וואָס פאַראַ יום־טוב איז היינט? — האָט זי זיך געוווּנדערט. אפשר מיינט ער איר ערשטן טאָג ביי דער אַרבעט? אַוודאי — האָט זי כמעט אויפן קול פון גרויס שמחה אַ געשריי געטאָן. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, צום גליק האָט קיינער פון די דורכגייער נישט געהערט דעם פריידיקן אויסגעשריי, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר ברוסט. נאָר דאָ האָט זי זיך ראַפּטעם דערמאָנט, אַז היינט איז דער ערשטער טאָג חנוכה. איצט איז איר קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס די באַאַמטע האָבן היינט געאַרבעט

נאָר אַ האַלבן טאָג. זי האָט אָבער אויף קײנעם קײן פאַריבל נישט געהאַט, וואָס מען האָט איר וועגן דעם נישט צווויסן געגעבן ביים פרישטיק. פאַרקערט, זי האָט אין דעם געזען אַ גלייכע זאַך, ווייל ביז זי וועט אַריין אין דער אַרבעט און באַהאַווענט ווערן מיט יעדער זאַך, דאַרף דאָך נעמען אַ ביסל צייט. אויף אַ רגע האָט זי אַפילו געצווייפלט צי זי וועט זיך קאָנען אַרויספּלאָנטערן פון דעם גרויסן פּאַק דאָקומענטן און פּאַפּירלעך. אָבער באַלד האָט זי זיך דערמאָנט אינעם זאָג פון חבר חנן, אַז ער איז שטענדיק גרייט איר אַרויסצוהעלפן, און — זי האָט צוריק באַקומען די זיכערקייט אין זיך.

איצט איז זי אַ יום־טובדיקע, אַ פריילעכע געגאַנגען אַהיים מיט אַ געפיל, אַז נישט אומזיסט איז פאַרבײַ דער היינטיקער טאָג. מיט טאַנצנדיקע טריט האָט זי זיך אַריינגעגאָסן אין דער רוישיקער שפּאַצירנדיקער מאָסע, וואָס האָט פאַרפלייצט די גאַסן. אויפן ברייטן דיזענגאָף־סקווער האָט די יוגנט געטאַנצט אַ האָראַ, אונטערן אַקאָמפּאַניאַמענט פון צוויי האַרמאָניסטן און פון אַרומשטייענדיקן עולם, וואָס האָט צוגעפּליעסקעט צום טאַקט מיט די הענט. דער פאָנטאַן האָט געשפּריצט מיט קאָלירטע שטראָמען וואַסער; אויף די דעכער און איבער די געשעפטן האָבן זיך געצונדן און געלאָשן רעקלאַמעס פון נעאָן־ליכט און געבלינצלט מיט פאַנטאַסטישע קאָלירן. מרים איז געבליבן שטיין פאַר די ריזיקע שוי־פענצטער פון „המשביר לצרכן". אַלץ דאָ — די גרויסע חנוכה־מנורה, די סערוויזן און אַנדערע אויסגעשטעלטע אַרטיקלען, זענען געווען באַגאָסן מיט אַזאַ ווייכער, באַרו־איקנדיקער ליכט, ווי ביי איר אויפן געמיט...

זי האָט פאַרקירעוועט אירע טריט אין דער ריכטונג צו דער ראָטשליד־אַליי, כדי צו שניידן זיך אַ קירצערן וועג אַהיים. די געזאַנגען האָבן זי באַגלייט איבערן גאַנצן וועג. אַפילו ווען זי האָט זיך שוין געהאַט דערווייטערט פון די רוישיקע גאַסן, איז איר אַלץ נאָכגעגאַנגען די מוזיק, וואָס האָט וויברירט אין איר האַרצן. אַלץ האָט איר איצט אויסגעזען אַזוי אַנדערש, אַפילו מנשה, איר שטיפפאָטער איז איר איצט פאַרגעקומען אַ גאַנץ אַנדערער. איר כעס אויף אים האָט זיך געלאָשן און זי האָט געגומען זוכן אַ זכות אויף אים, נאָכמער: זי האָט אויף אים רחמנות באַקומען און אים

מוחל געווען אַלע דערנידעריקונגען און באַליידיקנדיקע רמזים וועגן דער משונהדיק־פאַרפּודערטער דעיזי... צי זעט זי דען נישט ווי עס איז אים, מנשהן, שווער אויסצוהאַלטן אַזאַ געזינד, קיין עין־הרע נישט! וואָס איז דען אַ וואונדער? — אַזויפיל קינדער, אַזויפיל הונגעריקע מיילער, וואָס שלינגען־איין די נישטיקע פאַרדינסטן זיינע, פון זיין שווערער האָרעוואַניע.

טראַכטנדיק אַזוי וועגן איר שטיפפאָטער, איז איר מיטאַמאָל אויפגעקומען אַ געדאַנק, אַז עפּעס קומט לעצטנס פאָר מיט אים. זי דערמאָנט זיך פּלוצלינג אָן דעם, וואָס מנשהס מיטאַרבעטער האָט איר דערציילט מיט עטלעכע טעג צוריק. בעת מעשה האָט מרים, האָבנדיק אויפן שטיפפאָטער אַ בייז האַרץ, נישט געלייגט קיין צו גרויסע אַכט דערויף, אָבער איצט האָבן יענעמס ווערטער אָנגעיאָגט אויף איר אַ קאַלטע אַנגסט...

— עפּעס איז מיט מנשהן נישט כשורה. איז ער נישט קראַנק? היט אים, מרים! דעם לעצטן חמסין, געדענקסטו? ער איז געקומען נישט אין דער צייט, נאָך די רעגנס. די שיף פון שוועדן האָט פאַרשפּעטיקט. מיר האָבן אין פּאָרט געוואַרט־געוואַרט, הייס איז געווען, און מיר אַלע זענען געווען פול מיט פאַרדרוס צוליב דעם, וואָס מיר וועלן זיין געצוווּנגען צו וואַלגערן זיך אַ גאַנצע נאַכט אין וואַרטעניש אויף דער שיף. איך גיב אַ קוק: מיין מנשה זיצט, די הענט אַראָפּגעלאָזט צווישן די פיס, ווי צוויי שטיקער האָלץ... זיין קאָפּ זינקט אַראָפּ. „מנשה, — זאָג איך אים, — כאַפּ אַ טרונק וואַסער"... — און מנשה שווייגט. ער שילט אַפילו נישט, דאָס איז נישט לויט זיין טבע. דו פאַרשטייסט, מרים? עפּעס איז דאָ נישט כשורה, מנשה אַ שווייגנדיקער, אָן אַן איינציקער קללה, איז שוין עק וועלט!...

ער איז מיד, האָט מרים אַ טראַכט־געטאָן. און ווער ווייסט? אפשר האָט ער חרטה געהאַט, וואָס ער האָט דאָס ערשטע מאָל אויפגעהויבן אויף מיר אַ האַנט?. ווען נישט די מאַמע און די געשרייען פון די קינדער, ווער ווייסט, צו וואָס עס וואָלט דערגאַנגען. אָבער זי, מרים, האָט אויף אים נישט קיין פאַריבל איצט. פאַרקערט, זי וואָלט אַפילו געקאָנט צוגיין צו אים און אים זאָגן אַ גוט וואָרט אויך. זי האָט דאָך שוין היינט געאַרבעט, וועט אין שטוב אויך זיין אַ ביסל גרינגער; אין צווייען צו שלעפּן דעם יאָך איז דאָך לייכטער...

מרים האָט פֿאַרגיכערט אירע טריט. אין די היטער איז מען שוין געזעסן ביי די חנוכה־טישן און דער ריח פֿון לאַטקעס האָט אַ קיצל געטאָן אין די נאָזלעכער. זי האָט דערפֿילט אַ הונגער. און ווען זי איז אַריינגעקומען אין שטוב, איז איר די מאַמע געלאָפֿן אַנטקעגן מיט מנשהעס אַ בגד אין האַנט, וואָס זי האָט געהאַלטן אין פֿאַררירכטן.

— נו, מרימל, ווי איז עס דיר געגאַנגען?

— גוט, מאַמע, — האָט זיך מרים געטוליעט צו איר ברוסט. — איך בין שטאַרק הונגעריק, גיב עסן, מאַמע, כ׳וועל דיר אַלץ דערציילן...

רחל איז אַריין אין קיכל און אין אַ ווײַלע אַרום אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן טיש די טעלערס און אַ צופֿרידענע אונטערגערוקט דער טאָכטער דאָס עסן.

— אָט, זעסטו, טעכטערל, הײַנט האָבן מיר אַ טאָפּלטן יום־טוב: דעם ערשטן טאָג חנוכה און דעם ערשטן טאָג פֿון ריינער, לײַטישער אַרבעט... איך האָב זיך אַ ביסעלע אָנגעשטרענגט, אָבער עס האָט געלוינט — אַ מיטאָג ווי אין דער אַלטער היים.

— ס׳איז געשמאַק, מאַמע, טויזנט טעם האָט דאָס עסן.

— טאָ עס, מײַן קינד, געזונטערהייט און זאָל דיר ווויל באַקומען. זאָרג נישט, וועסט נאָך האָבן אַ ליכטיק מזל, דײַן טאַטע אין גן־עדן פֿאַרגעסט נישט... דו זעסט דאָך!

די מאַמע האָט גיך אָפּגעהאַקט און זיך אַוועקגעזעצט ווײַטער צו דער אַרבעט. זי פֿלעגט אויסמײַדן אומצוקערן זיך צו יענער צייט, ווען איר ערשטער מאַן האָט געלעבט, ווײַל טיף אין זיך האָט זי געטראָגן אַ שולד לגבי אירע קינדער. צוליב זיי האָט זי נישט געטאָרט חתונה האָבן מיט אַזאַ מאַן ווי מנשה.

*

ביי נאַכט האָט מרים געהאַט אַ שווערן חלום: זי גייט ערגעץ און ווייסט נישט ווו. פּלוצלינג איז זי אַריין אין אַ הייל. אַ בלענדנדיק ליכט האָט זי אַרומגענומען. זי קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, נאָר ראַפּטעם ווערט פֿינצטער. זי האָט געוואָלט זיך רירן פֿון אָרט, אָבער די חשכות האָט זי נישט געלאָזן. עס האָט זיך דערהערט אַ טעמפּער קלאַנג פֿון פּויקן. אַ ווייך בלוי ליכט האָט אָנגעפֿילט די ווינקלען פֿון דער הייל. אַ רגע שפּעטער

איז דאָס בלויע ליכט אַריבער אין שפּריצנדיקע אָראַנזשענע פונקען. פון אַלע זייטן זענען אָנגעלאָפן ציגן מיט לאַנגע שפּיציקע בערד פון סאַטירן. זיי האָבן געהאַלטן פאַקלען מיט אָנגעצונדענער סמאָלע, וואָס האָט גע־קנאַקט צום טאַקט פון דעם ווילדן טאַנצגעיעג און ביי יעדן צוזאַמענטרעף פון איינעם מיטן צווייטן, האָבן זיי זיך געשטויסן מיט די הערנער. מרים האָט זיך דערשראָקן. וווּהין אַנטלויפט מען? זי האָט דערזען אַ פעלדז און אויף אים אַ בוים. אַט דאָרטן וועט זי זיך באַהאַלטן ביז אינדערפרי, ווען ס׳וועט ליכטיק ווערן. זי נעמט קלעטערן מיט אַלע כוחות אויפן פעלדז. אַט באַלד איז זי שוין פון אויבן. אָבער ווען זי האָט שוין באַלד דערגרייכט צום שפּיץ, האָט זי זיך אויסגעגליטשט און גענומען זיך קייקלען מיט אַ שווינדלדיקער גיכקייט אַראָפּ... אַראָפּ... זי האָט אַ געשריי־געטאָן און — זיך אויפגעוועקט פון בייזן חלום. זי איז געווען איינגעטונקען אין שווייס. זי איז באַלד וואַך־געוואָרן און דערפילט אַ דערלייכטערונג — זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי דאַרף פרי אויפשטיין צו דער אַרבעט. יאָ, ס׳איז שוין דער צווייטער טאָג, ווי זי אַרבעט אין אַרכיוו פון דער שטיינהאַקעריי.

היינט איז זי אויפגעשטאַנען נאָך גליקלעכער ווי נעכטן. זי האָט דער־פילט אַ פעסטן באָדן אונטער אירע פיס. שוין דאָס אַליין, וואָס זי האָט געדאַרפט אויפשטיין צו דער אַרבעט, האָט איר צוגעגעבן אַ געפיל פון זיכערקייט. זי האָט שנעל איבערגעביסן, אָנגעטאָן זיך און אַרויס פון שטוב מיט לייכטע טריט צום אויטאָבוס.

— האַלאָ, מרים! — האָט זי ראַפּטעם דערהערט הינטער זיך אַ שטים. זי האָט זיך אומגעקוקט און דערזען פאַר זיך דעם שוואַרץ־געקרייזלטן בעני מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זיינע דינע ליפּן. אין די שמאָלע הויזן און אין פאַרביקן העמד האָט זיין וווקסיקע געשטאַלט איצט, אין דער פרימאָרגנדיקער שיין, אויסגעזען נאָך העכער. זיינע גלאַנציקע האָר פאַרקעמט אַרויף, די לענגלעכע „באַטשקעס" און די שמאָלע וואָנצעס, האָבן עדות געזאָגט אויף אַזאַ מין שפּילעוודיקער לייכטקייט, וואָס איז אייגן אַ טייל פון דער היינטיקער יוגנט אין לאַנד.

— היי, חביבתי! ווו ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן די לעצטע צייט?

— האָט בעני איר אָנגעכאַפּט פֿאַר ביידע הענט. נישט מען זעט דיך, נישט מען הערט דיך. כ׳האָב שוין אָנגעפֿרעגט ביי רותין אויף דיר. זי זאָגט, אַז דו קלייבסט זיך ווערן אַ גזירה...

— איך האָב באַקומען אַרבעט און דאָס איז אַלץ — האָט מרים קורץ אָפּגעהאַקט.

— איז וואָס? פֿאַרגעסט מען שוין אין גוטע פֿריינט? הער, מרים: חברה האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ קומזיץ דעם לעצטן טאָג חנוכה, ביי עטי, דער דזשינגדזשעכע אין צריף. וויל איך, אַז מיר זאָלן גיין צוזאַמען אַהינצו. גוט?

— כ׳ווייס נישט... כ׳ווייס נישט ווי ס׳וועט אויסקומען — האָט מרים אַריינגעקוקט אין זיינע קויל־שוואַרצע אויגן, גלייך זי וואָלט וועלן זיך דערגרונטעווען צו דער נשמה זיינער. עפּעס האָט זי נישט קיין גרויסן צוטרוי צו זיינע לייכטע געגנגלעך און יינגלשע מאַנירן... זיין גאַנצע אויפֿפֿירונג קומט איר פֿאַר פֿרעמד.

— „כ׳ווייס נישט“ — האָט ער איר נאָכגעקרומט. בעסער הער־אויף צו קוקן אין הימל אַריין און קום צוגיין. הערסט? די גאַנצע חברה וועט דאָרט זיין. מ׳עט פּרעגלען לאַטקעס און מאַכן פֿאַנטשקעס. מ׳עט מאַכן אַ לעבן. וועסט קומען? זאָג!

— אפשר.

— נישט אפשר, נאָר אויף זיכער.

— גוט.

— איז אויב אַזוי — אָ׳קיי, מרים! פֿאַרגעס נישט: דעם לעצטן טאָג חנוכה.

זי האָט קוים באַוויזן אים צו זאָגן „שלום“ און איז אַריינגעשפּרונגען אין דעם אָנקומענדיקן אויטאָבוס. ווען זי איז אַרויס פֿון אויטאָבוס, איז דער זוניקער פֿרימאָרגן געהאַט פֿאַרשוווּנדן און געדיכטע וואָלקנס האָבן פֿאַרדעקט דעם הימל. ס׳האָט אָנגעהויבן קאַפּען אַ רעגן. אָבער ביז זי איז צו צום בנין, האָט זיך דער רעגן צעשטורעמט מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז ער האָט

געקלאַפּט אין גלאַנציקן אַספאַלט ווי אַ האַגל. אַ דורכגעווייקטע דורך און דורך איז זי אַריין צו דער אַרבעט.

*

דאַרף דען אַ מענטש האָבן אַ סך, כדי צו זיין גליקלעך? אָט האָט זי, מרים, געקריגן אַ לייטישע אַרבעט אין אַרכיוו פון דער שטיינהאַקעריי און אַלץ האָט זיך איבערגעביטן, ווי דורך אַ מאַך מיט אַ צויבער־שטעקעלע. זי האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף דעם אַרום מיט אַנדערע, מער פריילעכע אויגן. מער פאַר אַלץ האָט זיך געענדערט איר שטוביק לעבן. די מרה־שחורה פון די פיר ווענט איז ווי אויסגערונען. די שוואַרצע שאָטנס צווישן איר און איר שטיפפאָטער זענען פאַרשוווּנדן. אייגנטלעך, וואָס קאָן זי האָבן צו מנהשן, אַז מיט זיינע צען פינגער דאַרף ער מפרנס זיין צען נפשות. ווען מע וואָלט אויסגעשטעלט אין דער ריי אַלע שיך, וואָס ער דאַרף פאַר דער משפּחה, וואָלט זיך שוין באַלד באַקומען מער, ווי ביי כתריאלן דעם שוכקרעמער אין דער שכונה...

אמת, זי העלפט צו דער מאַמען אין שטוב, אָבער פון דעם ווערט נישט מער אין שיסל. די מאַמע איז אַ פאַרהאָרעוועטע, אַ מידע, מיט אייביקער זאָרג אין אירע גרויסע מאַנדל־אויגן. אַ נעץ פון קנייטשן האָבן זיך צע־לייגט אויף איר גוטמוטיקן געזיכט אונטער אירע שוואַרצע זיידענע האָר. מרים וווּנדערט זיך אויף זייער פרישקייט, ווייל אַלע פרויען אין איר עלטער פאַרבן די האָר אויף אַ געלן קאָליר, וואָס נאָך אַ שטיקל צייט קריכן זיי אָפּ און דאָ און דאָרט באַווייזט זיך אַ גרויע סטעזשקע מיט אָפּגעבליאַקעוועטע האָר. דאָס זעט שרעקלעך אויס.

דעיזי, איר ייִנגערע שוועסטער, זאָגט, אַז זי האָלט ביי חתונה האָבן. זי קומט אָפּט אַהיים מיט עלעגאַנט־פאַרפּאַקטע זעקעלעך נאַשערייען פאַרן קליינוואַרג. יעדעס מאָל טראָגט זי אַריין עפּעס אַן אויפרודערונג אין שטוב; דער רויש פון אירע רייכע קליידער באַומרויקט מרימען. עפּעס אַ ריח פון אַן אַנדער וועלט... אין אַזעלכע רגעס קלאַמערט זי זיך שטאַרקער אַרום אירע זכרונות, וואָס זי טראָגט אין זיך; אין די זכרונות פון דער יוגנט

געפינט זי כוח און אויסדויער — די נישט פֿאַרשאָטנטע שיין פֿון איר יוגנט־ליבשאַפֿט.

דער אָונט־ווינט האָט זיך איינגעשטילט, נאָר־וואָס האָט אויפֿגעהערט גיסן דער רעגן. זי האָט ליב אין אַזעלכע נאָכרעגן־שעהן אַרומצוגיין איבער די גאַסן, אַריינצעטעמען אין זיך די קילע פֿייכטקייט און ציען ווייטער אירע מחשבות; נאָך אַ טאָג אַרבעט ביים טיש איבער די פֿאַרשטויבטע פּאַפּיר־לעך גייט זיך אַזוי גרינג און אָנגענעם איבער די גאַסן, נישט געאיילט, טראָט נאָך טראָט. וואָס מיינט טאַקע דער בעני? אַ פֿלירט, אַ ווערטל, אַ טאַנץ און דאָס אַלץ? ווי ווערט עס אים נישט מיאוס און לאַנגווייליק די דאַזיקע שפּיל אין „האָליוואודער קינאָ־סטאַרס?” אַ שאָד, טראַכט זי, וואָס זי האָט פֿאַר־געסן צו פֿרעגן אים, וואָס וויל ער מיט דעם זאָגן, אַז זי זאָל נישט קוקן אין הימל? ער ווייסט נישט, ווייל ווי קאָן אַזאַ איינער וויסן, אַז זי האָט איר אייגענעם הימל אין זיך... און טוט זי אַ קוק־אַריין אין איר אייגענעם הימל, ווערט איר אי שטאַרק וואַרעם, אי שטאַרק אומעטיק... וויפֿל וואָלט זי גע־געבן איצט, ווען זי זאָל כאָטש נאָך איין מאָל קאָנען אַ קוק טאָן אויף אים, אויף סאָלאָמאָנען! ווו איז ער איצט? צי קלערט ער נאָך וועגן איר, מרימען? צי לעבט ער נאָך אויף דער דאָזיקער ערד, וואָס ער האָט געוואָלט נישט אַנדערש, ווי איבערמאַכן!

אוי, סאָלאָמאָן, בחורל מיינס! נאָך איצט הערט זי זיין לויטער־קלינ־געדיקע שטים, פֿול מיט גלויבן אין דער גערעכטיקייט... צי האָט ער שוין געפֿונען דאָרטן די גערעכטיקייט? אַרום זענען געוואַקסן תּליות ביי נורי־סאַידן אין דער מדינה און — ער פֿלעגט איר דערציילן וועגן די העלדישע קאַמפֿן פֿון איראַקישן פֿאָלק, פֿון די קורדן, וואָס שטרעבן צו פֿריי־הייט, פֿון די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן... דערציילט איר די מעשה פֿון אַבאַס אַל באַב, דעם העלד, וואָס האָט מיט זיין אייגענעם קערפּער פֿאַר־שטעלט דעם אַריינגאַנג צו דער געביידע, ווו ס׳האָבן זיך באַהאַלטן די קעמפֿער. זי האָט זיך גוט צוגעהערט צו די אַלע רייד, אָבער נישט אַלץ באַנומען. זי האָט אָבער יאָ פֿאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף זיך היטן מיט ווערטער, ווייל ווענט האָבן אויערן... און זי פֿלעגט זיך בעטן ביי אים: יאַ־חביבי, געדענק, האָב רחמנות אויף זיך אַליין, אויף מיר.

מרים באַשולדיקט נישט סאָלאָמאָנען, פאַרוואָס ער איז נישט מיטגע־פאָרן מיט איר קיין ישראל. ער האָט געהאַט צוויי ליבעס אין האַרצן: זי און זיין אידעע. און די צווייטע ליבע איז געווען שטאַרקער... ווען זי האָט אים דערציילט, אַז זי האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן באַגדאַד, האָט ער זיך פאַרקוקט אין דער ווייט און אַ טרויער איז אויפגעקומען אין זיינע אויגן:

— אַזוי, מיין טייבעלע, פליסט אַוועק, און אונדזער נעסט, וואָס וועט זיין מיט איר?...

ווען נישט דאָס, וואָס זי האָט צוגעזאָגט דעם טאַטן, פאַר יציאת נשמה, אַז זי וועט נישט פאַרלאָזן די מאַמע, ביז זי וועט זיך נישט שטעלן אויף די פיס, ביז זי וועט נישט אויסהאָדעווען דאָס קליינוואַרג, וואָלט זי פון סאָלאָ־מאָנען נישט אַוועק קיינמאָל.

ווי וואָלט זי געקענט זיין רויק פון דער ווייטנס? דאָס געוויסן וואָלט איר קיינמאָל קיין רו נישט געגעבן.

היינט פאַרשטייט זי סאָלאָמאָנען בעסער, ווי דעמאָלט. ער האָט נישט געקאָנט האַנדלען אַנדערש, ווי ער האָט געהאַנדלט, אָבער אַ וואָנט האָט זיך געשטעלט צווישן זיי אויף אייביק. ביי איר אין האַרצן איז די וואָנט שוין פון לאַנג צעפאַלן... און בעני וועט זיין אָרט קיינמאָל נישט קאָנען פאַרנעמען. אין דעם איז זי זיכער!

*

ווען מרים האָט זיך געקליבן גיין אַהיים, האָט ביים אַרויסגאַנג זי אָפּ־געוואַרט חנן, אַ פריינטלעכער און צעשמייכלטער, ווי אַלעמאָל.

מרים האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אים געפרעגט: זאָגט מיר, חבר חנן, מיט וואָס האָב איך עס פאַרדינט אַזאַ מין פריינטלעכע אויפמערק־זאַמקייט?

— נישט בלויז איר, חברטע, נאָר וועגן יעדן פרישן מענטש זאָרגן מיר. איר זענט דאָך אַ פריש פנים דאָ, דאַרף מען זען, אַז איר זאָלט נישט ליידן קיין עוולה. נישט אמת?

— תודה רבה!

— איר דערמאָנט זיך אפשר דעם באַאַמטן, וואָס האָט אייך אַרויסגע־האָלפן, ווען איר זענט געקומען דעם ערשטן מאָל צו דער אַרבעט?

— געוויס. אַזעלכע זאַכן פאַרגעסן זיך נישט.

— נו, איר זעט, טאַקע דער זעלביקער מענטש האָט מיך געבעטן אייך איבערגעבן, אַז פאַר אייער אַרבעט אין די חנוכה־טעג דאַרפט איר באַקומען מער ווי פאַר אַ געוויינלעכער אַרבעט אַ גאַנץ יאָר. חנוכה אַרבעט מען אַ האַלבן טאָג און מע באַקומט באַצאָלט פאַר גאַנצע אַכט שעה. פאַר די פיר שעה נאָך מיטאָג קומט אייך צו באַצאָלן טאָפּלט.

— באמת?

— יאָ, יאָ, פאַרגעסט נישט וועגן דעם ביים אָפּרעכענען זיך.

— וועל איך דאָך, חבר חנן, שטאַרק רייך ווערן! וואָס גייט עס אַזוי אין לעבן דעם דאָזיקן גוטן מענטש, איך זאָל נישט ליידן קיין עוולה?

— אַ שאלה דאָס איז, חברטע מרים! נישט איר זענט די ערשטע און מסתמא אויך נישט די לעצטע. ווי איר זעט, בין איך שוין אַ יונגערמאַנ־טשיק אַריבער די זעכציק און דער באַלעבאָס האָט מיך שוין לאַנג געוואָלט אַרויסוואַרפן פון דער אַרבעט. האָט דער דאָזיקער באַאַמטער איינגעלייגט וועלטן, ביז ער האָט זיי אַלעמען איינגעביסן... און איך אַרבעט ווייטער.

— אַ ווונדערלעכער מענטש, הלוואי אַ סך אַזעלכע, ווי ער, און עס וואָלט זיך אַ ביסעלע גרינגער געלעבט, — האָט אָפּגעזיפצט מרים. פאַר אירע אויגן איז אויפגעקומען סאַלאָמאָן... איר טייערער, איר איינציק בחורל, אויך ער וואָלט די נשמה אַוועקגעגעבן פאַר אַ צווייטן. מיט אים וואָלט זי זיך געוויס אַן עצה געגעבן קעגן אַלץ און אַלעמען...

— איז געדענקט זשע, חברטע, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. עס וועט אייך זיכער צוניצקומען.

— תודה, תודה, חנן, שלום!

*

דער אדון אָרליק איז געזעסן ביים שרייבטיש אַ שטייפער, אַן אָנגע־צויגענער, און עפּעס קאַלטס און פרעמדס האָט אַראָפּגעקוקט פון זיין פנים. די דינע ליפּן זיינע האָבן אין די ווינקלען זיך פאַרענדיקט מיט שאַרפע איינשניטן. קאַלט און גלייכגילטיק האָט ער געזאָגט:

— מיר האָבן אייך גערופן, כדי אויסצודריקן אונדזער צופרידנקייט מיט אייער אַרבעט. זי איז דורך אייך גוט און סאָליד אויסגעפּירט געוואָרן און צו דער צייט. געענוי, ווי מיר האָבן אויסגערעכנט. דערוויל נייטיקן מיר זיך מער נישט אין אייער מיטאַרבעט. אַ דאַנק. דעם חשבון וועט איר באַקומען ביים בוכהאַלטער און אין דער קאַסע וועט זיין גרייט דאָס געלט.

מרים איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אויפן אָרט. דאָס איז פאַר איר געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַזוי אומגעריכט, אַז זי האָט אין דער ערשטער רגע אַליין נישט געגלייבט אין דעם, וואָס זי האָט נאָרוואָס געהערט. אָבער אַ רגע בלויז און נישט מער. אונטער אירע לאַנגע וויעס זענען אָנגעפלאָסן טרערן, וואָס זי האָט מיט כוח איינגעהאַלטן, זיי זאָלן נישט אַראָפּשטראָמען אויף איר פּנים. עס האָט זי געשטיקט אין האַלדז. איר האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט וועט זי אַרויספּלאַצן מיט אַ געשריי, אָבער זי האָט זיך באַהערשט. איר שטאַרקער ווילן איז איר אויך דאָס מאָל צו הילף געקומען. אין איר מוח האָבן אַלץ דייטלעכער און קלאָרער אויסגעשיילט זיך די ווערטער פון אדון אָרליק: „מיר דריקן אייך אויס אונדזער צופרידנקייט. אַ דאַנק".

פאַרוואָס דאַנקט ער מיר? וואָס באַטייט עס דער דאָזיקער „דאַנק"? וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס? צו וואָס די גאַנצע שפּיל מיט אַ מענטש, וואָס האָט געוואָלט, — ניין, נישט געוואָלט, נאָר טאַקע אָנגעהויבן אַ נאָרמאַל מענטשלעך לעבן?

אין ביוראָ האָט געהערשט אַזאַ שטילקייט, ווי פאַר אַ שטורעם... אויך די מאַשיניסטין איז שטיל געוואָרן, אָבער מרימען האָט זיך געדוכט אַז איר אייגן האַרץ קלאַפּט עס איצט אַזוי, ווי די שרייבמאַשין — טיק־טיק־טיק... און מיטאַמאָל אַ קוק טוענדיק אויפן אדון אָרליק און טרעפנדיק זיך מיט זיין אָפּוואַרטנדיקן בליק, האָט זי ווייטיקדיק־קלאָר פאַרשטאַנען, אַז זי איז דאָ געוואָרן איבעריק, איבעריק און פרעמד, און אַז איר בלייבט נאָר אַ קלאַפּ צו טאָן מיט דער טיר און אַוועקגיין. יאָ, אַוועקגיין, וואָס גיכער פונדאַנען צו איר אייגענער היים, צום שטיפּפאַטער אירן, צו דער אַלט־געוואָרענער פאַר דער צייט מאַמען, צו אירע ברידערלעך און שוועסטערלעך, צו איר שוועסטער דעיזין... דאָרט, אין איר אָרעמער היים, „דאַנקט" מען נישט אַזוי... נאָר מען זאָגט, ווען מען דאַרף, דעם גאַנצן אמת אין די אויגן.

ערשט איצט האָט זי פולשטענדיק פאַרשטאַנען דעם פולן באַטייט פון חנכס אָנצוהערענישן... יאָ, ערשט איצט, און זי וועט עס טאַקע באַלד טאָן, ווי ער האָט איר געראָטן! טאַקע איצט, דאָ אויפן אָרט.

מרים געדענקט שוין נישט, ווי לאַנג זי האָט זיך געישובט מיט אירע געדאַנקען און געפילן. פּלוצלינג האָט זי דערהערט איר אייגענע אַ ביסל אויפגערעגטע שטים:

— אדון אָרליק, פאַרגעסט נישט צו געבן אַן אָנווייזונג דעם בוכהאַלטער וועגן מיינע איבערשעהען.

— מרים חרוזי, איך מיין, אַז דאָ איז אַ מיספאַרשטייעניש. ווען האָט איר געאַרבעט איבערשעהען? ווי מיר איז באַוווסט, האָט איר געאַרבעט נאָרמאַלע אַכט שעה אַ טאָג. און אויב איר האָט אפילו געאַרבעט מער, איז עס אַן אונדזער וויסן...

— אדון אָרליק, דאָס וואָס קומט מיר פאַר אַרבעטן גאַנצע אַכט שעה אין די חנוכה־טעג, וועל איך נישט מוותר זיין, בשום אופן נישט. און מיינט נישט — האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ געהעכערט קול — אַז די, וואָס זוכן אַרבעט פאַרשטייען גאָרנישט... איר מאַכט אַ טעות!

ווען זי האָט פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר, האָט זי מיט דאַנקבאַר־קייט געטראַכט וועגן חנכען און וועגן די, וועמענס שליח ער איז געווען.

*

איבערן גאַנצן וועג האָט איר כסדר געקלונגען אין די אויערן: „מיר זענען פון אייך צופרידן. אַ דאַנק. אָבער דערווייל נייטיקן מיר זיך נישט מער אין אייער אַרבעט".

זי האָט גענומען גיין אַן אַ ציל לענגאויס דער שכונה און האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי זי איז אַריין אין אומבאַקאַנטע גאַסן און געסלעך. ערגעץ ביי אַ קיאָסק האָט זי געקויפט אַ פאַלאַפעל און דערמיט געשטילט איר הונגער. זי האָט זיך געוווּנדערט: פון וואַנען האָבן זיך גענומען אַזוי פיל קאַפעהייזער. זי זעט זיי, דוכט זיך, דעם ערשטן מאָל. מיטאַמאָל האָט זי דערהערט הינטער זיך אויסרופן: די לעצטע אויסגאַבע! זי האָט זיך

ראַמטעם אומגעקוקט און נישט באַוויזן צו זען דאָס פּנים פונעם יונגן צייַ־טונגס־פאַרקויפער. פאַר איר אויג האָט אַ מיגע־געטאָן גרויסע מאַנצבילשע שיך אויף קינדערשע פיס. זי האָט געטראַכט: אַט שפּילן זיך אַזוי פיל קינדער אויפן גאַס, און דאָ מוז ער לויפן מיט זיין סחורה. מסתמא איז ער איינער פון זייער שכונה, אָדער פון אַן אַנדערן אָרעמקייטס־קוואַרטאַל. וואָס פאַראַ אונטערשיד פון נעכטן ביז היינט — טראַכט זי. נעכטן ערשט, אַ פריילעכע, אַ זאָרגלאָזע אויף דער חתונה ביים שניידער קוויאַטקאָווסקי. אַלע שכנים — אַזוי די „וויז־וויזן", אַזוי די „שוואַרצע" — זענען געווען אויסגעטאָן פונעם טאָג־טעגלעכן יאָך און פריילעך פאַרבראַכט צוזאַמען. זי האָט זיי ממש נישט דערקענט. וויפל פרייד האָט דער קליינער צביקה פאַרשאַפט מיט זיין טאַנצן. אַט נישט לאַנג האָבן אים געיאָגט פּאָליציאַנטן ווען ער איז אַריין אין אַ פאַרלאָזענעם פרדס מיט אַ שילדל: „אַריינגאַנג פאַרבאָטן". ער האָט דאָרט אָפּגעריסן עטלעכע פּאָמעראַנצן. ווען נישט די שכונה־איינוווינער, וואָס האָבן זיך פאַר אים איינגעשטעלט, וואָלט ער איצט ערגעץ־ווו געזעסן. צביקהס טאַטע איז שוין צוויי יאָר צוגעשמידט צום בעט. די אַנטשעדיקונג, וואָס ער באַקומט פון באַלעבאָס, איינער פון די גרעסטע בוי־אונטערנעמער, קלעקט נישט. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען — טראַכט זי —אַז מען זאָל זיך יאָגן נאָך די, וואָס שטייען אין יענע גאַסן — אַלנבי, דיזנגאָף — און וואָס מאַכן עפּעס טונקעלע געשעפטן. זי האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן. דאָס אַלץ האָט אויף איר אַ פלייץ־געטאָן מיט איין מאָל. סאָלאָמאָן איז, מסתמא, געווען גערעכט. היינט פאַרשטייט זי אים בעסער, אָבער נישט אין גאַנצן. זי מיינט, אַז אָנגעהויבן האָט זיך עס נאָך דאַן, ווען זי האָט געלייענט דאָס בוך: די פּאַסיע פון לעבן". ווי וווּנדערלעך איז געווען דאָס לעבן פון וואַן־גאָגן: ער האָט געליטן און געבלאָנדזשעט, געשטרעבט צו אינערלעכער שלימות און שטענדיק געווען צעקריגט מיטן אָרום.

אַ קוואַל פון ליבשאַפט האָט גערייזלט און געשפּאַרט פון די טיפענישן פון איר האַרץ. קינדער פון דער שכונה האָבן צעלייגט אַ פייער. מרים איז אַהין אין יענער ריכטונג. די קינדער האָבן געזונגען אַרום פייער און געבראָטן קאַרטאָפל. ביסלעכוויז איז דאָס געזאַנג אַנטשוויגן געוואָרן און

דאָס פייער האָט זיך אָנגעהויבן לעשן. מרים איז אַוועק צו אַ פאַרלאָזענער באַנק און — פאַרזונקען אין מחשבות.

די נאַכט האָט ערגעץ־ווו געגומען אַנטרינען ווערן. פאַרביי איר זענען דורכגעגאַנגען געאָרעמטע יונגע מענטשן, וואָס האָבן אַוועקגעטראָגן זייערע פאַרלאַנגען אין די נאַכטיקע חלומות. מרים האָט קיינמאָל נישט געקענט גיין מיט אַזאַ לייכטן גאַנג ווי דעיזי. מען זאָגט אַז דעיזי איז געראָטן אין איר מאַמעס שוועסטער, מיט אַלעמען. נאָר יענע איז געווען נאָך שענער פון איר.




די שפּיצן פון די ציפּרעסן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ ראָזלעך־רויטן שיין, וואָס איז ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין אַ העלן קופּער־גאָלדיקן גלאַנץ. מרים האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און פאַרקירעוועט אַהיים. ווען זי איז אַריין אין דער שכונה, האָט זי דערזען ביי זיי אין צריף לייכט זיך אַ געלער קוואַדראַט־פלעק. דאָס האָט מנשה זיך געגרייט צו דער אַרבעט. פלוצלינג האָט זי דערפילט אַ וואַרעמקייט פון אַ לעבעדיק נפש,

וואָס איז געשפּרונגען אַרום איר און געשטערט איר דעם גאַנג. דאָס איז געווען זריז, דער הונט פון דער שכונה.

מרים האָט אַ גלעט־געטאָן איבער זיין גלאַנציקער פעל און — זריז איז פריילעך געשפּרונגען אַרום מרימען, געלעקט איר די הענט, געקוקט איר אין די אויגן, ווי ער זאָל איר דאַנקבאַר זיין פאַר איר פריינטשאַפט צו אים.

# ווען די מאַראַנצן בליען

## קאַפּיטל איינס

ווי נאָר מתנה איז אַרויס אויפֿן גאַס, האָט זי פֿון דערווייטנס דערזען יעקבן לעבן זיין שטוב. ער איז געשטאַנען מיטן פּנים צום הויפּט־כביש.

מתנה האָט אייליק פּאַרקירעוועט אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג. זי איז אַריין אין אַ שכנותדיקן הויף, וואָס האָט געפֿירט מיט אַ קירצערן וועג צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע. זי פֿלעגט זיך זעלטן־ווען באַנוצן מיט דעם וועג, מחמת דער הויף איז געווען אַן אָפּגעלאָזענער, אַ שמוציקער.

גוט וואָס זי האָט היינט אויסגעמיטן די באַגעגעניש. זי האָט פֿון אים קיין רו נישט. ער עסט זי ממש מיט די אויגן און טרעט נישט אָפּ פֿון איר. כאָטש ער זעט איר האַלטונג לגבי אים, ווייל ער נישט משלים זיך מיט דעם, און קומט כסדר מיט די זעלבע רייד.

זי האָט אים אַזוי גינציק געהאַט פֿון קינדערווייז אָן. ליב געהאַט אין שול ווי אַ גוטן חבר. שטענדיק איז ער געווען דער ערשטער אין אַלע ספּאָרט־פֿאַרמעסטונגען. אין גאַסל האָבן אים אַלע ליב געהאַט.

מיט יעקבן, האָט זי ווייטער געצויגן אירע מחשבות, איז פֿאַרגעקומען נישט קיין פּשוטע זאַך. פֿון מיליטער איז ער געקומען אין גאַנצן אַן אַנדע־רער מענטש. שוין ווען ער פֿלעגט קומען פֿון צייט צו צייט אויף עטלעכע טעג אַהיים, האָט זי באַמערקט אַן ענדערונג אין זיין אויפֿפֿירן זיך. ער איז געוואָרן באַרעדעוודיקער און נערוועזער. זיין האַלטונג האָט זי גע־שראָקן. עפּעס פֿרעמדס האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זיין באַציונג צו מענטשן.

ווייזט אויס, אַז דאָס וואָס ער האָט אין דער צייט פֿון מיליטער־דינסט איבערגעלעבט, האָט אים אין גאַנצן צעטרייסלט. גוט, וואָס ער איז אָפּגע־

קומען נאָר מיט שרעק. מען זאָגט אָבער, אַז שרעק פאַרן טויט איז ערגער ווי דער טויט גופא.

פלוצלינג האָט מתנה דערפילט אַ שטויס. ווען זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט זי דערזען אַ יינגל, וואָס האָט געטראָגן אַ טאַץ הייסע פּיתות אויפן קאָפּ. ווען ער באַוויזט נישט באַצייטנס איר צו געבן אַ שטויס, וואָלטן אַלע פלעצלעך איצט געלעגן צעשאָטן אויפן ברוק.

— גברת־מגונדרת, גיי נישט אַלייך, נעם זיך מיט אַ מטפּלת — זי זאָל דיך פירן פאַרן הענטעלע. אפשר זאָל מען נאָך אַוועקשטעלן אויפן טראָטואַר רויטע און גרינע סיגנאַלן?

מתנה האָט נישט געענטפערט. זי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, צוגע־איילט אירע טריט און ווייטער זיך פאַרטיפט אין אירע טראַכטענישן. זי האָט זיך געוואָלט דערגרונטעווען צו דעם, ווען און ווי אַזוי איז דאָס געשען. עס איז ריכטיק, האָט זי פאַר זיך נאָך אַ מאָל פעסטגעשטעלט. דאָס לעצטע מאָל, ווען ער איז געווען אויף אורלויב, פאַר זיין באַפרייען זיך פון מילי־טער, איז ער שוין געווען עפּעס גאָר אַן אַנדערער מענטש.

וואָס מיט יעקבן איז געשען האָט זי זיך ערשט דערוווּסט ביי חביבהן, אויף דער מסיבה, ווען ער איז געקומען צוריק פון מיליטער. ווען זי טראַכט וועגן יענעם אָוונט באַפאַלט זי אַן אומעט. דאָס, וואָס עס איז נישט לאַנג פאָרגעקומען צווישן איר און יעקבן, לעבט זי איצט נאָך אַמאָל איבער: ווי נאָר ער האָט דעמאָלט אויסגעטרונקען אַן איבעריקע כוסה, האָט ער פאַר־דעקט מיטביידע הענט זיין פּנים און אָנגעהויבן אויסטערליש צו לאַכן.

— הבל־הבלים — האָט ער ווי נישט מיט זיין קול געזאָגט. — פּוסטע מעשיות. טראַך... און דער מענטש איז נישטאָ! מיטן טויט דאַרף מען טרינקען לחיים.

די גאַנצע חברה האָט מיט פאַרלעגנהייט געקוקט און געשוויגן. ער האָט ווידער גענומען אַ כוס אַראַק, זיך אַנידערגעזעצט און ער איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן. אַלע האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. ס'איז געוואָרן שטיל, אַז מען האָט געקענט די שטילקייט אָנטאַפּן מיט די הענט.

יעקב האָט דער ערשטער איבערגעריסן דאָס שווייגן און גענומען דערציילן:

—ביידע, איך און רחמיאל זענען געשטאַנען אויף דער וואַך ביי דער גרענעץ. אַ שטאַרק פינצטערע נאַכט געווען. מיר שטייען און רירן זיך נישט פון אָרט. אפילו דעם אָטעם האָבן מיר איינגעהאַלטן. פלוצלינג איז צו מיינע פיס געפאַלן רחמיאל. געטראָפן פון אַ קויל אין בויך. דאָס גאַנצע יונגע לעבן זיינס איז אַוועק מיט אַ דין ריטשקעלע, וואָס איז געפלאָסן צו מיינע פיס אין דער חושכדיקער פינצטערניש. אפילו די לבנה האָט אין דער נאַכט זיך נישט באַוויזן.

— איז ווער איז שולדיק אין רחמיאלס טויט? ווער? — האָט ער אָנגעהויבן ווייגען און קלאַפּן זיך אין האַרצן אַריין.

— איך, איך האָב געמוזט אים טויטערהייט, נאָך אַ וואַרעמען, אַוועק־שלעפּן פון וואַך־פונקט. ווי אַזוי האָב איך דאַן אויסגעהאַלטן און נישט צעוויינט זיך אין מיטן דער איינזאַמער נאַכט. ווי אַזוי האָב איך אפילו קיין טרער נישט געלאָזן. פּחדן! אַ פּחדן ביסטו, יעקב — פאַר דיין אייגן לעבן מורא געהאַט — און נישט געשריגן. פאַרוואָס?

אין אַ שווערער שטימונג זענען זיך אַלע צעגאַנגען. יעקבס איבערלע־בונג האָט געדריקט אויף אַלעמען. זי, מתנה, איז יענע נאַכט נישט געשלאָפן. זי האָט געטראַכט: פאַרוואָס האָט די שווערע איבערלעבונג אַזוי צעטרייסלט יעקבן? זאָגט מען דאָך, אַז ליידן שטאַרקן אַ מענטשן און פאַרהאַרטעווען זיין כאַראַקטער. ניין, זי פאַרשטייט אים נישט, יעקבן.

## קאַפּיטל צוויי

נישט געקוקט אויף דעם לעצטן פאַרפאַל מיט יעקבן, האָט מען צוריק אָנגעהויבן איינאָרדענען אין די פריייטיקצונאַכטסן מסיבות מיט טענץ. מען האָט געטאַנצט טשאַ־טשאַ־טשאַ, טוויסט און אַנדערע טענץ, וואָס זענען אָנגענומען אין די נאַכט־לאָקאַלן. נאָר דאָ האָט מען זיי געטאַנצט מיט מער טעמפּעראַמענט, מיט מער לעבן. קיין דזשאַז־אָרקעסטער איז דאָ,

פאַרשטייט זיך, נישט געווען, נאָר עטלעכע פּאַטעפּאָן־פּלאַטן. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט דער פּאַטעפאָן נישט געלאָזט איינשלאָפן די שכנים.

דאָס לעצטע מאָל איז די מסיבה געווען ביי לבנהן. ווי אַלע מאָל זענען דאָ געווען: לילי, עטיע, מתנה, מרים, אסתר, מאיר, יעקב — כמעט אַלע וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין געסל. יעדער האָט אָבער געקאָנט, ווי עס איז געווען אָנגענומען, אַריינפירן נייע מענטשן. בדרך־כלל איז דאָס געווען אַ געשלאָסענע גרופּע, וועלכע איז געווען גוט צונויפגעלעבט. מתנה האָט זיך לעצטנס צווישן זיי דערפילט פרעמד. זי האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, אַז דאָס איז צוליב יעקבן, פון וועמען זי האָט זיך אָנגעהויבן דערווייטערן. אין דער רעשיקער פריילעכקייט האָט זי זיך דערפילט, ווי זי וואָלט פאַרבלאָנדזשעט אין אַן אָרט, וואָס איז איר עפּעס באַקאַנט. זי האָט זיך געחידושט. זי האָט אַ סך געליטן און אַ סך געשוויגן. אָבער דאָס, וואָס איז געשען אויף דער לעצטער מסיבה ביי לבנהן מיט יעקבן, האָט שוין איבערגעשטיגן אַלץ, וואָס זי האָט ביז איצט איבערגעטראָגן פון אים. זי האָט זיך טאַקע קוים דערוואַרט ביז עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. מתנה איז אַרויס פון דער מסיבה איינע אַליין. בעסער געזאָגט — זי איז אַנטלאָפן.

איצט, ביי דער אויטאָבוסן־סטאַציע, לעבט זי דאָס אַלץ נאָך אַמאָל איבער: ווען עס האָט שוין גענומען טאָגן, איז זי אַרויס פון איר גליוועך, אין וועלכן זי איז געזעסן אין דעם אַלטן שטרויענעם פאָטעל. יעקבס אויפפירונג האָט איר אַנטפּלעקט דעם אמת וועגן אים און וועגן איר. ווי אַ קאָשמאַר איז פאַר איר געווען דאָס אַלץ, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען. און ווי אַנדערש ס׳איז געווען אין די יוגנט־יאָרן: ווען זיי זענען ביידע געווען נאָך אין שול, האָט זי זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אַ טאָג אָן אים, — נישט בלויז ווייל זיי זענען געוואַקסן אין איין געסל, אַ סך יינגלעך האָט געהאַט דאָס געסל, נאָר ווייל ער האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע יינגלעך. זיין אַנדערשקייט האָט אין דער סביבה פון אייביקער באַגרענעצטקייט און אָפּגעשלאָסנקייט, אַריינגעבראַכט אין איר קינדהייט עפּעס אַ נייעס. וואָס אַזוינס האָט זי נישט געוווסט. זי האָט נאָר געאָנט, אַז ס׳איז גוט.

יעקב האָט געקענט דאָס אַלץ, צו וואָס זי איז נישט געווען מסוגל,

וואָס איז איר אפילו געווען פאַרבאָטן צו פאַרנעמען זיך מיט דעם — ווי ספאָרט, וואָס זי האָט ליב געהאַט. מתנה האָט זיך געלערנט גוט. ביי אַלע מבחנים — אין לעצטן קלאַס — האָט זי אויך אים אונטערגערוקט צעטע־לעך, אַז ער זאָל זיי קענען אויסהאַלטן. אים איז מען אַלץ מוחל געווען. ער איז געווען דער גאָט פון קלאַס.

פאַרוואָס האָבן אַלע געקוקט אויף איר, אויף דער מסיבה, מיט אַזאַ צודרינגלעכקייט? צי האָט קיינער ביז דאַן נישט באַמערקט, אַז שוין פון לאַנג האָט זיך איר געמיט פאַרצויגן ווי מיט אַ נעפל, און עס איז פאַר־שווונדן איר העלער לאַכן און דעם גאַנצן אָונט האָט זי געשוויגן און ס׳האָבן איר געשטיקט טרערן אין האַלדז.

אין די נעכט האָבן די אומרואיקע חלומות געטאָן זייערס. זיי האָבן ווייטער געצויגן איר טאָגיקן באַגער אויפצופלאַנטערן דעם קנופּ, אין וועלכן עס איז אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אירס און זיין יוגנט־לעבן. אָבער אומזיסט. זי האָט זיך קיין עצה נישט געגעבן — נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט.

איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז זיך אַליין פרעמד. מתנה האָט זיך דערפילט ווי זי וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכן בוים. דאָס געפיל צו יעקבן האָט געטליעט אין איר ווי שטיקלעך אויסגעלאָשענע קוילן, וואָס ברענען אויס שטיל.

דער אויפגייענדיקער פרימאָרגן האָט געקילט איר צעהיצטן קאָפּ. זי איז געזעסן אויף דער באַנק ביי דער אויטאָבוסן־סטאַציע. די שווערקייט פון די איבערלעבונגען, וואָס זי האָט באַהאַלטן ביי זיך אונטערן האַרץ, האָט געדריקט.

אַרום איר האָט שוין דער טאָג צעעפנט זיינע אָרעמס. עס האָט זיך צו איר דערטראָגן דאָס קלאַפּן מיט די טוריה׳ס פון די אַרבעטער אַרום די ערד־טעלערס פון די ביימער, וואָס זענען געשטאַנען אין זיי ווי איינגעפלאַס־טערט. דאָס האַקן האָט זי צוריקגעפירט צו דערווירקלעכקייט. זי האָט מיט אירע באַוועגלעכע נאָזלעכער אַריינגעצויגן דעם פרישן ריח פון דער ערד. ערגעץ, נישט ווייט האָט מען פאַרברענט רעשטלעך בלעטער און ווילדגראַז. עמעצער האָט איבערגעשראָקן די פּאָר טויבן וואָס האָבן

מיט בנעימותדיקע טריט שפּאַצירט אויפן וועג. זיי האָבן זיך האַסטיק אויפגעהויבן מיט פונאַנדערגעשפּרייטע פליגל און נעלם געוואָרן.

אויפן עק גאַס האָט מען פון אַ ריזיקן לאַסט־אויטאָ אָפּגעלאַדעוועט קאַסטנס מיט סחורה פאַרן מחסן פון „המשביר". איין קאַסטן האָט זיך אַראָפּגעגליטשט מיט אַזאַ רעש אויפן טראָטואַר, אַז איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס האָט זיך אין איר עפּעס אָפּגעריסן.

מיטן אָנקום פון טאָג איז איר אַלץ געוואָרן קלאָר. זי איז אַליין געווען איבערראַשט פון איר געפּיל צו יעקבן, וואָס האָט זיך ווי אַ ריח אויסגעוועפּט. און געבליבן איז אַ פּוסטקייט.

ווי זי וואָלט ווייטער געוואָלט לעבן אין אירע קינדערישע טרוימען, וווּ אַלץ איז געווען פאַר איר ווייט, דאָרט, ערגעץ, און זי האָט געשפּאַנט מיט לייכטע טריט צו יענעם באַרג פּאָרויס, ווו אַלץ ווערט מקוים — ווי אין אַ קינדער־מעשהלע.

נאָך עפּעס איז אין איר געוואָרן קלאָר צוליב וואָס זי האָט זיך לעצטנס גענומען פילן פרעמד אויף די מסיבות. דאָס איז שוין נישט געווען יענע פריילעכקייט, צו וועלכער זי איז געווען געוווינט. די האָראַס, וואָס זיי האָבן אין אַ וואָס גיכערן טעמפּאָ געטאַנצט און האָבן זיי אַלעמאָל אָנגעפילט מיט יוגנט־התלהבות. אָדער די תימנישע דבקות, וואָס זענען זייער ענלעך צו די אַראַבישע. מען האָט זיי געטאַנצט ביז עקסטאַז, אין גיכן טאַנץ פון בהדרגהדיק־שטייגנדיקן טעמפּאָ פון ריטמישע דערהויבונג פון גאַנצן גוף. די אַנטשפּאַנונג אין טאַנץ האָט פאַרשאַפן אַ סך פאַרגעניגן. זי האָט שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן געדענקט אין דעם זין פון ליד. „מה טוב שבת אחים גם יחד". ווי גוט צו טאַנצן צוזאַמען, פלעגט זי טראַכטן.

אָבער... די טומלדיקייט און „פרייקייט" אויף די לעצטע מסיבות האָבן געגרענעצט מיט אויסגעלאַסנקייט, וואָס מען האָט זי אַריינגעבראַכט פון דרויסן און נישט פון געסל. זי האָט דאָך אין מיטן נאַכט נישט געקענט אַנטלויפן. און ווען אפילו יאָ, וואָס וואָלט זי געזאָגט דער מאַמען, ווען זי קומט אין מיטן נאַכט. עס האָט דאָך געהייסן, אַז זי וועט בלייבן נעכטיקן ביי אסתרן.

ווי וועט עס זיך ענדיקן מיט אים? אין די אויערן האָט איר נאָך לאַנג געקלונגען יעקבס שיכורע רייד:

— איך וועל דיך צווינגען! דיין פאַרשטעלטע צניעות באַהאַלטסטו פאַר די נאַכט־שיכטן אין דער פאַבריק. איך וועל דיך צווינגען! — האָט ער איר געדראָט.

די רייד האָבן געבריט און באַליידיקט. זיי האָבן נאָך מער פאַר־טיפט דעם תהום צווישן זיי. צי איז זי ביז איצט געווען בלינד?

— יעקב, יעקב! תפסיק! — האָבן זיך אַלע אַ וואָרף־געטאָן זי צו פאַרטיידיקן. מען האָט מורא געהאַט, אַז זיינע בליטן זאָלן זיך נאָך מער צעשפּילן און דאַן, ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט געשען. מ׳האָט אויפסניי אָנגעשטעלט דעם פּאַטעפאָן און מיט די לעצטע כוחות גענומען זיך דרייען אין געווירבל פון אַ גאַלאָפּ־טאַנץ. מתנה איז געזעסן אין אַ זייט און גע־וואַרט, אַז די פּיינפולע צייט זאָל אַריבער.

— „דו ביסט אַ צנועה, כאַ־כאַ־כאַ" — האָט איר כסדר געקלונגען זיין היסטערישער געלעכטער.

ווו האָט זי גענומען כוח אים ניט צו דערלאַנגען אַ פּאַטש. אפשר איז דאָס געווען דער פּחד פאַר זיין פּיניש מעסער, וואָס ער טראָגט שטענדיק מיט זיך. די איינציקע, וואָס איז כמעט מיט איר דורכגעזעסן די גאַנצע נאַכט איז געווען עטי. זי האָט אָבער אויך געשוויגן ניט געפינענדיק די פּאַסיקע רייד אין איר אומדערפאַרענעם מיידלשן מויל, כדי זי צו טרייסטן.

ווי גוט, וואָס נאָך אַזאַ נאַכט קומט דער טאָג מיט דעם ראָז־העלן באַגינען און די צעזונגענע וועלט פון די פייגל, וואָס צוויטשערן אין איין קול און רופן־אַרויס דעם מענטשן צום לעבן. די פייגל צוויטשערן אויך אַזוי שטאַרק אין אָוונט, דערמאָנט זיך מתנה. אפשר באַדויערן זיי, וואָס די זון פאַרגייט — אָבער זי פאַרגייט דאָך ניט אויף מער ווי אויף איין נאַכט.

מתנה פילט, אַז עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן אין איר. זי האָט זיך פאַר־גליכן צו אַ שטייאיק וואַסער, אין וועלכן מען וואַרפט אַריין אַ שטיין און ווערט מוטנע. אַזוי זענען געגאַנגען טעג און וואָכן און חדשים. זי האָט זיך קיין עצה מיט זיך ניט געגעבן.

ווען זי טראַכט וועגן יעקבן, קומט זי צום אויספיר, אַז עפּעס איז קאַליע געוואָרן אין אים. דער פּחד פאַרן טויט, וואָס ער האָט איבער־געלעבט האָט אים אָבער געדאַרפט דערפירן צום געדאַנק — ווי עס זאָגט שושנה, איר שוועסטער, — אַז מען דאַרף שטרעבן און קעמפן, אַז אויף די גרענעצן זאָלן מער אַזעלכע פאַלן נישט זיין. דאָרט לעבן אויך יונגע בחורים, ווי יעקב, הייסט ער נישט יעקב, נאָר אחמד, זיי קאָנען אויך דערפון צעבראָכן ווערן. דעם שטאַרקסטן צעדערבוים קאָן אַן אומגעריכ־טער שטורעם צעברעכן.

שושנה פאַרשטייט אַ סך. מתנה פילט אַ דאַנקבאַרקייט ווען זי רעדט מיט איר ווי מיט אַ גלייכע. כאָטש זי איז אַ סך עלטער פון איר. און וועגן געלערנטקייט רעדט זיך שוין נישט. שושנה זאָגט איר: מתנה, לערע איז נישט אַלץ, אַן אָפּענעם קאָפּ מוז מען האָבן און אַ מענטשלעך האַרץ. דאַן קען מען אַ סך פאַרשטיין. יעקב איז נישט שולדיק, אָבער ער איז אַ שוואַכער מענטש. דער מענטש מוז זיין שטאַרקער פון אַלץ. מען זאָגט דאָך, אַז „אַ מענטש איז שטאַרקער פון אייזן".

דאָס כסדרדיקע אַריינטראַכטן אין דעם אַלעם, האָט שטאַרק אויסגע־מאַטערט מתנהן. זי איז געוואָרן שווייגעוודיק און אויסגעמאָגערט. פון טאָג צו טאָג האָט זי ערגער אויסגעזען. מען האָט געזען ווי זי גייט־איין.

— וואָס איז דיר, מיין קינד? — האָט איין מאָל איר מוטער אַ פרעג־געטאָן — אפשר וועסטו היינט נישט גיין צו דער אַרבעט? איך זע דאָך, אַז דו פילסט זיך נישט גוט. און אפשר פאַרמאַטערן דיך דיינע מסיבות אַלע וואָך. זאָג מיר, עס מוז דען אַזוי זיין? אַלע וואָך? וואָס האָסטו אַזוינס געגעסן ביי אסתרן?

— גאָר נישט ספּעציעלס. כ'וועל אָפּעסן מיטאָג, וועל איך זיך בעסער פילן. גיב מיר נישט קיין פליייש — בעסער מער ירקות. דאָס שטיקל פליייש וועל איך עסן ביי דער אַרבעט אין איבעררייס צום אָוונט־ברויט.

— ווידער די נאַכט־אַרבעט — האָט רחל אַ זיפץ געטאָן און אַ קוק־געגעבן אויף דער טאָכטער.

מתנה האָט געמיינט, אַז מיט דער אַרבעט אין דער פאַבריק וועט אַלץ אַוועקגיין.

אָבער — די שפּין־שפּולערס און דאָס קלאַפּן פון די מאַשינען האָבן ווי צום טאַקט באַגלייט אירע געדאַנקען. זי שטרענגט אָן אַלע אירע כוחות, כּדי צו פאַרגעסן, אָבער — פון זיך קען מען נישט אַנטלויפן. אַ שאָד, וואָס די שעהן פון דער נאַכט־אַרבעט גייען פאַרביי און זי מוז ווידער גיין אַהיים, דורכן געסל.

אין איינעם פון די נידעריקע הייזלעך האָט געוווינט ער, יעקב. זי האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז ער וועט דאָרטן וואַרטן אויף איר און ווידער נאָכגיין איר ווי אַ שאָטן אין דער גרויקייט פון אויפגייענדיקן טאָג. דאָס האַרץ האָט איר נישט גענאַרט — ווי נאָר זי איז אַראָפּ פון אויטאָבוס, האָט זי אים גלייך באַמערקט, אין זייער געסל.

— פאַרגעס, זיי מיר מוחל, מתנה, דו ווייסט דאָך, אַז נישט נאָר דאָס, וואָס כ׳האָב געטרונקען, האָט מיך געמאַכט ווילד, נאָר דער סם פון פייער, וואָס דו האָסט אין מיר אָנגעצונדן. כ׳קען אָן דיר נישט לעבן.

אַלע זיינע חרטה־רייד האָבן אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ וואַנט פון שווייגן. ווי אַ בלום, וואָס פאַרמאַכט זיך מיטן אָנריר פון דער נאַכט, אַזוי האָט זיך פאַרמאַכט מתנהס פילבאַרקייט פאַר זיינע רייד. אָן אַ וואָרט איז זי נעלם געוואָרן הינטער דער טיר פון זייער הייזל.

## קאַפּיטל דריי

— מתנה, שטיי־אויף, האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו דאַרפסט עפּעס דערליידיקן. דער טאַטע איז שוין לאַנג אַוועק צו דער אַרבעט. שטיי־אויף — האָט רחל געוועקט די טאָכטער אירע איבערבייגנדיק זיך איבער איר בעט.

מתנה איז געלעגן מיטן פּנים צו דער וואַנט און נישט געקאָנט ענטפערן דער מאַמען. אַ פוילע, זיסע מידקייט האָט זיך געגאָסן אין אירע גלידער. זי האָט זיך נישט געקאָנט רירן, ווי עמעץ וואָלט זי צוגעשמידט

צום בעט. פון וואַנען נעמט זיך די שווערקייט אין אירע גלידער — טראַכט מתנה. זי איז אונטערגעלעגן אַ ווײַלע, מיט כוח זיך אָפּגעריסן פון געלעגער און אַרויסגעשפּרונגען פון בעט.

— שוין, מאַמע, כ׳גיי — האָט זי פריילעך אויסגעשריגן, בייקומענ־דיק דעם דרימל, וואָס איז נאָך געלעגן אין אירע ביינער.

רחל האָט פאַרריכט די מאַשינקע, וואָס האָט גענומען צאַנקען און אָנגעפילט דאָס צימער מיט אַ בייסיקן ריח. אָנגיסנדיק דעם נאַפט אין דער פּתיליה איז איר פלינקייט ווי אַנטרינען געוואָרן. די הענט האָבן זיך איר גענומען טרייסלען. די פליסיקייט האָט זיך אַריבערגעגאָסן איבער די ברעגעס אין אַ פעט ריטשקעלע, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין דער שניי־ווייסקייט פון בענקל, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען די מאַשינקע. זי האָט צוגעשטעלט דעם בלישטשנדיקן טשייניק און זיך געברוגזט: ווי אַ בובה האָט זי געברענט און איצט — כאַטש נעם און וואַרף איר אַרויס.

בעת רחל האָט געגרייט צום פרישטיק, האָט מתנה זיך שוין געהאַט אויסגעבאָדן. זי איז אַרויס פון מקלחת און פריילעך אונטערגעברומט אַ שטיקל מעלאָדיע.

מיט אַ צרה דאַרף מען זיך נאָר דורכשלאָפן, איז שוין גרינגער. דער פרימאָרגן איז קליגער פאַרן אָוונט — האָט זי כמעט אויפן קול געזאָגט.

מתנהס ברומען איז איבערגעגאַנגען אין אַ פריילעכן ניגון, וואָס קיינער וואָלט נישט געקענט פעסטשטעלן, פון וואַנען זי האָט אים גענומען. דער ניגון פלעגט שטענדיק קומען צו איר, ווען אַ קאַלטער שטראָם וואַסער פון טוש פלעגט זיך באַהעפטן מיט איר יונגן, מידן לייב. דאָס וואַסער מאַכט זי לוסטיק און קערט איר צוריק די בויגעוודיקייט אין אירע גלידער. אויך איצט האָבן די שטעכיקע שטראָמען וואַסער באַפרייט זי פון יענע מידע אומרואיקייט, וואָס באַהערשט זי לעצטנס.

רחל האָט פון אַ זייט געוואָרפן אַ בליק אויף דער טאָכטער. זי האָט אַ צופרידענע געקוקט אויף דער טאָכטערס פלינקן אָנטאָן זיך, אויף די גיכע הכנות צום פאַרלאָזן די שטוב. זעענדיק די טאָכטערס הייטערע שטימונג, האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט:

— מתנה, די אַלטע פאַרטונע איז שוין ווידער געווען דאָ נעכטן.

— מאַמע, — האָט איר מתנה איבערגעשלאָגן די רייד, — כ׳האָב דיר שוין איין מאָל געזאָגט, לאָז מיך צורו, כ׳האָב נאָך צייט...

— די אַלטע איז זיך אַליין מטריח געווען. קיין ביסל נחת האָט זי נישט. יענער איז געבליבן אין מצרים. דער דאָ, יעקב, נאָכן דינסט וואָלט שוין לאַנג געדאַרפט אַ נעסט פאַרלייגן.

אויף דער מאַמעס רייד, האָט מתנה אָפּגעקערט דעם קאָפּ, געשוויגן און גענומען טאָן דאָס איריקע.

— ווי איז מיר! ווי צו מיינע יאָרן! די מויד גייט דאָך שוין אין גאַנצן אַראָפּ פון זינען — זי האָט איינגעהאַלטן די טרערן און גענומען איינ־טענהען מיט דער טאָכטער:

— אַ בחור, אַ בובה. וואָס האָסטו זיך איינגעשפּאַרט, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? וועסט ביי אים נישט בלויז האָבן ברויט מיט בוימל, נאָר פליש וועסטו ביי אים האָבן צו זאַט.

מתנה איז נענטער צוגעגאַנגען צו דער מוטער, אָנגעשטעלט אויף איר אירע ברייט־צעעפנטע טונקל־שוואַרצע מאַנדל־אויגן און מיט דער גאַנ־צער שאַרפקייט איר געזאָגט:

— מאַמע, דו האָסט גלעזערנע אויגן, דו ביסט אין גאַנצן בלינד. — און איינבייגנדיק זיך צו איר האָט זי צוגעגעבן: — דו זעסט נישט, אַז דעם גאַנצן טאָג דרייט ער זיך אַרום ליידיק פוסט־און־פּאַס און אין די אָוונטן פאַרשווינדט ער?

— פאַר דער לעצטער צייט ביסטו מיר געוואָרן, מיין טאָכטער, אַ גאַנצע חכמה. ער אַרבעט זיכער נאַכט־שיכטן — האָט זי מיט אַן אומזי־כערקייט געענטפערט. שטיל געוואָרן איז זי אויף אַ ווילע, פעסטער צונויפ־געצויגן די עקן פון טיכל אויפן קאָפּ. זי פלעגט דאָס מאַכן שטענדיק, ווען זי פלעגט זיך נישט קענען קיין עצה געבן מיט עפּעס אַן ענין, און ווערן דערפון אויפגערעגט. אין אַ ווילע אַרום, האָט זי אָבער ווייטער אַריינגע־טענהעט אין דער טאָכטער:

— מענטשן ווייסן בעסער פאַר דיר, גאָלדענע, העגט האָט דער בחור. אוודאי וואָלט געווען בעסער, ווען ער איז אַן אונדזעריקער, אַ תימנער.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, אָפּגעהאַקט אירע רייד און גענומען זיך צו

פאַרקנעטן דאָס טייג. מתנה איז איר נאָכגעגאַנגען און נישט ווי איר טבע איז — געפּרעגט אַרויסרעדנדיק יעדעס וואָרט מיט האַרטקייט אין קויל:

— און ווו האָט ער גענומען אַזאַ גאָלדענעם שווערן בראַנדזלעט און אַזאַ זייגער? פון וואַנען? דו שוויגסט? זאָג, מאַמע, ער צעפּטרט זיינע יונגע יאָרן מיט אַרומגיין אַ גאַנצן טאָג ליידיק. דער כעס טראָגט אים און די גאווה עסט אים.

אויף דעם האָט רחל נישט געענטפערט מיט קיין איין וואָרט. זי האָט אויפגעהויבן אויף דער טאָכטער אירע גרויסע, טיפע אויגן, וואָס זענען איצט פון צער נאָך טיפער געוואָרן און איר פּנים האָט זיך איינגעשרומפּן, ווי זי וואָלט אין זיך איינגעזאַפּט אַלע דאגות פון דער וועלט.

אין צימער האָט געהערשט אַ שטילקייט. זי האָט נישט צעטיילט די צוויי נפשות, נאָר פאַרקערט — זי האָט זיי נאָך נענטער פאַרבונדן צווישן זיך. ביידע האָבן געטראַכט דאָס זעלבע — אַ שאָד אַ מענטשן. לסוף האָט רחל אויפגעהויבן איר בליק פון איבער דער שיסל, אין וועלכע זי האָט געקנעטן דאָס טייג און כמעט וויינענדיק געזאָגט:

— כ׳בעט דיך, מתנה, היט זיך מיט אַ וואָרט פאַרן טאַטן. זיי אים נישט מצער. קיין האַניק ביי דער אַרבעט לעקט ער נישט. ער שלעפּט געזונג די שווערע אייזנס אַ גאַנצן טאָג אויף זיינע ביינער. זי האָט טיפער אָפּגעאָטעמט און צוגעגעבן: — אַבי נישט מיט דער טוריה, ברוך השם. ווען נישט דער אַלטער סעדיה, וואָס האָט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט נאָך געזוכט אַרבעט.

דערמאָנענדיק זיך וועגן דעם מאַן אירן און זיין שווערער אַרבעט, האָט זי אַרומגענומען אַ וואַרעמע כוואַליע פון ליבלעכקייט, וואָס האָט זי באַרויִקט און צוגעגעבן בטחון. ער, שלמה, איר גאָטספאַרכטיקער מאַן, וועט שוין געפינען אַן עצה.

זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט אויף צערטלעכקייטן. איצט האָט זי אויפגעהאַנגען אויף אירע וויעס די גאַנצע ליבשאַפט צו דער וועלט און מיט אַ וואַרעמקייט אין דער שטים געזאָגט: הער, דעם טאַטן קיין וואָרט! געדענק!

מתנה האָט דייטלעך דערהערט דעם טאַטנס שטים, זיין זאָג, מיט וועלכן ער האָט זיך ליב צו באַנוצן ווי אַ רפואה אויף אַלע צרות:

— וואָס דאַרף אַ קליין פייגעלע פליען הויך ווי אַן אָדלער. יעדער פויגל האָט זיך זיין הויך, צו וועלכער ער דערגרייכט.

— האָב אויף אים רחמנות. ס'ליגט אונדז נאָך גוט אין מויל דער ביטערער טעם, די מעשה מיט זיין שוועסטערס טעכטערל, מיט שושנהן. מיר האָבן דאָס נאָך נישט פאַרגעסן. ער וועט ווידער אָנהייבן צו פאַסטן תעניתים, דיין פאַרהאַרעוועטער טאַטע, און זאָגן נאָך מער תהילים, — האָט רחל אין איין אָטעם אַרויסגעבראַכט איר אומרואיקייט צוליבן נישט קענען פאַרשטיין, וואָס מיט איר טאָכטער קומט פאָר.

— מאמע, וואָס איז דאָס געשען מיט מיר אַזוינס, אַז ער דאַרף אַזש פאַסטן תעניתים?

כ'פיל מיין קינד, אַז עס גייט צו דעם. אַלץ די פאַבריק. קיין גוטס קען פאַר דיר נישט אַרויסקומען פון דעם אַלעמען. ווי לאַנג קלערסטו צו אַרבעטן אין דער פאַבריק? די גאַנצע מיידלשע כוחות גיסטו אַוועק, און וואָס פאַרדינסטו? פאַר אַ שעה משק־בית, וואָלסטו געהאַט מער. איינגע־עקשנט זיך: ניין, נאָר אין דער פאַבריק. אַן אַרבעטאַרערקע וויל זי זיין. אין שושנהס דרכים. פון אַזאַ רייכטום ווי ביי איר טאַטע־מאמע דאַרף זי גיין אַרבעטן? אַרומשלעפּן זיך אין דער פרעמד? האָבן צו טאָן מיט קינדער?

דאָ האָט רחל גענומען מיטן פאַרטעך ווישן די אויגן און ווייטער געזאָגט: — נאָר צוליב אונדזער אָרעמקייט פאַרקוקן מיר אין אַ זייט, וואָס דו אַרבעטסט אין אַ פאַבריק ביינאַכט צווישן מענער. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? ווו איז דאָס געזען געוואָרן? כאָטש גוט וואָס נאָר איין וואָך אין חודש. דאָס איז גוט פאַר אשכנזער, פאַר זיי פאַסט דאָס. אָדער גאָר די איראַקער. פאַר זיי איז דאָס ווי אָנגעמאָסטן.

די מאַמעס רייד האָבן זיך ווי דורכגעגליטשט פאַרביי מתנהס אויערן. זי הערט זיי כמעט יעדן טאָג. די לייכטקייט אין איר שטימונג היינטיקן פרימאָרגן און די לוסטיקייט אין איר געמיט, האָבן פאַרווייכט די האַרב־קייט פון דער מאַמעס רייד. מתנה האָט נאָר געוואַרט, אַז די מאַמע זאָל

ענדיקן. זי איז צו איר צו, זי אַרומגענומען און אַריינגעקוקט איר אין אירע גוטע אויגן, וואָס זענען געווען פאַרלאָפן מיט פייכטקייט ווי מיט אַ ראָסע און האָט איר געזאָגט:

— מאַמע, זאָרג נישט, דאגה נישט, די אשכנזער זאָגן: „יעדעס טעפּעלע געפינט זיך זיין שטערצעלע". — זי האָט זיך פאַרקירעוועט צום אַרויסגאַנג און האָט אַ בלישטשע געטאָן מיט אירע העלפאַנטביין־ציין.

אַ זוניקער שמייכל האָט זיך צעהעלט אויף איר סמוגלען פּנים, זי האָט אַ מאַך־געטאָן מיט איר האַנט און כמעט שוין פון יענער זייט טיר אַ זאָג־געטאָן:

— שלום, מאַמע!

## קאַפּיטל פיר

מתנה האָט אַ קוק־געטאָן אויפן זייגער און זיך גענומען איילן אַוועק־צוגיין. זי איז היינט אַרויס צו פרי, אָבער די מאַמע אירע האָט דאָס מאָל גאָרנישט געפרעגט. זי האָט זיך שוין צוגעוווינט צו אַלע אויסטערלישע געענג פון איר טאָכטער. זי ווייסט פון פאָרויס איר ענטפער: כ׳מוז היינט זיין פרי ביי דער אַרבעט. וועט זי דען איר נאָכפאָרן קאָנטראָלירן? — איז שוין גלייכער נישט צו פרעגן צופיל.

ווי אַלע מאָל האָט זי זיך געזעצט אויף דער באַליבטער באַנק, צווישן דיביימער אויף דער הויפּט־גאַס, ווייט פון זייער געסל. זי איז געווען צופרידן. די איינזאַמקייט איז געווען פאַר איר אַ היילונג. היינט איז מיטוואָך. דער טאָג דערמאָנט איר שטענדיק אין דעם, וואָס עס איז געווען מיט דריי חדשים צוריק אויפן „עלית־פּלאַץ". אַלץ אַרום איז נאָך געשלאָפן. זעלט־ווען ס׳איז דורכגעפאָרן אַ מאַשין. פויל, כמעט אָן רעש, האָט זיך געצויגן אַן אויטאָבוס. זי האָט געזוכט התבודדות, וואָס האָט זי באַרואיקט און געלאָזן איר פאַרטיפן זיך אין אירע געדאַנקען. וואָס אייגנטלעך געשעט

מיט איר? עפּעס אַ נייער, אַן אומגעריכטער שטראָם פון פרייד פליסט אין איר. אָבער צו דער זעלבער צייט פילט זי ווי ס׳וואָלט זיך אַן אומרו באַזעצט אין איר. אין איר קומט פאַר אַ געראַנגל. זאָל דאָס זיין? זי דערלאָזט נישט דעם געדאַנק.

פונקט ווי אַ קוואָקע דערפילט די געפאַר ווען זי זעט ווי דער יאַסטרעב שוועבט איבער אירע עופהלעך, און זי וויל זיי פאַרהיטן פון דער סכנה, אַזוי פילט מתנהס מאַמע, אַז איבער איר טאָכטער הענגט עפּעס אַ געפאַר — ווען זי באַמערקט, אַז מתנה זיצט אַ שווייגנדיקע ביים עסן. זי לאָזט פון איר נישט אַראָפּ קיין אויג און זי מיט זיך אויפצוהייבן די שטימונג ביי איר טאָכטער:

— מתנה, — זאָגט די מוטער, — דו פרייסט זיך גאָרנישט, וואָס מיר פאַרן קיין ראש־העין צו מתתיהון אויף דער חתונה? אַן אמתע תימנישע חתונה וועט דאָס זיין. איידער מ׳האָט אויסגעפונען ווו אויסצובאָרגן דעם גאַנצן טראַכט — דעם זילבערנעם קאָפּ־שלייער מיט וואָס מען פאַר־דעקט דעם קאָפּ ביז איבער די אויערן. אוי, וויפל מי, און וויפל געלט וועט עס קאָסטן. די אייביקע מחותנתטע — ווי מען רופט די אַלטע רבקה, דינגט זיך אַן אויף אַלע חתונות נאָך פון תימן. זי וועט אַלע טענץ אויס־קלאַפּן אויף איר פּויקן־קרוג. נאָך אויף מיין שוועסטערס חתונה, אויף דער מומע שרהס, האָט זי נאָך געפּויקט צום טאַנץ. אַ יינג מיידל איז זי דאַן געווען. אַן אייזערנעם כוח האָט זי נאָך אין אירע הענט. דאָס מאָל וועסטו זי זען, מתנה!

— מאַמע, איך פריי זיך, גלייב מיר, — אָבער כ׳בין מיד. לאָז מיך אָפּרוען אַ ביסל.

— מיין קינד, גיי צום אַלטן דאָקטאָר, אפשר איז דיך אַ שלאָפקייט באַפאַלן.

— ניין, מאַמע, לאָז מיך צורו! כ׳וועל זיך אויסרוען, וועל איך ווידער צו די כוחות קומען.

מתנהן טוט דאָס האַרץ וויי, ווען זי טראַכט וועגן דער מאַמען. זי פילט, ווי ווייט זי איז אַוועק פון דער וועלט, אין וועלכער זי לעבט. ווען זי זאָל נאָך וויסן וועגן איר דעם גאַנצן אמת?

וועלכן אמת? פרעגט זי זיך אַליין, מתנה. פון ערשטן מאָמענט, ווען זי האָט זיך מיט אברהמען באַגעגנט, אין פּאַליצייאישן טענדער, האָט זי דערפילט, אַז דאָס איז עס. גלייך פון דער ערשטער רגע האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי קען אים שוין פון לאַנג.

פון יענעם טאָג אָן האָט דאָס שמאָלע סטעזשקעלע, אויף וועלכער זי האָט זיך מיט אים באַגעגנט, זיך אויסגעברייטערט. זי האָט דערפילט, אַז פאַר איר ליגט אַ ברייטער וועג, אַן אומבאַקאַנטער, אָבער אַן אמתדיקער.

זינט יענע טעג האָט זי אָנגעהויבן גיין שטאָלצער. פאַרטיפט אין נייע געפילן און מחשבות, האָט זי דעם קאָפּ געטראָגן העכער, איר שטים האָט גענומען קלינגען אַנדערש, און דער גלאַנץ פון אירע אויגן האָט זיך צוריקגעקערט — ווי אַמאָל.

דער מאַמעס רייד האָבן איר אומזיסט דערמאָנט אין יעקבן. וועגן לעצטן פאַל מיט אים, וואָס איז געווען אַזוי שרעקלעך און האָט זיך געקענט ענדיקן טראַגיש, פונקט ווי אין די ביכער אָדער אין קינאָ, האָט זי זיך באַמיט נישט צו טראַכטן. אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין האָט זי זיך באַפרייט פון דעם. אָבער ווען די מאַמע פלעגט צושטיין צו איר, פאַרוואָס זי וויל אים נישט, פלעגט אַ וויטאָג אַ שטאָך־טאָן אין האַרצן ווי מיט אַ נאָדל. אָפט האָט זי פאַר איר מיט אַ שמייכל פאַרשטעלט דעם אמת.

אויסערלעך האָט זי פאַר דער שטוב פאַרשטעלט דאָס, וואָס עס ברעכט זיך אין איר און דאָס נייע וואָס עס וואַקסט־אָן. זי איז געווען געהאָרכזאַם און שטיל. דאָס צונויפטרעפן זיך מיט דעם אייזערנעם ווילן און מענטש־לעכקייט פון אברהמען, האָט זי אַ שטויס־געטאָן צו טיפער דערקענטעניש פון מענטש און וועלט.

די שטוב איז איר געוואָרן ענג. עס האָט זיך געוואָלט צערוקן די ווענט.

אויף וויפל זי האָט זיך נישט באַמיט איז עס אָבער אויך נישט אַדורך אָן רייבונגען. וואָס אַמאָל איז איר געוואָרן קלענער די שטוב. דאָס איז נישט איר לעבן, האָט זי כסדר פעסטגעשטעלט פאַר זיך אַליין. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז די בריק צווישן איר און די היים ווערט אַלץ שמעלער.

די צינענע לייכטער, וואָס זי געדענקט פון איר קינדהייט אָן, דער־ציילן, אַז נאָך די עלטער־באָבע האָט אין זיי ליכט געבענטשט; אַז פון ווייטן תימן האָט מען זיי מיט זיך מיטגעבראַכט קיין ארץ־ישראל. די אַלטיטשקע באָבע, ברכה, האָט נאָך דאָ זוכה געווען, אויף דער הייליקער ערד פון רחל ולאה צו לויבן דעם בורא, וואָס זי איז אַן אשה געבוירן געוואָרן. פאַרשידענע שמעקנדיקע געווירצן האָבן זיך נאָך געהערט אין שטוב, ווען מען פלעגט זיך באַנוצן מיט דעם זילבערנעם בשמים־ביקסל, וואָס היט זיך אָפּ אין דער משפחה ווי אַ הייליקייט, נאָך פון דעם עלטער־עלטער זיידן, סעדיה, וואָס האָט עס אַליין פון זילבער געמאַכט. ווען די מאַמע פלעגט געבן מתנהן נאָך אַלס קליין מיידל דאָס בשמים־ביקסל אויסצופוצן, פאַר די יום־טובים, האָט זי עס נישט אַזוי געפּוצט, ווי גע־שפּילט זיך מיט דעם, ווייל קיין איינציקע שפּילצייג האָט זי נישט פאַרמאָגט. די אויסגעקריצטע לוחות פון איין זייט און די ווינטרויבן האָבן געקוויקט אירע קינדערישע אויגן און פאַרשאַפט איר פרייד.

אָט די דערפילונגס־שטיינער, וואָס זענען געלעגן אין אַ צעדער־קעסטעלע, וואָס דער טאַטע האָט עס אַליין געמאַכט, פלעגט איר די מוטער ווען־נישט־איז עפענען און ווייזן, און שנעל פאַרמאַכן, מורא האָבנדיק, ווי דער שטייגער איז געווען צו גלייבן, אַז מען טאָר קיין סך אויף זיי נישט קוקן, ווייל דאָס מזל, וואָס שטראַלט פון זיי, קען פאַרשווינדן. די שטיינער האָבן זי באַאומרואיקט און געוועקט איר דמיון, וואָס האָט אויסגעפילט אירע קינדערישע טרוימען, וועגן אַ וועלט, וואָס איז ערגעץ פאַראַנען. איצט זענען די קינדערישע טרוימען אַרויס אויף דער אויבערפלאַך און אַנגענו־מען דעם לבוש פון אַ לעבן, וועגן וועלכן עס האָט איר דערציילט אברהם, און פון וועלכן זי איז געווען ווייט. נאָר דאָס שמאָלע בריקל אַריבערצו־שפּרינגען און שוין... ווי אַזוי דאָס וועט געשען, האָט זי נישט געוווּסט.

מתנה האָט איין מאָל, אין אַ שמועס מיט שושנהן, געזאָגט:

— כ׳האָב דעם איינדרוק, ווי עמעצער וואָלט מיך געהאַלטן אונטער דער ערד. כ׳שעם זיך, וואָס עמעצנס האַנט קירעוועט מיט מיין גורל, און איך קען זיך פריי נישט באַוועגן אין דער שטוב.

די שול האָט מתנהן קיין סך נישט געגעבן. זי האָט געלעבט ווי אין

אַ פאַרכישופטן ראָד אין די דורותדיקע פאַרגליווערטע געוווינשאַפטן און מנהגים, וואָס זענען געווען דער איינציקער גייסטיקער מקור, אין וועלכן די שטוב האָט זיך געהאַלטן. דער אַרום האָט שטורמיש געקלאַפּט נישט נאָר אין די פענצטער, נאָר אויך אין די טירן.

ווי אַ געוויקס, האָט זי געזוכט אַ באָדן ווו זיך צו פאַרפלאַנצן. זי האָט געטראָגן אין זיך אַ סך זון פון דורותדיקן מדבר־לעבן. דאָס האָט זי פאַרהיטן פון קאַלטער איינזאַמקייט און מיט פולע הויפנס וואַרעמקייט צו דער וועלט האָט זי געזוכט אַ תיקון.

עס האָט זי געצויגן די אַנדערשקייט אַרום איר, דאָס נייע. איר גאַנג איז געווען געצוימט, אָבער מיט אָפענע אויגן האָט זי געקוקט אין דער צוקונפט. אין זיך האָט זי אָבער נישט געפונען דעם כוח, וואָס שושנה. זי האָט אַזוי דרייסט אַ שפּרונג געטאָן פאָרויס. מתנה האָט אויך נישט געוואָלט נאָכטאָן איר שוועסטער חנה, וואָס האָט אַזוי פרי חתונה געהאַט, כדי וואָס פריער זיך צו באַפרייען פון טאַטנס שטרענגער, פאַרעקשנטער האַנט.

אַ בת־זקינים איז נישט גוט צו זיין. דער טאַטע שפּאַרט שוין צו די זיבעציקער — טראַכט מתנה און די מאַמע איז שוין באַלד פופציק. אַזויפיל צרות. חנה האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון שטוביקן עול — איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ נייעם: משה, איר מאַן, איז אַ גרויסער לאָ־יצלח. די גאַנצע פרנסה־געבערקע איז חנה, מוז רחל העלפן נישט נאָר היטן די אייניקלעך, וואָס ליגן אין די וויגן, נאָר דעם עלטסטן אייניקל, יאָסי, האָט זי גענומען צו זיך, חנהן זאָל גרינגער זיין. און שולמית, די עלטערע שוועסטער אירע, וואָס האָט אַ פיינעם מאַן, אַן אַרבעטסזאַמען, וואָס קען אַלע מלאכות — סטאָלעריי, שלאָסעריי און אַרבעט ווי אַ שומר צוליב דעם אומגליקס־פאַל ביי דער מאַשין, און איז צו איר גוט און איבערגעגעבן. אָבער — ווידער צרות: מען זעט נישט קיין סימן פון אַ יורש. די לערערין פון דער שול אין דער שכונה האָט איינמאָל דערקלערט, אַז דאָס טרעפט, ווען נאָענטע משפחות זענען זיך משדך. טאָ ווו האָט מען פאַר שולמיתן געקענט טרעפן אַ פיינערן, שטילערן בחור, וואָס די גאַנצע יאָרן האָט ער אויסגעהאַלטן זיין בלינדן טאַטן און דער אַלטער מאַמען און איצט

שושנה, דעם ברודערס טעכטערל, דאָס „אוצרל“, ווי מען רופט זי אין דער משפחה — האָט וויניק צער אַריינגעגאָסן אין דעם צעוויטיקטן האַרץ פון איר מאַמען?

מתנה זעט נישט קיין שום שלעכטס אין שושנהס אויפפירונג. אדרבא, נישט איין מאָל זאָגט זי ריכטיקע זאַכן. ווי האָט איר געענטפערט די מומע מרים, דער מאַמעס שוועסטער, ווען זי האָט איר אָנגעהויבן אויסרעדן, אַז זי גייט אויף וועגן, פרעמדע דער עדה, — מיר גייען אין גאָטס דרכים אין עניוות און געהאַרכזאַמקייט, האָט זי געשטראָפּט מתנהן. דער רבונו של עולם פירט מיטן מענטשלעכן גורל ווי ער האָט זיך דאָס פאַרדינט.

— טאָ פאַרוואָס העלפט דער רבונו של עולם נישט דעם פעטער שלמה, פאַר זיין פרומקייט און פאַר זיינע גוטע מעשים טובים? און פאַר־וואָס העלפט מיין טאַטן דער שוואָגער זיינער, שושנהס רייכער טאַטע, מיט קיין גראָשן נישט? און ער לייגט אָפּ דאָס געלט אין די בענק? ער וויל ווידער בויען אַ נײַ הויז. פאַרוואָס געדענקט ער נישט אין זיין משפחה? ווי אַזוי וווינט שלמה, זיין שוואָגער?

— געוואָלד, ווי האַלט מען עס אויס מיט אַזאַ פּרא אדם! — האָט אַ געשריי געטאָן די מומע, נישט מיט איר קול.

מיט דעם האָט זיך זייער וויכוח נישט געענדיקט. מתנה לאָזט זיך נישט און באַוואַרפט זי מיט נייע חטאים פון איר פעטער, שושנהס טאַטן: און צבי מיט די זעקס קינדערלעך שטיקן זיך אין אַ צריף און ער פאַרדינגט פאַר פרעמדע מענטשן דירות נאָר פאַר גרויסע געלטער — נישט קיין קרוב? וואָס?

— ווי דען אַנדערש! — שרייט שוין די מומע מרים — וואָס ווילסטו, חצופה! ווען מען גאָט גיט, האָט. אַזוי איז שוין באַשערט. די וועלט וועסטו נישט איבערמאַכן.

— מען וועט איבערמאַכן, מומע. מ׳וועט איבערמאַכן. געדולד — האָט אויף דעם רואיק געענטפערט מתנה. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי, אָבער זי האָט געהערט וועגן דעם פון שושנהן.

איצט פאַרשטייט שוין מתנה, אַז נישט אומזיסט האָט מען שושנהן געשמידט אין קייטן. מען האָט נישט געוואָלט, אַז זי זאָל קומען דאָרט,

פון וואַנען זי ברענגט די געדאַנקען וועגן אַזאַ יושר, וואָס מוז איבערמאַכן די וועלט.

נאָך דעם שאַרפן ווערטער־אויסטויש מיט דער מומען מרים, ווערט מען זיך, מסתמא, אַ נעם־טאָן צו איר. אָבער מתנהס טאַטע האָט, ביי זיין גאַנצער שטרענגקייט, געוואָלט מיט גוטסקייט היילן די קראַנקע נשמה פון זיין טאָכטער — ווי ער פלעגט זיך אויסדרוקן.

— ביי יידן — האָט ער געזאָגט — איז יושר און גערעכטיקייט נישט קיין נייע זאַך. לויט דער תורה, האָט מען נישט בלויז קנעכט באַפרייט, נאָר אויך די ערד נאָך זיבן יאָר פון שווערן יאָך באַפרייט. אָבער ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מ׳וויל אינגאַנצן אונטערברענגען דעם עושר, וועמען גאָט האָט באַשאַנקען מיט זיין זכיה. יעדער מענטש דאַרף זיך אויף זיין וועג טאָן זיינע מצוות און זיין גורל געפינען אַליין. ער האָט נישט געהאַט קיין פּאַראיבל אויף זיין רייכן שוואָגער, וואָס איז שוין אַ גאַר אַלטער תושב אין לאַנד געווען. ער האָט אַלעמאָל געגרויסט זיך מיט אים.

שושנה גלויבט אין עפּעס אַזוינס, וואָס גיט איר כוחות אַלץ איבער־צוטראָגן. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס מ׳האָט זי אין קייטן געשמידט. שושנה טראָגט אין זיך עפּעס נייעס. זי איז לחלוטין אַנדערש ווי אַלע מיידלעך אין דער משפחה — טראַכט אָן אויפהער וועגן איר מתנה.

מתנה פאַרשטייט איצט בעסער די רייד פון איר לערערקע, פּירע, אויף די לאַנגע שפּאַצירן, ווען זיי זענען געגאַנגען מיטן קלאַס קלייבן בלומען און קרייטעכצער. די לערערקע, פּירע, האָט אָנגעוויזן אויף דעם באַניַיטן לעבן אין דער נאַטור, אויף דעם, אַז ביי אונדז אין לאַנד באַנייט זיך די ערד נישט איין מאָל אין יאָר, אַז די נאַטור באַפרייט זיך, און דער מענטש דאַרף זיך אויך באַנייען און באַפרייען. קינדיש איז זי דאַן געווען און נישט באַנומען, וווהין זי צילט. ווי טיף דערגייען היינט צו איר מוח די רייד פון דער ליבער לערערין.

זי האָט שוין לאַנג באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון שטוביקן שטייגער, פון אונטער דער מאַמעס ציטערדיקע פליגל, און פון טאַטנס שטרענג־השגחהדיק אויג. זי האָט נישט געוווסט, אַז זי וועט אַזוי ווייט קומען. איינס איז געווען זיבער פאַר מתנהן — אַז נאָך איידער זי וועט אינגאַנצן איבעררייסן די

בריק מיט איר שטוב, איז זי שוין באַפרייט פון די צוימען, וואָס האָבן זי נישט געלאָזט פריי אָטעמען.

מתנה האָט זיך אויסגעגלייכט אין איר גאַנצן וווקס און ווי כמעט אַלע תימנישע מיידלעך, געטראָגן אויף איר פנים יענעם מאַמישן חן פון צניעות, און באַהערשטקייט, וואָס האָבן דורות לאַנג באַשיינט די אומוויסנדע פּנימער מיט אַ דרימלדיקער גייסטיקייט. איר פרימאָרגנדיקע פרייד איז ווידער געקומען צו איר.

אירע יונגע ברוסטן האָבן זיך האַסטיק באַוויגן. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז אָט־אָט שפּרינגען זיי אַרויס פון איר בוזעם.

מתנה איז אַראָפּ אויפן גאַס. זי האָט געפילט, אַז זי וועט איצט טרעפן אברהמען. ער האָט זיכער אויך באַקומען אַ צעטל צום אויספאָרשונגס־ריכטער וועגן די „עלית"־געשעענישן, געוויס צו דער זעלבער צייט. גוט וואָס זי אַרבעט די וואָך אין דער נאַכט־שיכט און דאָס צעטל איז אַריינ־געפאַלן צו איר אין דער האַנט אַריין.

נאָך פאַר זייער באַקאַנטשאַפט פלעגט זי אברהמען טרעפן יעדן פרי־מאָרגן אין דער זעלבער צייט גיין צו דער אַרבעט. זי האָט אָבער דאַן אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט, היינט האָט זי אויף אים געוואַרט מיט אומגעדולד.

## קאַפּיטל פינף

מתנה האָט דורכגעלאָזן שוין די צווייטע סטאַציע און מיט לאַנגזאַמע טריט געגאַנגען פאָרויס. זי האָט געזען איר לעבן אין ליכט פון אירע איבערלעבונגען ווי אויפן עקראַן. האָט נאָכאַמאָל געזען יענעם אָוונט — אַ וואָך נאָך דער לעצטער מסיבה, — ווען יעקב האָט זי אָפּגעוואַרט פון דער נאַכט־שיכט. איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו עפענען דאָס מויל, האָט זי באַמערקט, אַז פון זיין קעשענע שטעקט ווידער אַרויס דאָס פינישע

מעסער. זינט ער איז געקומען פון מיליטער, טראָגט ער אים שטענדיק ביי זיך. ווייניק הערט מען זיך אָן אין ראַדיאָ, צי מען לייענט וועגן אַזעלכע מאָרדן אין די צייטונגען, שוין אָפּגערעדט אין קינאָ; גוט, וואָס די גאַנצע חברה פון איר געסל איז אָנגעקומען נאָכן לעצטן קינאָ־סעאַנס. זי האָט אין אים דערפילט נישט סתם תאווה, נאָר שגעון.

ער האָט איר קיין שלעכטס נישט געוואָלט טאָן — האָט ער זי בארואיקט, באַגלייטנדיק זי אַהיים. פון רחמנות איז זי אים אַלץ מוחל און פאַרשוויגט.

און איצט די מעשה מיט אמנונען. אויך אמנון אין דער פאַבריק איז צודרינגלעך צו איר. ווען נישט די קלוגע אַניע, וואָס האָט זי געוואָרנט און געלערנט: געדענק, מתנה, זיי פון דער וויטנס מיט אים. זיינע הנדעלעך און קאָמפּלימענטן קאָנען טאַקע דעם קאָפּ פאַרדרייען, אָבער דו מוזט זיך אויסלערנען אונטערשיידן אָן אמתע מטבע פון אַ פאַלשער.

און מתנה, וועלנדיק אַנטלויפן פון פחד, וואָס עס האָט אויף איר אַרויפגעוואָרפן יעקב, איז געווען גרייט אין יענער צייט צו נעמען זיך אַ באַשיצער, בפרט ווען ער איז געווען אַזוי נאָענט, נאָר די האַנט אויסצוציען. פון אָנהויב האָט זי געמיינט: אפשר איז דאָס ביי אַניען קנאה. אפשר וואָלט זי אַליין געוואָלט זיין אויף איר אָרט. אָבער, ווען זי האָט זיך גענומען גוט צוקוקן צו אמנונען, צו זיין מגושמדיקן צוגאַנג צו אַנדערע מיידלעך, און ווען זי האָט נישט אָנגענומען זיינע „ליבעס־באַמיאונגען״, האָט ער פּרובירט איר איבערפירן צו אַן אַנדערער מאַשין — זענען איר אַניעס רייד געוואָרן פאַרשטענדלעך. אין סכסוך איז אַניע געווען אויף איר זייט. זי האָט אין אַרבעטער־ראַט אויפגעוויזן אויף מתנהס צוגעפּאַסטקייט און אַדאַנק אַניען האָט דער ועד געפּסקנט, אַז מתנה בלייבט ביי דער מאַשין, ווו זי האָט פריער געאַרבעט.

ווען מתנה איז צוגעקומען צו דער סטאַציע, ווו אברהם פלעגט איינשטייגן האָט זי קלאָר געוווּסט, אַז זי האָט געוואַרט אויף אים. מיט אַ צייט צוריק האָט זי אים דאָ געטראָפן. עפּעס האָט עס איר קיינמאָל קיין רו נישט געגעבן. עפּעס האָט זיך געראַנגלט אין איר. אָבער אויסערלעך, ווען

זי פלעגט אים טרעפן, האָט זי איינגעהאַלטן איר רואיקייט און פריינטלעכן שמייכל.

אייגנטלעך קען ער זי שוין אַריבער אַ יאָר. ער פלעגט טיילמאָל באַגעגענען זי אינדערפרי אין אויטאָבוס, ווען ער פלעגט פאָרן צו דער אַרבעט. ער האָט געקוקט אויף איר, ווי אויף אַלע מיידלעך, וואָס האָבן מיט זייער יונגקייט גערייצט דאָס הונגעריקע אויג.

אין דער זעלבער רגע, ווען ער האָט אויפגענומען דאָס פלעמל פון איר בליק, וואָס איז אים געווען אַזוי אייגן, נאָענט, האָט אין איר אַ צאַפּל־געטאָן דאָס האַרץ. זי האָט דערפילט, אַז זי האָט זיך נישט־ווילנדיק אנטפלעקט פאַר אים. ער האָט איר געענטפערט מיט אַ ברייטן שמייכל. און ס'האָבן זיך אַנטפלעקט זיינע געזונטע ציין.

איינמאָל, בעת אַזאַ באַגעגעניש, האָט ער אַ פרעג־געטאָן:

— נו, מתנה, ווי פילסטו זיך נאָך יענער מעשה אויפן „עלית־פלאַץ״?

— אָ, אברהם, עס איז אַוועק שוין אַ ביסל צייט. עס דאַכט זיך מיר, אַז ס'איז שוין געווען אַזוי לאַנג. אַזוי פיל איז געשען פון דאַן.

— אַ פאָר וואָכן איז ביי דיר א סך צייט? — האָט אברהם געפרעגט, און אַ טראַכט־געטאָן אַז אפשר באַהאַלט זיך אונטער דעם ענטפער אַ ווילן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך אַלץ, וואָס איז מיט יענעם מאָמענט פאַרבונדן.

— מיין מאַמע זאָגט, אַז עס זענען דאָ צייטן, ווען אַ טאָג איז אַן אייביקייט.

אברהם האָט צונויפגעצויגן זיינע שוואַרצע ברעמען, וואָס האָבן זיך ווי אַ פייל פאַראייניקט איבער זיינע קליינע, אָבער טיפע אויגן. ער האָט גענומען אויפמערקזאַם זיך צוהערן צו אירע רייד. ער האָט אָנגעהויבן אַנדערש קוקן אויף איר.

זיין דורכדרינגלעכער בליק האָט איר צערודערט. דער צופלוס פון בלוט האָט מיט אַ לייכטער ראָזקייט באַפאַרבט איר העל אָליוון־פּנים און שלאַנקן האַלדז. אירע אַלע אברים האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ זיסער פרייד. עס האָבן זיך אין איר אָנגעצונדן אַלע באַגערן, וואָס זי האָט טיף אין זיך געטראָגן איבער אלע אירע מיידלערישע יאָרן, נישט לאָזנדיק, אַז עמעצער זאָל זיי דערזען אָדער דערשפּירן.

ווי פל מאָל זי באַגעגנט זיך מיט אים, דערמאָנט זי זיך דעם פּאָליציי־אישן טענדער. עס דוכט זיך איר, אַז זי פילט נאָך היינט די פּאָליציי־אישע האַנט, וואָס האָט זי אַריינגעוואָרפן אין טענדער אַריין. ווי לאַנג איז זי סך־הכל געשטאַנען אויפן פּלאַץ און צוגעהערט זיך צו די רעדעס פון די פאַבריק־פאַרשטייער? די אַרבעטער זענען געשטאַנען און זיך איינגעהערט, זי צווישן די אַרבעטערינס פון איר אָפּטיילונג. און דאָ האָט עס זיך אָנגעהויבן. זי האָט נישט געוווּסט ווען, ווי אַזוי — ווי מען האָט גענומען יאָגן, שלאָגן און שלעפּן. איידער וואָס און איידער ווען, האָט מען זי אַ כאַפּ־געטאָן מיט אַזאַ כוח, ווי מיט קלעשטשעס. צוויי פּאָליציאַנטן האָבן זי געפירט פאַר די הענט און נאָך דעם זי אַריינגעשליידערט אין טענדער. זי איז געפאַלן אויפן באָדן און באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ אין קאָפּ.

אָבער דאָ האָט אברהם, דער אומבאַקאַנטער דאַן פאַר איר בחור, איר אָפּגעטרעטן זיין אָרט. די צוויי בענק זענען געווען פול מיט אַרעסטירטע. אָבער ווי אברהם האָט זיך אויפגעהויבן אָפּצוטרעטן מתנהן דאָס אָרט, האָט אים עמעץ געגעבן אַ שליידער אויף צוריק:

— זיץ, נבלה, אַ דזשענטלמען זיך געפונען. צו גיין זיך בונטעווען איז זי גאָרנישט קיין ליידי געווען. נישט מורא געהאַט.

— כ׳וועל שטיין! — האָט מיט עקשנות זיך געאַמפּערט אברהם, און זיצן וועט זי, די אַרבעטערין, די ליידי, — האָט געחוזקט אברהם, האַלטנדיק אַ פאַרבלוטיקט טיכעלע ביים קאָפּ.

ווער ווייסט ווי לאַנג זיי וואָלטן זיך געווערטלט, ווען עס מישט זיך נישט אריין אַן אָפיציר, דערהערנדיק די קולות פון קעטשל.

— וואָס טוט זיך דאָ? בטלנים וואָס איר זענט. איר קאָנט זיך מיט אַ פּאָר בחורימלעך נישט קיין עצה געבן.

הערנדיק וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ, האָט דער אָפיציר קורץ געפּסקנט:

— דאָס קאָמוניסטל מיינט, מסתמא, אַראָפּצושפּרינגען אין וועג — זעצט אים אַוועק און נעמט אַריין אין מיטן די צויג און שוין.

אַזאַ לאַנגע צייט און ס׳קלינגט איר נאָך אין די אויערן דאָס אַלץ אַזוי פריש, ווי ס׳וואָלט איצט געווען. זיצנדיק לעבן פאַרווונדעטן בחור, וואָס

זיין נאָמען האָט זי נאָך דאַן נישט געקענט. האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער איז איר קענטלעך. זי האָט זיך שפּעטער דערמאָנט, אַז זי פלעגט אים באַגעגענען אין די פרימאָרגנס, ווען זי פלעגט פאָרן צו דער אַרבעט אין אויטאָבוס. אַלץ איז איר קלאָר געוואָרן. די גאַנצע נאַכט האָבן זיי קיין רו נישט געהאַט. מען האָט זיי כסדר גערופן צום אויספאָרשן. און שפּעטער אַלע צוזאַמען.

— זאָג, אברהם גדלי, ווי לאַנג קענסטו מתנה אומרי, זאָג, — איז צו אים צוגעשטאַנען דער פאָליציי־אָפיציר, וועלכער האָט אים געפאָרשט.

— כ׳האָב זי היינט דערזען ס׳ערשטע מאָל אין פאָליציי־טענדער, — האָט ער דעצידירט געענטפערט, אויפהייבנדיק זיין פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ.

— און דו, מתנה אומרי?

— כ׳האָב אים קיינמאָל נישט געקענט. זי האָט דערביי געעפנט ברייט אירע טיפע, שוואַרצע אויגן, וואָס זי האָט אַריבערגעטראָגן פון פאָליציי־באַאַמטן אויפן בחור און געוואָלט זאָגן: כ׳קען אים שוין לאַנג, זייער לאַנג, נאָר זי האָט נאָכאַמאָל קאַטעגאָריש באַשטעטיקט:

— כ׳קען אים אינגאַנצן נישט.

— געדענק, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דו העלפסט זיי, וועט דיין שטראָף זיין צוגלייך מיט אַלעמענס.

מיט דעם האָט עס זיך דערווייל געענדיקט, ביז דער היינטיקער אויספאָרשונג.

מתנה האָט נישט באַוויזן צו דערפירן ביזן סוף אירע געדאַנקען וועגן איר ערשטער באַגעגעניש מיט אברהמען, ווי ער איז אָנגעקומען. ביידע זענען אַריין אין אָנקומענדיקן אויטאָבוס און זיך געזעצט אויף אַ באַנק, נישט ווייט פון שאָפער.

— איר אַרבעט היינט נישט?

— ניין, אברהם, איך האָב חופש. כ׳אַרבעט נאַכט־שיכטע. און איר, וואָס זענט איר נאָך נישט ביי דער אַרבעט, אַזוי שפּעט — האָט זי געפרעגט — ווען וועט פאַרקומען אייער משפּט?

— דערווייל בין איך אויף קויציע. טויזנט פונט האָבן די חברים אַריינגעטראָגן פאַר מיר.

זי האָט זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און געזאָגט: — כ׳מיין, אַז טויזנט פונט איז גאָרנישט קיין סך. כ׳האָב היינט באַקומען אַ צעטל צום אויספאָרשונגס־ריכטער.

— און איך אויך! — האָט מיט פרייד געענטפערט אברהם, פונקט ווי די עצם־אויספאָרשונג וואָלט אים געדאַרפט באַגליקן.

— טאָ פאָרן מיר צוזאַמען.

זיי זענען געזעסן לעבן זיך און זייערע הענט האָבן זיך איינגעפלאָכטן אין אַ בונד. ס׳האָט אויסגעזען ווי דער איינגעהאַלטענער צופלוס פון די באַרג־וואַסערן, וואָס נידערן מיט איינמאָל אַרונטער, האָט זיך באַפרייט — טראָץ אַלע צוימען.

ביידע זענען געזעסן לעבן זיך, פאַרגעסן וועגן אַרום, וועגן מענטשן, וועגן דער גאַס, וואָס האָט זיך רוישיק אַריינגעריסן דורכן אָפענעם אויטאָבוס־פענצטער. ביסלעכווייז האָט זיך דער אויטאָבוס אָנגעפילט מיט מענטשן. דער זוניקער פרימאָרגן האָט זיך אַריינגעריסן מיט בלענדיקן גאָלד זיי זענען ווייט פאַרפאָרן פון אָרט, ווו זיי ביידע האָבן באַדאַרפט זיין אין דער באַשטימטער שעה.

זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט און געוואָלט אַראָפּשפּרינגען. אברהם האָט מיט פאַרלעגנהייט זיך געווענדעט צום שאָפער:

— מיר האָבן פאַרגעסן אַרויסצוגיין ווו מיר דאַרפן.

— אין אייער עלטער קאָן מען פאַרגעסן, טאַטע־מאַמע אויך. אַ קליינינקייט, ליבע! עס איז נישט אַזוי פשוט.

מתנה און אברהם האָבן מיט דאַנקבאַרקייט אַ קוק־געטאָן אויפן שאָפער, וואָס האָט פאַר זיי אַרויסגעבראַכט דאָס, וואָס זיי אַליין האָבן זיך נישט געוואגט צו זאָגן.

אברהם האָט אַ בליק־געטאָן אויפן זייגער, אָנגענומען מתנהן פאַר דער האַנט און פאַרקירעוועט די טריט צו דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם אָפענעם ים.

פון ערגעץ־ווו האָט זיך דערטראָגן דער פאַרשיכורנדיקער ריח פון בליענדיקע מאַראַנצן.


1963

## דער מענטשן־קענער

יעטע האָט היינטיקן פרימאָרגן אויסגעזען וווּנדערלעך־שיין. איר זעפּיר־שלאָפראָק פון טורקוס־קאָליר האָט אונטערגעשטראָכן דעם עכטן בלאָנד פון אירע האָר. ציטנווייז האָבן זיך אַנטבלויזט אירע שלאַנקע פיס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי געשניצט פון העלפאַנטביין.

זי איז געזעסן נאָכן פרישטיק מיט איר מאַן אין האָל פון איר קאָטעדזש און געמיטלעך געשמועסט. דורך די באָוועגלעכע לאָדנס האָבן זיך אַריינגעריסן סנאָפּעס ליכט, וואָס האָבן געוואָרפן אַ גאָלדענעם גלאַנץ אויף די אונטערשטע טיילן ווענט. אויף די פּאָליצעס זענען געשטאַנען פאָרצעלייענע וואַזעס און פאַרשידענע אַנטיקע קונסט־אויסאַרבעטונגען, וואָס האָבן עדות געזאָגט וועגן אַ זאָרגעוודיקן צוקלייב. גאָר הויך זענען געהאַנגען ווערטפולע קונסט־בילדער. די דעמבענע טרעפּ אין האָל, וואָס האָבן געפירט אין אַלע צימערן, זענען געווען באַדעקט מיט אַ פּורפּור־רויטן טעפּיך. אויף די אונטערשטע טרעפּ האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס ליכט, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט דעם פּורפּור־רויט און געשאַפן אַ שפּיל פון העל־רויטן געשפּין.

ווי אַ זון אין אַ פּראַסטיקן פרימאָרגן — האָט יעטע אַ טראַכט־געטאָן — איבעררייסנדיק איר שמועס מיטן מאַן. זי האָט קיינמאָל אַזאַ זאַך נישט געזען. זי האָט אויפגעהויבן איר בליק פון דעם ליכט־שפּיל אויפן פּורפּור־טעפּיך, וואָס אויף די טרעפּ און ווייטער פאַרגעזעצט איר שמועס:

— שולמית צימער האָט נעכטן אויסגעזען וווּנדערבאַר, ווייל איר שיינקייט האָט באַקומען די פּאַסיקע ראַם. אין דעם קאָסטיום און מיט די נאָרטעס אויף די בערג, וועט זי אויסזען פאַנטאַסטיש! ווי דו זעסט לוינט צימערן עס זאָל אים קאָסטן אַזוי פיל געלט. דערפאַר וועט ער באַקומען איר

פאַטאָגראַפיע, וואָס וועט ליגן אין זיין טייסטער לעבן זיין טשעק-ביכל, און ער וועט זיך מיט זיין שיינהייט באַרימען. און איך? איך וואָלט דאָך אין דער שווייץ, אין די בערג, געקענט מאַכן אַ פוראָר!

— מיין מוציקל — איז רייך צוגעפאַלן צו אירע פיס — דו וועסט פאָרן, וועסט פאָרן קיין שווייץ, וועסט פאָרן! — האָט ער דריי מאָל איבערגעחזרט דעם צוזאָג. דער צוזאָג האָט אים אָבער באַלד דערמאָנט וועגן דער וועלט פון געלט און געשעפט. ער דאַרף דאָך זיין אין דער פאַבריק צען אַ זייגער. און דער זייגער איז דריי פערטל אויף צען.

—איצט מוז איך שוין גיין — האָט ער אייליק אַ זאָג־געטאָן און פון זיין פנים איז מיט אַ מאָל אַנטרונען די הייטערקייט און די אַנטציקונג.

— געדענק, מיין קינד, אַז צייט איז מער ווי געלט. צייט איז נישט קיין אַריטמעטישער חשבון, נאָר אַ קאָסמישער — זי לויפט און מען קען זי צוריק נישט כאַפּן. מיר געשעפט־מענטשן ווייסן, אַז געלט איז קיילעכ־דיק — עס קייקלט זיך אַוועק און עס קומט צוריק. אָבער צייט?

פאַקטיש איז אונטער דער פילאָזאָפישער פאַראַלגעמיינערונג געלעגן זיין גרויסע תאווה צו געלט, פון די מורא אָפּצושטיין פון זיינס גלייכן.

— אַדיע, מיין אוצרל! — האָט ער אַ קוש־געטאָן אירע העלע, בלויע אויגן, וואָס האָבן געשמייכלט מיט צופרידנקייט.

יעטע איז געווען צופרידן, וואָס דער צוזאָג צו פאָרן אין דער שווייץ איז איר אַזוי לייכט אָנגעקומען.

— אַדיע!

אויף פראַנצויזיש פלעגט ער זיך שטענדיק געזעגענען מיט איר. דאָס איז געווען די שפּראַך פון איר היים ביזן קומען פון פראַנקרייך מיט די עלטערן. זי האָט שוין לאַנג פאַרגעסן די שפּראַך, מחמת זי האָט זיך מיט איר נישט באַנוצט.

— אַדיע! כ׳מוז דאָך גיין, מיין אוצרל, כדי צו שאַפן אַן אוצר פאַר מיין אוצרל.

ווען רייך האָט זיך איבערגענומען מיט אַ זאַך, פלעגט ער עס איבער־חזרן עטלעכע מאָל.

מיטן מאָמענט, ווען ער האָט פאַרלאָזן זיין שטוב, איז ער אַריין אין

דער ראָל פון פאַבריקאַנט רייך. מיטן פאַרמאַכן די טיר האָט ער זיך איזאָ־לירט פון דער „וועלט פון ליבע". יעדע זאַך אין זיין צייט, איז געווען זיין דעוויז.

אין פאַבריק לעבט רייך גאָר אַן אַנדער לעבן. ער האָט זיין אייגענע שיטה פון צונעמען אַרבעטער און אַנגעשטעלטע. פון קיין פאַרמיטלונג פון דרויסן האַלט ער נישט, ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין פאַרטרעטער — דעם הויפּט־בוכהאַלטער לוטין.

— „מענטשן" — האָט ער נישט איין מאָל פאַרענטפערט זיך פאַר לוטינען — מוז איך אַליין צונעמען, ווי וועלנדיק מיט דעם אונטערשטרייכן זיין צוטרוי צו אים. אין לוטינען האָט ער געפילט דעם קעגנזאַץ פון זיך, דעם פעסטן, אפילו עקשנותדיקן מענטש.

— איר וווּנדערט זיך אוודאי, אדון לוטין, וואָס איך האַנדל אַזוי. עס ליגט מיר נאָך גוט אין טעם די מעשה מיטן מעכאַניק, שמואל ראַלניק.

— וואָס איז דאָס ביי מיר? אַ הקדש, כ׳זאָל אַניאָגן סתם מענטשן — און שפּעטער שריי „חי וקיים" ביז דו קענסט פון אַזאַ איינעם פּטור ווערן.

— איר פאַרשטייט דאָך אַליין. אַ קליינינקייט — הונדערט מאַן! פאַלט אייך אַריין איינער אַ נישט־פּאַסיקער — ליגט ער אייך ווי אַ ביין אין האַלדז. איין בונטאָווטשיק קען חרוב מאַכן אַלץ. איר קענט דאָך דאָס שפּריכוואָרט: איין פאַרשיווע שעפּס... — דאָ האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן און נישט געענדיקט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, מורא האָבנדיק, אַז ער האָט זיך שוין צו ווייט פאַרגאַלאָפּירט אין זיין אָפנהאַרציקייט.

מיין זיידע ע״ה פלעגט דערציילן וויפל צרות ער האָט געהאַט מיט די „מענטשן", מיט די פאַראַבקעס. גיטער האָט ער געהאַט ריזיקע, און „מענ־טשן" — פרעגט נישט. „גיי האָב צו טאָן מיט פעבל" — פלעגט ער זאָגן. אָבער ר׳ זלמן פון טיקאָצין האָט זיך אַן עצה געגעבן מיטן פעבל. איז וואָס מיינט איר, אדון לוטין, פעבל בלייבט פעבל, צי אין 19טן, צי אין 20סטן יאָרהונדערט.

פאַבריקאַנט רייך האָט אפילו נישט באַמערקט, אַז אין זיין מאָנאָלאָג נעמט נישט קיין אָנטייל דער הויפּט־בוכהאַלטער לוטיק, צו וועמען ער האָט

געהאַט אין אַלע אַנדערע ענינים אַן אומבאַגרענעצטן צוטרוי, נאָר נישט ביים אָננעמען „מענטשן".

פאַקטיש האָט לוטין געטראָגן כמעט דעם גאַנצן עול פון דער פאַבריק. די דיקע אויגנגלעזער האָבן אים געהאָלפן צו באַהאַלטן די אויפגערעגטע בליקן זיינע. נישט שטענדיק איז דאָס אים געלונגען. און ווען דער פאַברי־קאַנט רייך פלעגט רעדנדיק מיט אים וועגן צונעמען אַרבעטער, אויפכאַפּן דאָס פייער אין לוטינס אויגן, האָט ער עס אויסגעטייטשט, אַז לוטין פילט זיך, מסתמא, געטראָפן, וואָס אין אַזאַ ענין ווי צונעמען „מענטשן" געטרויט ער אים נישט.

לוטין האָט גוט געדענקט מיט וואָס פאַר אַ מי און מאַטער עס איז אים, דעם עולה, אָנגעקומען, נאָך לאַנגע זוכענישן, צו באַקומען אַזאַ גוטן אַרבעטס־פּלאַץ, ווו ער איז געווען, אין אַ געוויסער מאָס, זעלבשטענדיק. דעריבער האָט ער געשוויגן. אָבער אינעווייניק האָט זיך אין אים אַלץ גע־בונטעוועט.

רייך פלעגט זיך צוקלויבן די „מענטשן" לויטן אויסערלעכן אויסזען: לויטן וווקס און מוסקולן. אמת, קיין רענטגען־אויפנאַמעס פון לונגען און האַרץ האָט ער נישט געפאָדערט. ער האָט געקליבן לויט זיין „ניוך". נישט איין מאָל האָט דאָס „פּעבל" אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און דורכגעשמוגלט אין פאַבריק אַריין אַן אולקוס, אַ צוקער־קראַנקייט, אָדער אַן אַנדערע מחלה. אַזוי טיף האָט זיין „ניוך" נישט געגרייכט. ער האָט זיך נאָר געטרייסט מיט דעם, וואָס אַזעלכע פאַלן זענען געווען זעלטענע.

צו די מאַשינען האָט ער אויסשליסלעך צוגעקליבן מענער און אין רייפן עלטער. די גאָר יונגע פלעגט ער אָוועקשטעלן ביי געהילף־אַרבעטן, אָדער גאָר צו שוואַרצע אַרבעט.

— אַ יונגער „מענטש" — האָט ער איינגעטענהעט מיט לוטינען, איז לייכטזיניק און פאַרמאָגט נישט קיין אויסדויער. אַנדערש איז אַ „מענטש" צווישן דרייסיק און פערציק. אין דעם עלטער איז ער מסוגל בייצושטיין אַלע שוועריקייטן.

כאָטש ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם שטודיום, האָט ער פיגורירט אַלס אינזשעניר. איידער ער נעמט אָן אַ „מענטש" צו דער אַרבעט, האָט

ער אַלס אינזשעניר געוואָלט מיט אים האָבן אַ טעכנאָלאָגישן שמועס, כדי צו זען די באַהאַוונטקייט פון קאַנדידאַט.

לוטין איז געווען דער איינציקער, פאַר וועמען רייך פלעגט אויסגיסן זיין „שווער" האַרץ. אָבער הערנדיק זיינע רייד האָט לוטין געשוויגן און פאַרשטעלט זיין בליק נישט בלויז אונטער זיינע גראָבע אויגנגלעזער, נאָר אונטער זיינע שווערע אויגן־דעקלעך.

— דער עיקר ביים מענטש, איז זיין „פּסיכיק" — פלעגט ער זאָגן. דאָס איז דער „צפור הנפש". — דאָס האָט ער געלערנט בשעת זיין באַזוך אין אַמעריקע.

— דאָרט איז אַ מחיה — האָט זיך נישט איין מאָל אַנטציקט רייך. אין גרויסע פאַבריקן מוז יעדער אַרבעטער, אַחוץ אויספילן אַ פאָרמולאַר: וועלכע איז געווען זיין זיידע און באָבע, צי איז, חלילה, ווער אין דער משפחה נישט געווען קיין קאָמוניסט. מען פאָרשט אים נאָך פונקט ווי אין מיליטער.

„פונקט ווי מען וואָלט זיי נישט געקענט אָן דעם שיקן אין אַלע פייערן"

— האָט אויף די רייד ביי זיך אַ טראַכט־געטאָן לוטין און ווייטער געשוויגן.

— וועגן פּאָליטיק רעד איך נישט מיטן פּעבל! ווען איך לאָד איין אַזאַ איינעם צו זיך — רעד איך מיט אים כלומרשט וועגן משפחה־ און אַנדערע אָנגעלעגנהייטן. ביי אַ גלעזל „עספּרעסאָ" ווערט לויזער די צונג און זיי הייבן אָן צו רעדן. וועגן פּאָליטיק רעד איך מיט פאַרגעניגן אין אונדזער קלוב „חירות המולדת". דאָרט זיצן מיינס גלייכן.

— דאָרט, אין אַמעריקע, גייט אַלץ מיט אַ טעמפּאָ — האָט ער ווייטער געצויגן זיין מאָנאָלאָג. — ביי אונדז איז אָפּגעשטאַנענקייט, פּראָווינץ, אפילו מיינע געשעפטן זענען פּראָווינציעלע. הונדערט אַרבעטער. איז וואָס קען איך שוין אַרויסציען פון מיינע הונדערט „מענטשן"? דעריבער מוז מען זיין פאָרזיכטיק ביים אָננעמען זיי.

לוטין האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ נאָך נידעריקער איבער די פּאַפּירן. פון צייט צו צייט האָט ער אויפגעהויבן זיין קאָפּ, ווי ער זאָל זיך כלומרשט צוהערן צו זיינע רייד.

לוטינס שווייגן האָט רייך אָנגענומען ווי אַ הסכמה צו זיינע רייד און

ער האָט גענומען פֿאַר אים אַנטוויקלען אַלץ ברייטער זיין אופֿן פֿון צוגע־מען מענטשן, און דער עיקר, וואָס פֿאַר אַ שיטה ער ווענדט אָן לגבי פּרויען. אייגנטלעך איז בעסער צו האַלטן פֿרויען ביי דער אַרבעט — האָט ער אויפֿגעקלערט לוטינען. קודם־כּל נעמט ער אָן פֿרויען אַ סך יינגער ווי מענער, און ער ווערט פֿון זיי פֿריער פּטור. די פֿרויען האָבן מער מורא פֿאַרן אַרבעטס־פּלאַץ, מחמת דעם, וואָס עס קומט זיי אויס, צוליב די וויי־בערישע זאַכן, אַדורכצולאָזן אַ סך אַרבעטס־טעג.

— כ׳האָב זיי נישט איין מאָל געזאָגט — האָט מיט אַ ספּעציעלער הנאה געזאָגט רייך — איר ווילט קינדלען? אדרבא! אָבער באַהאַלט אייך דעם עסק אויפֿן חופּש.

— איר הערט, אדון לוטין — ירמיהו רמזי האָט איין מאָל באַזוכט מיין פֿאַבריק. האָט ער ממש מיט קנאה אַ זאָג־געטאָן צו מיר: „ביי דיר, אדון רייך, איז דאָך אַ גאַנצער האַרעם, דו ביסט אַ גליקלעכער". איך האָב אים אויף דעם געענטפֿערט: געשעפֿט איז געשעפֿט! עסק איז עסק! מה דאָך וויפֿל עסקים עס איז דאָ מיט מענער, מכּל־שכּן מיט אַ פֿרוי — מוז מען זיין דרייפֿאַך פֿאַרזיכטיק.

דערויף האָט זיך ירמיהו רמזי צעלאַכט און געזאָגט: ווייזט אויס, אַז דו פֿילסט זיך שוין אַלט אויף דיינע 46 יאָר.

מיט דעם האָט רייך געענדיקט זיין מאָנאָלאָג, ווייל דער טעלעפֿאָן האָט זיך צעקלונגען און אים איבערגעריסן זיינע רייד.

*

זיין יונג ווייבל, יעטע, האָט נישט געוואָלט דולדן די באַזוכן פֿון פֿעבל ביי זיך אין קאָטעדזש, וואָס האָט זיך אין דער געגנט גערעכנט פֿאַר איינעם פֿון די מאָדערנסטע און שענסטע.

איר מאַן, אַנשטאָט צו פֿאַרברענגען מיט איר, אָדער אַנשטאָט צו פֿאָרן צו באַקאַנטע און באַווייזן זיך מיט זיין נייעם קאַדילאַק, וועלכן זי האָט אויסגעקליבן — מוז זי גאָר אויפֿנעמען אַזעלכע נישט־געוווּנטשענע געסט צוליבן קאַפּריז פֿון איר מאַן.

— וואָלסט בעסער געפּאָרן מיט מיר צו „אילנה“ פּאַסן דעם נייעם קאָסטיום, און נישט זיצן מיט די...

— דו פאַרשטייסט נישט, מיין טייערע, אַז דערקענען די פּסיכיק פון אַ מענטש איז נישט אַזוי גרינג. מען זאָגט, אַז מען דערקענט נישט קיין מענטש ביז מען האַנדלט נישט מיט אים, און אַ „מענטש“, וואָס מען נעמט צו צו דער אַרבעט, דאַרף מען דערקענען איידער מען האַנדלט מיט אים. שפּעטער קען זיין צו שפּעט.

רייך האָט זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען צו באַרואיקן זיין פרוי, אַז זי זאָל אים נישט שטערן אויפצונעמען די אַרבעטער ביי זיך אין שטוב.

— פאַרלאָז זיך אויף מיר. איך בין אַ גוטער מענטשן־קענער. איך קוק זיך צו ווי אַזוי ער עסט, ווי אַזוי ער באַנעמט זיך, ווי עס ווירקט אויף אים דער גלאַנץ פון אונדזער אויפנעם־זאַל. נישט קיין קליינע זאַך פּסיכאָלאָגיע. אפילו אין סינג־סינג באַנוצט מען זיך מיט פּסיכאָלאָגישע מעטאָדן. פאַר־שטייטס, מיין טייערע, כ׳קאָן דאָך נישט די גאַנצע פאַבריק מיט נייע מאַשי־נען לאָזן אויף פרעמדע הענט.

— טאָ וואָס דאַרפסטו אַזוי פיל מענטשן. פיר איין מער מאַשינען און פטור — האָט יעטע מיט אַ טאָן פון אַ באַהאַוונטן מענטש געזאָגט:

— נאַרעלע, אָן מענטשן קען מען זיך נאָך דערווייל נישט באַגיין. אָט דאָס איז זייער כוח. פאַרשטייסט, יעטע? לײדער! — האָט ער איבערגעחזרט עטלעכע מאָל — לײדער, קען מען זיך אָן זיי נישט באַגיין.

— יאָ, מיין מוציקל, מיין אוצרל, דו האָסט באַרירט אַן ערנסטע פראַגע — וועגן ראָבאָטן. די טעכניק פאַרנעמט זיך שוין מיט דעם העכער פופציק יאָר. אָבער די זאַך איז נישט אַזוי פּשוט. מען דאַרף נאָך אַלץ מענטשלעכע הענט. מען וואָלט געדאַרפט וואָס גיכער דער־פינדן עפּעס אַזוינס, אַז מען זאָל נישט זיין אָפּהענגיק פון זיי — פון זייערע דראָונגען און שטרייקן. אָט, אַנומלט, איז מער ווי אַ וואָך צייט קיין פּאָסט נישט געווען, און גראָד האָב איך געוואַרט אויף אַ וויכטיקן ענטפער וועגן אַ גרויסער באַשטעלונג פון בערן. אַלץ צוליב זיי — דאָס פעבל. אָבער אַ ביסל געדולד און מיר וועלן פון זיי פּטור ווערן. דו זעסט דאָך, יעטע, אַז מען קען אַרויסשיקן ראַקעטעס אין חלל און

קירעווען מיט זיי אויף דער יבשה, וועט מען אויך דאָס אויסקלערן. אָבער ביז מען וועט דערפינגען דאָס אַלץ, זענען ביי אונדז די „מענטשן" די ביליקסטע מאַשינען.

יעטע האָט זיך פאַרמאַטערט פון אַזאַ לאַנגן און ערנסטן שמועס מיט איר מאַן. זי איז נישט געווען געוווינט צו פירן מיט אים אַזעלכע שמועסן. געוויינלעך האָט זי זיך באַמיט אויסצונוצן די צייט מיט אים אויף דערליידיקן משפחה־ענינים אָדער פירן גאַרנישט־זאָגנדיקע שמועסן. דער עיקר, נישט אַנטפּלעקן איר אינערלעך לעבן, אירע מחשבות. מיט אירע ליבע־סצענעס האָט זי בלויז געוואָלט דעקן יעדן טאָן פון אומצו־פרידנקייט, וואָס זי האָט נישט־ווילנדיק אַרויסגעבראַכט.

אַריינגעטאָן אין זיינע געשעפטן, האָט דער פאַבריקאַנט רייך נישט באַמערקט, אַז לעבנדיק צוזאַמען וועבט יעדער זיין גורל אַליין און גייט זיך אין זיינע אייגענע דרכים. אָבער דאָס באַגרענעצטע געמיינזאַמע לעבן איז דאָך אויפגעהיטן געוואָרן ווי אַ ריטואַל, אַלץ איז געגאַנגען לויטן סדר — כשורה. אויך דאָס מאָל איז דאָס געוויינלעכע באַגעגענען זיך נאָכן געשמאַקן מיטאָג, וואָס רינה, די אַלטע טשעכישע עולה, פלעגט צוגרייטן יעדן טאָג, געווען פול מיט צערטלעכקייט, וואָס האָט זיך געענ־דיקט מיט אַ נאָכמיטאָגדיקן דרימל.

*

רייך האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די אָפטע טעלעפאָנען פון שלמה, ירמיהו רמזס זונדל. געקענט האָט ער יעטען נאָך פון דער פאַר־זיכערונגס־געזעלשאַפט „קדימה", ווו זי האָט אַמאָל געאַרבעט. פאַרקערט, ער איז געווען צופרידן, וואָס אפילו אַמאָל אין אָוונט האָט שלמה רמז באַגלייט יעטען, ווען ער, רייך, האָט געהאַט אַ דרינגענדיקע טרעפונג אין קלוב „חירות המולדת", אָדער אין דעם פאַרבאַנד פון די אינדוס־טריעלער. ספּעציעל די לעצטע צייט איז ער געווען זייער געשפאַנט, ווען די שטרייקן האָבן אָנגענומען אַזאַ פאַרנעם, אַז יעדן אין דער פרי האָט ער אָפּגעאָטעמט פרייער, ווען ער האָט געפונען ביי זיך אין פאַבריק

אַלעמען ביי די מאַשינען. אָבער דער הימל איז דאָך געווען פאַרוואָלקנט. סיי אין פאַבריק, סיי אין שטוב, האָט דער שטורעם יעדע רגע געקענט אויסברעכן, און שלמה רמז איז דעריבער געווען דער בליץ־אַפּלייטער פון אַ שטורעם־אויסברוך ביי אים אין שטוב. אַנשטאָט אַ פאַרכמורעטן בליק פון יעטען, האָט ער זי געטראָפן אַ צופרידענע פון פאַרבראַכטן אָוונט, שוין אָפּגערעדט פון דעם, אַז אין די העלע, זוניקע טעג פון דעם רעגנדיקן ווינטער איז ער, שלמה רמז, געווען דער שאַפער פון זייער לוקסוס־מאַשין, כאָטש יעטע האָט אַליין געקאָנט פירן אַ מאַשין.

רייך האָט שטענדיק געהאַט דאָס געפיל, אַז עפּעס קען געשען מיט יעטען — ער האָט נישט געוואָלט מסכן זיין איר לעבן אויף אַ האָר, ווייל אין דער אמתן, איז זי דאָך געווען די איינציקע זאַך, וואָס ער האָט פאַרמאָגט נאָר פאַר זיך, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל מי זיך דערוואָרבן. ער איז געווען שטאָלץ זיך צו באַווייזן מיט איר. אָבער — וועגן דעם „אָבער" האָט עס זיך געהאַנדלט. זיינע אַמביציעס זענען געווען געווענדט אין אַן אַנדער ריכטונג.

יעטע איז געווען אַ גוטע פרוי, האָט אָפּגעהיט, אַז רייך זאָל נישט באַעוולט ווערן. און אין די טעג, ווען ער איז געווען פריי, האָט זי פאַר־בראַכט מיט אים — געפאָרן צו גאַסט, אָדער סתם שפּאַצירן.

דער סדר פון זיין לעבן איז געוואָרן פּלוצעם געשטערט. מיט איין מאָל האָט זיך די גאַס אַריינגעריסן אין זיין פאַבריק — דער שטרייק, וואָס האָט געזאָלט אויסברעכן צוליבן „יעול"־אָפּזאָגן. דאָס האָט אים צוגענומען דעם שלאָף. ער האָט גענומען אין דער אמתן פאַרנאַכלעסיקן יעטען און אין געוויסע פאַלן אפילו עסן מיטאָג אין קלוב. די סיטואַציע האָט זיך קאָמפּליצירט.

רייך האָט זיך פאַרעקשנט און נישט געוואָלט צוריקציען זיין אָפּזאָג. אין אַלע טעקסטיל־פאַבריקן פון דער געגנט האָבן די אַרבעטער געדראָט, אַז מען וועט שטיצן די אָפּגעזאָגטע מיט אַ סאָלידאַר־שטרייק.

— אַזעלכע עזות־פּנימדיקע קאָמוניסטן, — האָט ער זיך געהיצט — זיי וועלן מיר אין מיין פאַבריק זאָגן אַ דעה!

ווי אַזוי האָט אים זיין פּסיכאָלאָגישער „ניוף" אַזוי אָפּגענאַרט. נישט

דערקענט זיך אויף זיי. דאָס זענען שרעקלעכע מיקראָבן. געגוג נאָר איינער און עס זאָלן זיך פאַרמערן אין די טויזנטער — האָט ער אַליין מיט זיך איינגעטענהט.

אין דעם גאַנצן קאָנפליקט האָט דער הויפּט־בוכהאַלטער, לוטין, זיך געשטעלט אָפן אויף דער זייט פון די עלטערע אָפּגעזאָגטע אַרבעטער, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט שוין לאַנגע יאָרן.

— עס איז אוממעגלעך אויסצוטראָגן אייער באַציאונג צו אייערע אַרבעטער, אדון רייך — האָט מיט כעס געזאָגט לוטין. — ביי אייך, ווי ביי אייער עלטער־זיידן, זענען אַלע פּאַראָבקעס „מענטשן”, ראָבאָטן, אַרבעטס־הענט, אָבער נישט קיין מענטשן, וועלכע האָבן רעכט פאַר זייער אַרבעט צו באַקומען אַ לוין אויף צו קענען בכבודיק אויסהאַלטן אַ פאַמיליע.

רייך איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך. אַזוי אַ היפּשע צייט. דערנאָך איז ער האַסטיק אויפגעשטאַנען פון זיין לעדערנעם פאָטעל, אַפּער פון אונטער דעם מאַסיוון ביוראָ־טיש, געעפנט דאָס פענצטער, גענומען נערוועז רייכערן זיין ציגאַר, וואָס ער האָט באַלד אָוועקגעלייגט אין אַש־בעכער און געווישט זיך דעם שווייס פון זיין פּנים. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער בעטאָנענער סופיט פון זיין פאַבריק איז אים געפאַלן אויפן קאָפּ. אַ שטאַרק צערודערטער איז ער אַרויס אויפן גאַס.

ער האָט לאַנג געוואָנדערט צו פוס דורך די רעשיקע גאַסן פון דער שטאָט. ווען ער איז געקומען אַהיים האָט זיך יעטע דערשראָקן פאַר אים און מיט אומרו געפרעגט:

— וואָס איז דיר, מיין טייערער, דו ביסט קראַנק?

— ווירקלעך, יעטע — איך בין קראַנק.

און דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ער האָט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג אַרויסגעבראַכט פון זיך. דערפאַר אָבער איז ער געשלאָפן אָן איבעררייס ביז אין דער פרי, ווי אין אַ הינערפלעט.

ער האָט נישט באַוויזן אַרויסצוגיין פון שטוב, ווי ער האָט באַקומען אַ טעלעפאָן פון דער פאַבריק. דאָס האָט דער פאַבריק־וועכטער געבעטן,

אַז ער זאָל גלייך קומען און צונעמען די שליסלען, ווייל ער שטייט צו צום שטרייק.

— גיב איבער דעם בוכהאַלטער... — און ער האָט זיך פאַרהאַקט און נישט געוואָלט דערמאָנען זיין נאָמען פון אומווילן צו דער פּערזאָן, אין וועלכן ער האָט זיך אַזוי אָפּגענאַרט.

— אָבער דער הויפּט־בוכהאַלטער, לוטין, שטרייקט אויך. אַלע, אַלע, אויך ביי בערגערן אין פאַבריק שטרייקט מען. קומט און נעמט צו ביי מיר די שליסלען.

דער פאַבריקאַנט רייך איז געווען דער לעצטער, וואָס האָט זיך אונטערגעגעבן. אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שטרייקנדיקע אַרבעטער האָבן נישט נאָר געפאָדערט צוריק צו נעמען די אָפּגעזאָגטע דריי אַרבעטער, נאָר זיי האָבן געפאָדערט אויך צו פאַרבעסערן די אַר־בעטס־באַדינגונגען און אַריינפירן ענדערונגען אין די פאַרעלטערטע מאַ־שינען. אויך דאָס האָט רייך אָנגענומען.

פּונקט אין גרעסטן ברען פון שטרייק איז אָנגעקומען דער טערמין פון יעטעס אָפּפאָר קיין שווייץ. ער האָט אפילו נישט געהאַט קיין געמיט צו באַגלייטן זי ביזן פלי־פלאַץ. דאָס אַלץ האָט פאַר אים געמאַכט שלמה רמז. אייגנטלעך פאָרט זי נאָר אויף אַ חודש — אין דער צייט וועט זיך אַלץ איינשטילן און עס וועט זיין ווי געווען.

אויף מאָרגן, נאָך יעטעס אָפּפאָר האָט אים פון זיינע רעיונות אַרויס־געריסן אַ שאַרפער טעלעפאָן־קלונג:

— האַללאָ, זה אני, יעטע, כן, כן.

— האם הכל בסדר, יעטי שלי? — האָט ער מיט אַ ציטערדיקער שטים געפרעגט.

— מצוין! — האָט איר שטים געקלונגען מיט אַזוי פיל פרייד, אַז זי האָט זיך איבערגעטראָגן אויף אים. — המברק בדרך, — האָט זי צוגעגעבן.

„כאָטש מיט איר, מיט מיין אוצרל, איז אַלץ כשורה" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און ער האָט נאָכן נעמען אַ הייסן שפריץ דערפילט זיך פרישער און לייכטער אויפן געמיט.

## אין אונדזערע טעג

אויף מאָרגן, אַרום צוועלף, ווען ער האָט זיך געקליבן צוצופאָרן אין דער פאַבריק, האָט דער בריוטרעגער געבראַכט אַ טעלעגראַמע, און טאַקע פון שווייץ. רייך האָט אומגעדולדיק אויפגעריסן דעם קאָנווערט און איבערגעלייענט דעם אינהאַלט. זיינע פיס האָבן זיך געגעבן אַ וואַקל. ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעלייענט די טעלעגראַמע אויפן קול, נישט גלייבנדיק זיינע אייגענע אויגן:

— „מיין ליבער. מיר מוזן זיך געזעגענען. כ׳קום שוין מער נישט צוריק. געפין אַ טרייסט. יעטע״.

ער איז שטום געבליבן זיצן אין האָל ביז שפּעטער נאַכט, ביז ער האָט איינגעדרימלט.

אַזוי זיצט ער שוין דעם דריטן טאָג אין שטוב, קוקט אין פענצטער פון זיין פּאַרק. די געדיכטעניש פון דיביימער פאַרשטעלן דעם וועג פון דער זון. אונטער זיי זעט ער אויך נישט די וועלט, וואָס האָט זיך אים אויסגעדוכט צו זיין אַזוי פאַרשטענדלעך און באַקאַנט.

## די שכונה „איתן"

די שכונה „איתן" איז נישט קיין בת־יחידקע אין דער גרויסער שטאָט פון לוקסוס און פּאַרנעם. זי האָט זיך ווי אומבאַמערקט אַריינגע־פלאָכטן מיט איר אַנדערשקייט צווישן די רוישיקע אַרומיקע גאַסן, נישט ווייט פון דעם באַוועגלעכסטן טייל פון דער שטאָט. דאָס האָט זיך אַזוי די שטאָט פונאַנדערגעוואַקסן און זי אַרומגערינגלט.

איז זיך די שכונה „איתן" געשטאַנען ווי אַ טייל פון אַ דעקאָראַ־ציע, וואָס מ׳האָט פאַרגעסן אַראָפּצונעמען פון דער בינע. דאָס לעבן אָבער פון די, וואָס האָבן געוווינט אין די צוויי צענדליק הילצערנע באַראַקן, האָט זיך אַריינגעגאָסן מיט אימפּעט אין די הויפּט־אַרטעריעס פון דעם שטאָטישן לעבן. אַלע האָבן דאָ געלעבט אויף דער שוועל פון דערוואַרטונג און האָפענונג אויף אַ נייער דירה.

דער איינציקער אינטעליגענט איז דאָ געווען דער בוכהאַלטער שמעון צעלניק, אַ געקומענער פון פּוילן. געלעבט האָט ער ווי אַ ביסל אין אַ זייט פון אַלעמען. ווען ער פלעגט אָנטרעפן עמעצן, האָט ער אים אַקייגנגעטראָגן אַ ברייטן, צעצויגענעם „שלום". דערמיט האָט ער געוואָלט פאַרגיטיקן זיין אָפּגעזונדערטקייט. אַ גאַנץ אַנדערער מענטש איז ער געוואָרן ווען אַ שטורמישער רעגן האָט געשעדיקט די דעכער, אָדער די דזשאָרע איז איבערגעפולט געוואָרן און דאָס אומריינע וואַסער האָט זיך צעגאָסן איבער די שמאָלע געדרייטע געסלעך. דאָ האָט שמעון צעל־ניק דערפילט זיין ענגן בונד מיט די שכנים. ער פלעגט זיך קאָכן און פּראָטעסטירן גלייך מיט אַלעמען קעגן די פאַרזאָרגערס זייערע.

— וואָס זאָגט איר, רחמיאל, צו אונדזערע שטאָט־טאַטעס, ווי זיי זאָרגן דאָס פּאַר אונדז?

— אַ נייעס? מען דאַרף זיי נישט שווייגן, אדון שמעון. אין מיטן פון אַזאַ לוקסוס זענען מיר זיי אַ דאָרן אין אויג. זיי וואָלטן שוין לאַנג אַראָפּגעוואָרפן די בודעס אונדזערע.

— ווער שטערט זיי? זאָלן זיי געבן לייטישע דירות! ס׳וועט זיי נאָך גענוג בלייבן פון דער ספּעקולאַציע מיטן באָדן. ס׳ברענט זיי, וואָס זיי קענען נישט פאַרקויפן דעם באָדן צו אַ פראַנצויזישער געזעלשאַפט, וואָס וויל דאָ, אין אַזאַ צענטער, אויפשטעלן אַ ריזן־קינאָ.

די שמועסן פלעגן זיך ענדיקן, נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת, מיט אויסקלויבן אַ דעלעגאַציע צום שטאָט־פּרעזידענט. אין אַ צייט אַרום איז טאַקע פאַרריכט געוואָרן די דזשאָרע, אָדער עס זענען געדעקט געוואָרן די דעכער. אָבער גאַנץ אָפט איז דאָס געמאַכט געוואָרן ערשט נאָך אַ שטורמישן אַריינמאַרש אין דער עיריה, פון כמעט אַלע איינוווינער.

אין אַזעלכע טעג האָט שמעון צעלניק זיך געפילט אַ סך יינגער און רירעוודיקער — ווי אַמאָל.

אַפּטע געסט אין דער שכונה זענען געווען די קעץ, וואָס האָבן זיך געראַיעט אויף די מיסטקאַסטנס, צו וועלכע ס׳האָבן שטענדיק געפּעלט די דעקלעך. אין די זוניקע טעג האָבן זיי געדרימלט אויף דער זון און געוואַרט, אַז עמעצער זאָל דאַרט אַריינוואַרפן דאָס מיסט.

צום פּייזאַזש פון דער שכונה האָט געהערט דער הונט רעקס. ער איז געווען גרויס ווי אַ קאַלב און צוליב דעם טאַקע האָבן די קינדער נישט געקענט זיך שפּילן מיט אים. רעקס איז געווען די צירונג פון דער שכונה. די גרויס זיינע, זיין בלישטשעדיקע פעל און זיין לאַנגער האַלדז, האָט געהאַט עפּעס מאַיעסטעטישעס. אַזאַ שיינקייט פון אַ הונט טרעפט זיך זעלטן. ער איז געווען אויך מילד און נאַכגיביק ווי אַ קינד. לעבן אים האָבן די צריפים אויסגעזען נאָך קלענער און אָרעמער. גע־שפּייזט האָט אים די גאַנצע שכונה. זיין הויפּט־אַפּוטרופּוס איז אָבער געווען שמעון צעלניק.

קיינער האָט נישט געזען ווען ער האָט אים געוואַשן און גערייניקט. אַ סברה, אַז ער טוט דאָס אין מיטן נאַכט. די ווייבער פלעגן זאָגן: „דער הונט האָט דאָך נישט קיין פעל, נאָר סאַמעט אויף זיין לייב״.

— ווו פלעגט רעקס נעכטיקן אין ווינטער — ביי שמעון צעלניק. מינע, זיין פרוי, האָט זיך געקלאָגט: ער פאַרנעמט דאָך מער אָרט ווי אַ מענטש. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. פון די צוויי קליינע צימערלעך האָט מען אָפּגעגעבן דעם הונט די קיך.

כדי אונטערצושטרייכן רעקס׳ אַנדערשקייט, פלעגט מען זאָגן, אַז ער שטאַמט פון דער שווייץ.אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז ער שטאַמט נישט פון דער שווייץ, נאָר פון סקאַנדינאַוויע. והא ראיה — די בערנאַר־דינער הינט, וואָס לעבן אין דער שווייץ, דער עיקר אין די בערג, זענען זייער האַריקע, אפילו קודלאַטע — און רעקס האָט קורצע, בלישטשעדיקע האָר.

פון וואַנען דערנעמט זיך רעקס קיין ישראל? — וועגן דעם זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע מעשיות:

איינער האָט געוווסט צו דערציילן, אַז אַן ענגלישער אָפיציר האָט

אים געבראַכט אין די צייטן פון מאַנדאַט און אין בהלה פון פאַרלאָזן ארץ־ישראל, איז דער הונט געבליבן.

אברהם, דער פאַרקויפער פון לאָטעריע־צעטלען, האָט דערויף גע־ענטפערט:

— ווען דאָס וואָלט געווען ריכטיק, וואָלט ער דאָך פון לאַנג שוין נישט געלעבט, ווייל וויפל קען לעבן אַ הונט? — העכסטנס, דרייצן ביז פערצן יאָר. און רעקס איז נאָך גאַנץ יונג און שטאַרק.

— הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן: דאָס האָט אים גאָר געלאָזט אַ טוריסט און טאַקע פון סקאַנדינאַוויע — האָט מיט זיכערקייט זיך גע־האַלטן אסתר, דעם שוסטער פנחס׳ פרוי.

— וואָס הייסט געלאָזן, — האָט זיך געהיצט מינע, שמעון צעלניקס פרוי — ווי אַזוי לאָזט מען עפּעס אַזאַ זאַך? דאָס איז דען אַ שפּילקע־קעפּל? דאָס איז, מסתמא, זיין באַלעבאָס געפאַלן אויף דער גרענעץ נישט לאַנג, און רעקס איז אַליין געבליבן, ביז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט צו אונדז.

— ביי אייך, מינע, ווי נאָר ס׳געשעט עפּעס, פאַרבינדט איר דאָס באַלד מיט די אומרוען ביי די גרענעצן.

— איר האָט נישט געהערט, אַז אַ טוריסט איז דאָ נישט לאַנג גע־שטאָרבן פון די וווּנדן, וואָס ער האָט באַקומען ביי אַ צוזאַמענשטויס ביי דער גרענעץ? צוריקגעשמועסט — האָט מינע געזאָגט — ס׳וואָלט שוין לאַנג צייט געווען, אַזביידע זייטן זאָלן זיך צונויפרעדן און ס׳זאָל אויפ־הערן דאָס קעגנזייטיקע שיסעריי. ס׳ליגט אונדז נאָך אין זכרון די לעצטע מלחמה.

נאָר דאָ האָבן זיך אַלע דערמאָנט, אַז אייגנטלעך האָט מען דאָס גערעדט וועגן רעקסן, און מען איז גאָר אַרויף אויף אַנדערע רייד, וואָס האָבן צעטיילט די קליינע שכונה „איתן" אויף עטלעכע גרופּן.

די משפחה צעלניק האָט געהאַט אירע אָנהענגער, צווישן זיי אפילו אַזעלכע, וואָס פלעגן נישט אַלע מאָל אָפּן פאַרטיידיקן זייער שטעלונג, אָבער שטילערהייט, פלעגן זיי קומען צו די צעלניקס אין שטוב אַריין, נעמען אַ צייטונג און ביי די וואַלן שטימען פאַר „ק".

*

— וואָס זענט איר היינט עפּעס אַזוי פרי אין דער היים? — האָט זכריה, דער וועכטער אין גרויסן באַנק־הויז געפרעגט שמעון צעלניקן, ווען ער האָט זיך באַוויזן אַרום 10 אַ זייגער אין דער שכונה לעבן זיין טיר.

— איך אַרבעט נאָר פיר שעה אַ טאָג, ביז 12, אָבער אין דער חמימה איז מיר געווען שווער צו אַרבעטן. כ׳האָב זיך באַפרייט. כ׳וועל נאָך מיטאָג אַריינגיין צום דאָקטאָר.

— דאָ איז נישט פאַר אייך קיין ווינונג. די לופט איז דאָך שעדלעך פאַר אייערע לונגען. די קינדער אייערע קענען אייך נישט העלפן?

— וואָס בין איך שוין אַזאַ קאַליקע, אַז כ׳דאַרף אָנקומען צו קינדער אָדער עמעצער זאָל מיר העלפן? כ׳קען זיך אַליין מיין שטעטל נישט באַשטיין? אמת, נאָך פּיאַנקי, נאָך די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, איז אונדז ביידע געבליבן „גוטע״ שפּורן פון יענע יאָרן...

מינע האָט נישט פאַרטראָגן, אַז עמעצער האָט זיך אַריינגעמישט אין זייער לעבן און זי האָט אָפּגעשלאָגן יענעמס רייד:

— וואָס? מיר וועלן גיין ווינען אויף עמעצנס חשבון?

— איי, איר וואָלט אַוועקגעוואָרפן אייערע פאַנאַבעריעס. היינט, אַז מען קען זיך מאַכן בעסער, קוקט מען נישט. מען איז דאָך ביי זיך אין דער היים.

— ווילן מיר טאַקע, אַז אַלץ זאָל קומען פון אייגענער פּראַצע, און נישט ווי אַלע די, וואָס קלייבן נישט איבער די וועגן. אדון זכריה, פאַרן צלם אלוהים האָבן מיר אַ סך דורכגעליטן אין די גרויזאַמע צייטן פון היטלערן. און מיט אַלע כוחות זיך באַמיט נישט צו פאַלן. אָט קוקט אויף אונדזער שכונה: וויפל מענטשן לעבן דאָ — וועלן מיר אויך אויס־האַלטן. ס׳וועט אַמאָל זיין גוט. כ׳האָב זי ליב, די שכונה. יעדעס מאָל, ווען מען פרעגט מיך: ווו איך ווין, האָב איך אַ הנאה, אַז איך דערמאָן דעם נאָמען „איתן״.

אומעטיק איז געווען דער אויסזען פון די ביידלעך: במשך פון דער צייט, וואָס שמעון צעלניק ווינט דאָ, האָט ער זיך צוגעוווינט צום אָרום,

# אין אונדזערע טעג



כאָטש די באַראַקן זענען געווען געמאָלן אין מוטנעם, אָפּגעבליאַקעוועטן גרוי. נאָר די טירן האָבן צוגעגעבן אַ ביסל בונטקייט. די טירן, וואָס האָבן געהאַט צוויי שמאָלע לענגלעכע פּענצטערלעך, זענען געווען געמאָלן ווי ס׳איז עמעצן איינגעפאַלן — לויטן צעשפּילטן געמיט פונעם באַראַק־איינגטימער. אָפט פלעגן זיך די בונטע פלעקן אויפן פאָן פון דעם אַרום בייטן ביי יעדער געלעגנהייט, ווי נאָר עמעצער האָט געהאַט אַ פּענדזל אין האַנט און אַ ביסל פאַרב.

איין מאָל איז געשען אַ שוידערלעכע מעשה. אַלע האָבן געטענהט, אַז דאָס אין צוליבן מאָלן אַ טיר. שמעון צעלניקס פרוי איז געווען אַ בריה, א ברען. אַלע מלאכות האָט זי געקענט. נאָכדעם ווי זי האָט אויף פּסח אָפּגעפאַרבט דעם טיש און די בענקלעך אויף בלוי, איז איר נאָך געבליבן אַ ביסל פאַרב. דער מאַן אירער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל אָפּמאָלן די טיר. זי האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט, ווילסט — זאָל זיין. אָבער ווי נאָר ער האָט גענומען דעם פּענדזל אין האַנט אַריין, האָט אים אַ שלאָג געטאָן דער ריח פון טערפּענטין אין נאָז און ער האָט זיך צעהוסט. זי האָט אים געגעבן די רפואה זיינע, אַוועקגעזעצט, און אַליין

אַנגעהויבן מאָלן. זי האָט נישט באַוויזן צו מאַכן דעם צווייטן בלויען פּאַס אויפן אַלטן ברוין פון דער טיר, ווי דער מאַן אירער האָט זיך נאָך שטאַרקער צעהוסט. מינע האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, אַז ביי איר האַרץ־פעלער טאָר זי נישט לויפן, נאָר איז על רגל אחת אַוועק אין קופּת חולים. אָבער מער איז זי אין שטוב נישט געקומען צוריק. דער דאָקטאָר איז מיט אַ טעקסי גלייך געפאָרן צו צעלניקן און אים געמאַכט איינשפּריצונ־גען קעגן זיין אַסטמע, אָבער מינע איז שוין געבליבן אין שפּיטאָל, ווו מ׳האָט זי תיכף אָפּגעפירט. אין עטלעכע שעה אַרום איז זי געשטאָרבן.

*

שמעון צעלניק איז אין פיר טעג אַרום אויפגעשטאַנען פון בעט און באַוויזן נאָך עטלעכע טעג אָפּצוזיצן שבעה, וואָס האָט זיך אייגנטלעך אויסגעדריקט מיט נישט אַרויסגיין אין גאַס. ס׳איז אים געווען שווער צו זען עמעצן. אין יענע טעג זענען די דריי זין געזעסן מיט אים. אָבער אַלע זענען זיי אים געווען איבעריק. שוין יאָרן ווי זיי האָבן נישט איבער־געטרעטן זיין שוועל, פאַרפרעמדט, אַלץ צוליב זיין אַנדערשקייט, צוליב זיינע איבערצייגונגען.

זיינע חברים האָבן געזאָרגט, אַז ער זאָל האָבן עסן צו דער צייט. נישט נאָר שמחה, וואָס האָט געשמט פאַר אַ גוטער נשמה, אפילו רחל, וואָס בדרך־כלל האָט זי וויניק ליב געהאַט זיך צו פאָרען ביי דער ווירטשאַפט, האָט אויך געזאָרגט פאַר אים. ס׳פלעגן קומען שכנים און אויסדריקן מיטגעפיל. אָבער אַלץ, אַלץ איז אים געווען איבעריק. דאָס, וואָס איז געשען האָט אים געמאַטערט ווי אַ בייזער חלום.

ער האָט כסדר געוואַרט, אַז מינע זאָל צוריקקומען. ביי איר טויט איז ער נישט געווען, ביי איר לוויה אויך נישט. האָט ער אַלץ געוואַרט, אַז טאָמער... אַ טעמפּער ווייטיק האָט געשניטן אין האַרצן. ער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט.

ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אַרויס אין גאַס, האָט ער דערזען אויפן ברוינעם פאָן פון דער טיר אַ לענגלעכן בלויען פלעק. ער איז

געבליבן ווי אַ חתימה פון דער, וואָס איז אַוועק. יעדעס מאָל ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טיר, האָט ער געזען מינען אַ לעבעדיקע, מיט אירע גרויסע, בלויע, קלוגע אויגן, וואָס האָבן אים באַגלייט אַריבער פיר צענדליק יאָר פון זייער לעבן און קאַמף.

נאָכן טויט פון זיין פרוי האָט שמעון צעלניק אויפגעהערט צו זיצן אין שטוב. ער האָט גענומען גיין צו אַלטע, פאַרגעסענע פריינד, געוואָרן באַרעדעוודיק. אַלע האָבן זיך געוווּנדערט. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם אומרו און די מורא פון זיין זיין אַליין אין שטוב. די בענקשאַפט נאָך מינען האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג־צו־טאָג. ער האָט גענומען צוריק קומען אויף פאַרזאַמלונגען, כאָטש ער איז לעצטנס צוליב זיין קראַנקייט פון זיי באַפרייט געוואָרן.

פונקט צו דער צווייטער יאָרצייט האָט ער באַקומען אַן אַסטמע־אַטאַק. צו יענער צייט האָט שוין די גרושה, יענטל, אָנגעהויבן אַריינקומען צו אים. דאָס איז געווען זיין נאָענטסטן שכנס אַ שוועסטער. ווען זי איז געקומען צום ברודער צו גאַסט, האָט זי אים באַזוכט. זי איז געווען אַליין, ווייל איר מאַן האָט נישט געוואָלט פאָרן מיט איר קיין ישראל. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט, האָט זי אַלץ איינגעפּאַקט און אַליין גע־קומען.

שמעון צעלניק איז געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט און געמוזט ליגן. ווען די זין זענען געקומען און געזען ווי גערן יענטל אָווירט דעם טאַטן זייערן, האָבן זיי איר פאַרגעלייגט, זי זאָל אָננעמען די אַרבעט פון פירן ביי אים דיווירטשאַפט. ווי אַ נייע עולה וועט זי, מסתמא, דערווייל זיין פאַראינטערעסירט אין דעם פאַרדינסט.

יענטל די גרושה, האָט אַרויסגעפילט מיט אַלע אירע חושים און מיט איר לעבנס־דערפאַרונג, אַז שמעון צעלניק איז אַ צעבראָכענער, איינ־זאַמער מענטש. סיי די וווינונג, סיי דער געהאַלט, וואָס ער באַקומט, פלוס — וואָס דער עיקר — דער זון, דער דאָקטאָר, וועלכער שיקט הילף פון צייט צו צייט, זינט די מוטער איז געשטאָרבן, האָט געלאָקט, ווייל דאָס קען געבן אַ מעגלעכקייט פון אַ רואיק לעבן.

זי האָט אָפּגעזאָגט דאָס בעטל, וואָס זי האָט געדונגען ביי אירס אַ

קרובה אין יפו און זי האָט אָנגעהויבן נעכטיקן ביי שמעון צעלניק. איבער־געטראָגן איר האָב־און־גוטס, צוערשט צוליב זיין קראַנקייט, און שפּעטער איז עס אַריין אין דער טבע און געוואָרן אַ נאַטירלעכע זאַך.

אַזוי אָבער ווי אין דער שכונה זענען די מיילער געגאַנגען ווי אויף שרויפן, האָבן זיי געשטעלט חופּה־קדושין. שמעון צעלניקן איז דאָס געווען אין גאַנצן גלייכגילטיק, מחמת ער איז געווען אַ פרייער וועלטלעכער מענטש. פון דעם אַקט איז יענטל גאָר געווען צופרידן, ווייל אַזוי אַרום איז זי געוואָרן די יורשטע פון דער וווינונג און דעם אַלעמען, וואָס נאָך שמעון צעלניקן וועט בלייבן.

זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט אים איבערלעבן, ווייל די 15 יאָר אונטערשיד אין עלטער איז נישט קיין קלייניקייט. קיין זוניקע ליבע האָט אים שוין נישט דערוואַרט — האָט ער געטראַכט — אַבי נישט צו זיין אַליין, נאָך אַזוי פיל יאָרן פון געמיינזאַמען לעבן מיט מינען. און אפשר ערגעץ אין דער טיף איז געווען דער באַגער פון אַ ביסל פריידיקן לעבן מיט אַן אַנדער פרוי? ווער ווייסט? און אפשר דער איבערגאַנג פון מענ־לעכן הויך־פונקט צום באַרג־אַראָפּ, האָט אים באַאומרואיקט און גערייצט?

יענטל די גרושה, האָט אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען נאָך דער חתונה לויט איר שטייגער, וואָס איז אָפּט געווען קעגן זיינע געוווינהייטן און געשמאַק. ער האָט אָבער געשוויגן, נישט וועלנדיק אין דעם עלטער ברענגען צו לייטישע געלעכטערס. ער איז געפאַלן אַ קרבן פון דעם, וואָס ער איז נישט געווען געוווינט אָן מינען צו זיין איין מינוט. זייערע אָנ־שויאונגען זענען געווען די זעלבע, כאָטש אויף געוויסע זאַכן האָט זי געהאַט איר קוק. זיי זענען געקומען פון צוויי באַזונדערע קולטורן — זי, פון דער פוילישער און ער — פון דער רוסישער. דאָס לעבן איז ביי זיי געגאַנגען מיט די אַלע קאָנפליקטן, וואָס קומען געוויינלעך פאַר אין יעדן משפחה־לעבן, אָבער אָן טראַגעדיעס און אָן אַ ריס. איצט איז אים אין דער צווייטער פרוי אַלץ געווען פרעמד. דער עיקר וואָס ביי יענטלען איז איר אינערלעכע וועלט, נישט געווען געבויט מער ווי אויף צופעליקע ידיעות און אָנגעזאַמלטער דערפאַרונג. דאָס האָט געשאַפן אַ וואַנט צווישן זיי.

## אין אונדזערע טעג

אין איינעם אַ טאָג, ווען ער איז געקומען פון ביוראָ, האָט ער גע־טראָפן יענטלען מאָלנדיק דעם בלויען טיש און די טאַבורעטקעס אויף אַ שרייענדיקן ראָז. ער האָט געשוויגן. ס׳האָט אים ווי געטאָן, וואָס אָן צו באַראָטן זיך מיט אים האָט זי אַליין גענומען ענדערן די פאַרב. די ראָשיקע פאַרב האָט שאָקירט דאָס אויג זיינס. אָבער, ווען יענטל איז אַרויס מיט דער געבליבענער פאַרב און געוואָלט איבערמאָלן די טיר און דערמיט פאַרדעקן דעם בלויען, לענגלעכן פלעק, וואָס אויף דער טיר — דער לעצטער סימן פון מינעס לעבעדיקער האַנט — האָט ער זי אָנגע־כאַפּט פאַר דער האַנט און גענומען שרייען אין איין אָטעם:

— זאָלסט נישט וואַגן! זאָלסט נישט וואַגן!

ער האָט זיך אַזוי הויך צעשריגן, אַז ער האָט זיך שטאַרק צעהוסט און ס׳האָט אים גענומען שטיקן — ס׳האָט אים אויסגעפעלט לופט.

אויף די געשרייען זענען זיך צונויפגעלאָפן די שכנים. מ׳האָט אים באַלד אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל און דאָרט האָט ער, צווישן יאָ און ניין, אויסגעהויכט זיין איידעלע נשמה.

יענטל? — זי האָט זיך מער אין ערגעץ נישט געוויזן: נישט אויף דער לוויה און נישט אין דער שכונה. נעלם געוואָרן.

## „אונטער דער גרינער לאַמטערן"

משה פּיקניקס מסעדה „אונטער דער גרינער לאַמטערן", האָט זיך געפונען אויף איינער פון די הינטערגעסלעך אין דער שטאָטישער פּעריפעריע. אין דעם ווינטערדיקן פאַרנאַכט איז, ווי תמיד, געווען האַלבטונקל. דאָס עלעקטרישע לעמפּל, וואָס האָט באַשיינט דאָס צימער, האָט געגעבן צו ווייניק ליכט. דער גרינער לאַמטערן האָט מיט דער ליכט גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן, ווייל ער איז געווען נאָר אָנגעמאָלן אויפן שילד איבערן אַריינגאַנג.

ווי יעדן פאַרנאַכט, האָבן זיך דאָ געזאַמלט נישט־דערפאָרענע אַקטיאָרן, מאָלער, די, וואָס וואָלטן געוואָלט עפּעס זיין, און סתם פאָלקס־מענטשן, וואָס אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט זייער אַרבעט. אַלע זיי האָבן איסגעקליבן דאָס ווינקעלע, כדי זיך צו וואַרעמען אַרום דעם „פייער" פון דעם שרייבער מנשה.

קיינער פון זיי האָט קיין מאָל נישט געלייענט מנשהס ביכער. אַלע האָבן אים געגלייבט אויפן וואָרט. זיי האָבן אים געגלייבט, ווייל ער האָט פאַרמאָגט אין זיך אַן אָפענע גוטסקייט, וואָס האָט צוגעצויגן. ער איז דאָ געווען דער איינציקער, וואָס איז יאָ געווען אַ דערפאָרענער.

אַלע האָבן שוין לאַנג אויסגעטרונקען דאָס ביר, נאָר מנשה האָט געהאַלטן דאָס גלאָז און נישט געטרונקען. אַלע האָבן געשוויגן און געוואַרט. נאָך אַ געוויסער פּויזע האָט מנשה געגעבן אַ זופּ פון גלאָז און אַוועקגעשטעלט עס האַסטיק, אָפּגעווישט מיט דער דלאָניע די וואָנצעס און געזאָגט:

— כאַפּן פיש איז נישט קיין יידישע זאַך, כאָטש ביי אונדז האָט מען

דווקא ליב צו כאַפּן פיש „אין מוטנע וואַסער" — אין ראַדיאָ, אין די צייטונ־גען. אָבער נישט וועגן דעם וויל איך היינט רעדן.

אַלע קיבעצער ביים טישל האָבן זיך איבערגעקוקט. מען ווייסט שוין, אַז ווען מנשה רעדט אַזוי אָפּגעהאַקט, איז ער עפּעס אויפגערעגט.

— מנשה, וואָס דערציילסטו עפּעס מעשיות, נישט קיין יידישע זאַך?

— האָט זיך אָפּגערופן פּנחס, וואָס איז געווען איינער פון די נישט־דער־פאַרענע. איצט, נאָך די פּערציקער, האָט ער זיך דערמאָנט אין זיינע יוגנט־טרוימען און גענומען מאָלן.

פּנחס האָט קיינעם נישט געלאָזן קומען צום וואָרט און ווייטער גע־רעדט:

— אָט נעם אפילו די לעגענדעס וועגן משיחס צייטן — רעדט זיך דאָרט אויך וועגן אַ לויתן. ווי זינגט זיך דאָרט אין פאָלקסלידל: „און דעם לויתן וועלן מיר עסן".

— פיש זענען ביי יידן אַ טייער מאכל — האָט זיך אַריינגעמישט אברהם. און ווער רעדט נאָך געפילטע פיש. אויף צעפּיקעניש אַלע שונאי־ישראל, האָבן זיי זיך ביי אונדז געמוזט לערנען ווי אַזוי מען מאַכט געפילטע פיש. אפילו אין העברעאיש איז אַריין אַזוי ווי עס שטייט און גייט, נישט געפילטע דגים, נאָר „געפילטע פיש".

— אַזוי, אַ חכם ביסטו, אברהם — עסן פאַרוואָס נישט? אָבער כאַפּן זאָלן אַנדערע — האָט מנשה געענטפערט.

— צי זענען יידן נישט געווען קיין פישער? אַ פּראָדוקטיווער פאַך — האָט יאָסל מיט עקשנות אַקצענטירט זיינע לעצטע ווערטער. פּראָדוקטיוו און פּראָדוקטיוויזאַציע האָט יאָסל געמוזט אַריינמישן אין יעדער דיסקוסיע. דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט מיט אַ שמייכל. דאָס איז אַלץ, וואָס יאָסלען, „דעם פילאָזאָף", איז געבליבן פון זיין אַמאָליקער פּאָליטישער טעטיקייט.

מנשה האָט געלאַסן געענטפערט: — אַ פאַך, אדרבא. אָבער נישט יעדער איינער ווערט אַ פישער, וואָס נעמט אַ ווענדקע און היידאַ — גע־גאַנגען. דערמאָנענדיק זיך אין זיין גלאָז ביר, האָט ער עס אויסגעטרונ־קען ביזן דנאָ.

פנחס האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט, וואָס מנשה טרינקט, און ער האָט פאַרכאַפּט דאָס וואָרט אין דער דיסקוסיע, ווייל צו וואָס מנשה צילט היינטיקן אָוונט, האָט מען נאָך אַלץ נישט געוווּסט.

— הערט — האָט פנחס געוואָנדן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די קיבעצער — הערט, יידן האָבן נישט נאָר געגעסן פיש, נאָר פיש איז אפילו אַרייַן אין דער יידישער אָרנאַמענטיק פון ספרים און הגדות, פון דער צאינה וראינה.

מנשה האָט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אָפּגעשלאָגן פנחס' אַרגומענט:

— אָרנאַמענטיק, אוודאי, וואָס האָבן זיי געקענט טאָן? צייכענען מענטשן האָבן זיי נישט געטאָרט, האָבן זיי געמאָלן צווייגעלעך מיט ווייַנטרויבן, בינטלעך ווייַנטרויבן, אַרום זיי שלאַנגען. דאָס האָט מען יאָ געמעגט. אַמאָל האָבן זיי געצייכנט אַ פישל, ווי עס הענגט אין דער לופטן, אָדער עס איז גאָר געלעגן אין דער טריקעניש. איר האָט אַמאָל געזען אין אַן אַלטער צייטונג, אַז עס זאָל זיין געמאָלט אַ טייך און פיש אין זיי, אָדער גאָר אין ים. ווען מען צייכנט אַ פיש אין טייך אָדער אין ים, וואָלט מען דאָך געדאַרפט צייכענען די וואַסער־פּרויען. וואָס איז עפּעס אונדזער פאָלקס־פאַנטאַזיע ערגער פון אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן אין זייער דמיון געזען אין די וואַסערן סירענעס און אַנדערע וואַסער־נימפעס — ווער געדענקט ווי זיי האָבן דאָרט געהייסן.

יצחק, מנשהס שטענדיקער יאָ־זאָגער, האָט שוין אויך פאַרלוירן דאָס געדולד זעענדיק, אַז צום עיקר המעשה וועט מען היינט, מסתמא, נישט דערגיין. און דער זייגער רוקט זיך.

— וואָס האָסטו זיך היינט פאַררעדט וועגן די בידנע פיש, האַ, מנשה, דאָקטוירים זאָגן, אַז כאַפּן פיש היילט די נערוון. דאָס איז פאַר זיי די בעסטע רפואה, און...

אָבער מנשה האָט יצחקן נישט געלאָזט ענדיקן און איז אים אַרייַנגעפאַלן אין די רייד:

— היילן נערוון איז די שווערסטע זאַך. זיי פּרובירן צו היילן מיט היפּנאָזע, מיט סוגעסטיע, כ'ווייס מיט וואָס, מיט עלעקטריע, מיט אַנדערע טעראַפּישע מיטלען.

— איז וואָס אַרט עס דיך, זאָל מען היילן מיט פיש כאַפּן.

— ווען דאָס פיש כאַפּן האָט נישט צו מיר קיין שייכות, וואָלט עס מיך נישט געאַרט. אָט דאָ שטעקט דער טשוואַק — האָט געזאָגט מנשה.

אַלע אַרום טישל האָבן פאַרשטאַנען, אַז נאָך דעם אויסברוך וועט קומען די ריכטיקע מעשה און מען האָט געוואַרט.

מנשה האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט געפרעגט:

— איר האָט אַמאָל שפּאַצירט לענגויס דעם ים־ברעג אין די אָונט־שעהן? אויב נישט — טוט עס. איר קענט דאַן מיינען, אַז עס איז נישטאָ קיין וויכטיקערע זאַך אויף דער וועלט, ווי כאַפּן פיש. אַלע פאַר שפּאַן אַ ווענטקע. ס'איז קיין וואונדער נישט, וואָס זיי כאַפּן גאַרנישט, ווייל די פיש האָבן שוין אויך שכל באַקומען.

— איז טאַקע מיין שכן, יעקב, געוואָרן אַ פישער. ווי ער פלעגט קומען פון דער אַרבעט, געלאָזן די פרוי מיט דריי קליינע קינדערלעך, געגומען צוויי לאַנגע שטעקנס, עפּעס אַ קעסטעלע, עסן און — היידאַ! זייער פיין און זייער גוט. דער דאָקטאָר האָט „אויסגעפינען", אַז זיין דיק־קייט איז נישט פון זיצן ביי דער אַרבעט אין דער ענגער מעכאַנישער פאַבריק פון שיך, נאָר דווקא פון נערוון. מילא, איז ער אַוועק. קומען פלעגט ער קומען אַהיים אַרום האַלבער נאַכט. אין הויז — אַ מחיה, שאַ, שטיל. דאָס ווייבל זיינס, אסתר, האָט שלום געמאַכט מיט אַלעמען. וואָס טוט מען נישט צוליבן געזונט? איין מאָל אין אָוונט — געשרייען, געוואַלדן, מען קען נישט שלאָפן. ביי יעקבן, דעם מאַראָקאַנער, רודערט זיך. מאַן און ווייב קריגן זיך, אַז מען הערט נישט בלויז ביי אונדז אין הויף, נאָר אין גאַנצן געסל.

אויף מאָרגן, נאָך מיטאָג, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין קופּת־חולים. כ'גיב אַ קוק — יעקב איז דאָ מיט אַן אונטערגעהאַקט אויג און אַ געשוואָלענער באַק.

— פרעגט נישט — לויפט ער צו מיר מיט אימפּעט. — כ'האָב איצט אַ גיהנום אין שטוב.

— דאָס האָט אייך אייער ווייבל אַזוי באַקליידט?

— ווייס איך וואָס! דאָס איז אַ פּרויאַישע האַנט? איר דערקענט דען נישט אַ קלאַפּ פון אַ מאַנספאַרשוין?

— „שערשע לאַ פאַם" — „זוך דאָ די פרוי". — האָט ער מיר אַ שמייכל געטאָן מיט אַ האַלבן פּנים און אַ פינטל געגעבן מיט איין אויג, וואָס איז נישט געווען באַנדאַזשירט. ער האָט שוין נישט געוואַרט אויף קיין פראַגן און האָט מיר פול מיט פאַרביטערונג דערציילט:

— צו וואָס האָב איך דאָס געדאַרפט. דאָס איז גוט פאַר די, וואָס האָבן ווילעס ביים ברעג פון ים. יעדער זיצט און כאַפּט זיך פיש. אָדער אפשר ווען מען גאָר קויפן בילעטן אויף אַ שטיקל ים, מען זאָל האָבן רו. אָבער נישט אַזוי. יעדער קריכט יענעם אין וועג אַריין. אָט זיץ איך מיט מיינע צוויי ווענטקעס פאַרוואָרפן און כ'קוק אין דער שוואַרצער טיפעניש פון ים, צי עס רודערט זיך נישט עפּעס. אַרום איז חושך. עס דוכט זיך מיר, אַז עפּעס האָט זיך געגעבן אַ ריר, אַ פּלוסק אין וואַסער. כ'וואַרט געשפּאַנט. פּלוצלינג נאָך אַ מאָל אַ פּלוסק. כ'קער זיך אום, כ'דערזע ווי יונגע פאַרשוי־נען פאַרען זיך ביי אַ ווענטקע. איך גיב אַ שפּרונג און אַ געשריי: „אתה פּרצוף אומלל" — דו אומגליקלעכער פּרצוף, וואָס מיינסטו זיך. נישט דאָ איז דיין אָרט צו לערנען זיך כאַפּן פיש. מיינע ווערטער האָבן ווי אַ פייל געטראָפן דעם, וואָס איז געווען דער לערער.

— אויף מיין בחורה וועסטו זאָגן „פּרצוף אומלל". — און ער האָט מיר דערלאַנגט, ווי איר זעט. ווען ער וואַרפט מיך נישט אום, וואָלט איך אים נישט געזשאַלעוועט. נאָר איר זעט דאָך — מזל דאַרף מען האָבן.

— איז וואָס זענען געווען די געשרייען אין שטוב? האָב איך גאַנץ פאַרזיכטיק, כדי אים נישט צו באַליידיקן, געפרעגט.

— פרעגט מיין אסתרן. זי האַלט, אַז די גאַנצע מעשה מיט דער ווענטקע איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אַז אַלץ צוליב אַ פרוי איז עס געשען. זי זוכט אין יעדער זאַך די פרוי — „שערשע לאַ פאַם". קלעפּ האָסטו טאַקע באַ־קומען פון אַ מאַן, פון איר מאַן — האַלט זיך ביי ס'איריקע אסתר. אַזוי, אַזוי, אדון מנשה, אומזיסט און אומנישט לייד איך.

מנשה האָט געענדיקט דערציילן, און ווי עמעצער וואָלט אויסגערעכנט,

האָט זיך דערנענטערט זיבן, ווען אַלע פלעגן זיך פונאַנדערגיין, כדי מאָרגן זיך ווידער צו טרעפן און אַ ביסל אַ קיבעץ צו טאָן.

— איר זעט, וואָס אַ מיספאַרשטענדעניש קען ברענגען — האָט יאָסל פילאָזאָף גזאָגט. — ווי עס מישט זיך נאָר אַריין אַ „בימפּע״, קומט אַלע מאָל עפּעס אַרויס.

— דעריבער האָט גאָט פון גן־עדן פאַרטריבן חוהן — ער זאָל קענען לעבן רואיקער — האָט פּנחס מיט אַ וויץ געענדיקט.

*

פון וואַנען נעמט זיך צו יידן אַזאַ נאָמען ווי פּיקניק, איז שווער צו וויסן. די לצים, די קיבעצער, וואָס קומען אַריין צו משה פּיקניקן אין דער מסעדה האָבן צוגעטראַכט אַזאַ מעשה: משה פּיקניק שטאַמט פון דור־דורות קרעטשמערס, והראיה — פּיקניק הייסט אָפּרו, פאַרווייַלונג אויף דער פרישער לופט. דאָס וואָרט שטאַמט, מסתמא, פון ענגליש, אָבער מען באַנוצט עס אין אַלע שפּראַכן. אין סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט, ווען עס איז געוואָרן אַ מאָדע צו פאָרן פאַרברענגען די פרייע צייט אויף דער שויס פון דער נאַטור, איז אויך די פּוילישע שליאַכטע געפאָרן אין זייערע און נישט אין זייערע פאַרלאָזענע גיטער צו פאַרברענגען אויף „דער שויס פון דער נאַטור״, ווי מען פלעגט דאַן זאָגן. אויפן וועג האָט מען זיך אַריינגע־כאַפּט צו משהס עלטער־עלטער־זיידן אויף אַ טרונק, ווייל ווו איז געשטאַ־נען אַ קרעטשמע, אויב נישט אויפן וועג. פון דאַנען דער נאָמען פּיקניק.

— אַ ייד זאָל האָבן אַזאַ נאָמען — פלעגן איינטענהן אויף קאַטאָוועס די לצים. — מען נעמט און מען טוישט אים.

— דאָס לאָז איך פאַר מיינע קינדער, פאַר מיינע אייניקלעך, ווי זייער אמונה וועט אויסטראָגן — האָט געענטפערט משה פּיקניק. — מיט וואָס האָט מיין טאַטע זיך פאַרזינדיקט, אַז איך זאָל זיין נאָמען ענדערן? היטלער האָט אים פאַרברענט, זאָל איך זיין נאָמען פאַרטיליקן? ניין, דאָס נישט, דאָס וועלן מיינע שונאים נישט דערלעבן. זאָל כאָטש בלייבן זיין נאָמען לזכר פון אים.

די צוגעטראַכטע מעשה וועגן משה פיקניקס אָבות האָט זיך גלאַטיק דערציילט אין דער גאַנצער געגנט, און ווי יעדע רכילות, גענומען וואַקסן מיט נייע פּרטים. אָבער איינס איז זיכער, ווען נישט דער פאַל מיטן אי־בערגעפאָרענעם פוס, וואָלט ער, מסתמא, קיין מאָל נישט געווען געזעסן אין דער מסעדה, נאָר ערגעץ־ווו אין דער פאַבריק, ביי זיין מאַשין, ווי ער איז געזעסן ביז דאַן. די פּאָר טויזנט פונט, וואָס ער האָט באַקומען אָנטשע־דיקונגען, האָט אים קוים געסטייעט אויף צו קויפן דאָס האַלב־טונקעלע געוועלב, ווו עס האָט זיך פריער געפונען אַ לעדער־סקלאַד און ביז היינט טראָגט זיך פון זיינע ווענט אַ טוכלער ריח אין די ווינטער־טעג, ווען די טיר מוז זיין אַ גאַנצן טאָג פאַרמאַכט.

חיונה האָט משה פיקניק געצויגן נישט פון מנשה דעם שרייבערס חברותא, נאָר דווקא פון די קינדער, וואָס פלעגן ווי פייגל זיך אַ שאָט טאָן אויף זיין געוועלב.

— קינדער, דאָס זענען די בעסטע קונים. טעגלעכע פאַרברויכער פון „בזוקה" און „ספּוטניק", אָדער אַן אַנדער מאַסטיק. און ווו איז אַ בייגעלע, אַ קיכעלע? יעדן טאָג קומען זיי דאַ צו מיר, פון דער צווייטער גאַס, פון די הילצערנע צריפים, אין דער גרויסער הפסקה אין שול.

— ביי זיי, מרים, — האָט ער איינגעטענהט מיט זיין ווייב אין אָוונט ביי זיך אין שטוב — ביי זיי איז אַן דינגעניש. אַ ריינער גראָשן פאַרדינסט.

צו מנשה דעם שרייבער, איז משה פיקניק געווען געוויינט. טאָמער האָט ער זיך אַמאָל נישט באַוויזן, האָט משה פיקניק געפילט זיך נישט גוט, עפּעס איז געווען אים פוסט אין דער מסעדה, כאָטש די קיבעצער זענען ווי שטענדיק געווען אויפן אָרט צו דער באַשטימטער צייט.

אין די צוויי שעה פון זיין זיצן דאָ, האָט מנשה אויך אויפגענומען פאַרשידענע מענטשן. צווישן די געסט, וואָס האָבן געהאַט ענינים צו מנשהן, זענען אויך געווען פרויען, יונגע, אַלטע.

משה פיקניק האָט נישט געקענט דערגיין וואָס בינדט אים מיט זיי. פרעגן האָט ער נישט געוואַגט. ער האָט גוט געקענט דעם „הייסן" כאַ־ראַקטער — ווי נאָר מען וועט פרעגן דאָס, וואָס מנשה דער שרייבער וויל נישט דערציילן, אָדער ער וויל נישט מען זאָל וועגן דעם וויסן, וועט ער

דיך אַזוי „אָפּפּאַרען״, ערגער ווי מען זאָל דיך אָפּגיסן מיט אַן עמער זודיק וואַסער. אַזאַ כוח פון „ברי״ איז געלעגן אין זיין צונג.

האָט זיך טאַקע משה פּיקניק צוגעקוקט צו די מיידלעך און פּרויען, מיט וועלכע מנשה פלעגט זיך אַוועקזעצן ביי אַ באַזונדער טישל. זיי האָבן אפילו נישט אויסגעטרונקען דאָס גלאָז טיי, נישט אויסגערייכערט דעם אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס, און — נעלם ווערן. משה פּיקניק קען זיך אויף מענטשן. אַן אַנדער סאָרט מענטשן, עפּעס „בעסערע לויטע״, האָט ער גע־טראַכט.

צווישן די געסט, מיט וועלכע מנשה פלעגט זיך אַוועקזעצן ביי אַ באַזונדער טישל, זענען אויך געווען אַרבעטער. דאָס איז פאַר משה פּיקניקן נישט שווער צו דערקענען. דו גיסט אַ קוק אויף די טעקעס אין זייערע הענט און אויף די גראָבע שיך, וואָס ווי דו זאָלסט נישט וועלן זיי אָפּרייניקן, טראָגן זיי שפּורן פון אַרבעט.

דער גאַנצער אינטערעס פון משה פּיקניקן זענען דווקא די געסט, וואָס קומען צו מנשהן ספּעציעל. צו די שטענדיקע קיבעצער איז ער שוין גע־וווינט. מאָדנע מענטשן זענען די געסט. ער קען זיך פון זיי נישט אָפּחידושן. גאָר וווּנדערלעך האָט אים אויסגעזען דער עלטערער מאַן, מסתמא אַריבער די זיבעציקער, מיט אַן איידעלן פּנים, נישט מחמת די ברילן, ווייל ווער טראָגט דאָס היינטיקע צייטן נישט קיין ברילן? נאָר דווקא מיט עפּעס אַזאַ ליכט אין די טונקל־בלויע אויגן. דער זילבער פון זיינע האָר האָט שימע־רירט, ווי פון זיין אייגענער ליכט. מסתמא איז דאָס אַ דאָקטאָר, האָט געטראַכט משה פּיקניק. און אפשר גאָר אַ פּראָפעסאָר. די געשטאַלט איז אים לאַנג געבליבן אין זכרון. זי האָט זיך אים אַפילו געחלומט. אַזאַ מענטש ביי אים אין מסעדה!

פון דאַן אָן האָט זיך חוץ פריינטשאַפט צו מנשה, דעם דיכטער, פון משה פּיקניקן אויך אַריינגעמישט דרך־ארץ.

אַזוי האָט זיך געלעבט משה פּיקניק אין זיין קליין וועלטל. מחמת דעם שטייפן פוס האָט ער נישט געקאָנט אַ סך גיין און שפּאַצירן. פון איין זאַך איז ער אָבער געווען צופרידן — אין געשעפט איז ער געווען „זעלבּ־שטענדיק״. דאָס ווייב האָט זיך אים נישט געמישט אין עסק. ווי לאַנג זי

וועט קאָנען זאָל זי אַרבעטן ביי דער קאָנפעקציע. שוין איבער צען יאָר ווי זי אַרבעט אויפֿן זעלבן אָרט. און העלפֿן אין דער מסעדה און רוימען קומט צוויי מאָל אַ טאָג די אַלטע שושנה.

די מסעדה האָט יעדן חלק פֿון טאָג כמעט אַן אנדער „פּאַנאָראַמע".

צום סוף פֿון טאָג, אין אָוונט, האָט די מסעדה „אונטער דער גרינער לאָמטערן" געהאַט נאָך אַ מין באַזוכער. דאָס זענען געווען אין זייער איבערוועגנדיקער צאָל קשישים. דאָס זענען די אַלע, וואָס זענען שוין אַריבער ווייט, ווייט די פֿופֿציקער. ביז די פֿופֿציק האָבן זיי אויך קיין ספּעציעלן פּאַך נישט געהאַט. פֿון זיי האָבן זיך רעקרוטירט די, וואָס האָבן געקערט די גאַסן, געהאָלפֿן אַרויספֿירן דאָס מיסט פֿאַרטאָג, אָדער גאָר געאַרבעט פֿאַר שכר־דחק ביי פֿאַרשידענע עפֿנטלעכע אַרבעטן ביי דער עיריה.

זיי האָבן פֿון זייערע לענדער מיטגעבראַכט דעם מזרח־מנהג צו שפּילן אין ביינער — זומער פֿאַר דער טיר פֿון דער מסעדה. בשום אופֿן האָט משה פּיקניק נישט געקאָנט תּופֿס זיין נישט דעם זין און נישט דעם תּוכן פֿון דער שפּיל. ס׳וואָלט זיך געדוכט, אַז זי איז ענלעך צו אַ דאַמקע. אין דער אמתן איז דאָס נישט אַזוי. נאָר קאַווע פֿלעגן זיי אויסזופּן, דווקא פֿון די קליינע טעפּעלעך, אַ וועלט. ער פֿלעגט אויף צוויי פּתּילות האַלטן צוויי גרויסע פֿינדזשאַנעס קאַווע פֿאַר זיי, און פֿאַר דעם קנאַפּן צענדליק מענטשן האָט דאָס קוים געסטייעט.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי, אַז די גאַנצע חיונה האָט משה פּיקניק געצויגן פֿון די קינדער. אפֿשר דערפֿאַר, ווייל ער האָט זייער ליב געהאַט קינדער און שטענדיק זיי פֿאַרגלייכט צו פֿייגל. דער סוד פֿון זיין פּרנסה איז געווען ערגעץ אַנדערש: איין מאָל אין חודש פֿלעגט ער פֿון 9 ביז 11 פֿאַרדינגען זיין לאָקאַל אויף עפּעס א צוזאמענקומעניש. ס׳פֿלעגן קומען פֿאַרשידענע מענטשן, אויך אייניקע פֿון דער שכונה, און מען פֿלעגט רעדן. משה פּיקניק פֿלעגט אויף די „אסיפֿות" נישט בלייבן. דאָס האָט ער שוין איבערגעגעבן זיין עלטערער טאָכטער, וועלכע פֿלעגט אין דער צייט ווען יענע פֿלעגן רעדן, זיצן און שטריקן.

נאָר איין מאָל איז געשען אזא מעשה: אלע זענען זיך צונויפֿגעקומען.

מען האָט לענגער ווי אַלע מאָל געוואַרט אויפן רעדנער. משה פּיקניק האָט זיך שוין געגרייט צו גיין אַ היים, ווי דער רעדנער איז אַריין, און ער האָט דערזען דעם אַלטן פּראָפעסאָר, וואָס האָט נישט לאַנג באַזוכט מנשהן, דעם שרייבער. דאָס מאָל איז שוין משה פּיקניק געבליבן. דער כוח, וואָס איז געלעגן סיי אין זיין בליק, סיי אין שמייכל פון דעם מאַן, האָט געמאַכט, אַז משה פּיקניק האָט נישט ווילנדיק בייגעוווינט די אסיפה.

דער פּראָפעסאָר האָט מיט אַ טיפער ברוסט־שטימע אַקצענטירט יעדעס וואָרט, וואָס האָט זיך דערטראָגן נישט נאָר צום אויער, נאָר אַריינגעפאַלן טיף אין האַרצן ווי אַ ליד, וועמענס ניגון איז אייגן, כאָטש האָסט אים קיינמאָל נישט געהערט. פּייער האָט געשפּריצט פון זיין מויל. אַמאָל זענען דאָס געווען גוטע האַרציקע ווערטער. דער פּראָפעסאָר האָט געענדיקט זיינע רייד מיט דעם:

— דער טיפער באַוווסטזיין פון אחריות פארן פאָלק, האָט דערפירט אַ סך געלערנטע און אונדזער אינטעליגענץ צוצושטיין צו דער באַוועגונג, וועלכע ווערט אין לאַנד ביי אונדז אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע — אין קאַמף קעגן מאַכן אַטאָם־עקספּערימענטן, אין וואָס פאַר אַ פאָרם עס זאָל נישט זיין, און ווי עס זאָל נישט זיין, און פאַר אַ פרידלעכן לעבן אין אונדזער לאַנד. אויב די אינטעליגענץ איז צוגעשטאַנען, דאַרפן דאָך די פּשוטע מענטשן, וואָס זענען דער פונדאַמענט פון פאָלק, וואָס בויען אונדזער לאַנד, ווערן דער ברייטער יסוד פון אונדזער באַוועגונג.

— שטייט צו צו דער געזעלשאַפט, וואָס הייסט „למען עתידנו, למען ילדינו" — האָט דער רעדנער אויסגערופן און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. דער עולם האָט מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן אָפּגעדאַנקט דעם רעדנער. משה פּיקניק האָט זיך אַפילו נישט געכאַפּט, אַז ער איז געווען איינער פון די אַפּלאָדירער.

די ווענט פון זיין מסעדה האָבן זיך צעשפּרייט. עס איז אין זיי אַריינגעדרונגען די גרויסע וועלט, וואָס ציילט מיליאָנען מענטשן פון אַלע עקן וועלט. אַלע רעדן וועגן דעם, וואָס מען האָט היינט דערציילט אין מסעדה „אונטער דער גרינער לאַמטערן".

משה פּיקניק איז אויסגעזעסן די גאַנצע פאַרזאַמלונג דעם ערשטן

מאָל. ער פלעגט פאַרדינגען זיין מסעדה נאָר צוליב די פּאָר פונט און נישט מער. דאָס מאָל האָט אים צוערשט פאַראינטערעסירט די פּערזאָן פון פּראָפעסאָר מיטן אײדעלן פּנים פון אַ תלמיד־חכם, וואָס האָט אַזוי צוציִענד גערעדט וועגן שלום אויף דער וועלט. דאָס אַלץ וואָס ער האָט געהערט איז געווען פאַר אים נײַ.

אַ מאָדנע זאַך איז געשען מיט משה פּיקניקן. די ווערטער פון פּראָפעסאָר אײזן האָבן לאַנג אָפּגעהילכט אין זײַנע אויערן. זיי האָבן אים פאַראינטערעסירט. מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט ביזן סוף חודש, אויף נאָך אַן אַסיפה. אָבער דאָס מאָל איז דער פּראָפעסאָר נישט געקומען. עס איז געקומען אײנע פון די פרויען, וואָס פלעגט אויך אַ מאָל קומען

צו מנשהן, כדי מיט אים זיך דורכרעדן וועגן עפּעסביים טישל און געלם ווערן, איידער זי האָט נאָך באַוויזן אויסצוטרינקען איר גלאָז טיי. דער ערנסטער בליק פון אירע אויגן האָט נישט געפּאַסט צו איר יוגנטלעכן אויסזען פון אַ פרוי, וועלכע איז שוין געווען ווייט נאָך די פערציקער.

אין דער ערשטער רגע האָט זיך משה פּיקניק געפילט אַנטוישט אין זיין דערוואַרטונג ווידער צו הערן דעם פּראָפעסאָר. דער טעם פון זיינע רייד איז אים לאַנג פאַרבליבן אין זכרון. זיין גאַנצע רעדע האָט אים דערמאָנט אָן ים, וואָס שטורעמט און פּליסט אָפּ, ווי דער אָפּפלוס פון די כוואַליעס. ער האָט געוואָלט גיין. דער אויפגעוועקטער נייגער צו דעם, וועגן וועלכן עס האָט גערעדט דער אַלטער פּראָפעסאָר, איז גורם געווען אַפילו דעם ווידערווילן צו הערן אַ פרוי, ווייל ווי דער שטייגער איז — וואָס קאָן שוין אַ פרוי זאָגן? גיי מאַך איבער אַ וועלט. און ער איז געבליבן.

מיט גרויס ליבשאַפט צו די קינדער פון די געסלעך, וועלכע זענען זיינע קונים, האָט גערעדט די פרוי, און איר גאַנצע געשטאַלט האָט באַקומען אַ יוגנטלעכן חן. עס האָט געשטראַלט אַ זוניקייט פון איר שמייכל, און משה פּיקניק האָט זיך געוווּנדערט — גיי ווייס: אַ פרוי, און אַזויפיל חכמה.

די רואיקע רייד, פול מיט ליבשאַפט און דאגה פאַרן גורל פון קינד האָבן געטראָפן אין האַרץ פון פּיקניקן. ער האָט באַקומען אַן אינהאַלט צו זיין מחשבה און ווען ער פלעגט אין די אָוונטן שפּילן מיט עליען דעם שוסטער אין דאַמקע (דווקא ביי זיך אין שטוב), האָט ער נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן די געהערטע רייד וועגן אַטאָם און באָמבעס, וועגן מלחמה און שלום, כאָטש ער האָט וועגן דעם געלייענט אין דער יידישער צייטונג „אונדזער שטראַל".

— עס איז נישט אַזוי פּשוט! — פלעגט ער איבערחזרן יעדעס מאָל בשעת ער האָט זיך געטראָפן מיט עליען דעם שוסטער ביים שפּיל אין דאַמקע.

— כ'לעבן, מרים, וואָלסט געמעגט אַמאָל הערן, וואָלסט אַליין געזאָגט, אַז עס איז כדאי.

— נאָך דאָס פעלט מיר — האָט זי אים שאַרף געענטפערט — ווייניק אויף מיין קאָפּ? פּאָליטיק דאַרף איך נאָך?

— אוי, מרים, מרים! דאָס איז דאָך נישט פּאָליטיק. דאָס איז וועגן אונדזער לעבן.

— הער, משה, איך דאַנק גאָט, אַז כ׳קאָן אויסרוען אין אָוונט מיין קאָפּ נאָך דער אַרבעט אין פאַבריק און אין שטוב. גענוג פאַר מיר, משה.

עליע, דער שוסטער, פלעגט אים אונטעריאָגן און נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל זיך אַנטוויקלען דער שמועס צווישן משהן און מרימען, וואָס קאָן נאָך, חלילה, איבערגיין אין אַ קריגעריי.

— משה, פאַררעדט נישט די ציין. זעט איר זאָלט ווידער נישט פאַרשפּילן. היט די ביינער!

אַזוי איז משה פּיקניק אַריינגעצויגן געוואָרן אין די פראַגן, וואָס פלעגן באַהאַנדלט ווערן אויף די אַסיפות. זיי האָבן טאַקע נישט אַרומגע־נומען מער ווי צוויי צענדליק מענטשן, אָבער זיי האָבן אים דערמאָנט אין די פאַרזאַמלונגען אין שטעטל, אויף וועלכע, ער פלעגט צוגלייך מיט אַלע אַנדערע קונדסים זיין שטענדיק דאָרט, ווו עס איז געווען ענג. אויך דאָ האָט ער געהערט רייד וועגן „אַ בעסערן מאָרגן״, ווי מען פלעגט זאָגן אין דער אַלטער היים.

אָבער דאָ איז געשען אַן אומגעריכטע זאַך פאַר משה פּיקניקן: שלמה זילבערזאַלץ, וואָס מען האָט וועגן אים אונטערגעברומט אונטערן נאָז, אַז זיין שטיין מיטן קעסטל פון פּאַפּיראָסן נישט ווייט פון גרויסן פּלאַץ אין צענטער פון שטאָט, איז נאָר אַן אויסרייד. פאַקטיש האָט ער אין זינען גאָר עפּעס אַנדערש.

— היט זיך פאַר אים! — האָט איינער דעם צווייטן אַריינגערוימט אין אויער ,מורא האָבנדיק פאַרן כוח פון זילבערזאַלצס אויער, וואָס קאָן הערן „אַפילו דורך ווענט״. אייגנטלעך וואָס האָבן געהאַט מורא צו האָבן די אַרבעטס־מענטשן אין דער געגנט, אָדער די, וואָס האָבן שטענדיק געזוכט אַרבעט. גיי ווייס? קיין וואָלף פון וואַלד טאָר מען נישט אַרויסרופן.

זעלטן־ווען פלעגט ער אַריינקומען צו משה פּיקניקן אין מסעדה. דעריבער, ווען משה פּיקניק האָט דעם ערשטן זונטיק פרימאָרגן נאָך

דער לעצטער פֿאַרזאַמלונג דערזען שלמה זילבערזאַלץ, האָט ער אַפֿילו נישט באַוויזן זיך „צו וואונדערן, ווייל עס האָט אים געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרצן.

„אַהאַ, עפּעס וויל ער, דער פֿויגל". — אָבער וועגן וואָס האָט ער אַפֿילו קיין אָנונג נישט געהאַט.

— אַ גוט גלעזעלע ביר קאָן מען דאָך ביי דיר קריגן, וואָס, משה?

פֿון וואָרט צו וואָרט האָט זיך אויפֿגעוויקלט די קנויל פֿון פֿאַרדאַכט, וואָס ער האָט פֿאַמעלעך און בנעימות פֿונאַנדערגעוויקלט פֿאַר משה פּיקניקן. דער לעצטער זאַץ זיינער פֿאַרן אַוועקגיין האָט נישט געלאָזט משה פּיקניקן שלאָפֿן.

„מילא, משה, אַז דו פֿאַרדינגסט דיין קרעמל פֿאַר די טריפֿהניאַקעס — קאָמוניסטן, איז וואָס טוט מען נישט פֿאַר פּרנסה. אָבער אַז דו אַליין זאָלסט הערן זייערע טריפֿהנע רייד — דאָס איז שוין אַביסל צופֿיל. „היט די ביינער" — האָט ער זיך צו אים געוואָנדן מיט אַ דראָאונג. הגם ער האָט אים נישט געזאָגט קיין שום ספּעציעלס, האָבן זיינע ווערטער געקלונגען ווי אַ דראָאונג און ער האָט דערפֿילט איבער זיין קאָפּ אַ גראָבע, מגושמדיקע פֿויסט.

— נאָר זיך נישט לאָזן... וואָס האָב איך מורא? וואָס קאָן איך שוין פֿאַרלירן?

זילבערזאַלץ האָט מיט משה פּיקניקן גערעדט פֿאַרשטעלט. דאָך האָט מען פֿון זיינע רמזים און פֿאַרגלייכן, אַרויסגעפֿילט זיין ציל. זיין כוונה איז געווען דורכזיכטיק.

זיין פֿרוי, שיינע, די צנועה מיט איר קליין פֿאַרשנורעוועט מיילכעלע, אין וועלכן עס איז געלעגן אַ כוח פֿון באַרעדן די גאַנצע שכונה, האָט זיך אין צוויי טעג אַרום שטיל אַריינגעשלייכט צו פּיקניקן אין שטוב. אַזוי האָט זי געטאָן אַלעמאָל, ווען זי האָט געוואָלט אומבאַמערקט אַריינקומען צו יענעם, און גראָד אין יענער צייט, ווען מען איז געווען באַוואָרפֿן מיט אַרבעט. זי האָט געהאָלפֿן איר מאַן אין זיין „פֿאַרשטעלטער" פּרנסה.

מרים פּיקניק איז אַ מידע געשטאַנען און געגרייט מיטאָג אויף מאָרגן.

פאַר יום־טוב און בפרט פאַר פסח איז דאָך דאָ טאָפּל אַרבעט, און אויף שיינעס רייד האָט מרים תיכף אָפּגעהאַקט אָן טענות און מענות.

— כ׳בעט איך, שיינע, האָט קיין פאַריבל נישט. מיט מיין מאַנס געשעפטן פאַרגעם איך זיך נישט, און וואָס איז שייך טריפהניאקעס, צי קאָמוניסטן — האָב איך זייערע ציצית נישט בודק געווען. צווייטנס, אפילו צווישן מיינע זיידעס איז נישט געווען קיין איין רבי, אַפילו נישט קיין דיינים. פשוטע מענטשן, עמך. פון פויערים שטאַמען מיר. איז וואָס זאָל איך פסקענען שאלות? לאָזט אָפּ. אַ יידענע זאָל זיך מישן אין אַזעלכע זאַכן... — האָט זי איר מיטן לעצטן זאַץ געגעבן אַ וויש פאַרן נאָז.

שיינע האָט עטלעכע מינוט עפּעס געשטאַמלט און נישט געקאָנט געפינען דעם וועג צו דער טיר, אָבער מרים איז אויך געווען אויפגעברויזט, און ווי נאָר דער מאַן איז אַריין אָפּעסן מיטאָג, האָט זי אויסגעגאָסן אויף אים דעם גאַנצן כעס.

— כ׳האָב דיר געזאָגט, משה, הויב נישט אָן מיט זיי. דו זעסט דאָך וואָס עס איז אַרויסגעקומען. אַזויפיל יאָרן ווי מיר וווינען דאָ, האָט מען קיינמאָל נישט בודק געווען די ריינקייט און נישט דעם פּלאַץ און די ווענט, און דאָ האָט עס זיך אָנגעהויבן. אַלץ איז געווען גוט און פיין, ביז דו ביסט אַליין נישט געפאַנגען געוואָרן פון די ריידעלעך פון דייך פּראָפעסאָר — פּראָפעסאָר אַהין און פּראָפעסאָר אַהער.

— אַלע, מרים, זענען גערעכט. זיי רעדן אמתדיקע רייד, וואָס דערגייען צום האַרצן. איז וואָס — אָט איז דאָ נישט לאַנג געווען נאָך אַ פּרוי, און גערעדט וועגן פּרצן גאָר. זי האָט דערציילט, אַז פּרצעס פאָטער, ר׳ יהודה פּרץ, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מען וועט נעמען אין מיליטער, האָט ער גערופן מען זאָל נישט גיין. וועט מען דאָך...

— זע נאָר, זע נאָר, אַ גאַנצער געלערנטער מיר געוואָרן מיט איין מאָל.

— הער אויף מרים, איך בעט דיך! — האָט משה פּיקניק שוין מיט כעס געענטפערט אויפן ווייבס חוזק.

— אויב אַזוי, מיין מאַן, טאָ וואָס האָסטו מורא? גיי ווו מען רופט דיך. משה פּיקניק איז געגאַנגען. קוים אַרויף מיט זיין שטייפן פוס אויפן

צווייטן שטאָק, ווו עס איז געזעסן דער ראַיאָן־קאָמיסאַר פון דער משטרה.

געגאַנגען איז ער מיט אַ שווער געמיט, נישט מחמת מורא, נאָר ווייל אַ פּאָליציי־געביידע פּלעגט שטענדיק ביי אים אַרויסרופן אומרו. דאָס איז אים נאָך געבליבן פון דער קינדהייט. ביי זיי אין גאַס, אין שטעטל באַטשקי, האָט זיך געפונען די פּאָליציי־קאָמענדע. אַלע אַרעסטירטע האָט מען פריער געפירט אין דער פּאָליציי און איינגעזעצט אין קעלער. דורך דעם געדיכט פאַרקראַטעוועטן פענצטער האָט זיך קוים אַריינגעריסן די ליכטיקע שיין פון טאָג. אין פאַלן פון „ערנסטע" אויספאָרשונגען האָבן זיך די געשרייען און קרעכצן דערטראָגן אויף דער גאַס אַרויס, אָבער משה קונדס האָט בעסער געוואָלט זען און הערן און ער האָט זיך אין אַ האַרבסט פאַרנאַכט פאַרגנבעט און אַריינגעקוקט און אָנגעטראָפן זיך מיט אַ פּאָר צעווייטיקטע מענטשלעכע אויגן, פול מיט פחד און ליידן. און פון דאַן אָן איז ער אין דער זייט גאַס מער נישט געגאַנגען — אויסגעמיטן, ביז ער איז גרויס געוואָרן. דאַן איז דער קעלער אים טייער געוואָרן. שוין אַ יינגל פון אַ יאָר צען, האָט ער געזען דאָרט זיין עלטסטן ברודער פירן. פאַרוואָס מען פירט אים, האָט ער נישט פאַרשטאַנען. אין שטוב האָט מען נישט געלאָזט רעדן וועגן עליען — ביז נאָך יאָרן, ווען ער איז אַרויס פון „שוויענטי קזשיזש" איז דער ברודער אים זייער טייער געוואָרן. אַ קעמפער — האָט ער געטראַכט. אָבער גראָד דאַן איז ער ווי אַ חלוץ אַוועק קיין ארץ־ישראל, און מער וועגן זיין ברודער, דעם קאָמוניסט, נישט געהערט. מ׳האָט דערציילט, אַז ער האָט געקעמפט אין פראַנקרייך, אין אונטערערד, און דאָרט העלדיש אומגעקומען. און אויב טאַקע אַזוי, איז ער דאָך ביי זיך אַ יחסן — אַ קליינינקייט, איינגעקויפט זיך אין דער משפחה פון מנשה דעם שרייבער, און מסתמא פון פּראָפעסאָר אויך. און די אַלע קיבעצער, וואָס קומען צו אים אַריין — זיי אויך אפשר? און אפשר נישט. עס וואָלט געווען גוט, ווען ער פרעגט אָפן מנשהן, מיט וועלכן ער האָט נאָך קיינמאָל נישט גערעדט אויג אויף אויג. און ווען ער איז דערגאַנגען צו דער מסקנה, איז ער געשטאַנען אויפן צווייטן שטאָק פאַרן טיר פון פּאָליציי־קאָמיסאַר.

אַרויסגייענדיק פון קאָמיסאַרס קאַבינעט, האָט משה פּיקניקן אויסגעזען אַלץ וואָס איז דאָרט פאַרגעקומען, ווי אַ טייל פון אַ פילם, וואָס איז אין

מיטן קאַליע געוואָרן, און דער קינאָ־מעכאַניקער האָט אויסגעשניטן פון אים אַ טייל — צוערשט טאַנצט די לענטע, עס הייבט אָן שווינדלען פאַר די אויגן, און שפּעטער, ווען עס שטעלט זיך שוין איין דאָס ווייטערדיקע דעמאָנסטרירן פון פילם, פעלן טיילן און די אַקציע איז אומפאַרשטענדלעך. עס פעלט די פאַרבינדונג. אַזוי איז עס געווען מיט זיין „באַזוך" אין דער משטרה. פון אָנפאַנג האָט דער קאָמיסאַר גערעדט מיט אים פריינטלעך וועגן פאַרשידענע משפּחה־אָנגעלעגנהייטן. פּלוצלינג האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען אויף אים, ווידער איבערגעגאַנגען צו אַן אַנדער נוסח, אַ ביסל גראָבלעכן, כדי שפּעטער צו ענדיקן מיט דראָאונגען. משה פּיקניק האָט זיך באַמיט פון דעם אַלעמען צו פאַרשטיין זיין חטא לגבי דער מדינה און דעם גאַנצן פאָלק ישראל. צי דערפאַר, ווייל ער פאַרדינגט „זיי" דעם לאָקאַל איין מאָל אין חודש? צי ווייל עס זענען אים געפעלן געוואָרן די רייד פון פּראָפעסאָר איזן?

ער האָט דערפילט אַ באַדערפעניש צו רעדן מיט אַ נאָענטן מענטש, וואָס זאָל אים פאַרשטיין. ער האָט באַשלאָסן נישט צו וואַרטן ביז דער שעה, ווען מנשה דער שרייבער וועט קומען קיבעצן צו אים „אונטער דער גרינער לאָמטערן", נאָר ער איז אַוועק צו אים, צו מנשהן אין שטוב. אַזאַ זאַך איז אים געשען דאָס ערשטע מאָל. דער „וויזיט" אין דער משטרה האָט נאָך מער באַפעסטיקט דאָס געפיל פון נאָענטקייט צו מנשהן, דווקא דעם קאָמוניסטישן שרייבער, וואָס ווייזט אַרויס שטענדיק אַזויפיל פריינטשאַפט און ליבשאַפט, נישט נאָר צו זיינע מיטקיבעצער, נאָר בכלל צו גרויס און קליין, צו יעדן מענטשן.

דער קאָמיסאַר האָט וועגן „זיי", די קאָמוניסטן, גערעדט אַלדאָס בייז און שלעכטס, ווי זיי וואָלטן געווען ראַבושניקעס און פּושעי ישראל. דאָס האָט אים אַרויסגעבראַכט פון זיין גלייכגעוויכט און ער האָט זיין כעס געמוזט אַרויסברענגען נישט אין שטוב. מיט זיין ווייב האָט ער וועגן דעם נישט געקאָנט רעדן. און אויף זיכער נישט מיט זיינע קליענטן „אונטער דער גרינער לאָמטערן". ער האָט זיך דערמאָנט זיין ברודער, דעם וואָס איז יאָרן אָפּגעזעסן אין תּפיסה, און ערגעץ נאָך דער באַפרייאונג, אין די יאָרן פון גרויל, אומגעקומען אין די פלאַמען פון היטלערס אויוונס. און זיין

כּעס איז צאָרנדיקער געוואָרן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזויפיל צייט פאַר זיך, פאַר זיינע מחשבות, ווי איצט.

דעם גאַנצן וועג האָט זיך פון משה פיקניקן געגאָסן דער שוויס. ער פלעגט בלייבן שטיין און אים אָפּווישן. גלייכצייטיק האָט ער אויסגערוט זיין מידן, קראַנקן, שטייפן פוס.

ווען משה פיקניק האָט זיך דערשלעפּט צום געסל השחר נומער 11, ווו עס האָט געוווינט מנשה, דער שרייבער, איז שוין געווען מיטאָג־צייט. די זון האָט געבלענדט מיט דער פולקייט פון ליכט און געברענט מיטן גאַנצן אימפּעט — אַ נישט געוויינלעכע היץ אין פרילינג.

צווישן די צוויי נידעריקע הייזלעך, וואָס זענען געשטאַנען אויפן הויף, זענען געוואַקסן צוויי בליענדע מאַראַנצן־ביימער, צוגעבנדיק דעם הויף יום־טובדיקייט, וואָס האָט אַ ביסל פאַרדעקט די אָרעמקייט פון אַרום.

אויפן הויף איז געווען שטיל. עס האָט אויסגעזען ווי אַלץ אַרום וואָלט געדרימלט פון מידקייט און חמימותדיקער היץ, און בתוכם די צוויי בליענדיקע מאַראַנצן־ביימער.

לויטן גרויסן הילצערנעם פּאָסט־קעסטל, וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט אין הויז, האָט משה פיקניק תיכף פאַרשטאַנען, אַז דאָ וווינט מנשה. ער האָט טאַקע איבערגעלייענט אויפן טיר: מנשה ווינער. ער האָט אָנגעקלאַפּט.

— ברוך הבא! אַוואַ, אַזאַ גאַסט, אַזאַ אומגעריכטער גאַסט! — האָט מנשה עפּענענדיק אַ זאָג־געטאָן. — קומט אַריין! מסתמא האָט איך געבראַכט צו מיר אַ וויכטיקער ענין, אַז איר, אדון משה, מיט אייער פוס האָט זיך דערשלעפּט אַהער!

— ניין, נישט ספּעציעל — האָט משה פיקניק פּרובירט זיך צו פאַרענטפערן, ווי שעמענדיק זיך פאַר אַזאַ דרייסטן שריט.

— ווי עס זאָל נישט זיין — שלום! זעצט זיך, מירן כאַפּן אַ קאַלטן טרונק און דאַן...

מנשה האָט פון הילצערנעם אייז־קאַסטן פון עפּעס אַן אַלטמאָדישן מאָדעל, מסתמא פון פאַר פופצן יאָר, אַרויסגענומען אַ פלאַטשיקע פלאַש וואַסער און אויף אַ טעלער דערלאַנגט צוויי גלעזער.

משה פּיקניק האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. דער צימער איז געווען אַ גאַנץ גרויסער, מיט צוויי הויכע שמאָלע פענצטער, די באַלאָטן זענען געווען גרינע, וואָס האָבן געשאַפן דעם איינדרוק פון קילקייט, די ווענט ווייס־געקאַלכט. קיין פאָרהאַנגען זענען אויף די פענצטער נישט געהאַנגען, נאָר די בליענדע צוויי מאַראַנצן־ביימער האָבן, ווי אָפּגערעד־טערהייט, אַריינגעבליקט אין די פענצטער, שאַפנדיק אַ ביסל שאָטן דער בלויער ליכטיקייט פון טאָג און אָנגעפילט דעם צימער מיט זיסער דופטיקייט.

אויף די ווענט זענען געהאָנגען בילדער, פאַרשידענע מאָלערייען און סקיצן. אויף די פּראָסטע געהובלטע פּולקעס זענען געווען איינגעשטעלט אַ סך ביכער. אין די ווינקלען זענען געלעגן זשורנאַלן און צייטונגען. צווישן די פענצטער איז געשטאַנען אַ הילצערנער געשטעל מיט כל המינים אויסטערלישקייטן — פון טעפּעלעך פון פאַרשידענער גרויס, באַמאָלענע, אַ פּאַנצער פון אַ ריזן־טשערעפּאַכע, אַ ריזיקער ליימענער טאָפּ, פאַרענדיקט מיט אַ פייפער, אַ מעשענער גרויסער מערזשער, אַ פּאָר קליינע צינענע לייכטער, און נאָך אַ סך פאַרשידענע זאַכן, וואָס דאָס אויג האָט מיט איין מאָל נישט געקאָנט אַרומנעמען.

אויף די פענצטער זענען געשטאַנען פּושקעלעך און קעסטלעך און אַ סלאָי מיט פאַרשידענע פענדזלען. פון צימער האָט געווייט אַן אינטימקייט און עס האָט זיך געפילט, אַז אין דעם אַלעמען איז דאָ אַן אינערלעכער סדר.

אַמלענגסטן האָט משה זיך פאַרהאַלטן אויפן בילד פון אַ יונגער בלאָנדער פרוי, וואָס איז געשטאַנען אויפן שרייב־טיש.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מנשה האָט אים טאַקע דערציילט די מעשה פון זיין פרוי, וואָס איז ערב דער מלחמה געפאָרן קיין פּוילן צו באַזוך און נישט באַוויזן צוריקצוקומען. זי איז דאָרט אומגעקומען אין בראַנד פון היטלער־פלאַמען. דאָס מוז זי זיין — האָט ער נאָך אַמאָל פאַר זיך אָפּגעמאַכט.

ווען משה פּיקניק האָט זיך אָפּגערוט אַ ביסל און צוגעוווינט זיך צו

דער אומגעווײנלעכער סביבה פון מנשהס צימער, טרינקענדיק דאָס צווייטע גלאָז וואַסער, האָט ער דערהערט מנשהס קול:

— זאָל מען אָננעמען, אַז איר זענט נישט געקומען ספּעציעל — האָט מנשה אַ שמייכל געטאָן און אַ בליק געטאָן מיט זיינע לויטערע העל־בלויע אויגן — איז וואָס דערציילט איר עפּעס, אדון מנשה?

— אין דער אמתן, יאָ, אין דער אמתן האָב איך שוין פון לאַנג געוואָלט מיט אייך אַ שמועס טאָן. דאָרט ביי מיר איז אַ ביסל נישט באַקוועם, און דאָ — האָט ער זיך פאַרהאַקט אינמיטן די רייד — כ׳ווייס...

— דאָ קאָנט איר רעדן פריי. רעדט וואָס עס ליגט אייך אויפן לונג. קיין יליד־איש איז דאָ נישטאָ. אַלע זענען ביי דער אַרבעט.

ביי משה פּיקניקן האָט זיך צענומען די צונג. ער האָט גערעדט מיט היץ. ער האָט זיך אַליין צוגעהערט צו זיינע רייד, וועלכע האָבן פאַר אים געקלונגען ניי, און ער האָט אַרויסגעבראַכט אַלץ, וואָס האָט אין אים געגורטעוועט פון דאַן, ווען ער האָט געהערט דעם פּראָפעסאָרס רעדע.

מנשה האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און ווי אַ מענטשן־פריינט זיך גוט איינגעהערט, ווי דער צווייטער מענטש האָט געעפנט פאַר אים זיין האַרץ און מוח. דער פשוטער פאָלקס־מענטש, דער געוועזענער אַרבעטער, וועלכער איז צוליב אַן אומגליקס־צופאַל אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זיין פריערדיקן פאַך, האָט איצט מיט אָפּגעהאַקטע קורצע זאַצן אַרויסגעבראַכט די טיפקייט פון אַ מענטשלעכער איבערלעבונג מיט איינפאַכקייט, אָן דער געוויינהייט פון אַ דערציילער און נאָך ווייניקער פון אַן אַנאַליטיקער, אַ קלאָר בילד פון אַ דורכגעמאַכטן אינערלעכן קריזיס. פאַר מנשהן איז געווען קלאָר, אַז משה פּיקניק, דער דורכשניטלעכער בירגער, האָט דורכגעמאַכט אַליין אַ קאָמפּליצירטן אידעאישן איבערברוך.

— הערט, אדון משה, איר האָט דורכגעמאַכט אַ ווונדערלעכן וועג, און פאַרענדיקט האָט איר אים אין קאַבינעט פון אייער ראַיאָן־קאָמיסאַר — ווי הייסט ער דאָרט...

— דוד ראַדניצקי — האָט אייפעריק אונטערגעזאָגט משה פּיקניק.

— מיר שרעקן זיך נישט פאַר קלאָרקייט פון די באַגריפן פון יושר און אומגערעכטיקייט, גוטס און שלעכטס. איר האָט זיך איצט אויך באַפרייט

פון דער שרעק צו דערטראַכטן זיך ביזן סוף. ווען מען גייט נאָר איינמאָל אויפן וועג פון אמת, ווערט מען אײנגאַנצן אויסגעטאָן פון שרעק און עס ווערט ליב און טייער דער קאַמף פאַר דעם שיינעם, פאַר די אַלע אמתן, אין וועלכע מיר גלויבן.

משה פיקניק, אַ דערהויבענער פון מנשהס רייד, האָט געשוויגן.

מנשה האָט ווייטער גערעדט:

— עס זענען אין לאַנד דאָ אַ סך ערלעכע מענטשן, וועלכע שטייען נאָך אין האַלבן וועג, אויף וועלכן איר זענט שוין אַרויף. דאָ איז מנשה צוגעגאַנגען צו משה פיקניקן און אים שטאַרק צוגעדריקט צום האַרצן און זיך מיט אים צעקושט.

איןביידנס אויגן האָבן געפּערלט טרערן פון ברידערלעכקייט און טריישאפט.

## איר געשיכטע

פֿאַלע איז תּמיד געגאַנגען מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ. אויף איר פֿאַרטראַכטן פּנים איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ גייסטיקייט, וואָס נישט אַלע אין דער סביבה האָבן עס באַנומען. זי האָט אינגאַנצן געשטראַלט מיט גוטסקייט און ליבשאַפֿט — מיט אַ מין דערהויבנקייט.

איר ליבע צום מענטש האָט געהאַט טיפֿע וואָרצלען אין דער קינדהייט. דאָס האָט נאָך איר באַליבטער לערער אין שול איינגעפּלאַנצט. צו קיינעם פֿילט זי נישט קיין שנאה, נאָר צו איין מענטשן, צו יחזקאלן.

מיט יאָרן צוריק איז זי געקומען דאָ אין דער געגנט מיט מוסטאַפֿאַן, כּדי צו וווינען ביי זיין מוטער אין יפֿו, אויפֿן ברעג פֿון ים.

קיינער האָט נישט געקאָנט איר אמתע געשיכטע. אין דער אראבישער סביבה האָט מען זי אויפֿגענומען מיט ליבע און צוטרוי, און אין דער יידישער האָט מען יעדעס מאָל אויסגעטראַכט וועגן איר אַנדערע רכילותן און מעשיות. זי איז זיי אַלע מוחל.

גייט זי מיט איר ברייט־צעעפֿנטן בליק, קוקט יעדן דרייסט אין די אויגן און טראָגט איר קאָפּ הויך. דאָס, זאָגט זי, באַפֿרידיקט די ווייבער זייער נייגעריקייט — זאָלן זיי רעדן.

נאָר אין איין פֿאַל לאָזט זי אַראָפּ דעם קאָפּ — ווען זי פֿילט די בליקן פֿון שמעטערלינגען און בינען, וואָס פֿאַרהאַלטן זיך לענגער ביי איר פֿלאַמיק־רויטן קאָפּ האָר, ווי עס וואָלט געווען אַ רויט בלומען־פֿעלד.

ווען זי דערפֿילט אַזאַ בליק, שטרעקט זי טיפֿער דעם קאָפּ אויף פֿאָרויס. דאָס איז איר געבליבן פֿון די צייטן, ווען זי האָט געמוזט פֿאַר־באַהאַלטן די שפּראָצנדיקע געשטאַלטיקונג פֿון איר מיידלישער פֿיגור און

דער עיקר די ברוסטן, וואָס האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט צייטיקייט, ווי צווי צייטיקע עפּל און זיך געשפּאַרט פּאַרויס. פאַרן גאַנצן אַרום האָט זי געמוזט פאַרשטעלן איר וווקס און פאַרטייען די פרייד אירע פון ווערן, אַ נישט האָט זי געשטעלט אין קאָן דאָס לעבן אירס. איז טאַקע די איינציקע פרייד אירע געווען די שיינקייט פון דאָרפישן אַרום. זי פלעגט דערמאָנען דעם לערערס ווערטער: „לייג צו דיין אויער צו דער ערד און דו וועסט אַ וועלט הערן". האָט זי זיך געלייגט אויפן גראָז, צוגעלייגט איר אויער צו דער ערד און אַ וועלט פון קלאַנגען געהערט. און געפרייט זיך, וואָס זי לעבט. כאָטש אין איינזאַמקייט, אָבער די שיינקייט פון אַרום האָט זי דערהויבן. פון דעם האָט זי אויך געשעפּט איר אויסדויער. נאָר ביינאַכט האָט דאָס קלאַפּן פון די באַנען זי מיט ווייַ אָנגעפילט, אָבער זי איז געבליבן שטאַרק און געוואַרט — אפשר וועט קומען אַזאַ טאָג און זי וועט ווערן צוריק — זי...

כאָטש דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן הויך, האָט אַרום מויל אירס געבלאָנדזשעט אַן אויסדרוק פון פאַרלעגנהייט. צופיל האָט זי אין זיך געטראָגן, „הונדערט לעבנס" — פלעגט זי זאָגן צו איר מאַן, „מען קאָן צעריסן ווערן אויף שטיקער". סתירותדיקע איבערלעבונגען און געראַנגלען האָבן זי באַגלייט פון דער חורבן־צייט אַן ביזן הייינטיקן טאָג.

שטיל איז איצט אין שטוב. די שוויגער, די אַלטע פאַטמע, שלאָפט. מוסטאַפאַ איז אַוועק אויף אַ פאַרזאַמלונג וועגן אָפּשאַפן די באַגרענעצונגען פון די אַראַבער. די קינדער שלאָפן, און פאַלען גלוסט זיך איצט נישט לייענען. ביז היינט לייענט זי נאָך פוילישע ביכער. היינט וועט זי נישט לייענען. זי וועט אַ ביסל וועש פאַרן קליינוואַרג פאַרריכטן.

ווי מאָדנע עס איז דער גורל: וויפל געשטאַלטן קאָן טראָגן איין מענטש אין זיך, יעדעס מאָל זיך איבערבויען, אייגנטלעך, ווי האָט עס זיך אָנגעהויבן? זי הויבט אָן אויפצוּוויקלען דעם קנויל פון ליידן, וואָס זי האָט אַדורכגעמאַכט ביז זי האָט מוסטאַפאַן געטראָפן.

דאָס ערשטע מאָל, ווען זי האָט זיך מיט אים געטראָפן אין דער וועשעריי, ווו ער האָט געאַרבעט, האָט זי גלייך דערפילט דעם כוח פון זיין בליק — און קעגן איר טבע זיך אים אונטערגעגעבן. זי האָט אין אים

דערפילט אַ נאָענטן פריינד. פון צייט צו צייט פלעגט זי קומען אין דער וועשעריי און ברענגען איר מאַנס בגדים צום פוצן אָדער צום וואַשן. ווען נישט איר איינפאַכער האַלטן און באַשיידענער אָנטאָן זיך, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז זי מאַכט בכיוון פלעקן, כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו טרעפן זיך מיט מוסטאַפאַן. אין דער אמתן זענען די פלעקן געווען סימנים פון צו אָפטן פאַרברענגען און וויין טרינקען. אין קיין פאַל נישט פון פאַרברענגען אין אַ משפחה־קרייז. דאָס האָט אויך פאַר מוסטאַפאַן באַשטעטיקט די אומעטיקע פאַרטראַכטקייט אויף איר פנים און די מידקייט אירע.

פאַלע געדענקט גוט, וואָס איר מאַמע פלעגט זאָגן: „די נשמה פון אַ מענטשן ליגט אין די אויגן. והראיה — דאָס פינטעלע אין די אויגן רופט מען מענטשעלע״. האָט אַ מענטש צוויי מענטשעלעך, האָט זי געטראַכט, ווען זי איז אַ קינד געווען. נישט אַלעמען דאַרף מען וויזן די נשמה, האָט זי דאַן געטראַכט. ווען זי האָט אַ מענטשן פיינט געהאַט, אָדער מורא געהאַט, פלעגט זי פאַר אים אַראָפּלאָזן די אויגן. דעריבער איז איר געבליבן אַ געוווינשאַפט אַראָפּצולאָזן די אויגן מיט די געדיכטע גאָלדענע וויעס, ווען זי האָט אָנגעטראָפן א דורכדרינגלעכן בליק. אָבער מוסטאַפאַס בליק האָט זי אויסגעהאַלטן. זי האָט נאָך נישט געזען, אַז טיף־שוואַרצע אויגן זאָלן האָבן אַזויפיל ווייכקייט און האַרציקייט. די איינציקע שפּראַך צווישן זיי איז געווען די שפּראַך פון די אויגן.

מוסטאַפאַ האָט יעדעס מאָל געדולדיק געוואַרט אויף איר קומען און געפילט, אַז דער בונד מיט דער פאַרהייראַטער יידישער פרוי ווערט אַלץ גורלדיקער. ביז איין מאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און — זי איז מסכים געווען זיך צו טרעפן מיט אים.

ווי נישט ענלעך עס איז געווען די באַגעגעניש מיט מוסטאַפאַן, צו דער ערשטער ליבע־טרעפונג מיט יחזקאלן, דעם מדריך פון דער גרופע, אין ציפערן. ביי זייער ערשטער באַגעגעניש זענען זיי פאַרברענט געוואָרן. די תאווה האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג צו עמוסן, צום יונגן ארץ־ישראלדיקן בחור, וואָס איז געקומען קיין אייראָפּע זוכן קרובים און האָט

זיך אין איר פאַרליבט. יחזקאל האָט זי מקדש געווען מיט אַ פרעמדן קדושה־רינג, מיט עדות.

די ערשטע צייט איז זי געווען גליקלעך מיט יחזקאלן. דאָס ערשטע מאָל נאָך לאַנגע וואָגל־יאָרן און איינזאַמקייט האָט זי געהאַט אַ נאָענטן מענטש. ממש אַ ברודער האָט זי געפונען. די וואַרענונג און באַדויער, וואָס איז געלעגן אין עמוסעס בליק, האָט זי דאַן אָנגענומען ווי אייפערזוכט.

ער האָט פּרובירט מיט איר רעדן, אָבער יחזקאל האָט אַרום איר געשאַפן אַזאַ וואַרעמקייט און אָנטקעגן געקומען אַלע אירע פאַרלאַנגען, אַז זי אַליין האָט נישט געוואָלט, אַז זי זאָל געשטערט ווערן אין איר גליק.

ווען זי האָט זיך אין אָוונט דאָס ערשטע מאָל געטראָפן מיט מוסטאפאן, האָבן זיי זיך אויף אַ שטיין אונטערן אייקאַליפּטוס־בוים געזעצט. ביידע האָבן געשוויגן. מוסטאַפאַ האָט זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל און געפרעגט:

— ווער ביסטו? כ׳פיל, אַז דו טראָגסט אין זיך אַ קוועל, וואָס נעמט צו די פרייד פון דיינע פרילינגדיקע ליפּן און דערשטיקט דיין יונגקייט אין דיר.

— דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע, מוסטאפא. כ׳בין גרייט דיר צו דערציילן, אויב ס׳וועט דיר סטייען געדולד. כ׳ווייס גאָר נישט צי דו וועסט זיין מסוגל אַלץ צו פאַרשטיין. די אַלע זאַכן זענען ווייט פון דיר. סיי די היטלער־מלחמה, סיי דאָס וואָס יידן האָבן דאַן דורכגעלעבט.

— כ׳האָב געהערט וועגן דעם, פאַלאַ, און נישט איין מאָל וועגן דעם געלייענט אין „אל איתאחד״, — האָט ער שטיל, ווי זיין שטייגער געענטפערט, — מיר זענען פאַר ברידערלעכקייט פון אַלע פעלקער, — טויט אונדז ווײ, וואָס היטלערס באַרבאַריזם האָט פאַרניכטעט זעקס מיליאָן יידן און אויך אַנדערע פעלקער.

— כ׳מיין דיך נישט צו טרעפן, מוסטאַפאַ. עס טרעפן זיך אויך יידן, וועלכע האָבן דאָס אַלץ נישט איבערגעלעבט און באַנעמען נישט דעם שווידער פון דעם גהינום, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט.

ביידע האָבן ווייטער געשוויגן. דער צעצווייגטער אייקאַליפּטוס־בוים

האָט פֿאַרשטעלט די לבֿנה און בײדע האָבן געפּילט, אַז עס איז גוט אַזױ. אַנדערש װאָלט די שײַן געװען איבעריק און געשטערט צו דער אַנטפּלעקונג, װאָס דער אָװנט האָט געדאַרפֿט ברענגען — צו דער דערנענטערונג, צו דערקענען אײנער דעם צװײטן.

פֿאָלע האָט אױפֿגעהױבן איר בליק און זיך אַרומגעקוקט איבערן שטוב. זי איז געװען אַזױ פֿאַרזונקען אין אירע זכרונות, אַלײן פֿאַר זיך, אַז זי האָט נישט באַמערקט װי אירע פֿינגער באַװעגן זיך אױטאָמאַטיש, בײם פֿאַרריכטן די בגדים פֿון אירע קינדער — צום טאַקט פֿון אירע געדאַנקען. זי ציט װײַטער דעם פֿאָדעם פֿון איר ערשטער באַגעגעניש מיט מוסטאַפֿאַן. װאָרט בײַ װאָרט געדענקט זי. זי הערט אַפֿילו זײַן געבראָכענע שטימע, װאָס בעט זיך בײַ איר: דערצײל, דערצײל, פֿאָלאַ.

...יאָ, מען האָט אַנטדעקט אונדזער מעלינע. די מאַמע, דער טאַטע, די קינדער, — אַלעמען האָט מען אַװעקגעפֿירט ערגעץ. מער װעגן זײ האָב איך נישט געהערט. געבליבן אין גאַנצן הױז בין נאָר איך און דער פּעטער יאָסקע, אַ יונגער בחור נאָך געװען. איך בין אינגאַנצן אַלט געװען דרײַצן יאָר. מיר זענען געבליבן לעבן צוליב אַ צופֿאַל. אין דער מעלינע, װאָס מען האָט אױפֿגעשטעלט הינטער דעם שטאַל, איז קײן אָרט פֿאַר אונדז בײדן צום נעכטיקן נישט געבליבן. יעדע נאַכט פֿלעגן מיר זיך אין דעם סטױג הײ פֿאַרשטעקן. אין יענער שרעקלעכער נאַכט האָב איך געהערט די ליאַרמען און געװײנען פֿון מײַנע נאָענטע. כ׳האָב געװאָלט אַרױס פֿון מײַן באַהעלטעניש, נאָר דער מאַמעס אָנזאָג יענעם אָװנט איז מיר נאָכגעגאַנגען: „פֿאָלע, מײַן קינד, געדענק, אַז דו װעסט הערן דאָס שרעקלעכסטע — ריר זיך נישט פֿון אָרט, גײ נישט אַרױס פֿון דײַן באַהעלטעניש, שטאַרק זיך, זײַ גובר אַלץ". און אפֿשר איז דאָס געװען פּחדנות? — טראַכט איך איצט. און אפֿשר דער שטאַרקער װילן צו בלײַבן לעבן? נאָר געצײטערט האָב איך. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מען הערט װי ס׳קלאַפּט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן.

װען פֿאָלע איז צוגעקומען צום מאָמענט װי אַזױ זי האָט איבערגעלעבט יענע נאַכט, האָבן אירע זכרונות אױפֿגעטױכט אַזױ לעבעדיק, אַזױ רעאַל

ווי דאָס וואָלט איצט געווען; דער דעמאָלטיקער פּחד האָט ווידער אויפגעלעבט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון גרויל און שוידער.

...אין דער פּרימאָרגנדיקער שטילקייט, האָט פּאָלע געצויגן אירע דערמאָנונגען, איז זי אַרויס פון איר באַהעלטעניש און האָט שוין געטראָפן יאָסקען וואַרטן אויף איר. אין שטוב איז קיינער נישט געווען. מיר האָבן גענומען זוכן לעבעדיקע מענטשן אַרום הויז. מיר זענען אַרויס אין פעלד — אפשר האָט זיך עמעצער באַהאַלטן. אויפן קאַרטאָפל־פעלד זענען געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד די מאַרוסיאַקס. ס'איז מיר ביז דאַן שוין אויסגעקומען צו זען געשאָסענע, נאָר דאָס בילד פון די צוויי פּויערישע געשטאַלטן, מיט צעשפּרייטע הענט, גייט מיר כסדר נאָך.

...דער זון זייערער, סטאַשעק, איז ערגעץ אַנטרונען געוואָרן. איין מאָל, מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווען כ'בין ביי די סאָוויעצקיס געווען, האָבן די פּאַרטיזאַנען געזוכט שפּייז אין יאַנאָווקע, האָט זיך איר געדוכט, אַז זי האָט צווישן זיי דערקענט סטאַשעקן. אָבער דאָס איז אַ נייע געשיכטע, אַ נייער גילגול אין מיין פּייך־וועג. ביז דעמאָלט בין איך אין אַ פּויעריש קלייד געגאַנגען מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ טיף פאַררוקט אויפן פּנים.

זי האָט טיף אָפּגעזיפצט און בשום אופן נישט געקאָנט ממשיך זיין איר געשיכטע.

— כ'פּיל, פּאָלע, אַז עפּעס שטערט דיר? איז אפשר אַן אַנדער מאָל?

— ניין, מיין ליבער, — האָט זי דעם ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט פון אירע ליפּן, און נאָענט זיך צוגעטוליעט צו זיין ברייטער מענערישער ברוסט, וואָס האָט איר געגעבן דאָס געפיל פון זיכערקייט און דעם שטויס איבערצושפּרינגען דאָס פּיינלעכע קאַפּיטל אין איר לעבן.

פּאָלע האָט אַ קוק־געטאָן אויפן זייגער און גענומען אויף שנעל זיך געזעגענען מיט מוסטאַפאַן. אין דריי טעג אַרום וועל איך דאָ ווידער קומען.

צו דער באַשטימטער צייט האָט שוין מוסטאַפאַ געוואַרט מיט שפּאַנונג אויף פּאָלען. און ווי נאָר זי איז געקומען, האָט זי גלייך אָנגעהויבן:

...אין יאַנאָווקע, לעבן די קעלצער וועלדער, זענען אויך געווען פּאַרטי־

זאַנער. געווען איז דאָס די צייטן, ווען די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג פון א. ק. האָט נאָך אָנגענומען יידן. מיין פעטער יאָסקע איז געפאַלן אויף אַזאַ המצאה: ער האָט גענומען פון די מאַרוסיאַקס אַ שווערן פויערישן פּעלץ און אַ היטל, איבערגעפּאַסעוועט מיט אַ רימען און מיט מיר אַוועק אין אַ דריטן דאָרף, וואָס האָט זיך געפונען לענגאויס די וועלדער. אַנטקעגן אָוונט זענען מיר אַריין אין ערשטן הויז אויפן ראַנד פון דאָרף.

דער פויער האָט פון אָנהויב געמיינט, אַז מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט און מיר ווילן איבערנעכטיקן. ס׳איז אים גאָר נישט איינגעפאַלן ווער מיר זענען. ווען די אַלטע סאַוויצקאַ איז אַריין אין קיך גרייטן עפּעס עסן, האָט יאָסקע געווענדעט זיך צו סאַוויצקאַן, אַז דאָס האָט אים דער קאָמענדאַנט פון דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע „כראָברי" געשיקט, אַז ער זאָל דאָס מיידל אויסבאַהאַלטן. ער וועט זי די צווייטע וואָך באַזוכן און נישט זיכער מיטן לעבן איז דער, וואָס וועט איר שלעכטס טאָן.

דער פאַרדאַכט, וואָס האָט זיך דעם אַלטן אַריינגעגנבעט אין דער נשמה, איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווען כ׳האָב אויסגעטאָן מיין טיכל פון קאָפּ, ווייל אין שטוב איז געווען דושנע. ס׳איז געווען פריער פרילינג און די כאַטע איז נאָך באַהייצט געוואָרן. זיינע אויגן האָבן גענומען אומרואיק זיך איבערטראָגן אויף מיין קאָפּ ווילדע האָר און דאַן אויף יאָסקען. די מורא פאַר די פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען שטענדיק מקיים זייערע דראָאונגען, האָט ביי אים אָפּגענומען דאָס לשון. יאָסקע האָט אַרויסגעפילט דעם מצב פון אַלטן, און ער האָט געזאָגט צו אים: דו, זיידע, שרעק זיך נישט. מירן אָפּגאָלן דעם קאָפּ, איבערטאָן זי פאַר אַ ייִנגל און זי וועט ווערן דיין פּאַסטעך.

סאַוויצקי האָט נאָך אַלץ געשוויגן. ער האָט ביי זיך געמאַכט חשבונות. זיין זון איז געפאַרן קיין קעלץ און פון דאָרט זיך נישט אומגעקערט. קיינער ווייסט נישט, ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. אַ חידוש, אַזאַ מלחמה, — האָט דער אַלטער סאַוויצקי אַ טראַכט געטאָן. סיי ווי עפּעס וועט זי דאָך קאָנען זיי העלפן אין דער ווירטשאַפט.

פאַלע דערמאָנט זיך, אַז גלייך נאָכן ערשטן שמועס מיט מוסטאַפאַן, האָט ער איר געעצהט צו פאַרשרייבן דאָס אַלץ, לכל הפחות איר איבער־

לעבונג אין דאָרף ווי אַ פּאַסטעך. זי האָט עס געטאָן. זי האָט דאָס העפטל אין קאַמער באַהאַלטן, אַז יחזקאל זאָל עס נישט געפינען. און איצט ליגט עס ביי איר אין דער קאַמאָד אונטער דער קינדערישער וועש. זי האָט אָפּגעלייגט דאָס פאַרריכטן די וועש און אין אַ זייט באַהאַלטן דאָס געניי. זי האָט אַרויסגענומען דאָס העפטל. אַלע אין שטוב זענען געשלאָפן. דער זייגער איז געווען איצט צען און ביז מוסטאַפאַ וועט קומען, וועט זי באַוויזן עס איבערצולייענען. עס האָט איר פאַרשאַפן אַ ספּעציעלע הנאה דאָס לייענען:

...און איך בין אין אַן אַנדער גילגול אַריין. נישט קיין פּויעריש מיידל, נישט מאַרטאַ, ווי ביי די מאַרוסיאַקס, נאָר יאַנעק האָב איך געהייסן, ווי זייער זון. אָבער אין דער אמתן האָט מען מיך גערופן „גאָלער קאָפּ". קיין אַנדערן נאָמען האָב איך אין דאָרף נישט געהאַט. מען האָט מיך געהאַלטן צוליב דער מורא פאַר נקמה מצד די פאַרטיזאַנער און אויך צוליב אַן אַנדער אויסרעכענונג: אויב כ׳וועל אַוועק פון דאַנען און די דייטשן וועלן מיך כאַפּן, קאָן דאָך זיין, אַז מען וועט מיך צווינגען צו זאָגן, ווו איך בין ביז איצט געווען און אונטער דער ווירקונג פון עינויים, וועל איך אויף זיי, אויף די סאַוויצקיס אָנווייזן און דאַן איז געחתמעט זייער גורל. איז בין איך געבליבן.

אמת, יאַסקע, וואָס האָט דעם אַלטן געדראָט, אַז ער וועט קומען די צווייטע וואָך, האָט אויך משפיע געווען. סאַוויצקי האָט אַלץ געוואַרט אויף זיין קומען אָבער איך האָב איינס באַשלאָסן: אויב ער וועט טאַקע נישט קומען, וועל איך זיך לאָזן אים זוכן אין וואַלד.

מיט מיין פלייסיקייט האָב איך נושא־חן געווען ביי די סאַוויצקיס. דער אַלטער האָט מיר פאַרשאַפן ביכלעך פון דעם פאַרלאָזענעם פּריצישן הויף. פּאַשענדיק די קי און זיינע פּאָר שעפּסן, האָב איך יעדעס מאָל ערגעץ־ווו אין אַ זייט, די ביכלעך געלייענט, אַלץ באַהאַלטענערהייט, כדי נישט אַרויסצורופן קיין חשדים. איך האָב באַשלאָסן זיך צו זען מיט יאַסקען. אָבער איינמאָל אַ פאַרנאַכט, ווען כ׳האָב שוין געדאַרפט טרייבן די קי און די שעפּסן אַהיים, האָט יאַסקע אויף אַ רגע זיך באַוויזן און מיר פאַרזאָגט צו קומען צו אים אין וואַלד אַריין.

דערציילן דערציילט זיך אַזוי פּשוט: כ׳בין אַ ייִנגל געוואָרן. דאָס איז אָבער נישט סתם געווען צו טראָגן הויזן, כדי הנאה צו האָבן פון דער פרייקייט, ווי מען טוט דאָס היינט. דאָס איז עפּעס אַנדערש געווען. דאָ האָב איך זיך געדאַרפט איינלעבן נישט בלויז אין א נייעם בגד, נאָר אין א נייער הויט. אַ תמעוואַטן פּאַסטעך.

איינמאָל בין איך אַוועק אין וואַלד זוכן די פּאַרטיזאַנער. איך האָב אומגעפּער געוווּסט אין וועלכער ריכטונג זיי פּלעגן אַנטרונעז ווערן, די פּאַרטיזאַנער, לויט די שמועסן און דערציילונגען.

כדי צו פאַרשטיין, וואָס עס איז געשען אין וואַלד, מוז איך דערציילן, אַז איך האָב געמוזט שפּילן די ראָל פון אַ לעקישעוואַטן פּאַסטעך, אַ יתום. יעדן איינעם איז געווען דערלויבט נישט בלויז צו שפּאַסן פון מיר, נאָר אויך אַ סטאָרקע צו טאָן. צוליב דעם האָב איך אויסגעמיטן צו זיין צווישן מענטשן.

מיט מיר האָט מען קיין סך נישט גערעדט אין דאָרף, ווייל ווי עמעצער פלעגט וועלן אַ צי טאָן מיך פאַרן צונג און פאַרפירן אַ שמועס, פלעגן די סאָוויצקיס צולייגן דעם פינגער צום שטערן און ווייזן, אַז עפּעס איז ביי מיר אין קאָפּ נישט בסדר.

בראָדזשע איך אַזוי אין וואַלד און כ׳דערמאָן זיך, אַז איך געדענק אינגאַנצן נישט יאַסקעס פּוילישן נאָמען און פאַמיליע, וואָס ער האָט געהאַט אָנגענומען. מיט צער האָב איך געגומען גיין אויף צוריק. ווי אויף צו להכעיס זענען פון אַ זייט אַרויס צוויי באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער. ווי זיי האָבן מיך דערזען האָבן זיי אַ געשריי־געטאָן: שטיי! מיין האַרץ איז מיר שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פון דער ברוסט, נאָר געראַטעוועט האָט מיך מיין הולך. אַלץ וואָס איך האָב געטראָגן אויף זיך איז געווען אויף מיר לאַנג און גרויס און דער שטרויענער הוט אויפן קאָפּ האָט מיר צוגעגעבן אַן אויסזען פון אַ סטראַשידלע אויף וורובלעס. ווי איך בין צוגעקומען נעענטער און זיי האָבן דערזען אזא באַשעפעניש, האָבן זיי אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער:

## חוה סלוצקאַ־קעסטין

„Co to za stworzenie? ni pies, ni wydra" (*

כ׳האָב זיי שטאַמלענדיק דערקלערט, אַז איך קלויב שוואָמען אין קאַשיק, נאָר זיי האָבן גאָרנישט נישט געזאָגט און זענען אַוועק. איך האָב גענומען קלייבן שוואָמען. אָבער יאָסקען האָב איך שוין מער נישט געזען. איך בין געבליבן אַליין. ס׳איז מיר אַ שאָד געווען די געלעגנהייט, — ווען כ׳וואָלט געוווסט יאָסקעס נאָמען, וואָלט איך זיי אַנטפּלעקט מיין גאַנצן סוד. אַזוי גיי און דערצייל זיי — זיי וואָלטן מיר זיכער נישט געגלויבט.

מיט דעם האָט פּאָלע געענדיקט איר סיפּור־המעשה אויף די באַגעגענישן מיט מוסטאָפאַן. מוסטאָפאָס הייס געפּיל צו איר האָט אויפגע־טייעט דעם קנויל פון אונטער איר האַרצן און זי איז אַן אויפגעלייגטע אַוועק צו זיך אַהיים, ווו זי האָט נאָך לאַנגע שעהן געוואָרט אויף יחזקאלן. ערשט שפּעט ביינאַכט פלעגט ער קומען פון אַ „פאַרזאַמלונג", נאָך וועלכער עס האָט זיך געשפּירט פון אים מיט בראָנפן...

ווו נעמט ער, יחזקאל, כוח אויפצושטיין, אויף צומאָרגנס, אַזוי פרי צו דער אַרבעט? — האָט זי געטראַכט. ווייזט אויס, אַז ער האָט פאַרמאָגט אַ געזונטן גוף. זי איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט זי געלאָזן צורו. זי האָט זיך נאָר געוווּנדערט: וואָס פאַר אַ פּאַרטיי איז דאָס „ימי החרות", וואָס דערלויבט אירע מיטגלידער צו פירן אַזאַ שטייגער לעבן? ביז זייער זון, יגאל, איז געבוירן געוואָרן האָט ער זי אַפילו איינמאָל אַריינגעפירט אין דער פּאַרטיי. אַ סך מגושמדיקייט האָט זי דאָרט געטראָפן, אָבער אויך אָרנטלעכע מענטשן — מסתמא פאַרפירטע. פון אָנהייב האָט זי געליטן. ס׳איז איר אַ שאָד געווען דאָס קינד אירס. ביסלעכווייז — און יחזקאל האָט זי אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט.

דאָס אַלץ האָט זי אַמאָל דערציילט פאַר מוסטאָפאַן. און ווען יענער

---

* פון פּויליש: וואָס פאַרא באַשעפעניש, איז דאָס? — נישט קיין הונט און נישט קייןווידער.

האָט אויסגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן, האָט זי אים געענטפערט:

— מוסטאַפאַ, ס'זענען פאַראַן מענער, וואָס פאַרטראָגן נישט זייער אייגענער פרוי נאָך דעם ווי זיי הייבן אָן צו האָבן קינדער. משונה זעט דאָס אויס, אָבער דאָס שטערט זיי נישט ליב צו האָבן זייערע קינדער. דאָס איז אַ געוויסע דעגענעראַציע. אַזאַ טיפּ איז מיין מאַן יחזקאל.

אויסערלעך, פאַר דער וועלט, — האָט זי ווייטער געצויגן דאָס דערציילן — האָט מען געפירט דאָס משפחה־לעבן אַזוי, אַז מען האָט נישט געקאָנט זאָגן קיין שלעכט וואָרט אויף אים: אין ביוראָ — אַ פּליי־סיקער באַאַמטער, ווידער זיין שפּעטיק קומען, האָט ער שטענדיק פאַר־ענטפערט פאַר די שכנים מיט זיין געזעלשאַפטלעכער פאַרנומענקייט. פאַרן דרויסן האָב איך זיך באַמיט אַלץ אויסצובאַהאַלטן. דאָס אַלץ האָט מיך געמאַכט נערוועז און צעטרייסלט. דעריבער, מוסטאַפאַ, איז פאַר מיר אַ פרייד אונדזערע באַגעגענישן.

די טרעפונגען מיט מוסטאַפאַן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל אָפטער. אויף יגאלן האָט אַכטונג געגעבן ציפּע, די שכנה; דערפאַר, ווען זי פלעגט אַוועקגיין, פלעגט פאָלע אָפּהיטן אירע צוויי קינדער.

נאָר איינמאָל, ווי געוויינלעך צווישן שכנים, האָבן זיי זיך צעקריגט. געגאַנגען איז עס טאָקע וועגן דער פראַגע: עולים און וותיקים. פאָלע האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע פון קיינעם, נאָר מורא האָט זי געהאַט בלויז פאַר יחזקאלן. נישט צוליב זיך, נאָר צוליבן קינד.

אויף דאָס מאָל האָט זיך ציפּע געהאַלטן ביי אירס, אַז די וותיקים זענען אתה בחרתנוניקעס, וואָס האָבן אַלץ אויפגעטאָן און אַזויפיל געליטן, און איצט זענען געקומען די עולים געניסן פון גרייטן.

און מיר — האָט פאָלע זיך געקאָכט, מיר, וואָס זענען אויסגעשטאַנען שבעה מדורי גהינום זענען גלייך געקומען אַהער און מיר האָבן ליב דאָס לאַנד פּונקט ווי איר. דאָס דאַרפן מיר נישט באַווייזן. קוקט וויפל וותיקים זענען געוואָרן יורדים. נישט בלויז קיין אַמעריקע, נאָר קיין מערב־דייטשלאַנד.

אַלס נקמה האָט ציפּע דערציילט יחזקאלן וועגן פּאָלעס אָונט־שפּאַצירן. וווּהין — האָט זי נישט געוווּסט, אָבער ער האָט נאָכגעפאָרשט, געזוכט און געפּאַקט. ער האָט גלייך געלאָזן אַ קלאַנג אין דער גאַנצער געגנט, אַז זיין ווייב פּאַרראַט אים מיט אַ שמוציקן אַראַבער. ער האָט זי געזידלט מיט די ערגסטע ווערטער. פּאָלע האָט פּאַרגליכן יחזקאלן און מוסטאפאן — זייער מאָראַל און באַציאונג צו איר. ווי אַזוי האָט זי געקענט אַ צייט געהערן צו זיין פּאַרטיי, וואָס האָט געזייעט אַזאַ שנאה צו אַראַבער. יחזקאל פלעגט זי איצט שלאָגן, ציען פאַר די האָר און שרייען: דו פּאָלשע צנועה, נישט געשעמט זיך אַ מאַמע פון אַ קינד!

נאָך דעם זעלבן אָוונט איז זי אַנטלאָפן צו מוסטאַפאַן און שוין דאָרט געבליבן.

ווען זי איז שוין מיט מוסטאַפאַן געווען איז יחזקאל גאָר ווילד געוואָרן. ער האָט זיי שפּיאָנירט, אָפּגעשטאַנען ביי דער וועשעריי וווּ מוסטאַפאַ האָט געאַרבעט, גאַנצע אָוונטן.

מוסטאַפאַ האָט איינגעאָרדנט פּאָלען ביי מאַטילדען, דער בולגארין, וואָס האָט איר אַמאָל געוואָלט פאַרקויפן די פּוילישע קאָמוניסטישע צייטונג „וואָלקאַ". זי, וואָס האָט נאָך דאַן געהערט צוזאַמען מיט איר מאַן צו דער פּאַרטיי „ימי החרות", האָט דאַן נישט געוואָלט הערן און געדענקען. צוליב דעם האָט זיך פּאָלע ביי מאַטילדען אין אָנהויב געפילט נישט אַזוי באַקוועם, אָבער במשך פון איין טאָג האָבן זיי זיך פאַרשטאַנען און דערנענטערט. דאָס איז נישט געווען ציפּע, די שכנה, די פּאַרריסענע סאַברע.

די פּאַרפּאָלגונגען האָבן זיך פאַרשטאַרקט און פּאָלע מיט מוסטאַפאַן זענען אַוועק פון דעם שטעטל קיין יפו, צו זיין מוטער.

נאָר דאָס קינד האָט מען פון איר אָפּגעריסן. ממש אַ שטיק לעבעדיק פלייש אויסגעשניטן פון איר ברוסט, צוליב דעם, ווייל זי לעבט מיט אַן אַראַבער. כאָטש ס'איז נאָך מינעריעריק, האָט מען דעם פאָטער צוגע־פּסקנט. אַזוי זאָגט דער דין; זי האָט אַ גט געקראָגן און מיט יחזקאלן געענדיקט. יגאלן האָט ער אין אַן אַנשטאַלט אַוועקגעגעבן. ווו און ווען, האָט זי זיך קיינמאָל נישט דערוווּסט.

ווען מוסטאַפאַ איז אַהיימגעקומען, איז נאָך פּאַלע אַלץ געזעסן מיטן העפטל זכרונות אין האַנט.

*

אַכט יאָר ווערט, ווי זי האָט זיך מיט מוסטאַפאַן פאַרבונדן. דריי קינדער — צוויי מיידלעך און אַ ייִנגל —איז געבוירן. לעבעדיקע, פריי־לעכע, געזונטע, מיט טאַטע־מאַמע געוואַקסן. און ער דאַרט, יגאל, ווערט אינגיכן עלף יאָר. זי קוקט אין דער ווייט און אויפן פלאַך פון צעבושעוועטן ים — שיפן שווימען און דערנענטערן זיך צו ברעגעס. נאָר דעם ים גייט כסדר און שלאָגט זיך שטענדיק אָן אין ברעג. און פּאַלען פאַרלאָזט נישט דער געדאַנק, אַז יגאל דאַרט בענקט נאָך אַלץ נאָך איר. אינגיכן וועט ער ווערן עלף יאָר, אַזוי־פיל יאָרן אים נישט געזען.

די צווילינג־פּאָר, די צוויי מיידלעך — סואד און כאַדידזשאַ זענען אין שול. דער קליינער אחמד איז קראַנק, די אַלטע איז צום זון קיין לוד געפאָרן און פּאַלען באַאומרואיקט היינט דער ים מער ווי אַלעמאָל.

צום פולן גליק פעלט איר יגאל. זי האָט זיך איינגעלעבט אין נייעם שטייגער. ווידער געמוזט זיך צופּאַסן, נייע געוווינהייטן באַקומען, אָנגע־נומען א נייעם לעבנס־שטייגער, וואָס איז אַזוי ווייט פון דעם, אין וועלכן זי האָט ביז איצט געלעבט. אַפילו די שפּראַך קלינגט ביי איר אין מויל ריין, מיט דער גאַנצער דורותדיקער בילדערישקייט, וואָס דאָס אַראַבישע פאָלק האָט אין איר פאַרקערפּערט. נישט צו גלייבן ווי די פרוי מיט דעם שניי־ווייסן פּנים און פלאַמיק־רויטע האָר, לעבט מיט די פריידן און נויטן פון איר מאַנס משפּחה. אָבער ווי שטענדיק האָט זי נישט קיין רו. תמיד בענקעניש, תמיד סתירות, תמיד קאָמפּליקאַציעס.

— וואָס זיצסטו אַזוי פאַרטראַכט, פּאַלע ? — האָט זי דערפילט אויף זיך מוסטאַפאַס האַנט.

זי האָט אָפּגעריסן איר בליק פון ים און האָט אים אָנגעקוקט, ווי אין דער ערשטער רגע וואָלט זי נישט געוווּסט, ווו זי געפינט זיך.

— פּאַלע, — איז ער ממשיך, — וואָס מאַכט אחמד ?

— בעסער, מוסטאַפאַ. כ׳גלויב אין אָוונט וועט אינגאַנצן שוין גוט זיין, ער שלאָפט, וועק אים נישט.

— כ׳האָב זיך אין צייט פון מיטאָג באַפרייט. געווען אומרואיק וועגן אים.

ס׳האָט איר אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן. אפשר דאָרט ערגעץ איז יגאַל קראַנק? ווער זיצט לעבן זיין בעט?

מוסטאַפאַ האָט זי צאַרט אַרומגענומען מיט דער באַהערשטקייט, וואָס הערשט אין דעם מוסולמענישן שטייגער. כאָטש מוסטאַפאַ איז קיין גלויביקער נישט געווען, האָט ער אַרויסגעבראַכט זיין אומרו וועגן זון — זאָל דער אַללאַ היטן אונדזער אחמדן.

כ׳בין ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים, האָט פּאָלע אַ טראַכט געטאָן וועגן זיך. די האַרצלעך זענען געבליבן, נאָר מיין עלטסטן צווייג האָט מען פון מיר אָפּגעהאַקט. וואָס פאַראַ גליק מיינע צוויי קליינע מיידעלעך און אחמד, וואָס הויבט שוין אָן צו פאַרשטיין, וואָס מען רעדט צו אים, אָבער נישט פאַר אַלעמען איז דער גורל אַזוי לייטזעליק. זי וואָלט דאָך סוף כל סוף געמוזט אַוועקגיין פון יחזקאלן, אָבער וואָס איז דאָ שולדיק יגאַל?

# אויף אומוועגן

די ברידער מתתיהו און אברהם פרענקעל האָבן געהאַט זייער ביוראָ אין אַ זייטיק געסל פון אַלנבי, וואָס איז געשטאַנען אין שאָטן פון געדיכט־צעצווייגטע ביימער. דער טומל פון גאַס האָט זיך דאָ דערטראָגן שוואַך און מאַט.

ראַפּטעם האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן און איבערגעריסן די אָנגענעמע שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין ביוראָ. שמעון פרענקעל האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל. פון יענער זייט האָט עמעצער זיך צערעדט אַזוי הויך, ווי מען רעדט צו אַ טויבן. שמעון האָט זיך אַרומגעקוקט צי מען הערט אים נישט אונטער, כאָטש ער האָט גוט געוווּסט, אַז אויסער אים געפינט זיך קיינער נישט אין ביוראָ.

— איז וואָס זאָגט איר? — האָט יענער לסוף געפרעגט — איר זייט מסכים?

— כ׳בעט צוואַרטן אַ ביסל. קלינגט אָן שפּעטער. כ׳וועל דורכטראַכטן דעם ענין — האָט שמעון פרענקעל געענטפערט.

ווען ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין געפּלאָכטענעם פאָטעל פון רויט־שוואַרצע פּלאַסטיק־פּאַסן, וואָס האָבן זיך עלאַסטיש אונטערגעגעבן אונטער דער שווערקייט פון זיין גוף.

— ווי גוט — טראַכט ער — וואָס ראָטנבערג האָט אָנגעקלונגען גראָד ווען די סעקרעטאַרין דערליידיקט די קאָרעספּאָנדענץ אויף דער הויפּט־פּאָסט. הלוואַי פאַרהאַלט זי זיך דאָרט וואָס לענגער.

אָבער אָנשטאָט צו טראַכטן וואָס פאַראַ ענטפער צו געבן, האָט ער עקשנותדיק געטראַכט וועגן זיין פרוי, ברכה.

— גוט וואָלט געוועז צו פֿאַרבינדן זיך מיט איר. אין אַזעלכע פֿאַלן העלפֿט זי מיר שטענדיק אַרויס. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זי איז נישטאָ אין תל־אביב. זי האָט נישט געפֿונען קיין אַנדערע צייט צו פֿאָרן, נאָר גראָד היינט? אַלע מאָל, ווי אויף להכעיס: ווען מען דאַרף זי, איז זי נישטאָ! — האָט ער פֿאַראַלגעמיינערט דעם פֿאַל און פֿאַרגעסן, אַז יעדעס מאָל העלפֿט זי אים אַרויספּלאָנטערן זיך פֿון אַלע שווערע סיטואַציעס.

וויפֿל מאָל שמעון פּרענקעל דאַרף אָננעמען אַן ערנסטן באַשלוס, איז ער אַזוי אומבאַהאָלפֿן, אַז עס דאַכט זיך אים, אַז ער טרינקט זיך און עמעצער דאַרף אים ראַטעווען.

ער איז געזעסן אין פֿאָטעל, אָבער קיין איינציקער איינפֿאַל איז אים נישט געקומען אויפֿן רעיון, ווי אַזוי צו רעאַליזירן דעם פֿאָרשלאָג, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהערט אין טעלעפֿאָן. די צייט שטייט נישט אויף קיין אָרט — פֿויל און פֿאַרנעפּלט האָבן זיך געפּלאָנטערט די מחשבות ביי אים.

כאָטש ער האָט געוואַרט אויף ראָטנבערגס טעלעפֿאָן, איז ער האַסטיק אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט, ווען דער שאַרפֿער קלונג האָט זיך אַריינגעריסן אין דער שטילקייט פֿון צימער — ווי דאָס וואָלט געווען אומגעריכט פֿאַר אים. ער האָט אויפֿגעהויבן דאָס טרייבל און נערוועז אַריינגערעדט דערין: מסכים, אָבער פֿאַר וויפֿל?

פֿאַר אַנדערטהאַלבן זילבערנע פֿייגל!

— ווייניק, — האָט שמעון געענטפֿערט. אַנדערש לוינט נישט איינצושטעלן.

— איז צוויי זילבערנע פֿייגל און — שוין! זאָגט נאָר ווען. כ׳פֿאַרשטיי, כ׳פֿאַרשטיי, איר נעמט צופֿיל אויף זיך, אָבער איר קריגט דערפֿאַר צוויי זילבערנע פֿייגל.

פֿון דעם ענטפֿער האָט זיך באַוויזן אַ גלאַנץ אין זיינע אויגן און אויף זיין פּנים האָט זיך צעלייגט אַ ברייטער שמייכל. ענדלעך איז אים אַריינגעפֿאַלן אַזאַ פֿעטער ביסן אין די הענט. צוויי זילבערנע פֿייגל — צוויי טויזנט פֿונט, ריינעם פֿאַרדינסט, הינטער דער פּלייצע פֿון זיינע ברידער. דאָס איז נישט קיין קלייניקייט. זיי וועט דאָס סיי־ווי־סיי נישט שאַטן. זיי האָבן אַן דעם אויך גענוג. און ער — וואָס האָט ער ביי זיי? ער איז אַ

פשוטער באַאַמטער. ער איז געווען אַ ביסל צעטראָגן. אמת, דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, ווען ער מאַכט עפּעס אַ „געשעפט" הינטער זייערע פּלייצעס. דאָס זענען אָבער אַלץ געווען „דראָבנע" עסקים... — די ערשטע קערנדלעך, וואָס זענען געפאַלן טיף און געדייעט, ביז עס איז אים אונטערגעקומען אַזאַ אומגעריכט פאַרדינסטל.

במשך פון טאָג האָט ער זיך באַרואיקט. ער איז אַהיים געקומען אַ פריילעכער, אָבער ווען ער האָט אין שטוב נישט געטראָפן ברכהן, איז ער ווידער געוואָרן אומרואיק און ספקות האָבן אים גענומען מאַטערן. ער איז צומאָל נישט אַריין אין קינדער־צימער צו דערפילן זיין „פאָטער־פליכט": אַ שפּיל־טאָן זיך מיטן קליינוואַרג, אָדער גאָר אַ שמועס טאָן מיטן זון, וואָס וואַקסט ווי אויף הייוון.

עפּעס אַן אינערלעך קול האָט אים געוואָרנט פון אָפּטאָן די זאַך. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיין מוטער, וואָס איז, ווען ער איז נאָך אַ יינגל געווען, אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, רעדט צו אים:

— שימעלע, שימעלע, פון קליינע זאַכן הייבט זיך דאָס אָן — געדענק מיין קינד!

ער האָט אייליק געכאַפּט די טאָג־צייטונג „חרות המולדת", כדי צו פאַרשטיקן אין זיך יענע טליענדיקע פונקען.

שטאַרק צעטרייסלט, וואָס ער האָט ברכהן נישט געטראָפן אין שטוב, האָט ער זיך פאַרמאַכט אין שלאָפצימער און אויף באַרג איינגעדרימלט אויף דער סאָפע. ערשט דער קלאַפּ פון טיר האָט אים אויפגעוועקט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי, ווי ער וואָלט איינגאַנצן נישט געוווּסט ווו ער געפינט זיך.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? — האָט ברכה פאַרחידושט זיך געפרעגט.

— גאָרנישט. כ'וואַרט שוין אויף דיר מיט אומגעדולד. אַלעמאָל, ווען מען דאַרף דיך נייטיק האָבן, ביסטו נישטאָ! פונקט היינט האָסטו געדאַרפט זיין ביי דער מומען אין רחובות. נו, מילא! אָבער וואָס האָסטו פּלוצלינג געדאַרפט פאָרן קיין ירושלים צום טאַטן? ביסט דאָך ערשט נישט לאַנג געווען ביי אים.

— שאַ, — גיבור מיינער! זע נאַר, זע, ווי דו ביסט צוגעבונדן צו דעם ווייבס... נאַר זי האָט נישט געענדיקט איר געדאַנק. זי האָט אַלעמאָל געדענקט, אַז ער איז אַ געליטענער. ווייניק האָט ער דורכגעמאַכט אין די צייטן פון מאַנדאַט? ווי אַלע מאָל, האָט זי אים אויך איצט מוחל געווען זיין אויפגערעגטקייט און כעס.

— דערצייל בעסער, וואָס איז געשען — האָט זי זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים.

— דו ווייסט דאָך שוין, אַז לעצטנס האָבן די ברידער מיינע, געקויפט ביי דעם עולה חדש, דעם כעמיקער, אַ פּאַטענט — געדענקסט דאָך ווי מען האָט וועגן אים געשריבן אין די צייטונגען, ביי וואָס פּאַרא באַדינגונגען ער האָט געמאַכט זיינע דערפינדונגען, — האָבן זיי ביי אים אָפּגעקויפט פאַר גראָשנס דעם פּאַטענט אויף כראָמאָזירן. דאָס עפנט אָן אַ שיעור מעגלעכ־קייטן צו פּראָדוצירן כלים, אַפילו טיילן פון מאַשינען, נו, האָבן זיך אויף צו קויפן דעם פּאַטענט אַ וואָרף־געטאָן בעלנים ווי פליגן אויף האָניק. מען האָט אָפּגעריסן דעם טעלעפאָן. אַ צייט איז געווען אוממעגלעך אויסצוהאַלטן פון די נאָכפרעגעכצער. דאָס מאָל האָב איך באַשלאָסן אויך אָפּ־צולעקן אַ ביינדל — האָט ער זיך געריסט פאַר זיין פרוי. דאָס געשעפטל איז מיר אַליין אַריינגעפאַלן אין די הענט אַריין. דער ראָטנבערג פון רמת־גן, דו קענסט דאָך אים, ער האָט צו מיר געקלונגען און מיר פאָרגעלייגט אַ משונהדיקע זאַך: אַז כ׳זאָל טאָן אַלץ, אַז דעם פּאַטענט זאָל ער באַקומען און נישט קיין אַנדערער.

— איז דאָך גוט, — האָט ברכה פּרובירט אַנטשפּאַנען די נערוועזע אַנגעלאָדנקייט פון איר מאַן.

— ווען עס וואָלט אַלץ געווען גלאַטיק — וואָלט דאָך קיין פּראָבלעם נישט געווען. אָבער די מעשה זעט אַנדערש אויס:

— די פירמע „פריימאַן עט קאָמפּאַני" האַנדלט אונטער שוין די גאַנצע צייט וועגן דעם, און ראָטנבערג זאָגט, אַז ער איז בילכער, ער וועט פיל מערער באַצאָלן פאַרן פּאַטענט. פאַר מיין טירחה וויל ער מיר גוט באַלוינען.

— איז דאָך ווידער גוט!

— ביי דיר איז אַלץ פּשוט און גוט. מיט פריימאַנס איז געבליבן נאָר דעם קאָנטראַקט צו שרייבן.

שמעון פרענקעל איז אַ מידער אויף אַ ווײַלע שטיל געוואָרן און שפּעטער מיט אַ נייעם צופלוס פון ענערגיע צוגעגעבן:

— דו פאַרשטייסט, צוויי טויזנט פונט קאָן זיין אַ צושטייער אויף אונדזער טאַקסי. ביי די לעצטע ווערטער האָט ער אַזוי שטאַרק אַרומגענומען ברכהן, אַז זי האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון זיינע הענט.

אין אַ מינוט שפּעטער איז שמעון פרענקעל ווידער געזעסן אַ פאַרזאָרגטער און געשוויגן.

— אוי, שמעון, שמעון! אַנטקעגן די ענגלענדער ביסטו געווען אַ גאַנצער העלד, אויף דער שוועל פון טויט געשטאַנען, ממש אונטער דער תליה, און איצט ביי דער מינדסטער שוועריקייט פאַרלירסטו דעם קאָפּ. זי האָט זיך באַמיט אים צו באַרואיקן:

— קיין דאָקומענטן, אַז עס זענען פאָרגעקומען פאַרהאַנדלונגען מיט די פריימאַנס זענען נישטאָ. זיי זענען פאָרגעקומען בשעת אברהם איז געווען אין ענגלאַנד. און מתתיהו איז געווען קראַנק. אייגנטלעך זענען נאָך ביידע ביז היינט נישט געווען אין ביורא. קענסטו אַריינפירן אין די ביכער דעם אָפּמאַך מיט ראָטנבערגן מיט אַ פּאָר טעג פאַר אַברהמס קומען.

— דאָס איז אוממעגלעך! כ׳וואָלט דאָך געדאַרפט אַלץ אין די ביכער איבערמאַכן. דאָס איז אוממעגלעך! — איז ער אַ נערוועזער אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— כ׳פאַרלאָז זיך אויף דיר! — האָט ברכה געלאַסן געזאָגט.

ווי שטענדיק אַזוי אויך היינט איז ביי שמעון פרענקלען, אונטער אירע דערמוטנדיקע ווערטער, געבוירן געוואָרן אַן איינפאַל.

— כ׳האָב, כ׳האָב עס געפּאַקט! האָט ער מיט אימפּעט אויסגעשריגן:

אויף דער טעקע מיט קאָפּיעס פון די אָפּמאַכן וועל איך אויסגיסן אַ פלעשל טינט. אַן אַלטער טריק. און לויט די קאָפּיעס איבערמאַכן אַלץ און דאַן אַריינשטעלן לויטן לויפנדן נומער דעם אָפּמאַך מיט ראָטנבערגן. דאָס מאָל וועל איך דאָס אַלץ מאַכן אַליין.

— זעסטו, אַז מען קאָן זיך אויף דיר פאַרלאָזן — האָט ברכה אים געקוקט אין די אויגן אַ צופרידענע.

— דאָס איז נאָך נישט אַלץ, אָבער ווייטער איז דיר שוין נישט גויטיק צו וויסן.

די נאַכט איז שמעון פרענקעל געשלאָפן אומרואיק. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער געפינט זיך אין אַ ריזיקער פאַבריקס־האַלע לעבן אַן אויוון און עס גיסט זיך מעש, וואָס האָט זיך שפעטער פאַרוואַנדלט אין וואַסער און איז ערגעץ אנטרונען געוואָרן. פון שלאָף האָט ער געשריגן:

— כראָמאָזירטע מעש! כראָמאָזירטע!

מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן, אין וואָס פאַראַ שטימונג מען קאָן טרעפן שמעון פרענקלען. פאַרן אַרום איז זיין געמיט שטענדיק געווען אַ פרעג־צייכן.

אפשר איז ער שוין געווען אַזאַ פון קינדווייז אָן? און אפשר איז ער גאָר געוואָרן אַזאַ זינט ער האָט אָנגעהויבן אָנטיילצונעמען אין די טעראָר־אַקטן אין צייט פון ענגלישן מאַנדאַט? וואָס עס זאָל נישט האָבן געווען די סיבה, איז אַ פאַקט, אַז זיין כאַראַקטער איז נישט געווען קיין גלייכער און זיינע שטימונגען — זיג־זאַגיקע.

אומגעריכט פאַרן אַרום פלעגט אים אַרומכאַפּן אַ פרייד, וואָס האָט זיך שוימיק איבערגעגאָסן איבער די ברעגעס מיט ווילדן אימפעט, אָדער עס האָט אים באַהערשט אַ האָפענונגסלאָזער יאוש. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט ער אין זיין דמיון אַרויסרופן בילדער פון די טעראָריסטישע אַקטן, אין וועלכע ער האָט אָנטיילגענומען און ער האָט זיך ווידער דערפילט וויכטיק.

מיטן צושטיין צום אצ״ל האָט ער זיך געגרייט צו ווערן אַ העלד, אָבער אַזאַ איז ער קיינמאָל נישט געוואָרן. שטענדיק אין לעצטן מאָמענט האָט אים עפּעס געשטערט אין אויספירן דעם פּלאַן. אַ חוץ אַלעמען האָט ער פאַניש מורא געהאַט פאַרן טויט.

צו דער מדרגה פון קאַנערס טאַטן איז ער קיינמאָל נישט דערגאַנגען. אויספירן אַ טויט־אַטענטאַט איז אים קיינמאָל נישט געלונגען. אין אַזעלכע

פֿאַלן האָט ער געזאָגט וועגן זיך אַליין: „איך בין אַן אימפּאָטענט! קיינמאָל טרעף איך נישט אין ציל!“

נישט איינמאָל פּלעגט ער זיך דערמאָנען אין זיינע חברים, וואָס האָבן אויסגעפּירט דעם אויפּרייס אין „קינג דוד“־האָטעל און עס איז זיי כמעט אַלע געלונגען צו אַנטלויפן, און ער, וואָס האָט אויסגעפּירט אַ קליינע נעבן־פֿונקציע, איז דווקא אַריינגעפֿאַלן. ער האָט זיך דאָס קיינמאָל נישט געקאָנט שענקען.

ווען שמעון פּרענקעל איז דאָסמאָל אַריין אין שטוב האָט אים גלייך פֿון דער שוועל געפֿרעגט ברכה:

— וואָס איז שוין ווידער געשען, שמעון?!

זי האָט אים טיף אַריינגעקוקט אין זיינע גרויסע ביר־אויגן. זעץ זיך קודם אַוועק. רו זיך אָפּ אַ ביסל. כ׳זע אַז דו ביסט עפּעס זייער מיד.

נאָכן איבערטאָן זיך און כאַפּן עפּעס אין מויל אַריין, איז ער אַריין אין אַ בעסערער שטימונג און גענומען דערציילן:

— אייגנטלעך גייט אַלץ כשורה, ברכה. אָבער די גאַנצע מעשה מיט דעם ראָטנבערגן און די פּריימאַנס איז נישט אַזאַ פּשוטע זאַך. די גאַנצע צייט בין איך אין אַ נערוועזער שטימונג, אַז כ׳זאָל די ביכער דערפֿירן אין אָרדענונג. כ׳היט זיך, אַז מען זאָל נישט דערשנאַפּן עפּעס. עס דאַרף נאָך געדויערן אַ ביסל.

ברכה האָט גוט פֿאַרשטאַנען דעם שורש פֿון איר מאַנס קראַנקן ווילן און פֿון זיינע ראַנגלעניש ביים דערפֿירן אַ זאַך ביזן סוף.

— וואַרט, דו וועסט מיט מיר היינט פֿאָרן אַ ביסל קיין חולון צו די וויסאָצקיס אַ שפּיל־טאָן אין קאָרטן און וועסט זיך אַ ביסל אָנטשפּאַנען.

קיין גרויסן חשק צו פֿאָרן קיין חולון האָט ער נישט געהאַט, אָבער ווען ער איז געווען אויסגעבאָדן און איבערגעטאָן, האָט ער דערפֿילט אַ לייכטקייט אין זיינע גלידער. ער האָט גערן אָנגענומען איר פֿאָרשלאָג.

איבערן גאַנצן וועג צום אויטאָבוס, האָט ער געטראַכט:

„זע נאָר, ווי זי קוקט דאָס אויף מיר מיט רחמנות. אירע בליקן שטעכן אים ווי מיט הונדערט נאָדלען“.

אין בעסטן גוטן האָט ער שטענדיק געהאַט צו איר עפּעס תרעומות,

באשר זי איז געווען דער איינציקער מענטש, וואָס קען אים פון דער נאָענט און וואָס קען אים אַזוי גוט. ער האָט אויך געפילט איר העכערקייט פון אים און איר פעאיקייט צוצופּאַסן זיך צום לעבן.

ביי די וויסאָצקיס האָט מען זיך דערפריַיט מיט זיי:

— עס האָט אונדז טאַקע אויסגעפעלט צוויי פּאָר הענט צום פּאַקער!

נו, זעצט זיך — האָט מרים וויסאָצקי פאַרבעטן די געסט.

צום סוף פון טאָג איז דער חמסין געפאַלן. אויף דער אָפענער מרפסת האָבן די געסט זיך מחיה געווען מיט דער פרישער לופט, וואָס איז געקומען פונעם שטאָטישן פּאַרק, וואָס האָט זיך געפונען נישט וויַיט פון די וויסאָצקיס דירה.

ביי צוויי טישלעך זענען געזעסן פרויען און מענער, וואָס זייערע אַלע חושים זענען געווען קאָנצענטרירט ארום די קאָרטן.

ברכה האָט שמעונען געגעבן אַ סך פריַיהייט. ער האָט זיך געזעצט ביי אַן אַנדער טיש. זי פלעגט פאַרקוקן אויף זיינע זייטן־שפּרונגען, און אַפילו אויף זיין פלירטעווען אין איר אַנוועזנהייט. עס פלעגט זיך דאַן באַווייזן אַ שמייכל אויף אירע דינע ליפּן, וואָס האָט אים אויסגעזען ווי אַן איראָניע, ווי זי וואָלט אים נישט געהאַלטן פאַר קיין פולוועַרטיקן מאַן, אָדער ווי אַ קינד וועמען מען איז אַלץ מוחל.

ווען ער קאָן אויסמיידן איר בליק פון אירע ים־גרויע קאַלטע אויגן? ער האָט זיך געבונטעוועט קעגן איר.

שטענדיק האָט ער געהאַט צו עמעצן תרעומות. נאָך אין שטוב, פון קינדוויַיז אָן, האָט די מאַמע פאַרשטעלט אַלע מעשים פון אברהמען און דער טאַטע — פון מאַטעסן, און ער איז געוואַקסן אין איינזאַמקייט.

— אדון שמעון! — האָט אהובה אַריינגעלאַכט אים אין פּנים אַריין — דערלאַנגט אַ קאָרט! איר שלאָפט? אירע ציין האָבן געגלאַנצט ווי די פּערל אויף איר האַלדז.

היינט גייט אים נישט קיין קאָרט. עס קריכן אים מאָדנע געדאַנקען אין קאָפּ אַריין. ער איז אַ לאַסט פאַר זיינע ברידער. יעדעס מאָל ווערט ער נעלם אויף אַ צייט פון דער אַרבעט און נישט געקוקט וואָס זיין תיק אין דער משטרה וואַקסט פאַר פאַרשידענע דראָבנע „מעשים־טובים“, מיען זיך

זיינע ברידער, אַז עס זאָלן פֿאַר אים ווידער געעפֿנט ווערן די טויערן אויף דער פֿריי, און ער קערט זיך צוריק צו דער אַרבעט. מען זאָגט, אַז זיין עלטערער ברודער שפּאַרט־אָן אין די קאָאַליציע־קרייזן אַפֿילו אין דער רעגירונג צוליב אים. אָבער ביי אים, ביי שמעונען אין האַרצן וואַקסט די שנאה צו זיי. פֿאַרוואָס אַזוי ? — דאָס ווייסט ער אַליין נישט.

ער האָט פּלוצלינג אָפּגערוקט די קאָרטן אין אַ זייט און גענומען זיך קלאָגן אויף קאָפּ־ווייטאָג.

ברכה האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס אַן אומרו עסט אים. זיי האָבן זיך גיך געזעגנט און אַוועק.

אַרום עלף אַזייגער אָוונט איז שמעון פּרענקעל אַריין אין קלוב „דער בלויער פֿויגל״. קיין שילדל איז פֿון דרויסן נישט געווען. איבער דעם אַריינגאַנג איז געווען אַ בלויער פֿלואָרעסצענץ־ליכט. עס איז געפֿלאָסן אין גלאָז־רערלעך אין אַ פֿאָרעם פֿון אַ סאָווע, אָדער גאָר אַן אַנדער נאַכט־פֿויגל. דאָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַז עפּעס אַ סודותדיקייט ליגט אונטער דער ברייטער, דעמבענער טיר.

גענוג געווען צו עפֿענען די טיר, אַז דער איינדרוק זאָל אינגאַנצן נעלם ווערן, — די גרויסע, איינפֿאַכע, פֿאַרשידנפֿאַרביקע לאָמפּן, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פֿון סופֿיט, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ פֿייערלעכקייט. אין די באַקוועמע פֿאָטעלן אין שטאַרקע פֿאַרבן, זענען געזעסן מענטשן, וועלכע האָבן גערעדט וועגן געשעפֿט.

די איינציקע זאַך, וואָס האָט אויסגעטיילט דעם גרויסן זאַל פֿון אַנדערע קלובן פֿון דעם מין איז געווען דאָס, וואָס די ווענט זענען געווען באַהאָנגען מיט סורעאַליסטישע און אַבסטראַקטע בילדער, מחמת דאָס זינדל פֿון דעם פּרעזעס איז געווען אַ מאָלער און די פּאַרטיי „חרות המולדת״ האָט באַשלאָסן אים צו שטיצן און איינגעקויפֿט ביי אים אַ היפּש ביסל פֿון דער קונסט זיינער.

בלויז סנאָבן פֿלעגן זיך אָוועקשטעלן און אַריינטייטשן וועגן אינהאַלט פֿון די בילדער, וואָס זענען געווען פֿול מיט פֿאַרביקע פֿלעקן, פּאַסיקלעך און פּינטעלעך.

שמעון פּרענקעל פֿלעגט באַזוכן דעם קלוב אין די שפּעטע אָוונט־

שעהן, ווען עס האָט נישט געהערשט די געוויינלעכע אַטמאָספער פון עסק און ביזנעס; אין די אָוונטן, ווען עס פלעגט אים באַזוכן אבא דגין.

ווי נאָר זיין רירעוודיקע פיגור האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, האָבן שוין אלע געוווּסט, אַז די שמועסן וועלן אַוועק אויף אַנדערע וועגן. דאָס וועלן זיין פּאָליטישע שמועסן, וואָס פאַרנעמען אַ ספּעציעל אָרט אין לעבן פון דער פּאַרטיי „חרות המולדת" אין ישראל.

שמעון פרענקעל, טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען באַליבט פון רבין, אבא דאגין, האָט זעלטן באַזוכט דעם קלוב ווייל אָן ברכהן האָט מען אים כמעט אין ערגעץ נישט געזען.

אָבער אויף דער יערלעכער פאַרזאַמלונג פון די „אצ"לניקעס" האָט ער קיינמאָל נישט געפעלט. זיי פלעגן זיך פאַרזאַמלען אונטער דער „בלויער סאָווע" אין ברוינע העמדלעך און אין היטעלעך, ענלעכע צו די ענגלישע אָפיצירן. ער האָט אין זיי געזען אַנטיילגענומען, כאָטש אָן ברכהן, ווייל דאָס איז געווען אַן אָוונט פון זכרונות.

*

עמעצער האָט אים אַ שלעפּ־געטאָן פאַר אַן אָרבל. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אַוועקגעזעצט זיך אויף דער נאַרע. ער האָט בשום אופן נישט פאַרשטאַנען, פון וואַנען נעמט ער זיך אין דער צעלע. אפשר חלומט ער נאָך — האָט ער אַ טראַכט־געטאָן. אפשר איז דאָס דער המשך פון איינעם פון די חלומות, וועלכע ער חלומט כמעט יעדער נאַכט; חלומות וועגן די אַרעסטן אין דער צייט פון מאַנדאַט, וועגן זיין פּיינפולן וואַרטן אויפן טויט אין דער עכוּער תפיסה. ווען ער פלעגט זיך אויפכאַפּן פון די קאָשמאַרנע חלומות, האָט ער תמיד געפילט אַ דערלייכטערונג. היינט איז די דערלייכטערונג נישט געקומען — די תפיסה איז געווען אַ וואָר. לעבן אים איז געשטאַנען דער תפיסה־וועכטער מיט אַ לעמפּל אין האַנט און אים דערמאָנט אין אַלעם, וואָס איז פון נעכטן אָן געשען. אין מיטן נאַכט האָט מען אים גערופן אויף אַן אויספאָרשונג.

ער האָט אַ רייב־געטאָן דעם שטערן און געשוויגן. ער האָט ווירקלעך

געחלומט, איידער מען האָט אים אויפגעוועקט, אָבער גאָר אַן אַנדערער חלום — ער האָט געזען ברכהן ווי זי זיצט אויף אַ ריזיקן בלויען פויגל, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ בושל און ער פליט. שמעון האָט אויסגעצויגן ביידע הענט — ברכה האָט געוואָלט אים כאַפּן און אַרויפציען צו זיך. ווי נאָר דער פויגל איז אַוועק האָט ברכה גענומען פאַלן פון דער הויך און איז ערגעץ אנטרינען געוואָרן. ער האָט געוואָלט שרייען נאָר פונדערווייטן האָט ער געזען אַ האַנט מיט א טיכעלע, וואָס איז אויך אַנטרינען און — ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. לעבן אים איז געשטאַנען דער וועכטער.

ער האָט געדולדיק געוואַרט ביז שמעון פרענקעל איז אַראָפּ פון דער נאַרע און ארויס פון קאַמער. ער האָט נאָכאַמאָל דורכגעמאַכט דעם פּיינפולן וועג פון נעכטן, ווען מען האָט אים געבראַכט אין תפיסה און גלייך געפירט אויף דער אויספאָרשונג. נאָך דער אויספאָרשונג איז ער טאַקע געשלאָפן ווי אין הינערפלעט.

ווען עס זענען אַריבער עטלעכע וואָכן און עס האָבן אויפגעהערט די אויספאָרשונגען, פון וועלכע ער האָט זיך — אַ חוץ דעם שיסן צום ברודער און האַלטן געווער אומגעזעצלעך — קיין סך נישט דערוווּסט אין וואָס מען באַשולדיקט אים, איז ער געקומען אַ ביסל צוריק צו די כוחות און געוואָרן רואיקער. דער אַלטער תיק זיינער מיט די „דראַבנע" עבירות, איז אים איצט קאַפּויער געקומען. פון דעם האָט ער זיך נישט גענומען צום האַרצן, ווייל עס איז נישט געווען שווער צו פאַרזען זיך מיט אַ באַשטעטיקונג, אַז ער ליידט פון אַ גייסטיקער קראַנקייט. אַ דאַנק דעם פלעגט מען טאַקע אָפּלייגן זיינע ספּראַוועס „אַד קאַלענדאס גרעקאַס". ער האָט געדולדיק געוואַרט ביז ברכהס זעאונג. בעת דער זעאונג אין תפיסה, האָט ברכה אים קונציק איבערגעגעבן אַ בריוול, פון וועלכן ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס האָבן די ברידער זיינע אויפגעדעקט דעם ענין מיטן פאַרקויפן דעם פּאַטענט פון כראַמירן מעש צו ראָטנבערגן, און אַז ער האָט דערביי פאַרדינט צוויי טויזנט פונט. ער האָט פאַרגעסן צו פאַרניכטן דאָס אַלטע בוך מיט דער רשימה פון די פּאַטענטן. די מעשה מיט די צוויי טויזנט פונט, האָט זיי אַרויסגעבראַכט פון די כלים. און דאָס וואָס ער האָט זיך געכאַפּט שיסן צו אברהמען אין טאַקסי, כאָטש ער האָט אים

נישט געטראָפן, האָט אויפגעשטעלט די גאַנצע משפחה קעגן אים. ער איז געווען באַקליידט פון אַלע זייטן. אין זעלבן בריוול האָט אים ברכה מודיע געווען, אַז מען האָט אים צוגעטשעפּעט נאָך אַן ענין: עפּעס אַ צייט האָט ער געשפּילט אין ביליאַרד מיט עפּעס אַ פּאַרשוין, וועמען מ׳האָט אין דער זעלבער צייט, ווי שמעונען, אַרעסטירט פאַר מלוכה־פאַרראַט. אָבער פון לעצטן חשד האָט מען אים באַפרייט נאָך אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג.

— האַלט זיך, שמעון, שטאַרק זיך, ביסט שוין אַרויס פון גרעסערע געפאַרן — האָט אים ברכה באַרואיקט אין איר בריוול.

ברכהס בריוול האָט אים טאַקע געשטאַרקט דעם גלויבן, אַז עפּעס וועט ער זיך יאַקאַש אויך דאָס מאָל אַרויסדרייען.

די טעג און נעכט האָבן זיך געצויגן לאַנגוויייליק און מאָנאָטאָן ביז ווייטאָג. ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס זיי אויסצופילן. שעהנלאַנג האָט ער נערוועז געשפּאַנט אין קאָמער אַהין און צוריק. לייענען איז ער נישט געווען מסוגל. נישט איינמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אויסגע־הוילט פון יעדן געדאַנק. אין אַזוינע מאָמענטן האָט ער זיך געשטעלט ביים קליינעם פענצטערל, פון וועלכן ער האָט נאָר געקענט זען אַ שטיקל זומערדיקן הימל, צומאָל אַן אַ שטיקל וואָלקן. אַפילו דאָס בלענדיקע ביסל ליכט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן צו אים, האָט אים נישט באַרואיקט נאָר פאַרקערט — ס׳האָט אים געמאַטערט די דושנע אָנגעלאָדנקייט.

אין איינעם פון אַזאַ טאָג האָט שמעון פּרענקעל פּלוצלינג דערהערט אַ קלאַפּן. פון אָנהויב האָט ער נישט געלייגט אויף דעם קיין שום אַכט. אָבער דאָס קלאַפּן האָט זיך רעגולער איבערגעחזרט. עס האָט אַ ביסל געדויערט ביז ער האָט זיך אָריענטירט, אַז דאָס קלאַפּט מען אין דער שכנישער וואַנט.

אַמאָל האָט ער גוט געקענט דעם לשון. אָבער עס איז שוין אַוועק פופצן יאָר! ער האָט זיך אָנגעשטרענגט און אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס זיין שכן וויל פון אים. ער האָט דעשיפרירט דעם ערשטן זאַץ:

— ווער ביסטו? — האָט מען געפרעגט. וואָס ווייטער איז געגאַנגען

אַלץ גלאַטיקער. ער האָט גענומען האַסטיק קלאַפּן און ענטפערן אויף די פראַגעס.

— פאַרוואָס זיצסטו? — איז געקומען די שטענדיקע פראַגע פון אַלע אַרעסטירטע. אין אַ ווײַלע אַרום האָט שמעון פרענקעל געענטפערט:

— פאַר נקמה.

— אין וועמען?

— אין מײַן ברודער.

— פאַרוואָס?

דאָ האָט שמעון פרענקעל איבערגעגעבן זײַן שכן איבער דער וואַנט, וועגן דער קנאה צו די ברידער — זײַנע באַלעבאַטים, צו זייער רײַכטום, וועגן דעם ווי נאָך אַ באַליידיקונג האָט ער אין צושטאַנד פון כעס געשאָסן אין אים בשעת יענער איז אײַנגעשטיגן אין זײַן טאַקסי.

— אַ מענטשלעך לעבן איז טײַערער פון געלט — האָט ער דערהערט אַן ענטפער פון זײַן אומבאַקאַנטן שכן. זיי האָבן דערהערט טריט אין קאָרידאָר און מיט דעם איז זייער ערשטער שמועס דורכן וואַנט איבער־געריסן געוואָרן.

בײַנאַכט האָבן זיי קיין שמועס נישט געפירט, מחמת אין דער נאַכטיקער תפיסה־שטילקייט האָבן צענדליקער פּאָר אויגן און אויערן געהיטן די אַרעסטאַנטן. בײַנאַכט הערט זיך אַפילו ווען אַ פליג פליט דורך, בפרט אַ קלאַפּ פון אַן אײַנזאַמער מענטשלעכער האַנט, וואָס זוכט אַ פרײַנט — אַפילו דורך דער גראָבער תפיסה־מויער.

נאָך דעם שמועס איז שמעון פרענקעל נישט געווען צופרידן מיט זיך. ער האָט אָנגעהויבן צווייפלען, צי ער האָט גאָרנישט זיך אַרײַנלאָזן אין אַ שמועס מיט אַ פרעמדן מענטשן, וועמענס נאָמען ער האָט אַפילו נישט געקענט. גוט, וואָס ער האָט אים נישט דערציילט, אַז דער גאַנצער סכסוך מיט זײַן ברודער, אברהם, און דאָס שיסן אין אים איז געווען צוליב דעם, וואָס מען האָט אים געוואָלט אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. און די סיבה פאַרוואָס מ׳האָט דאָס געוואָלט טאָן.

דאָך האָט ער געוואָרט, אַז עס זאָל שוין ווערן טאָג און ער זאָל זיך

וואָס גיכער דערוויסן, ווער איז דאָס דער מענטש, וועלכער האָט אים אַרויפגעפירט אויף אַזאַ אָפּנהאַרציקן שמועס.

ווי נאָר עס האָט זיך אין תפיסה־בנין אָנגעהויבן דאָס נאָרמאַלע טאָג־טעגלעכע לעבן, און די קלאַנגען, וואָס זענען דערגאַנגען פון די וואַרשטאַטן ווי אויך פון כביש, האָבן די צוויי לעבנדע מענטשן נאָך פריינטשאַפט, אָנגעהויבן אויסקלאַפּן זייערע אומרואיקע געדאַנקען.

דאָס מאָל האָט דער ערשטער אָנגעהויבן שמעון פרענקעל:

— פאַרוואָס זיצסטו?

— אַ פּאָליטישער.

— וועלכע פּאַרטיי?

— אַ קאָמוניסט.

— ווי הייסטו?

— אחמד. אַן אַראַבער פון משולש.

דאָס וואָס ער האָט דערהערט האָט אויף אים געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז ער האָט אַ לאַנגע ווײַלע געשוויגן. ער האָט זיך דערמאָנט דעם פריינט־לעכן שמועס, וועלכן ער האָט געפירט נעכטן מיט זיין שכן. אַזויפיל מענטשלעכע אויפמערקזאַמקייט. דאָך, די איינגעזאַפּטע שנאה פון זיין סביבה צו זיי, אין וועלכע ער האָט געזען נאָר שונאים, האָט אים נישט געלאָזן מער דורכשמועסן זיך. איצט האָט זי אָפּגעטיילט נישט בלויז די תפיסה־וואַנט.

ביי שמעון פרענקלען אין דער נשמה האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל מיט זיינע געפילן, באַגריפן און געדאַנקען, מיט וועלכע ער איז כמעט פון דער יוגנט אָן געוואַקסן. עס האָט נישט געהאָלפן וואָס אחמד האָט באַנייט זיין קלאַפּן.

— הער, שמעון, האָט ער געקלאַפּט, — מיר זענען פריינט, פריינט פאַרבונדענע מיטן גורל פון איין פאָטערלאַנד. שמעון, וואָס שווייגסטו?

שמעון האָט נישט געענטפערט. נישט היינט און נישט מאָרגן אויפן רוף פון זיין פריינט פון אונטער דער וואַנט, דעם קאָמוניסט אחמד.

שמעון פרענקעל איז געוואָרן נערוועז, ווי שטענדיק, אַפילו אויף דער

פריי, ווען ער פלעגט דורכמאַכן אַן אינערלעכן קריזיס. צום סוף איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ דעפּרעסיע.

ווען דער וועכטער האָט אים דערלאַנגט דאָס עסן, האָט ער עפּעס קרום אַ קוק־געטאָן אויף אים און ווי מיט חוזק אַ פרעג־געטאָן:

— אפשר אַ סימולאַציע צום דאָקטאָר? וואָס? ס׳ווילט זיך זיין אַ פּאָר טעג אין שפּיטאָל צווישן מענטשן און כאַפּן אַ קערטל? וואָס?

נאָר שמעון פרענקעלס בליק האָט אים פאַרמאַכט דאָס מויל און צוגענומען דעם חשק פון ווייטערדיקן חוזק.

פרענקעל האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שטאַרקן זכרון און ער האָט געגומען זיך דערמאָנען פון די ערטער אין תנ״ך, ווו עס רעדט זיך וועגן פריינטשאַפט צו פרעמדע און וועגן לעבן בשלום מיט אַנדערע פעלקער.

און ווי אַזוי איז עס טאַקע געשען, אַז נישט ליבשאַפט איז די בריק צווישן מענטשן. ווו ליגט די סיבה וואָס מיט זיינע אייגענע ברידער האָט ער קיין געמיינזאַמס נישט געפונען, און דאָ מיט דעם אַראַבער, דעם קאָמ... האָט ער געטראַכט און אַ ווייטאָג האָט אים גענומען שטיקן ביים האַרצן. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפונען.

ער האָט דערפילט אַז אַונטער דער וואַנט זיצט אַ לעבעדיקער מענטש, וואָס זיינע איינציקע חטאים זענען די חלומות וועגן אָרעם און רייך, וועגן גלייכהייט צווישן מענטשן. יעטער מענטש איז אָפּגעטיילט פון דער אויסערלעכער וועלט פונקט ווי ער. אחמד האָט ביי אים אויפגעוועקט זיין געוויסן. פאַרוואָס זאָל ער אים נישט זיין קיין פריינט? פאַרוואָס זאָל ער אָפּשטויסן דאָס מענטשלעכע וואָס איז דאָ אין יעדן מענטשן? פאַרוואָס זאָל ער ביי זיך צונעמען די מעגלעכקייט צו שמועסן דורך דער וואַנט אין די לאַנגע איינזאַמע טעג?

סוף־סוף האָט ער באַנייט דאָס קלאַפּן דורך דער וואַנט.

דאָס אויסקלאַפּן די געדאַנקען אין די פּיינפולע טעג האָט זיך פאַר־וואַנדלט ביי זיי אין אַ וויכוח וועגן אַ ריי ערנסטע פּראָבלעמען, וואָס עס איז נישט מעגלעך געווען זיי גרונטיק אויסצושעפּן, מחמת מען האָט כסדר געדאַרפט זיין וואַך, צי עמעצער הערט זיי נישט אונטער. דאָך, ביי דעם

גאַנצן געאייל, האָבן די שמועסן זייערע עפּעס אויסגעקלאָרט, צו עפּעס דערפירט.

איין מאָל האָט זיך דער שמועס אַנטוויקלט וועגן אינדיווידועלן טעראָר אין קאַמף פאַר באַפרייען זיך פון יעדער אונטערדריקונג און פון פרעמדן יאָך.

— וואָס גיט דאָס? — האָט אחמד געפרעגט.

— זעסט דאָך, אַז סוף כל סוף האָבן מיר שוין אַ מדינה!

— די מדינה איז אויפגעקומען צוליב אַנדערע פאַקטאָרן — אַ דאַנק דער געענדערטער פּאָליטישער קאָנסטעלאַציע אויף דער וועלט; דעם אומקום פון יידן, און דער אונטערשטיצונג פון ראַטן־פאַרבאַנד אין אונ״אָ.

— ווען נישט אונדזערע טעראָר־אַקטן אויף די ענגלישע אָפיצירן־קאַנטינעס, אויף „קינג־דוד״־האָטעל, וואָלט גאָרנישט אַרויסגעקומען.

— כ׳זע, דו האָסט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן דעם ענטפער אויף די אַקטן, און די רדיפות מצד דער ענגלישער מאַכט לגבי דער ציווילער באַפעלקערונג.

— אַז מען האַקט האָלץ — פאַלן שפּענער, פאַרפאַלן!

— איך האָב דיר שוין איינמאָל געזאָגט אין אָנהויב פון אונדזער פריינטשאַפט, אַז דאָס טייערסטע אויף דער וועלט איז דער מענטש.

— אין אַ מלחמה פאַלן שטענדיק קרבנות.

— דאָס איז נישט קיין מלחמה, ווען אַ הייפל טעראָריסטן שטעלט איין דאָס לעבן פון אַנדערע און ברענגען־אום אַן איינציקן, אינדיווידועלן שונא, וועלכער איז אַליין אפשר אויך נישט מער ווי אַ מכשיר אין די הענט פון זיין רעזשים.

— דאָך טראַגט מען אַריין צעררודערונג אין זיינע רייען.

— יאָ, ווען מען נעמט צו ביי דער ציווילער באַפעלקערונג אויף איבער אַ וואָך צייט די קאָמוניקאַציע, טעלעפאָן און אַנדערע סאָציאַלע באַדינונג.

— מען דאַרף קענען אַלץ גובר־זיין פאַר דעם ציל — האָט עקשנותדיק אויסגעקלאַפּט שמעון.

— אָבער די ענגלענדער האָבן זיך נישט בלויז באַנוצט מיט שטילן רעאַגירן — מיט מאַכן שווערער דאָס לעבן פון בירגער, נאָר זיי האָבן אויך באַשאָסן די תל־אביבער גאַסן. דו געדענקסט ווי עס איז זעקס אַזייגער אינדערפרי געפאַלן אַן אַרבעטער און אַ קלײן מיידעלע? נייך, אַזעלכע טאַטן קעגן דער מערהייט פון פאָלק הייסט נישט קעמפן פאַר פרייהייט. וויפל אַטענטאַטן האָט מען געמאַכט אויף די רוסישע צאַרן?

— נו, האָבן זיי באַפרייט דאָס רוסישע פאָלק פון זייער קנעכטשאַפט?

אַ לאַנגע פויזע. עס האָט זיך געהערט אַ שפּאַנען פון ביידע זייטן וואַנט.

אחמד האָט ווידער גענומען קלאַפּן:

— דו געדענקסט נישט, אָבער איך דערמאָן זיך גענוי, ווי די פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף וועגן טויט פון דעם פּיצל מיידעלע, קעטי שלום און יצחק פולא, וואָס זענען דערהרגעט געוואָרן און וועגן נאָך אַנדערע קרבנות אין תל־אביב. בלויז דעם 9־טן אַפּריל, זענען ביים בית־הדר געוועזן דרייצן ראַנירטע. און פאַרגעס נישט, אַז דער ענגלישער מאַנדאַט האָט דאַן נישט דערלאָזט צו די ברעגעס קיין איין שיף מיט פּליטים, נאָר געשיקט זיי קיין קפריסין, כדי צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז ביידע פעלקער, די יידן און אַראַבער, קאָנען נישט לעבן בשלום. נאָך היינט זענען דאָ איבערבלייבענישן פון יענעם אומצוטרוי, וועלכן מען האָט געזייט מיט דער הילף פון דער ענגלישער ביקס. אַלס ענטפער צו די טעראָר־אַקטן האָט די פּאַרטיי ארויסגעלאָזן אַ ווענדונג צום פאָלק, וואָס האָט גערופן צו אַן איינהייטלעכער אַקציע קעגן דעם געמיינזאַמען שונא.

א נייע וועלט פון געדאַנקען און טראַכטענישן האָט זיך געעפנט פאַר שמעונען. נישט קיין פשוטע זאַכן — האָט ער געטראַכט. דאָס נישט געוווינט זיין צו טראַכטן וועגן אַזעלכע פּראָבלעמען, האָט אים באַשווערט דעם קאָפּ זיינעם. אָבער אין די לאַנגע נעכט אויף דער נאַרע, האָט ער זיך באַמיט אַריינצודרינגען און אַדורכצורייסן זיך דורכן געדיכטן וואַלד פון מחשבות. עס האָט אים געמאַטערט די פראַגע: צי וועט ער זיך אַרויס־פּלאָנטערן פון די אַלע געדאַנקען, און אַרויף אויף אַ קלאָרן וועג פון פאַרשטיין זיין פריינט פון יענער זייט וואַנט?

# חבצלת

אָפּט פּילט זי זיך דערוווייטערט פון שטראָמיקן לעבן. אַלץ אַרום איר זעט איר אויס אומבאַקאַנט און פרעמדלעך, ווי זי וואָלט געקומען פון אַ ווייטן וועג און געזען די וועלט פון אַ פּערספּעקטיוו אין שוואַכע קאָנטורן. אין יענע מינוטן טראַכט זי: וויפל מענטשן קאָנען זיצן אין איין מענטש? אין איר, חבצלת, זיצן צוויי גאָר פאַרשידענע חבצלתן: אַ שטאַרקע חבצלת און אַ שוואַכע; אַ טיף־אומעטיקע און אַ פריילעכע; אַן אַפּאַטישע און אַ לעבנס־לוסטיקע. איינע קוקט אויף דער צווייטער און פרעגט: „נו, וואָס זאָגסטו צו איר? וואָס?"

איצט פאַרשטייט זי גוט פון וואַנען ס'נעמט זיך די פאָלקס־אויסטראַכטעניש, אַז אין מענטשן קאָן אַריין אַ דיבוק. פּשוט, אין די צייטן פון דער טיפער פינצטערניש איז נישט געווען פאַרשטענדלעך דאָס פּלוצלינגע אַנטפּלעקן זיך פון אַ צווייטן מענטשן אין זיך. פלעגט מען דאָס אַזוי טייטשן.

גוט, וואָס דאָס געפיל פון צעשפּאַלטנקייט, פון צווייאיקייט, קומט ביי איר פאַר זעלטן. ביז דאַן גייט איר לעבן נאָרמאַל, ווי ביי אַלע מענטשן, מיט אַלע צרות און פריידן.

די צוויי, וואָס זיצן אין איר, קריגן זיך נישט, נאָר לעבן בשלום. אָן געראַנגל, אָן שפּאַנונג. זיי זענען צו זיך געדולדיק.

*

וועגן זיך דערציילט חבצלת, אַז זי שטאַמט פון עדן און נישט פון תימן. פון פרינצן קומט זי אַרויס. זי ווייסט דאָס פון טאַטן אירן, וואָס

דערציילט איר דאָס. זי פילט זיך טאַקע אַנדערש פון אירע ברידער און שוועסטער. און די מאַמע איז אירע געווען? אַמאָל פאַרשטייט זי גאָר נישט — פון וואַנען זי קומט, ווער זי איז. נאָר אָפט זאָגט זי וועגן זיך:

— כ'זע זי אַמאָל, די צוקונפט, נישט נאָר מײַנע קינדער. איר וועט אַמאָל זען, זײַ אַלע, — זאָגט זי מיר.

— כ'קום פון דאָרטן ווו מ'האָט מיך באַשאַנקען מיט אַן אורטימלעכן כוח, וואָס איז גובר אין מײַן זעאונג די דיקע ווענט פון מגושמדיקייט. עס לייכטן־אויף פאַר מיר ליכטיקע וועגן, נאָר די צווייטע חבצלת פּענטעט מיך.

— אַז מען האָט אַ מאַן, וואָס מוז זיך שטענדיק אָפּבריען די פליגל און עובר זײַן אויף די געזעצן לגבי דער געזעלשאַפט און אויך לגבי מיר און די קינדער — גיי איך, דעריבער, אין שווערן שפּאַן. בין איך ווידער געפּענטעט דורך מײַן כוח פון זעאונג.

— כ'גלויב מײַן טאַטן, וואָס ער האָט מיר דערציילט וועגן מײַן אָפּשטאַם, אַז פון פּרינצן שטאַם איך. מיט דעם מעשהלע פלעגט ער מיך איינוויגן, ווען אין שטוב איז קיין ברויט נישט געווען. און שפּעטער, ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, האָט מען באַשײַנפּערלעך געזען, אַז עפּעס אַנדערש בין איך פון מײַנע ברידער. דער טאַטע האָט געטאָן אַלץ — אַ טרעגער געוואָרן, נישט געקאָנט בײַ זײַן אַרבעט בלײַבן. זײַנע פּרעציזע אַרבעטן פון זילבער האָט ער פאַרביטן אויף שלעפּן זעק און פּעק. קיין געלט נישט געווען. און ווער האָט אין די יאָרן פון מאַנדאַט, ווען מיר זענען אַזוי ווייניק און אָרעם געווען, זיך געניייטיקט אין זײַנע קונסט־שטיק?

זעענדיק אַ פראַגע אין מײַן בליק האָט זי תיכף מיר געענטפערט:

— פאַרגעסט נישט, אַז אַחוץ תימנער יידן און עדנער, וואָס זענען דאָ פון דורות געזעסן, האָבן זיך אויך אַנדערע דורכגעריסן קיין ארץ־ישראל.

— איך בין נאָך געווען אַ פּיצל, אָבער שפּעטער זענען נאָך קינדער געקומען, און מיט אַרבעט איז געווען שווער. מײַן פאָטער האָט געוואָלט, אַז כ'זאָל בילדונג האָבן, לערנען זיך שפּילן, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ פּרינצעסין.

און דאָס געפּיל, אַז עפּעס געהער איך נישט צו דער וועלט און צו דער סביבה, האָט מיך קיינמאָל נישט געלאָזן צורו. עפּעס אַ בענקשאַפט און אַ פּרעמדקייט, גלייכצייטיק, האָבן מיך באַהערשט.

מיט באַדויער האָב איך אַ קוק־געטאָן אויף דער יונגער פרוי, מיט איר צעשפּאָלטענער וועלט, פון פאַנטאַזיע און ווירקלעכקייט, פון שווימען אויף די וואסערן פון דמיון און האַלטן זיך מיט איין האַנט ביי דער ווירקלעכקייט.

דאָס גאַנצע לעבן אירס גייט איר ווי נישט געפירט פון קיינעם. צופעליק, ספּאָנטאַניש, מיט עמאָציע. נאָר אין זעלטענע פאַלן קומט דער קלאָרער פאַרשטאַנד, וואָס באַלויכט איר דעם דורכגעגאַנגענעם וועג אָדער גיט אַ בליץ אַ געדאַנק פון לאָגישן קערעווען מיט איר לעבן. דאָס זענען זעלטענע מאָמענטן. זי גלויבט אין אַ כוח וואָס פירט זי. נישט קיין געטלעכער, נישט קיין פאַטום, נאָר אַן אייגענער, וואָס איז נאָר איר געגעבן געוואָרן.

צופעליק זענען זיי מאַן און ווייב געוואָרן נאָכן פורים־באַל. ווען זי האָט אים דערזען, האָט זיך איר געדאַכט, אַז אייגנטלעך קען זי אים. די שטאַרקע פּאַסיע וואָס אין זיין כאַראַקטער, דאָס הפקרדיקע, אומגעריכטע, האָט זי געצויגן. אָבער שוין אין ערשטן חודש פון זייער צוזאַמענלעבן, איז ער נעלם געוואָרן. זי איז שיעור נישט אַראָפּ פון זינען, ביז זי האָט נישט באַקומען אַ קאַרטל פון אים, אַז ער זיצט אין יפוער תפיסה.

מטושטש איז אַלץ געוואָרן אַרום איר. טויטע און לעבעדיקע זאכן האָבן זיך אויסגעמישט. זי האָט גערעדט צום טיש, ביי וועלכן ער איז געזעסן, צום בעט, אין וועלכן ער איז געשלאָפן. זי האָט נישט באַנומען, פאַרוואָס ער זיצט. אַזאַ יונגער מענטש, אַזאַ פּאַאיקער.

און דאַן איז איין חבצלת — די פריילעכע — נעלם געוואָרן, און די אומעטיקע, אַפּאַטישע, האָט געוועלטיקט. ווי אַ באַליידיקטע פּרינצעסין האָט זי אין זיך פאַרשלאָסן אַלע טויערן צו דער ווירקלעכקייט.

אָבער נאָך לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט, ווי פון היץ, האָט זיך אויסגעשיילט פון דעם פלאָנטער אַ קלאָרער געדאַנק, וואָס האָט גענומען הערשן איבער דער שוואַכער חבצלת. זי האָט דאַן געטראַכט:

מסתמא ליגט עפּעס אַ סיבה אין זיין כאַראַקטער. די אָנשיכטונג קומט פון דער יוגנט. און דאַן בין איך געקומען צו זיך, גענומען טאָן אַליין, כדי אים צו באַפרייען. געטאָן האָט ער דאָס נישט פאַר נויט. זיין ביוראָ־אַרבעט גיט אים גענוג אויף לעבן און איך אַרבעט אויך, — האָט זי געענדיקט מיט אַ זיפץ.

ער האָט איר פאַר אַלעם געדאַנקט נאָר מיט אַ פּאָר ווערטער:

— חבצלת, כ׳וועל עס דיר קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

ווען ס׳איז געבוירן געוואָרן עודד, האָב איך אויפגעהערט אַרבעטן. כ׳האָב זיך אָפּגערוקט פון אַלעמען און גענומען לעבן מיט יענער חבצלת, וואָס שטאַמט פון עדן, פון די פּרינצן.

און ווען אויף דער וועלט איז אורית געקומען, — האָט זי זיך פאַרטראַכט, אויפגעשטאַנען נערוועז פון אָרט, צו צום פענצטער און ממשיך געווען: — האָב איך זיך נאָך מער אָפּגעזונדערט.

און זי האָט געלאָזן, וואָרט ביי וואָרט, דערציילט ווייטער וועגן זיך: ווי זי האָט דערפילט אויף זיך זיינע קלעפּ, ווי די געשרייען און געשלעגן האָבן אָפּגעהילכט אין דער גאַנצער שכונה, — האָט זי גענומען פאָדערן אַ גט.

אָבער וואָס איז געשען? אַנשטאָט אים צו פירן אין תפיסה אריין, פאַר זיינע מעשים־טובים, האָט מען אים געשיקט אין אַ סאַנאַטאָריע.

און זי האָט אויף אים רחמנות געקריגן.

איצט איז זי שטענדיק אַ צעבייזערטע, אַ שרייענדיקע, „די פּרינצעסין פון עדן" און צווישן איר און איר מאַן זענען געוואַקסן צוויי שפּרודלדיקע לעבנס־קוואַלן פון פרייד און זון: עודד און אורית. ווי שטאַרק ס׳איז די קינדהייט, וואָס איז גובר אין אומויסן, אַפילו דעם סם, וואָס אַרום זיי. אָבער וואָס וועט זיין ווייטער? ס׳קאָן דאָך אַמאָל אַ טראָפּן פון סם אַריין אין אויג פון דער ליכטיקער אורית און פאַרטונקלען איר וועלט, און עודדס אורטימלעכער כוח וואָס קומט פון די עדנער גיבורים־פּרינצן, ווי די לעגענדע דערציילט, וואָס האָבן דאָרט געלעבט און אַלע פעלקער אַרום האָבן פאַר זיי מורא געהאַט, — פאַרקערעוועז זיך ערגעץ־ווו אויף פאַרקרומטע שטעגן און פאַרלעשן די פרייד אין זיינע שוואַרצע, חנעוודיקע אויגן.

## לייזער דער קיסר

— מלכה! — האָט זיך צעהילכט זיין שטים: — קום, העלף מיר. קום גיכער!

מלכה איז שוין געווען געוווינט צו איר מאַנס אומרואיקער נאַטור און אימפּעטיקע האַנדלונגען. זי האָט אָפּגעווישט די הענט, אַראָפּגענומען דאָס וואַסער פון דער פּתיליה, אַריינגעגאָסן אין דער באַליע וועש און איז אַרויס פון שטוב.

לייזער איז געזעסן אויף די ברעטער, וואָס האָבן זיך דאָ געוואַלגערט — אַן איבערבלייבעניש פון אַ צענומענעם צריף, פון וועלכן די איינוווינער זיינע זענען שוין מיט אַ יאָר צוריק אַוועק אין אַ שיכון.

— נאַ און לייען. צו מיר, צו לייזער סאַלאַזש איז געקומען אַזאַ בריוו — אַזאַ בריוו!

מלכה האָט אים גאָרנישט געענטפערט, צופיגעלייגט די דריי פינגער פון בײדע הענט און אים געוויזן אויף שטום־לשון, אויפן מזרח־שטייגער: „געדולד" — „וואַרט" און איז צוריק אַריין אין שטוב. אָנגעטאָן די ברילן, וואָס זענען איר אַראָפּגעפאַלן ביזן שפּיץ נאָז, די גרויסע דיקע רעמלעך האָבן פאַרנומען אַ העלפט פון איר אויסגעדאַרט פנים. זי איז צוריק אַרויס אין דרויסן און זיך געזעצט לעבן לייזערן.

בײדע האָבן זיי גענומען צו הילף זייער ביסל עברי־קענטעניש, כדי זיך דורכצושפּאַרן דורך די פּעטע מאַשין־אותיות פון בריוו און דערשווימען צו אַ ברעג.

פון די ברעקלעך, וואָס לייזער האָט תופס געווען לייענענדיק דעם

בריוו, איז ער געווען מלא שמחה. ער האָט כסדר איבערגעריסן דאָס בשותפותדיקע לייענען מיט גוזמאַדיקע אויסגעשרייען:

— מיין בילד איז אים געווען טייערער ווי דאָס אייגן לעבן. כ׳האָב דיר אַלע מאָל געזאָגט, אַז לייזער איז נישט אַבי ווער. היינט בין איך טאַקע אַ קיסר! נישט סתם האָט מען מיך אַזוי גערופן צווישן די טרעגער אין שטעטל — טאַקע נישט דער שטאַרקסטער געווען צווישן זיי. אָבער אַ יושר־גדול, פלעגן זיי זאָגן, איז לייזער. ביי אים איז בעסער אַ כשרער גראָשן איידער אַ טריפהנער גילדן. איז ער טאַקע אַ קבצן אין צען פּאָלעס, פלעגן זיי זאָגן. מיך, דעם גרעסטן קבצן צווישן אַלע טרעגערס, האָבן זיי גערופן: דער קיסר. אַוווּ אַ דין־תורה איז לייזער דער קיסר געווען אַ בורר.

— זיי האָבן זי געקושט — האָט לייזער ווייטער מיט ברען געשריגן. כ׳פאַרשטיי גאָרנישט — לאָז מיך נאָכאַמאָל איבערלייענען. ווער ווֶעמען האָט געקושט?

— שוטה, האָט מלכה, ווי מיט אן עמער קאַלט וואַסער געוואָלט אָפּקילן דעם קאָכיקן שטראָם פון לייזערס רייד.

— דו — דו — דו — ביסט אַליין אַ שוטה. מיינע קינדער! אַן אשה בלייבט אַן אשה — גיי האָב צו טאָן מיט ווייבער — אַפילו אַן אייגענע.

לייזער האָט אַרויסגענומען דעם בריוו פון אירע הענט, זשמורענדיק זיינע אַזוי אויך קליינע אויגן איינגעפאַסטע אין אַ נעץ קנייטשן, געקוקט אין בריוו אַריין, כדי מלכהן איבערצוגעבן דעם אינהאַלט, וואָס משה פורמאַנסקי האָט אים געשריבן.

— דו געדענקסט דאָך, כ׳האָב דאָך דיר שוין דערציילט, אַז נאָכן טויט פון מיין ערשטער פרוי מלכהלע ע״ש, דיר אויף לענגערע יאָרן, האָב איך אָוועקגעגעבן די קינדער אין לאָמזשער קינדערהיים — צום פאַרוואַלטער משה פורמאַנסקי. כ׳האָב אים געלאָזן מיינע דריי טייערע קינדער, מיין שרה־לע, חנהלע און שלמהלע — די עלטסטע וואָלט שוין היינט געווען אַ יאָר 32.

ער האָט טיף אָפּגעזיפצט, אָבער דערמאָנענדיק די קינדער זיינע, האָט ער דאָס מאָל נישט געוויינט, נאָר ווייטער גענומען לייענען משה פורמאַנסקיס בריוו פון אילת. אילת איז געווען פאַר אים ווי פאַרהילט מיט אַ נעפּל. דער נאָמען פון דער ווייטער פרעמדער שטאָט האָט פאַר אים

געקלונגען מאָדנע — פּונקט ווי זי וואָלט געלעגן ערגעץ ווייט איבער די גרענעצן פון לאַנד.

— דו זעסט, מלכה, דו האָסט געלאַכט פון מיר און איצט — זעסטו, אַז יענע פרוי האָט נישט קיין טעות געהאַט. ריכטיק געזאָגט, אַז משה פורמאַנסקי לעבט טאַקע און מיר זיין אַדרעס געגעבן.

— שוטה, קיסר מיינער, האָט זי מיט ביטול אויסגעקרימט אירע ליפּן

— דו לאָז מיך נאָר איבערלייענען דעם בריוו אַליין, וועל איך עפּעס פון דעם פאַרשטיין.

נאָך אַ לאַנגער אַמפּערניש האָבן זיי זיך ביידע ווידער אוועקגעזעצט אויף די קלעצער, און לייזער, ווי אַ קליין יינגל, האָט האַסטיק אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ, ווי דאָס זאָל זיין די מניעה, וואָס שטערט אים פלייסיק צו לייענען, און עס אַ שליידער געטאָן ערגעץ אין אַ זייט. דאָס היטל איז געפאַלן אויף דער קופּע אַלטע פאַרזשאַווערטע קאָנסערוון־פּושקעס, וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט, צוליב וואָס זיי ליגן דאָ.

— דו זעסט, מלכה מיינע, דו האָסט זיך געבייזערט, נישט געווען צופרידן, וואָס איך גיי פון דאָרף צו דאָרף און קויף־אויף אַלטע שמאַטעס. וואָלסטו כאָטש געהאַנדלט — האָסטו געטענהט — אין שטאָט מיט אַלטע זאַכן, אויפגעקויפט גענוצט מעבל, אָדער גאָר געוואָרן אַ שומר.

— און ווו צו נעמען געלט צו קויפן די אַלטע זאַכן ווייסטו אויך מלכהלע? אָבער איך, לייזער, האָב געוווּסט, אַז עפּעס וועל איך מיט מיין גיין אויסשפּילן אויף צו להכעיס מיינע קרובים. זיי שעמען זיך מיט מיר, וואָס איך גיי איבער דער מדינה — אַ קרענק זיי אין בויך אַריין. זיי אַליין, וואָס האָבן זיי מיר געהאָלפן? דיינע נעבעך — זענען אַלע אויף יענער וועלט! מילא, איז צו זיי קיין טענות נישטאָ, אָבער צו מיינע, די חזירים — עס פּאַסט זיי נישט.

— לייזער — האָט מלכה מיט אַ שאַרפקייט אין דער שטימע געזאָגט — לאָז שוין אָפּ מיט די טענות דיינע. וואָס גבירים קאָנען שוין געבן — אַזאַ מזל אויף זיי. אָבער וואָס העלפט שוין דיר דאָס שעלטן — אַ דונער אויף זיי! פאַרגעס לייזער, וואָס עס איז געוועזן, לאָז סוף כל סוף איבערלייענען דעם בריוו ביז צום סוף.

— היינט בין איך אַ קיסר — מיין פאָטאָגראַפיע האָט ער געטראָגן מיט זיך פיר און צוואַנציק יאָר!

— אפשר וועסטו שוין פאַרמאַכן דאָס מויל, תכשיט מיינער, אַ נישט לאָז איך דיך דאָ איבער מיט דיין מציאה און גענוג.

ער האָט צונויפגעלייגט צו דריי פינגער פוןביידע הענט און איר אויף שטום־לשון אויפן מזרח־שטייגער געוויזן „געדולד", „וואַרט".

— דו ווייסט דאָך, מלכה, אַז ווען מיין ערשטע מלכה, דיר אויף לענגערע יאָר, מיין ערשטע פרוי ע״ה איז געשטאָרבן, האָב איך מיינע דריי קינדער אַוועקגעגעבן אין יתומים־הויז אין לאָמזשע. און איצט שרייבט מיר דער פאַרוואַלטער פון הויז, משה פורמאַנסקי, יאָ, ער לעבט, ער וווינט אין אילת.

— אוצר מיינער, קיסר גיעשטשאַסני, הער שוין אויף צו פלאַפלען. לאָז מיך אַליין איבערלייענען דעם בריוו — אַבי מען זאָגט, אַז ווייבער האָבן ניין מאָס רייד.

ענדלעך האָבן זיי ביידע אָנגעהויבן לייענען דעם בריוו פון דאָס ניי פאַרריכטנדיק איינער דעם צווייטן יעדעס דריטע וואָרט.

„דאָס בין איך טאַקע דער פאַרוואַלטער פון קינדער־היים, משה פורמאַנסקי, וועמען איר האָט אין סעפּטעמבער 1939 איבערגעגעבן אייערע קינדער. איך געדענק זיי גענוי: שרהלען מיט די שוואַרצע צעפּלעך, חנהלען מיט דעם קורץ־געשוירענעם געלאָקטן קעפּל און שלמהלען מיט די אומרו־איקע גרויסע בלויע אויגן פונקט ווי ביי אייך".

— דו זעסט סאַראַ שיינער איך בין געווען, אַ קראַסאַוויעץ! און דו האָסט געלאַכט פון מיר. ניין, היינט בין איך אַן אמתער קיסר.

— לאָז שוין צורו — קראַסאַוויעץ מיינער, מ׳שטיינס געזאָגט. ווען ער גיט אַ קוק אויף דיר היינט, וואָלט ער באַלד חרטה געקריגן, וואָס ער האָט אַזוי געשריבן.

לייזער האָט נישט דערווידערט מלכהן מיט קיין איין וואָרט און גענומען לייענען ווייטער:

— „כ׳האָב געוווּסט, אַז איר זענט אַוועק קיין רוסלאַנד נאָך אין 1939 און מער האָב איך וועגן אייך נישט געהערט. אייער פאָטאָגראַפיע — האָבן לייזער און מלכה סילאַביזירט — האָב איך איבערגעגעבן אייערע

קינדער. יעדעס מאָל האָבן זיי געקושט דאָס בילדל, פון בײדע זייטן פלעגן זיי דאָס קושן. שוין אין די ערשטע אומרואיקע טעג 1941, איידער דער דייטש איז אַריין, האָבן זיי מיר איבערגעגעבן דאָס בילדל אייערס און געבעטן איך עס צוריקקערן, אויב מיר וועלן זיך נאָך טרעפן אין לעבן. נאָך דער ערשטער באָמבאַרדירונג אויף לאָמזשע האָבן מיר זיך אַלע פאַרלאָרן. כ׳האָב לאַנג געוואַנדערט איבער די אַרומיקע וועלדער, מיט מיין פרוי און מיינע קינדער זיך פאַרלאָרן. די גרופּע פון קינדערהיים מיט דער לערערין ליזע, זענען ערגעץ אַנטלאָפן און ביז היינט האָב איך נישט קיין שום ידיעה פון זיי, אָבער דאָס בילד אייערס האָב איך מיט זיך געטראָגן ווי אַ הייליקייט — איבער לענדער און ימען.

— מיין בילד, דו הערסט מלכה, האָט לייזער מלא שמחה געשריגן — כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז היינט בין איך אַ קיסר? און זאָלן די קרובים מיינע „אָך און ווײ״ וויסן — און אויף דער גאַנצער וועלט זאָל מען וויסן און אין די גאַזעטן זאָל מען וועגן דעם שרייבן, אַז 24 יאָר האָט ער, משה פּור־מאַנסקי, געטראָגן אומעטום מיט זיך מיין בילד.

און אַלץ זעסטו, דאָס גיין איבער דער מדינה, דאָס קלייבן די שמאַטעס. וואָס פאַרא גליק, וואָס די באַלעבאָסטע האָט מיר דעם אַדרעס געגעבן. אַוו איך פלעג קומען, פלעג איך פרעגן: באַלעבאָסטע, פון וואַנען זענט איר? איר זענט נישט אַמאָל פון לאָמזשע? — ביז איך האָב אָנגעטראָפן אויף אַזאַ.

— כ׳בין טאַקע פון לאָמזשע — האָב איך סוף כל סוף דערהאַלטן אַן ענטפער.

— טייערינקע, ליבענקע, כ׳האָב מיינע קינדער אין לאָמזשע אין קינדער־היים געלאָזן — ביים פאַרוואַלטער משה פורמאַנסקי, אפשר ווייסט איר פון זיי עפּעס? און זי האָט דאָס מיר זיין אַדרעס געגעבן. אַ ליכטיקן מזל זאָל זי האָבן — אַ ליכטיקן גן־עדן.

— שוטה, דו האָסט זיך שוין פאַררעדט, זי לעבט דאָך נאָך!

— טאַקע, טאַקע. אַ קיסר מוז דאָך, מסתמא, אַ גאַנצן טאָג זיין שיכור — טאָ בין איך טאַקע שיכור — אָן איין טראָפּן יי״ש. אַ גליקלעך לעבן זאָל זי האָבן.

— מיין בילד, ווי אַן אוצר, ווי אַן אבן־טוב געהאַלטן — די קינדער האָבן עס געקושט, מיין שרהלע, חנהלע און שלמהלע.

— לייזער, אַ... — האָט זי געוואָלט אַרויסברענגען אַ קללה אויף אירע ליפּן, אָבער זי איז איר געבליבן שטעקן אין האַלדז. עפּעס אַ קליינינקייט איר לייזער איז טאַקע היינט אויסגעוואַקסן צו אַ קיסר — צו אים שרייבט דאָס דער פּאַרוואַלטער משה פורמאַנסקי. און די מעשה מיט דער פאָטאָגראַפיע, וואָס די קינדער האָבן געקוקט און האָט אַדורכגע־מאַכט אַזויפיל וואַנדערונגען — איז אויך נישט אַזאַ פּשוטע זאַך.

לייזער איז אויסגעוואַקסן אין מלכהלעס אויגן. אַלץ אַרום איר איז ווי נעלם געוואָרן. דאָס אָרעמע צריפל, דער הויף, דער שמוץ אַרום און זי האָט זיך דערפילט דערהויבן ווי אַ מלכה.

— קיסר מיינער, האָט זי געזאָגט, און מיט אַ וואַרעמקייט אין בליק אַ קוק געטאָן אויף אים און מיט ווייכקייט אין שטים געזאָגט צו אים: מירן לייענען ווייטער.

און זיי האָבן ביידע געלייענט דעם קורצן בריוו מיט אַ ניגון:

„און עס איז געווען אין די צייטן פון היטלער. ער איז דאָס געווען דער עמלק פון אונדזער פאָלק. און אין דעם גרויסן חורבן האָבן מיר ביידע אַלץ פאַרלאָרן. און פון יענע צייטן איז מיר נאָר אייער בילד געבליבן. קומט צו מיר און דאָס בילדל וועל איך אייך צוריקקערן".

וואָס נעענטער זיי זענען געווען מיטן לייענען דעם בריוו צו די לעצטע שורות, אַלץ קאָנצענטרירטער איז לייזער געוואָרן. ער האָט מער נישט איבערגעריסן דאָס לייענען. ביידע האָבן ממשיך געווען אין איין טאָן:

„איך בין געגליכן צו אַ קיסר, וואָס האָט פאַרלאָרן אַלץ — געבליבן אָן אַ מדינה, אַלץ איז ווי אין אַ בייזן חלום נעלם געוואָרן און איך בין געבליבן איינער אויף דער וועלט — איינזאַם. אַרום מיר אַ לעבן, איך גיי מיט מיט אים. די וווּנד אָבער היילט זיך נישט. הלוואי וואָלט דאָס נאָר אַ בייזער חלום געווען. ליידער איז דאָס אַן אמת".

ווען לייזער און מלכה זענען דערגאַנגען צו די לעצטע ווערטער פון בריוו, האָט אַן אומעט זיך פאַרצויגן, ווי אַ נעפּל אויף זייערע פּנימער.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט לייזער זיך אָפּגערופן:

— איין קיסר וועט פֿאָרן צום צווייטן קיסר.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, גענומען קוקן אין דער ווייט, ווי זיין בליק וואָלט נישט אָנגעטראָפֿן אויפֿן וועג קיין שום שטער פֿון שכנותדיקע הייזער אוןביימער. אַ פֿאַרטראַכטקייט האָט אַרומגענומען זיין געשטאַלט.

מלכה האָט פֿון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן און אַ טראַכט געטאָן, וואָס אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַמאָל קאָן מאַכן — כ׳לעבן אַזאַ האָב איך אים נאָך קיינמאָל נישט געזען. אַן אַנדער מענטש געוואָרן. אין דער הויך האָט זי צוגעגעבן: ווען איך געפֿין דאָס עפּעס פֿון אַמאָל, אַפֿילו אַ סימן פֿון מיין אַלט־מיידלערישן לעבן, וואָלט מיר אויך וואַרעמער געוואָרן אונטערן האַרצן. כ׳לעבן. ס׳דוכט זיך מיר אַמאָל, אַז איך בין פֿון אַ שטיין געוואַקסן.

לייזער אַ פֿאַרקוקטער אין דער ווייט האָט אַלץ געשוויגן.

מלכה האָט מילד איר האַנט אויף לייזערס אַקסל געלייגט און מיט וואַרעמקייט געזאָגט צו אים:

— נו, לייזער, גענוג, ווען דו וועסט די פֿאָטאָגראַפֿיע באַקומען, וועל איך פֿון איר אַ גרויס בילד מאַכן — פֿון מויל וועל איך אָפּשפּאָרן און דיין בילד וועט הענגען אויפֿן וואַנט. זאָרג נישט לייזער.

# די מאָדעלקע

זינט סיליק ראַטנער געדענקט, האָט ער די וועלט געזען אין פאַרבן. מיטן וווּקס און עלטער האָט ער אָנגעהויבן צו זען אומצאָליקע פאַרבן־ניואַנסן און שאַטירונגען, וואָס פריער האָט ער נישט געאָנט פון זיי. ער האָט געטרונקען פון דער פאַרביקער שפע און אָפט האָט אים דער, אָדער יענער קאָליר דערמאָנט אין אַ ניגון: דער טונקלער שמאַראַגד־גרין — אין טשייקאָווסקין, דער העל־גינגאָלדיקער — אין מאָצאַרטן.

ס׳פלעגן טרעפן, אַז ער איז אַרומגעגאַנגען ווי פאַרשיכורט פון דער פאַרביקער צעשפּילטקייט פון אַ פּייזאַזש, אָדער אַ געזעענעם מענטשן, וואָס האָט אים נישט געגעבן קיין רו ביז ער האָט אים נישט אַרויפגעטראָגן אויפן לײַוונט.

באַזעצט האָט זיך סיליק ראַטנער אין אַלטן, קאָלירפולן טייל פון יפו, נישט ווייט פון ים־ברעג, אין סאַמע געדיכטעניש פון מענטשן־געווירבל: אַראַבער, תימנער, נעגער, אַפגאַניסטאַנער; אויך יידן פון פוילן, בולגאַריע רומעניע. מ׳האָט דאָ גערעדט העברעאיש, אַראַביש, יידיש, שפּאַניש און נאָך אַנדערע לשונות, וואָס האָבן פאַרן נישט־פאַרשטייענדיקן אויער געקלונגען פרעמד און ווילד.

סיליק ראַטנער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער געפינט זיך ערגעץ אין אַ פּאָרט, און באַלד וועט די שיף אָפּפאָרן צוזאַמען מיט דער גאַנצער טומלדיקער מאַסע, וואָס האָט אָנגעפולט די שמאָלע געסלעך, און מיט איינמאָל וועט אַלץ אַנטשוויגן ווערן.

קיינמאָל איז אָבער אין דער געגנט נישט געווען רואיק. שטענדיק האָט געקאָכט און גערוישט. נאָך מער — יעדן דאָנערשטיק, ערב־שבת,

דאָן זענען די געסלעך געווען פול באַלייגט מיט מענטשן ביי די וועגעלעך מיט פּאָמידאָרן און גרינס, ביי די סטראַגאַנעס מיט פּרוכט, וואָס נאָכן אויסאָרטירן זיי ווי דריטראַנגיקע אויפן הויפּט ליפערונגס־מאַרק אין שטאָט, זענען זיי געקומען אַהער. דאָ האָט מען זיי געקויפט ביליקער.

אויך פיל אַראַבער מיט געפלאָכטענע קיישלעך און בלעכן אויף אייל האָבן זיך געדרייט צווישן די קויפערס, מחמת פּרייטיק פּאַלט־אויס ביי זיי דער אָפּרו־טאָג.

סיליק ראַטנערן האָט אַלץ אינטערעסירט, אַפילו דער שוואַרצער בעטלער. קיינער האָט נישט געוווסט, ווען שלאָפט דער זקן — שטייענדיק, גייענדיק צי זיצנדיק — בעטנדיק נדבות, ווייל כמעט מיט קיינעם האָט ער נישט גערעדט.

טאָג־איין, טאָג־אויס איז געווען ראַשיק, אַ חוץ די שבתים. סיליק ראַטנער האָט זיך צוגעוווינט צום טומל אַזוי, אַז ווען עס איז געווען רואיק האָט אים שוין עפּעס געפעלט. אַרום האַלבער נאַכט האָט אַ שטילקייט איינגעהילט די גאַנצע געגנט. פון צייט צו צייט האָט זיך צו ראַטנערן, אין די שלאָפלאָזע נעכט, דערטראָגן דאָס געלעכטער און געשריי פון אַ פאַרשפעטיקט פּאָרל, פון אַ שיכור, וואָס האָט זיך צעזונגען מיט זיין הייזעריקן קול, אָדער דאָס פאַרכריפּעטע שרייען פון נעגערישן בעטלער, וואָס איז געווען באַקאַנט אין דער געגנט ווי אַן אַפּיומיסט.

ראַטנער האָט זיך צוגעבונדן צו זיין געגנט, צום פּייזאַזש און צום מענטש דאָ. ער האָט אים געזען צוזאַמען מיטן ברייטן ים, וואָס האָט געעפנט אַ וויטן אויסבליק דאָרט, ווו נאָר די בענקשאַפט צום אומבאַקאַנטן ברעג, האָט אַמאָל מיט אַ וויטן בליק אויפגעכאַפּט דעם טיף־גרינלעך־בלוי אין די שטורמישע כוואַליעס. ס׳האָט געגאַגט ביים האַרצן אַ וויטיק, ער האָט געטרוימט, ווי אַ קליין יינגל, צו האָבן פליגל און דערגרייכן דאָרט ערגעץ, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז יעדעס אָרט אונטערן ים איז אַ באַשטימטער. וועגן זיך האָט ער געטראַכט, אַז ער איז אַ בנימין דער דריטער. אַ טרוימער, פּונקט ווי מענדעלע האָט אים געשילדערט.

פון זיין פענצטער האָט ער געזען אויפן בערגל אַ טורעם. אין דער צעגליטער זומערדיקער מיטאָג־צייט האָט דער טורעם שטענדיק אַרויס־

גערופן ביי אים דאָס בילד פון אַ מדבר, — ספּעציעל זיין בעזש־ראָזלעכער קאָליר. פון וואַנען אַזאַ אַסאָציאַציע? — מסתמא פון דער ליטעראַטור, האָט ער אַליין פאַרענטפערט. פאַרשטיינערט ווי אַן עדות פון אַמאָל איז געשטאַנען דער טורעם. דאָס איז געווען אַ געמיש פון אַראַבישן אַלטן בוי־שטייגער מיט מיטלאַלטערלעכן ביזאַנס. די גזימסן איבער די טירן זענען געווען באַפּוצט מיט קלאַסישע גריכישע אַראַבעסקעס.

אין אים האָט קיינער נישט געוווינט.

ער האָט אים שוין עטלעכע מאָל געמאָלן, אָבער קיינמאָל נישט פון דער נאָענט, אַלעמאָל פון דאַך פון זיין הויז, אויפן פאָן פון אַרום, דער עיקר פון ים, צו וועלכן ער האָט געהאַט אַ פאַסיע.

ער האָט זיך נישט געחידושט, וואָס פון צייט צו צייט באַזוכט דעם טורעם די פּאָליציי אין מיטן נאַכט. אויך צייטנוויַיז בייטאָג. נישט געחי־דושט, מחמת די געגנט האָט דאָרט געגרענעצט מיטן שטח הגדול.

סיליק ראַטנערן האָט אויפגעוועקט פון שלאָף דאָס סקריפּען פון די שטיגן. ער האָט דערהערט, אַז עמעצער שליסט אויף זיין טיר. אין דער ערשטער רגע, ווען ער האָט זיך אויפגעוואַכט פון שלאָף, האָט ער זיך דערשראָקן, נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז, מסתמא, די אַלטע מרים, וואָס קומט צו אים יעדן צווייטן טאָג מאַכן ספּאָנדזשע, ווען ער איז נישטאָ. היינט איז טאַקע זונטיק.

אַריינקומענדיק אין צימער און זעענדיק ראַטנערן אין בעט האָט זיך מרים תיכף געוואָלט צוריקציען, נאָר ווען זי האָט דערזען דאָס פריינטלעכע פּנים פון באַלעבאָס איז זי געבליבן שטיין אין מיטן צימער.

— מרים, טייערע, גאָט אַליין האָט אייך אַראָפּגעשיקט צו מיר. שוין צוויי טעג ווי איך בין נישט אַרויס פון שטוב. שרעקט זיך נישט — אַ ביסל פאַרקילט. און דאָ איז מיר אויסגעגאַנגען סיי דאָס עסן, סיי די רפואות.

— אין מיטן אַזאַ ברענענדיקן זומער פאַרקילט?

— אַ גרויסע זאַך, מרים, — דווקא זומער איז ביי אונדז אין לאַנד די צייט פון פאַרקילונג.

— טאָ וואָס איז שוין ווינטער? נאָר צו וואָס איצט דערמאָנען, אַז מען

קאָן קרענקען אין ווינטער, האָט זי פּאַרלייגט די הענט אויף איר ברוסט, ווי מען זאָגט אין עברית „אל תפתח פה לשטן" און — געוואָרט.

— איך האָב געכאַפּט פון אייזקאַסטן אַ קאַלטן טרונק און פּאַרטיק — ס'האָט מיך אָוועקגעלייגט. איז חביבתי, קודם ברענגט עסן, צווייטנס נעמט דאָס צעטעלע און ברענגט די רפואות. זיי ליגן נאָך ביי מיר פון יענעם מאָל.

— אין קופּת־חולים, אדון סיליק, וועל איך באַלד צולויפן און שפּעטער — אין געוועלבל.

דעם נאָמען זיינעם, סיליק, פלעגט זי אַרויסזאָגן ווי דאָס ענגלישע וואָרט: סילק — זיידנס. פאַר מרימען, די כמעט זיבעציק - יאָריקע רוימערין, וואָס האָט אירע אויסגעפּראַצעוועטע הענט נישט געזשאַלעוועט, כאָטש זיי האָבן אַרויסגעוויזן שטאַרקע סימנים פון דעפאָרמאַציע און פון עלטער און וואָס איז געקומען כדי מפרנס צו זיין איר אכציק־יאָריקן מאַן פון איר שווערער אַרבעט, איז סיליק געווען אַ זיידענער מענטש. קענענדיק אַזויפיל אַרבעטס־ערטער און די באַציאונג צו אַ ספּאַנדזשערקע, האָט זי זיך ביי אים געפילט מעשה באַלעבאַסטע. זי טראַכט ווי אַזוי איז דאָס, אַז אַ נאָמען פּאַסט זיך צו אַ מענטשן אַזוי גוט. אָט, למשל, איר מאַן. זינט זי געדענקט אים, טרינקט ער אַראַק. און ער טרינקט אַזויפיל, ביז ער ווערט שיכור ווי נח. און ער הייסט טאַקע נח. און אָט אדון סילק — אַ פיינער מענטש. אירע געדאַנקען האָט איבערגעריסן סיליק ראַטנער.

— אָבער, מרים, סבתאתי היקרה, כ'האָב נאָך אַ גרויסע ביטע. אָט האָט איר אַן אָנגעגרייט צעטעלע מיט אַ טעלעפאָן־נומער צו מיינעם אַ פריינד. איר וועט באַצאָלן און בעטן דאָרט אין דער גרויסער קראָם, וואָס אין עק פון דער זעקסהונדערטער גאַס, אַז זיי זאָלן איבערלייענען און אָנקלינגען. דאָס אַלץ.

מרים האָט אַ שמייכל געטאָן און ווי שטענדיק אָנגעהויבן פון דעם אַלטן פּזמון אירן:

— אַזאַ מענטש ווי איר, אדון סילק, וואָלט געדאַרפט חתונה האָבן. איר זענט נאָך נישט אַזוי אַלט. אַ קאָפּ מיט האָר ווי פעך! אמת, ביי די זייטן שוין אַ ביסל גרוילעך, אָבער לויטן יידישן דין איז אסור, מען טאָר נישט.

אָט נעמט, דאָ נישט ווייט, איז ביי מנחמען געשטאָרבן דאָס ווייב. אַ זקן פון פינף און זיבעציק יאָר. ער האָט גלייך חתונה געהאַט. דער פון איראַק — איר קאָנט אים נישט? אויך ביי אונדז תימנער פירט מען זיך אַנדערש ווי ביי אייך, אשכנזים.

— אוי, מרים, מרים, ס'וועט נאָך אַלץ קומען. ס'וואַרט שוין פאַר מיר אַ כלה, — האָט ער זיך געחכמהט און קיינמאָל איר נישט מגלה־סוד געווען, אַז ער איז אַ געגטער.

— אדון סילק — אָט די מיידלעך, וואָס קומען צו אייך, מיט האָר אין דער הויך, ווי אַ הויב, נישט די... דאָס איז נישט פאַר אייך און... די קאָנען נישט קאָכן, נישט עסן, נישט וואַשן, נישט...

נאָר דאָ האָט איר ראַטנער איידל דערמאָנט, אַז ער האָט שוין פון נעכטן מיטאָג כמעט נישט געגעסן און אויף די רפואות וואַרט ער אויך. נאָר כדי זי נישט מצער צו זיין, האָט ער זי געהייסן צוגיין צום ווינקל וווּ עס זענען געשטאַנען בילדער אומגעקערטע מיטן פנים צו דער וואַנט און זי זאָל אַ קוק טאָן אויף זיי, ווייל אין דעם ווינקל האָט ראַטנער שטענדיק אַליין געמאַכט ריין. דאָ האָט איר שליטה נישט געגרייכט.

זי האָט דערזען מיידלעך אויפן פאָן פון ים, אין ישראלדיקע קליידער, אין תימנישן טראַכט, אין בולגאַרישן, אין אַנדערע, אין פאַרשידענע פּאָזעס. זי האָט אָפּגעזיפצט און דאַן האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי האָט דאָס מאָל, נישט ווי איר טבע איז, געזאָגט צופיל. איבערגעבונדן דאָס טיכל אויפן קאָפּ און אָן אַ וואָרט אַרויס.

*

שימעק ראָלניק איז געקומען פּינקטלעך ווי סיליק האָט געבעטן. זיי האָבן צוזאַמען שוין געגעסן מיטאָג. די לעצטע צייט איז סיליק ראַטנער געווען זייער שעפעריש און ער האָט געהאַט די באַדערפעניש פאַר עמעצן זיך צו באַווייזן. נאָך זיין אָנטייל אין דער קאָלעקטיווער אויסשטעלונג, איז די קריטיק אַרויס זייער שאַרף קעגן אים, אַז ער רעכנט זיך נישט מיט קיין כללים, אַז ער האָט אַזאַ קאָנטראַסטן־צוקלייב פון פאַרבן, וואָס מאַכט

שווער פאַרן צושויער צו פאַרדייען דאָס בילד. דאָס האָט אים נישט פאַרשאַפן קיין שווערע שטימונג. ער האָט געוווּסט, אַז די טענדענציעזע קריטיק איז געווענדעט נישט קעגן זיין פאַרבן־צוקלייב, וואָס איז קאָנטראַסטפול — ווי די סתירות אין לעבן, נאָר דאָס איז די טעמע פון זיי. די פאַרלאָזטע איינזאַמע טיפן פון דער אומגעגנט פון אַלע פאַרבן פון הויט, אויפן פאָן פון ליכטיקן ים, וואָס וועקט צו די נייע ווייטן — צו עפּעס אַנדערש.

טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אָפּגעשוואַכט, האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פריינד:

— איז וואָס זאָגסטו, שימעק, אויף דער יונגער בעטלערין, וואָס שטייט טאָג־טעגלעך אויף דער הויפּט־סטאַציע? אויף דעם רויט־ברוינעם גליענדיקן זאַמד, אויף וועלכן זי שטייט אויפן דריטן בילד? און נישט וואַרטנדיק אויף שימעקס ענטפער, האָט ער אַליין גערעדט מיט פאַרליבטקייט:

— דער ערשטער — בעטלענדיק, דער צווייטער אין שטוב, דאָ נישט ווייט, אין מאַמעס הייזל ביים ברעג ים, און דאָס דריטע — איר בליק אין דער ווייטקייט פון ים, אין דער צוקונפט. און ס׳שטערן גאָרנישט אירע פאַראַליזירטע פינגער פון דער רעכטער האַנט.

שימעק האָט אויסמיידנדיק אַן ענטפער, געזאָגט:

— מען האָט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם, אַז די קונסט דאַרף אָפּשפּיגלען דאָס לעבן, צו קאָמפּליצירט איז עס.

— וואָס זאָגסטו, — האָט סיליק זיך געגומען היצן: שימעק, דו האָסט שוין אַזויפיל דורכגעמאַכט. צייט אַ ביסל רואיקער אַ טראַכט צו טאָן אין דער טיף.

שימעק ראַלניק בטבע אַ שווייגנדיקער האָט דאָס מאָל אויך נישט געענטפערט.

— אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט אויך, דאָ ביי אונדז, זעען מיר אַ קריזיס אין דער פּאָליטיק, אין דער עקאָנאָמיק, און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער קונסט. דאָס אַנטלויפן פון דערווירקלעכקייט — דאָס

איז דאָס. דו ביסט טאַקע אַ דיכטער, וואָס האָט קיינמאָל ביז איצט נישט געהאַט קיין צייט צו לעבן מיטן אָטעם פון אַרום.

— יאָ, סיליק, דער שעפערישער פּראָצעס איז נישט אַזאַ פּשוטער, ווי דו מיינסט. ער פאַרמאָגט אַ סך עלעמענטן: די אינערלעכע אָנרעגונג, די זעאונג, די קאָנצענטראַציע פון קינסטלער אינעם פּראָצעס פון זיין שאַפן.

— אמת. דאָס אַלץ איז ריכטיק, שימעק, אָבער איינזייטיק. דער כוח פון קונסט איז אין לעבנס־אמת, אין דער באַשטימטקייט פון כאַראַקטער, אין דער פּסיכאָלאָגישער פּינקטלעכקייט פון באַשרייבן, אָדער מאָלן דעם מענטש, אָדער אנדערע קעגנשטאנדן און אָביעקטן. נישט פאָטאָגראַפיע, נאָר אַ געזעענע דורכן קינסטלער וועלט. יאָ מיין ליבער שימעק, נישט אַלץ אין לעבן איז אין אַ פאַרטיקער פאָרם. אַלץ איז אין באַוועגונג און אנטוויקלונג, מען טאָר די וועלט נישט זען נאָר דורכן סוביעקטיוון שפּיגל, וואָס איז אויך אַ רעאַליטעט, אָבער דאָס איז נאָר איין זייט פון דער מטבע. אָט, נעם, שימעק, אַ סקיצע פון אַ ליד, צי פון אַ בילד. בשעת דו באַאַרבעטסט אים, ביסטו אין אַן אַנדער שטימונג, ווי דו האָסט סקיצירט, הגם די טענדענץ פון דער זאַך בלייבט די זעלבע. דורך דער פאַרטיפטקייט פון איבערלעבונגען קומט די פאַרטיפטקייט פון דעם געשאַפענעם.

— דער קינסטלער דאַרף זיין פריי פון אויסערלעכע גורמים, — האָט שימעק עקשנותדיק זיך געהאַלטן ביי זיין טעזע.

— יאָ, דער קינסטלער אין דער בורזשואזער וועלט איז פריי פון אויסערלעכע באַדינגונגען צו זוכן זיך ברויט און אַרבעט און נישט לעבן פון זיין שעפערישער מי. נישט זייענדיק אינגאַנצן זיכער אין זיין אייגענער שטעלונג.

— און דו, סיליק? האָט שימעק שטיל ווי אין אַ זייט אַ פרעג געטאָן.

— דאַרף מען דאָך, שימעק, זיך מאַטערן אַזויפיל יאָרן ביז מען דערוועבט זיך אַ נאָמען אויפן חשבון פון געזונט און אָפּזאָגן זיך פון אַלעמען. יאָ, כמעט פון אַלעם.

— ווייל מען איז נאָך נישט דערוואַקסן צו פאַרשטיין דאָס נייע, דאָס מאָדערנע, דווקא דאָס אַקטועלע אין דער קונסט. און צווייטנס: וואָס

ביי דיר הייסט ניי, הייסט ביי אונדז אַלט. אַלעמאָל האָט מען אַנטפּלעקט אין דער קונסט די קעגנוואַרט, סיליק.

— נישט אַלעמאָל. יעדע תקופה טראָגט אַריין איר אינהאַלט. די האָלענדישע קונסט האָט געוויזן די פישערס ביי דער אַנשטרענגונג; ברעגעל האָט געוויזן, ווי אַזוי אַמאָל האָט דאָס פאָלק געפרייט זיך, אָבער היינט דאַרף מען פון יעדער זאַך אַרויסהויבן דעם נייעם ריטעם פון לעבן: דאָס מענטשלעכע, דאָס הומאַניטאַרע, כדי צו שטאַרקן דעם גלויבן קעגן די, וואָס ווילן אַרויסרופן דעפּרעסיע, וואָס דער אַבסטראַקציאָניזם רופט אַרויס ביים מענטשן.

— דאָס ערשטע געפיל — וואָס ס׳רופט אַרויס ביי מיר, אַז עפּעס פאַרשטיי איך נישט. מסתמא בין איך נישט דערוואַקסן צום כאַאָס פון ווערטער, קלאַנגען, פאַרבן, וואָס רעדן צו מיר נישט מיט זיין עסטעטיק און נישט מיט זיין האַרמאָניע. די אַלע צירק־קונצן, דאָס זענען נישט קיין נייעסן. אין יעדער תקופה פון דעקאַדענץ קומט קאַפּויער דער פאָרמאַליזם — נישט בלויז אין דער פּלאַסטישער נאָר אין יעדער מין קונסט.

סיליק ראַטנער האָט זיך צעקאָכט:

— נאָר אין אויפדעקן דאָס לעבן מיטן אויסבליק אויף דער צוקונפט, קאָן הויבן די קונסט און געבן איר די שעפערישע קוואַלן, ווייל דער כוח פון פאָלק ליגט אין כוח פון זיין גלויבן; דאָס פאָלק דאַרף דווקא שטענדיק אויס די בענקשאַפט צו שיינקייט און גוטסקייט.

סיליק ראַטנער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז קראַנק. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און זיך געהיצט: דאָס אויפדעקן די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער געזעלשאַפט — דאָס איז די גרויסע פונקציע פון דער קונסט.

— היינטיקע צייטן ווערט דאָס אַקטועלע גיך געשיכטע — האָט שימעק פּרובירט זיך ווערן. דאָס סטאַבילע איז די אינערלעכקייט פון מענטשן.

ער האָט בשעת מעשה געווישט זיינע ברילן מיט אַזאַ אייפער, ווי אין דעם וואָלט געלעגן דער גאַנצער פּראָבלעם. ער האָט זיי פאַרזיכטיק אָנגעטאָן און זיינע פינקלדיקע ברוינע, קליינע אויגן, האָבן אונטער די

גראָבע אויגנגלעזער אויסגעזען נאָך קלענער. ער האָט געקוקט אויף זיין פריינד. סיליק האָט געשמייכלט. זיין שמייכל האָט זיך נישט געענדערט. דער אייביקער ענטוזיאַסט און גלויביקער. זינט אַזויפיל יאָרן ווי זיי זענען מיט זיך פאַרבונדן — וויפל? שימעק איז געווען פויל צו רעכענען. אַריבער דרייסיק אויף זיכער. אַ מאָדנעם רייץ האָט דער סיליק ראַטנער, — טראַכט שימעק ראַלניק קוקנדיק אויף אים פון דער זייט. יעדערן האָט ער צוגעצויגן מיט דער ליבלעכקייט זיינער, דערפאַר איז ער אָבער אַליין זייער פילבאַר אויף יעדן וואַרעמען אָפּרוף.

— וואָס עפּעס, סיליק, ביסטו אַזוי פאַרלאָזן פון אַלע? וואָס קומען שוין צו דיר קיין פריינד און פריינדינס נישט.

סיליק ראַטנער האָט ליב געהאַט קליינע קינדער און פּרויען. פּרויען, פלעגט ער זאָגן, זענען דאָך ווי קליינע קינדער. קאַפּריזנע ווי די קינדער, ווי ס׳פאַלט זיי איין...

— אָבער ביז וועלכן עלטער? — איז אים שימעק אַריינגעפאַלן אין די רייד.

שימעק ראַלניק האָט אָנגעצונדן אַ פּאַפּיראָס, געגומען שטאַרק קוקן דורכן פענצטער נישט וועלנדיק ווייטער פירן דעם שמועס וועגן קונסט. ער איז נישט געווען אָנגערעגט צו אַ לאַנגער דיסקוסיע, ווי שטענדיק ווען מען דערפילט שוואַכע פונקטן אין דער אייגענער אַרגומענטאַציע.

סיליק ראַטנער האָט אָבער דאָס מאָל געהאַט עפּעס מגלה צו זיין פאַר זיין אַלטן חבר און פריינד, נאָך פון פּוילן, וואָס נאָכן היטלער־בראַנד האָבן זיי זיך צונויפגעטראָפן נאָך אַן איבעררייס פון פופצן יאָר. ער האָט גענומען איינע פון די לעצטע בילדער זיינע און האָט אים געפרעגט:

— ווי געפעלט דיר דאָס מיידל אין ישראלדיקן טאַנץ?

— ס׳בילד איז נישט שלעכט. — בלאָ און רויט דאָמינירן דאָ — ווידער קאָנטראַסטן, — און דאָ, אין תימנער טראַכט? אין ברוינעם גרין־געלן טאָן?

— נישט וועגן פאַרבן פרעג איך, נאַר, דו אַלטער, — דאָס מיידל!

— דאָס מיידל? — האָט שימעק אַ פאַרוואונדערטער געפרעגט. דאָס מיידל אויפן בילד ווילסטו פרעגן? אויפן בילד אינטערעסאַנט: ריזיקע

אויגן — דער האַלדז שלאַנק און ווייטער — האָסטו איינגעהילט אין דעם ברייטן קלייד, נאָר די סטאָפּעס זעט מען. ווער ווייס ווי עס זעט אויס די מאָדעלקע? — האָט שימעק ראָלניק ווייטער געצויגן זיינע רייד אָנשטויסנדיק זיך, וואָס סיליק מיינט.

— יאָ, שימעק, דאָס מיידל מיין איך. מיט איר וועל איך, מסתמא, חתונה האָבן.

— האָסט איר זיך דערקלערט אין ליבע? און וואָס האָט זי געזאָגט?

— דערווייל האָב איך נאָך גאָרנישט גערעדט. כ'האָב געוואָלט פון איר מאכן אַן אַקט, אָבער כ'האָב נישט געוואָגט. אַזאַ צניעותדיקן אויסזען האָט זי. צו פרי. ביז זי וועט זיך צוגעוווינען צו מיר און צום פּאָזירן בכלל. נישט לאַנג זי „דערפינדן" אין אויטאָבוס. זי האָט זיך געוואַקלט, אָבער דאָך מסכים געווען צו פּאָזירן. כ'וועל נאָך אַ ביסל צוװאַרטן. סבלנות.

— ביסט געוואָרן אַ פּורש אויף דער עלטער?

ראַפּטעם האָט זיך דערהערט אַ רעש אויף דער גאַס. זיי זענעןביידע צו צום פענצטער און דערזען ווי פון טורעם האָט די פּאָליציי אַרויסגעפירט צוויי בחורים און צוויי מיידלעך. צווישן זיי איז געווען די צניעותדיקע מאָדעלקע.

# איבערגעבעטן זיך

עזרא האָט געזוכט אַן אָרט, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן פון דער חמימה. ער האָט געזוכט אַ שאָטן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דעם שטיינערנעם בערגל, וואָס האָט געפירט צום הויפּט־כביש. דאָ איז געוואַקסן אַן איינציקער ציטרוס־בוים, וואָס איז געווען אַן אויסנאַם אין דער פּאַנאָראַמע.

די מיטאָג־זון האָט מיט איר גאַנצן כוח אים אַרומגענומען, מיד געמאַכט און די אויגן־דעקלעך זענען אים געוואָרן שווער. ס'האָט זיך אויף זיי געשאָטן אַ דינינקער זאַמד, וואָס האָט געברענט און געביסן. עזרא האָט נישט געקאָנט גובר זיין די שלעפעריקייט, ער איז איינגעשלאָפן. דער גרויסער הוט האָט זיך אים אַראָפּגערוקט און פאַרדעקט זיין פּנים, און די דאַרע ברוסט פאַר דער זון.

אין דער חמימה פון דער מיטאָגדיקער זון איז דאָ געווען פּוסט, ווי אינמיטן דער נאַכט. בלויז די אַראַבערינס, וועלכע האָבן געטראָגן אויף זייערע קעפּ די קוישן מיט די רעשטלעך נישט־פאַרקויפטע גרינס אויפן מאַרק, האָבן אויף אַ רגע געשטערט די רו. זיי האָבן זיך געאײַלט מיט עפּעס אַ געפיל פון שולד, וואָס אין אַזאַ צייט געפינען זיי זיך אויסער דער שטוב, און זיי זענען אײַליק נעלם געוואָרן.

נאָר דאָס אייזעלע איז פויל געקראָכן אויפן בערגל, זוכנדיק אַ ביסל אויסגעטריקנט גראָז און געוויינט אין דער ליבע־בענקעניש נאָך דער אייזעליכע. יעדעס מאָל האָט ער פון זיך ארויסגעלאָזט אַ שרעקעוודיקן לאַנגגן או־אַ־או־אַ.

פלוצלינג האָט די שטילקייט איבערגעריסן אַן אָפּקלאַנג פון טריט.

וואָס נענטער זיי זענען געוואָרן האָט זיך אויך אַלץ דייטלעכער געהערט אַ פריילעך פלוידעריי פון אַ קינד.

— מאַמע, ווי לאַנג האָב איך נישט געזען סאַלאַכן?

— שוין דעם דריטן חודש, מיין זון, זיי מוטיק, טופיק. האַלט זיך מאָרגן מוטיק.

— כ׳וועל אים מאָרגן זען, מיין טאַטן, — האָט זיך טופיק געפרייט.

די באַקאַנטע קינדערישע שטימע האָט אַרויסגעריסן עזראן פון זיין טיפן שלאָף. ער האָט געעפנט די אויגן. דאָס בילד, וואָס ער האָט דערזען, האָט זיך אים אויסגעוויזן באַקאַנט. ווו האָט ער די פרוי געזען? די פרוי מיט דער קרוין פון העל־בלאָנדע צעפּ אַרום דעם קאָפּ האָט אים אויסגעזען מאָדנע מיטן קינד אויף דער האַנט. ס׳האָט נאָר געדויערט אַ סעקונדע און ער איז גיך געקומען צו זיך און מיט פרייד איז ער אויפגעשטאַנען, כדי צו זיין נענטער צו די דריי.

— שלום, עדנה, ווו גייסטו אין אַזאַ צייט און מיט די קינדער?

— צו מיין שוועסטער.

— איצט איז נישט קיין צייט אויף רייזעס!

— כ׳מוז נאָך היינט באַווייזן אין שטאָט אַריין, צו דער שוועסטער, און מאָרגן וויל איך באַזוכן סאַלאַכן אין תפיסה. דאָרט לאָזט מען אַריין נאָר באַלד אין דער פרי. גלייך פון נצרת וואָלט איך נישט באַוויזן מיט די קינדער.

— וואָס הייסט צו דער שוועסטער?

— יאָ, עזרא. נאָך דעם, וואָס ס׳איז לעצטנס געשען, האָב איך באַקומען פון איר אַ בריוו — נאָך זעקס יאָר שווייגן.

— וואַרט אונטער. כ׳וועל איינשפּאַנען דאָס אייזעלע און וועל אייך אַ ביסל צופירן.

עזרא האָט איינגעשפּאַנט דאָס אייזעלע צום וועגעלע, צונויפגערוקט די קעסטלעך מיט די פוסטע פלעשער און איינגעמאָשטשעט זיינע פּאַסאַ־זשירן.

# אין אונדזערע טעג

*

ווען עדנה איז מיטן קינד אויפן האַנט שטיין־געבליבן אויף דער שוועל פון דער שוועסטערס דירה, זענען זיי זיך ביידע געפאַלן אין די אָרעמס און זיך באַגריסט, ווי זיי וואָלטן זיך אָט דאָ נישט לאַנג געזעגנט. אַ ווײַלע זענען זיי שטום געווען, און איינע האָט דער אַנדערער געדריקט צום האַרצן.

מצד רחלען איז נישט געקומען קיין איין וואָרט פון פאָרוואורף, זי האָט נישט דערמאָנט דער מאַמעס טויט, וועלכע האָט נישט איבערגעהאַלטן עדנהס פאַרלאָזן די שטוב.

פאַר די קינדער איז אַלץ געווען פון פאָרויס צוגעגרייט. רחל האָט זיי אָנגעקאָרמעט און געלייגט זיי שלאָפן. צו דער קליינער שרהלע האָט זי זיך אַ ביסל לענגער צוגעקוקט, ווייל זי האָט איר זייער דערמאָנט די מוטער.

ווען די קינדער זענען איינגעשלאָפן, זענען זיי ביידע אַריין אין צימער פון די עלטערן. דאָס צימער איז געבליבן נישט געענדערט, פונקט ווי אַמאָל. דער זעלבער קאָמאָד, די זעלבע לייכטער אויף אים, די זעלבע גלעזערנע שאַפע פון קאַרשן־האָלץ מיט די הייליקע ספרים.

ביידע שוועסטער האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס איינע האָט דער אַנדערער דערציילט. ווערטער, וואָס האָבן יאָרנלאַנג געשטיקט אין האַלדז. און פונקט ווי מען פאַרשטעלט אַ שטראָמיק וואַסער מיט אַ דאַמבע, אָבער סוף־סוף איז דער כוח פון קוואַליקן שטראָם גובר די שטערונג און רייסט זיך אַרויס אויף דער אויבערפלאַך — אַזוי אויך איצט האָבן זיך פון זיי געריסן הייסע ווערטער אין אייליקן געלויף צו באַווייזן אַרויסצו־ברענגען וואָס מער.

רחל האָט כסדר איבערגעריסן דעם גאַנג פון שמועס מיט אַלץ נייע אויסברוכן פון געפילן, וואָס האָבן זיך אַריבערגעגאָסן איבער די ברעגעס פון זייער געוויינלעכן גאַנג.

לאַנג אין דער נאַכט אַרייַן זענען די שוועסטער געזעסן און געצויגן דעם קראַנץ פון זכרונות: ליידן, וויטאָג, פרייד און אומעט.

צום אָפּטסטן האָט מען געהערט די שטים פון רחלען, וועלכע האָט מער פאַר זיך ווי פאַר עדנהן אויפגעקלערט פאַרשידענע זאַכן, וואָס זענען נישט געווען קיין ריכטיקע און זיך פאַרטיידיקט פאַר איר.

— הער, עדנה, צום סוף האָב איך דיך פאַרשטאַנען. ס׳קען זיין, אַז איך אויף דיין אָרט וואָלט געהאַנדלט פּונקט ווי דו. דאָן אָבער בין איך נישט געווען פעיק דאָס צו פאַרשטיין און אַנטקעגנשטעלן זיך די פאָראורטיילן און שנאה, וואָס האָט זיך געלייגט צווישן די צוויי פעלקער.

— ווי גיסטו זיך אַליין אַן עצה מיט די קינדער, עדנה?

— איך בין נישט אַליין. טופיק העלפט מיר. דאָס איז מיין רעכטע האַנט. נישט בלויז ער לויפט איינקויפן אין געוועלבל. אַפילו ווען מען האָט פּאָגראָמירט דעם פּאַרטיי־לאָקאַל איז ער געווען מיין פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט. חברים העלפן אויך צו ביסלעך. — זי האָט דערציילט וועגן גאַנץ פּשוטע, טאָג־טעגלעכע זאַכן, וואָס האָבן אָבער באַקומען, אין שיין פון אידעען פון יושר און גערעכטיקייט, אַן אַנדערן זין, אַן אַנדערן גלאַנץ. מיט זייער כוח דערהייבן זיי. ווייל וואָס איז דאָס אייגנטלעך: ברויט, אַרבעט, שלום, גלייכהייט פון בירגער און פעלקער, גאַנץ פּשוטע זאַכן! — ווען זיי באַקומען דעם לבוש פון אידעע, באַפליגלען זיי, דערהייבן דעם מענטש.

רחל האָט נישט געקענט אָפּרייסן דעם בליק פון דעם בלוי פון עדנהס אויגן, וועלכע האָבן אַפילו אין דער נאַכט געלויכטן מיט אַן אינערלעכן שיין, פון וועלכן עס איז געוואָרן וואַרעם אויף דער נשמה. ווי עמעץ וואָלט זי פּלוצלינג אַרויסגעריסן פון איר געוויינלעכער סביבה, האָט זי מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געהערט דאָס פּליסיקע דערציילן פון דער שוועסטער וועגן גאָר אַן אַנדער לעבן ווי אירס.

נישט קוקנדיק, וואָס אויף מאָרגן אין דער פרי האָט זי געמוזט זיין אין ביורא, האָט זי נישט געוואָלט מוותר זיין קיין איין מינוט צו געפינען זיך לענגער מיט דער שוועסטער.

— וויסט, עדנה — האָט זי געזאָגט צו איר נאָך אַ לאַנגן שווייגן — דו ביסט געגליכן צו אַן אמתער צברה, צו אַ קאַקטוס. ס׳זענען פאַראַן

טויזנטער סאָרטן. דו ביסט טאַקע דער מין אָן שטעכערס, דו ביסט איינע פון זיי. די קאַקטוסן, זיי זענען געדולדיקע, אין אַלע באַדינגונגען וואַרטן זיי אויס און געניסן פון יעדן זון־שטראַל. זיי געניסן פון דער פינצטער, פון דער ליכט, פון יעדן אָטעם.

— ס׳איז שפּעט, שוועסטער — האָט געזאָגט עדנה.

— יאָ, שפּעט. וואַרט, עדנה, נאָך אַ רגע. זעסט, כ׳האָב נאָכגעפּאָלגט נאָך דיין לעבן. קוק, וואָס כ׳האָב צוגעגרייט פאַר טופיקן. ער ווערט דאָך מאָרגן פינף יאָר, ריכטיק?

רחל האָט אויפגעוויקלט אַ פּעקל און אַרויסגענומען פון אים אַ שניי־ווייס־בלאַנקנדיקן יינגל־קאָסטיום מיט אַ בלויען מאַרינער־קראַגן.

עדנה, דערזעענדיק די צוגעגרייטע מתנה, האָט אַרומגעכאַפּט די שוועסטער און זי שטאַרק געקושט און פון איבערלעבונג זיך צעוויינט.

*

ווען אויף מאָרגן איז עדנה מיט שרהלען אויף דער האַנט און טופיקן ביי דער זייט, באַלאָדן מיט אַ שווערן קוישל, שטיין־געבליבן ביי די טויערן פון דער תפיסה, האָט זי זיך דערוווּסט, אַז סאַלאַכן וועט זי נישט זען. גאָר פרי, פאַרטאָג, האָט מען אים אַוועקגעפירט נאָך אַ מאָל צו דער אויספאָר־שונג.

— מאַמע, כ׳וועל פון דאַנען נישט גיין. כ׳וועל וואַרטן אויף סאַלאַכן — האָט זיך איינגעשפּאַרט טופיק.

טופיק האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, האַלטנדיק אין זיין קינדעריי־שער פויסט פאַרקוועטשטע רויטע נעלקן.

# א באגעגעניש

די טאַקסי טראָגט זיך לייכט איבער די טומלדיקע תל־אביבער גאַסן. ליובע האָט אויסגעצויגן די פיס און פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס.

איר קורץ־געשוירענער גינגאָלדענער קאָפּ האָט זיך שאַרף אָפּגעטיילט פון גרינעם סוועדער און איר אַלאַבאַסטער־האַלדז האָט אים ווי אַ ווייסע סטענגע אַרומגענומען. הינטער דער שטאָט איז די טאַקסי געפאָרן מיט אַ שנעלקייט, וואָס האָט אוממעגלעך געמאַכט נאָכצוקומען מיטן אויג די פאַרביילויפנדיקע פעלדער, בערג, פּרדסים און ישובים.

זי פאַרמאַכט די אויגן און לאָזט זיך פאַרגעסן, אַז זי פאָרט מיט סאָפין, זוזין און בעטין. זייערע פּרעכע רייד און דאָס הילכיקע לאַכן מאַכן זי מיד. ווי מאָדנע צופעליק זעט איר אויס די נעכטיקע באַגעגעניש מיטן מאַטראָס. ס׳האָט פּלוצלינג אַ ווייע געטאָן פון אים מיט שטעטלשער היימישקייט. ווי נאָענט איז איר געווען זיין וואָלינער יידיש, ווי שטוביק־וואַרעם האָט אין זיין מויל געקלונגען איר נאָמען.

זיי האָבן ביידע געפּלוידערט, דערמאָנענדיק זיך, ווי שטענדיק, אין אָנבליק פון אַזעלכע באַגעגענישן, דווקא אין צופעליקע קלייניקייטן און איינצלהייטן, וואָס שווימען־אַרויף אין זכרון. יאָרן זענען זיי געווען פאַרשטומט און פאַרמאַכט אונטער זיבן שלעסער פון פאַרגעסנקייט.

— געדענקסט דאָס טייכל, ליובע? מיין ברודער פלעגט מיך קיינמאָל נישט וועלן מיטנעמען. כ׳פלעג אים שטענדיק נאָכלויפן. כ׳פלעג זיך באַהאַלטן, אַז די מאַמע זאָל נישט זען.

— געדענקסט דאָס בערגל? — שבת פלעגן מיר דאָרט שטיפן אַ גאַנצן טאָג. מען האָט אונדז נישט געקענט אַהיימטרייבן.

נאָענט און צאַרט איז ער געווען צו איר. ווי אַ שטראָם קוואַליק וואַסער האָט אויף איר אַ גאָס־געטאָן פון דער קינדערישער דערינערונג.

פלוצלינג האָט זי דערפילט אַ שנעל איבערן נאָז, און דאָס געלעכטער פון די מיידלעך האָט זי געצוווּנגען צו עפענען די אויגן. זי האָט עפּעס אַ ברום־געטאָן און באַלד ווידער פאַרזונקען אין אירע געדאַנקען.

ער האָט נעכטן געבראַכט מיט זיך דעם ריח פון פרישן ברויט, פון דעם זעלביקן ברויט, וואָס איר מאַמע פלעגט ברענגען יעדן פאַרטאָג פון יאָסל דעם בעקער נאָך איידער די שכנים האָבן באַוויזן אויפצושטיין.

האַסטיק האָט זיך די טאַקסי אָפּגעשטעלט און צוויי פּאַסאַזשירן זענען אַריינגעשטיגן. דאָס האָט זי ווידער געצוווּנגען צו עפענען די אויגן.

זי האָט זיך ווי צוזאַמענגעצויגן, וועלנדיק פאַרנעמען וואָס ווייניקער אָרט, און זיך אַריינגערוקט אין אַ ווינקל.

אָט האָט זי זיך איצט דערזען — אַ קליין מיידעלע מיט אַ פאַרפּלאָכטן צעפּל פון הינטן, וואָס איז געווען אַזוי שטייף, אַז עס פלעגט שטענדיק אָפּשטיין. די מאַמע פלעגט זיך קוים אַן עצה געבן מיט אירע געדיכטע האָר.

זי געדענקט גוט ווי דעם לעצטן מאָל האָט די מאַמע איינגעבונדן די רויטע סטענגע אין איר צעפּל, וואָס זי פלעגט דאָס טאָן נאָר שבת, און דאַן האָט זי זי אָוועקגעפירט צו די טאַמטשאַקס אין דאָרף אַריין. זי האָט זיך שנעל צוגעוויינט צו זיי. נישט ווילנדיק, אומגעריכט, שווימט אַרויס אין זכרון דער מגושמדיקער לעמקע, דער איינציקער זשאַנדאַרם אין דער געגנט.

זי איז נאָר־וואָס אַרויסגעגאַנגען פון וועלדל מיט אַ בינטל שפּענער אויף די פּלייצעס.

ווי מיטן ווינט איז פון איר ערגעץ נעלם געוואָרן די פאַטשיילקע. זי האָט דערפילט אויף זיך זיינע האַסטיקע פינגער.

עפּעס האָט זי געפילט, אַז זי זינקט ערגעץ טיף־טיף און אַ מאָדנער גערויש אין די אויערן האָט איר פאַרטויבט, און זי איז געבליבן ליגן אויפן שניי לאַנג, לאַנג. ווי לאַנג זי איז געלעגן האָט זי אַליין נישט געוווּסט. ווען די טאַמטשאַקאָווע האָט זי געפונען, האָט זי זי כמעט אַ דערפרוירענע

אַוועקגעטראָגן אַהיים. אויף צו מאָרגנס האָט דאָס גאַנצע דאָרף געוווּסט, און טאָמטשאַק האָט געדראָט, אַז דער וואָס האָט דאָס געטאָן וועט ער אָפּהאַקן דעם קאָפּ.

קיינער האָט זיך נישט געוווּנדערט אויף זיין גרימצאָרן. אַלע האָבן אין דאָרף געוווּסט, אַז „יאַנינאַ" איז אַ קרובה פון קעלצער געגנט, ביי וועמען די דייטשן האָבן דערשאָסן די עלטערן פאַר אויסבאַהאַלטן יידן. די מעשה האָט זיך דערציילט גלאַטיק און געלייגט אויפן שכל. אָבער דער געקרויז־טער קאָפּ האָר פון קאָליר פון פאַרטיקן קאָרן האָט זיך עפּעס נישט אַריינ־געפּאַסט אין דער סביבה פון דאָרפישע פלאַקסענע קעפּלעך, און דאָס איז שטענדיק געהאָנגען איבער איר ווי אַ דראָענדיקער פרעגצייכן.

אָבער ווען מ'האָט געקוקט אויף איר פאַרריסן נעזל, אויף איר פּנים, וואָס איז געווען לייכט געפּאָקט, ווי אָנגעשטאָכן מיט אַ נאָדל, כמעט שטענדיק אָפּגעברענט און באַדעקט מיט גאָלדענעם שימער, וואָס האָט איר צוגעגעבן דאָרפישן חן, האָט דאָס געמאַכט פאַרגעסן אין דעם חשד.

יאַנינאַ איז געשלאָפן און אַלע זענען געשטאַנען אַרום איר און האָבן געוואַרט ביז זי וועט עפענען די אויגן. אָבער ווען זי האָט זיך אויפגע־כאַפּט און האָט בשום אופן נישט געוואָלט דערציילן — איז די גאַנצע מעשה געבליבן אַ סוד.

נאָר טאָמטשאַק פלעגט אַרומגיין ווי אַ פאַרוווּנדעטער לייב און דראָען :

— „כ'וועל דערהרגענען !"

ער האָט געדראָט און יאַנינאַ האָט געשוויגן.

עפּעס אַן אומהיימלעכער און אומפאַרשטענדלעכער פאַר איר כוח האָט אין איר זיך געעקבערט און פאַר דער צייט רייף געוואָרן.

אומרואיק איז זי געוואַקסן. איר שלאַנקער גוף און איר בויגעוודיקער גאַנג איז ווייט נישט געווען קיין דאָרפישער. זי האָט געוועקט און געלאָקט, באַהערשט פון אַן אייביקן אומרו און דורשט.

הייסע, גיריקע בליקן האָבן זי שטענדיק באַגלייט אין פעלד ביי דער אַרבעט, אויף שאַנאָקאָסן און הוליאַנקעס, איר וואַקסנדיקער יונגער אימ־פּעט, ווי אַ לוסטיק, האַסטיק טייכל אין פרילינג, האָט געצונדן די געמי־טער צו פריילעכקייט און שטיפערייען.

די מורא פֿאַר טאָמטשאַק האָט געצוווּנגען אַלע אַרום איר צו פֿאַר־געסן די גאַנצע מעשה, וואָס איז געשען מיט יאַנינען. אָבער זי האָט שטענדיק געפֿילט דאָס שמייכעלע און די גאַליקע בליקן פֿון די דאָרפֿישע באַרעדערקעס, וואָס פֿלעגן איר פֿאַרסמען די רו און אויפֿרייצן איר יונגן געמיט.

טאָמטשאַק האָט זיך געברוגזט און געכעסט אויף יאַנינען.

ליובע געדענקט דאָס גוט.

אַן אייביקייט איז פֿון יענער צייט אַוועק, און עפּעס אונטערן האַרצן האָט איר איצט גענומען נאָגן אַ בענקשאַפֿט, און אומדערוואַרט איז איר אַרויפֿגעשווומען די מאַמע — אַ לעבעדיקע. יאָרן ווי זי האָט זי נישט געזען — נישט אין דמיון און נישט אין חלום. אַ שטראָם פֿון ווייטיקלע־כער וואַרעמקייט האָט אַ פֿלייץ־געטאָן אויף איר.

הערט איצט איר אומרואיקע שטים, די ציטערדיקע רייד:

— זיי אַ מענטש, ליובעלע, געדענק אין דער מאַמען, זיי אַ מענטש!

מיט אַ שטאַרקן צי צוריק האָט זיך די טאַקסי אָפּגעשטעלט. פֿלינק זענען די מיידלעך אַרויסגעשפּרונגען פֿון אויטאָ. אַ רגע איז ליובע גע־בליבן אין ווינקל, ווי אַ פֿאַרגליווערטע.

— זעט נאָר, זעט! זי איז שוין ווידער איינגעזונקען געוואָרן אין אירע חלומות! — האָט מיט שפּאָט אויסגערופֿן איינע פֿון אירע מיטפֿאָרערינס.

דאָ האָט זיך ליובע געגעבן האַסטיק אַ כאַפּ־אויף און איז אַרויס מיט אימפּעט פֿון דער טאַקסי, געלאָזט זיך לויפֿן פֿאָרויס און, כדי צו מאַכן זיך פֿריי דעם וועג, האָט זי אויסגעשטרעקט ביידע הענט פֿאַר זיך, ווי מורא האָבנדיק, אַז עמעצער וויל זי פֿאַרהאַלטן, און איז בליץ־שנעל אַריינ־געשפּרונגען, כמעט אין דער לעצטער רגע, אין שטייענדיקן אויטאָבוס, וואָס האָט זי אַוועקגעפֿירט אין אַן אומבאַוווּסטער ריכטונג.

## פארגעסן...

מיט אַ גרוי־אַשיק פּנים און אַ געראָנצלטן שטערן פון זאָרג און פאַרדרוס האָט זיך זעליק מאַנסקי קוים דערשלעפּט אַהיים.

ער האָט שטיל געעפנט מיט זיין שליסל די טיר און איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט נישט געטראָפן ראָזען אין שטוב. ער האָט אַ שלייַדער געטאָן זיין טעקע אין קיך און אַן אויסגעשעפּטער אַריינגעזעצט זיך אין שטול, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל.

ער האָט נישט געהערט די געשרייען און דעם געפּילדער, וואָס פלעגט זיך שטענדיק אין דער צייט דערטראָגן פון גאַס. תמיד פלעגט אים ערגערן דאָס ווילדע קוויטשען פון די קינדער. היינט איז דער רעש געווען נאָך שטאַרקער ווי ווען נישט איז — ווי ווילדע האָבן זיי געטומלט, ווי אַרויסגעלאָזטע פון אַ פאַרמאַכטער שטייג. און סיבות צו דעם האָבן זיי היינט געהאַט אַ סך. מאָרגן איז יום־טוב — אַ פרייער טאָג פון די לימודים.

טויב צום אָרום, איז ער געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן און באַמיט זיך צו פאַרגעסן דאָס אַלץ, וואָס איז היינט געשען אין פאַבריק.

— ניין, עס איז נישט ריכטיק, — האָט ער פּרובירט זיך אַליין איינשמועסן. — ניין, אומזיסט באַשולדיקט מען אים אין פּחדנות, און אפשר אין פאַרראַט. קיינמאָל איז ער נישט געווען קיין פּחדן... קיינמאָל, קיינמאָל...

נישט בשעת די אומענדלעך־לאַנגע וואָכן און חדשים אין די טיפע שנייען אין וואַלד... נישט נאָר דער הונגער האָט אים געטריבן דאָן צו לאָזן זיך אין מיטן נאַכט מיט דער בריגאַדע אין דאָרף זוכן עסן. נישט איינמאָל האָבן זיי זיך אויג אויף אויג אָנגעטראָפן מיט די דייטשן. אין יענער

ניי־יאָר־נאַכט איז ער שיעור נישט אַריינגעפאַלן צו די דייטשן אין די הענט אַריין.

ווען נישט זיין קאַלטבלוטיקייט און דאָס, וואָס ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דער פּאַטראָל איז האַלב־שיכור, איז וואָס וואָלט געווען? ער צוזאַמען מיט מאַטקען האָבן זיך דעמאָלט פּאַרטייעט און פון הינטער די ביימער, מיט צוויי גוט־געצילטע שאָסן, געראַטעוועט דעם גאַנצן אַטריאַד פון אומקום.

לאַנג נאָך דעם פּאַל האָבן זיי געמוזט כסדר איבערוואַנדערן פון אָרט צו אָרט. מען האָט זיי „געטראָטן אויף די פּיאַטעס".

זעליג מאַנסקי האָט געעפנט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט געזוכט עדות פון זיין דערמאָנונג.

— נישט ריכטיק — האָט ער מיט טרוקענע ליפּן געשעפּטשעט — ניין, ניין...

ער געדענקט דעם שטרייק אין דער שיך־פאַבריק. ער איז זיך פּונקט דאַן צונויפגעפאַלן מיטן ערשטן מאַי. עס האָבן נישט אויפגעהערט די אַרעסטן אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן. דער באַלעבאָס האָט געדראָט מיט אַ לאָקאַוט. זעליג מאַנסקי איז געווען אין שטרייק־קאָמיטעט. ער איז דער ערשטער אַרעסטירט געוואָרן. ווי שטאָלץ ער האָט געקוקט אויף זיין ראָזען, ווען זי איז צו אים געקומען אויף אַ זעונג אין פּאַוויאַק.

— זאָרג נישט, ראָזע, — האָט ער זי געטרייסט. — שיק מיר נאָר מער ביכער און טאַבאַק! — האָט ער מיט ליבשאַפט געזאָגט ווי וועלנדיק אין די פּשוטע, טאָג־טעגלעכע ווערטער אַריינלייגן זיין גאַנצע בענקשאַפט צו איר, צו די חברים און צו דער פרײַ. זיינע פינגער האָבן איר פלינק אַריינגערוקט אַ גריפס.

שטענדיק פלעגט ער זיין דאָרט, ווו מען פלעגט באַווולהן אַ שוואַכערן. יאָ, אָבער וואָס איז היינט געשען מיט אים?

ווו איז אַהין געקומען זיין כאַראַקטער, זיין אייזערנער ווילן? מידקייט? עלטער? — זיין חבר, מאיר דער קאָמוניסט פון אַנטקעגן, איז אַ סך עלטער פאַר אים.

יאָ, ער האָט זיך געענדערט. ער האָט געביטן זיין פּעל. דאָס וועלן זיך

צופאַסן — יאָ, צופאַסן! — האָט ווי זשאַווער געפּרעסן זיין געוויסן. זעליק מאַנסקי פילט, ווי עס ווערט אים הייס. די אויגן פילן זיך אָן פון פאַרדרוס מיט טרערן. אין האַלדז שטיקט עפּעס. ער צעעפנט דאָס העמד. ער פילט, אז עס פעלט אים לופט.

— ווער האָט צעבראָכן זיין ווילן, זיין קאַמפס־לוסט? איז ער נישט אַקטיוו? — האָט ער זיך באַמיט פאַר זיך אליין געפינען אַ תשובה פאַר די זעלבסט־באַשולדיקונגען. — טרעט ער נישט אַרויס אין ווער, ווען עס געשעט אַן עוולה?

און עס שווימט אים אַרויף אין זיין זכרון דער פאַל, וואָס איז געשען מיט פיר וואָכן צוריק מיט יאַסלען פון דער עקספּעדיציע, דעם עלטערן יידן, וואָס זיין גורל האָט זיך אויסגעדריקט אין עטלעכע גרויל־ווערטער: נישטאָ מער קיין אַרבעט!

צי האָט ער, זעליק מאַנסקי, צוזאַמען מיט בעניען, דעם איינציקן קאָמוניסט אין ווער — געהאָלפן אַראָפּרייסן דעם שלייער פון דער כלומרשטער ליקווידאַציע פון איין צווייג אין דער אָפּטיילונג? יאָ, דאַן, ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן דער מזכיר פון דער לשכה, מרדכי, ווי נאָר עס האָט זיך געענדיקט די אַרבעט, האָט ער זיך שטיל אַרויסגעגנבעט ווי אַ פּחדן, מיט אַ תירוץ פאַר זיך אַליין, אַז ער האָט צוגעזאָגט ראָזען היינט צו קומען פרי אַהיים, און צום חבר, וואָס האָט געאַרבעט ביי דער קעגנאיבערדיקער מאַשין, האָט ער קוים אַ מורמל געטאָן, אַז ער פילט זיך קראַנק...

אַ שווייס האָט איצט באַגאָסן זיין פּנים פון דער דערמאָנונג. דאָס האַרץ קלאַפּט אים שנעל־שנעל, פּונקט ווי עס וואָלט געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון ברוסט־קאַסטן.

די אויגן האָבן שטאַר געקוקט אין דער ווייט. ער האָט נישט באַמערקט דעם פאַרבייגייענדיקן טאָג און נישט געפילט דעם אָנקומענדיקן אָוונט.

ווי האָט ער געקאָנט אָננעמען מיט אַזאַ לייכטקייט דאָס אויסטייטשן פון מרימס אָפּזאָג היינטיקע וואָך? מרים איז אָנגעקומען אין דער פאַבריק צוזאַמען מיט אים. נישטאָ קיין סיבה זי צו צווינגען צו אַרבעטן אין דער נאַכט־שיכט. די צוויי קינדער, וואָס זי איז מפרנס, זעט זי נאָר אין די שפּעטע שעהן נאָך דער אַרבעט. האָט זי טאַקע זיך נישט אונטערגעגעבן.

— ווי אַזוי וועט זי קוקן אירע קינדער אין די אויגן, ווען זיי וועלן בעטן עסן?

די קאַמפּס־לוסטיקע מרים — ווי באַליבט זי איז געווען צווישן אַלע אַרבעטער! איר מוטערלעכער שמייכל האָט נישט איין מאָל געמוטיקט. זעליק מאַנסקי אַליין האָט גורם געווען צו דעם. ער האָט זיך געשטעלט קעגן בעניעס פֿאָרשלאָג אויפֿן וועד צו שטרייקן.

ווי אומגעריכט איז דאָס אַלץ היינט געשען! ווי פֿיינלעך פֿאַר אים, פֿאַר זעליק מאַנסקין!

ער געדענקט, ווי נאָכן צעטרייבן די בלוטיקע דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע, אין יאָר 1936 זענען די אַרבעטער אין די קוואַרטאַלן פֿון וואָלינסקע און זאַמענהאָף, סטאַווקי און וואָליע, לאַנגע שעהן אַרומגעגאַנגען איבערן טראָטואַר מיט רויטע נעלקען אין די לאַצן, און צווישן זיי — זעליק מאַנסקי.

היינט, ווען ער איז אַרויס פֿון דער זיצונג, — ווי אײנזאַם האָט ער זיך געפֿילט. ער האָט פֿון ווייטנס ביים טויער דערזען אַ געזעמל, האָט ער דערפֿילט אַן אומרו, די פֿיס האָבן זיך אונטער אים געבויגן.

ס'האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט אַלע פֿופֿציק אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין זיין אָפּטיילונג און געוואַרט אויפֿן וועד — נישט געלאָזט אים אַהיימגיין. קוים נאָך אַ שעה ראַנגלעניש איז געלונגען די זאַך צו ענדיקן. ווערטער, ווי שטאָלענע פֿייער־שפּליטערס זענען געפֿאַלן, ווי הילכיקע פּעטש האָבן געקלונגען זייערע באַשולדיקונגען.

אַממערסטן האָט ער באַקומען. ער האָט זיך פּרובירט פֿאַרטיידיקן. מען האָט אים נישט געוואָלט הערן. ער האָט פֿון צעטומלונג קוים באַמערקט, אַז בעניע דער קאָמוניסט איז געשטאַנען אויף אַ קאַסטן און געלייענט עפּעס פֿון אַ פּאַפּיר.

שוואַך זענען צו אים דערגאַנגען די געלייענטע ווערטער. ער האָט כמעט נישט אויפֿגענומען די קלאַנגען. אין גאַס האָט געראַשט. ער האָט נאָר באַנומען דאָס וואָרט „שטרייק״, וואָס האָט געהילכט ווי אַ וואָרענונג, און מרימס נאָמען האָט געקלונגען ווי אַ לאָזונג.

אַלץ איז געשען אַזוי אויגנבליקלעך, אַז ער האָט נישט געזען ווען און

ווער עס האָט פֿאַנאַנדערגעשפּרייט די רויטע פאַן, וואָס האָט זיך צפּלאַטערט איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע.

*

פּלוצים זענען זיינע מחשבות איבערגעריסן געוואָרן. די טיר האָט זיך געעפענט און ראָזע איז אַריין אין צימער. זי איז געבליבן שטיין אַ פאַרוווּנ־דערטע, דערזעענדיק אין דער פינצטער איר מאַן זיצנדיק ווי אַ פאַר־שטאַרטער.

— ביסט שוין לאַנג דאָ, זעליק? און פאַרוואָס צינדסטו נישט אָן דאָס ליכט?

אָבער אַנשטאָט אָן ענטפער האָט ער אַרויסגעפּלאַצט אין אַ היסטערישן געוויין.

— יאָ, יאָ, איך בין אַ פּחדן.

אַ דערשראָקענע האָט זי גיך אָנגעצונדן דאָס ליכט. אָבער זעליק מאַנסקי האָט נישט אויפגעהערט צו שלוכצן. ער האָט געפילט, ווי צוזאַמען מיט די טרערן און געוויין, פליסט פון אים אָפּ דער זשאַוווער, דער סם, וואָס האָט אים נישט געלאָזט פריידיק קוקן אין דער צוקונפט. ווי בלוטלאָז איז געווען זיין לעבן! ווי טעמפּ גענאַרט זיך און אַנדערע! צוזאַמען מיט די טרערן איז פון אים אַראָפּ אַ לאַסט, וואָס איז געלעגן אים אויפן האַרצן און געדריקט.

איצט איז געוואָרן ליכטיקער אויף זיין נשמה, און ער האָט שטיל אַרויס־געפליסטערט:

— בעני, בעני, דו ביסט נישט אַליין, איך בין דיין חבר...

ראָזע האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן און נישט פאַרשטייענדיק וואָס דאָ קומט פאָר, האָט זי געוואָרט.

אַנטשוויגן איז געוואָרן דער גערודער אויף דער גאַס, נאָר פון ווייטנס האָט זיך דערטראָגן דער ריטמישער גערויש פון ים.

# מומע זעלדעס הייזל

די מומע זעלדע איז געפֿאָרן צו איר ברודער קיין אַמעריקע. די שליסלען פֿון איר הייזל, ביים ברעג ים, האָט זי געלאָזן איר שוועסטערן־טאָכטער, ברכהען. ברכה איז דערפֿון נישט געווען צופֿרידן.

— צו אַלע צרות — נאָך איינע. טאָמער איז דאָס געווען ווייניק, האָט מיר נאָך דאָס צוגעפּעלט — האָט זי זיך געקלאָגט פֿאַר דער עלטערער שוועסטער אירע, וועלכע איז געווען די איינציקע, וואָס האָט געוווסט פֿון איר שווער האַרץ.

— נאַ דיר גאָר אַ נייע מעשה, האָט זי געזאָגט צו דער מאַמען: גיי לויף דאָרט יעדעס מאָל אַ קוק־טאָן, צי מען האָט נישט אַרויסגענומען די פֿענצטער, די טירן. אפֿשר האָט מען גאָר צענומען די ווענט. אַזאַ עול!

אמת, די מומע זעלדע האָט נישט מער, ווי דאָס הייזל, אין וועלכן זי איז אַליין געבליבן. שוין דאָס דריטע יאָר ווי דער פֿעטער משה איז נישטאָ מיט איר און די מומע זעלדע קאָן זיך קיין אָרט נישט געפֿינען.

פֿון דער דערמאָנונג איז ברכהן אַליין געוואָרן אַ שאָד דאָס פּלוצלינג צעשטערטע לעבן פֿון דער מומען זעלדע. געלעבט האָט זי מיט אים רואיק און צופֿרידן. נאָך דער אַרבעט האָט ער ליב געהאַט צו כאַפּן פֿיש. איז זי פֿון דעם נישט געווען אַזוי צופֿרידן, אָבער וואָס האָט זי געקאָנט טאָן. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און געהאַלטן זיך ביי זיינס. עטלעכע מאָל אין וואָך האָט ער אַהיימגעבראַכט פֿישלעך. אַזוי האָט ער זיך געפֿירט סיי זומער און סיי ווינטער. ביז אין איינעם אַ ווינטערדיקן פֿאַרנאַכט איז ער מער נישט צוריקגעקומען. דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז עפּעס שלעכטס וועט געשען.

זי האָט זיך דאָס מאָל געבעטן ביי אים: „אפשר וועסטו פאָרט היינט נישט גיין? ס'קאָן זיין אַ שטורעם".

— ניין און ניין, אַוווּ וועסטו נעמען אויף מאָרגן פישלעך צום מיטאָג — האָט ער זיך געהאַלטן ביי זיינס.

— משה, מען קאָן קויפן.

— אין אייגענע ליגט אַן אַנדער טעם באַהאַלטן, — האָט ער איר געענט־פערט פון דער צווייטער זייט טיר און — אַזוי איז ער נעלם געוואָרן.

— צי איז ער אַרויסגעפאַלן פון שיפל אין צעשטורעמטן ים? צי האָט עס אים פאַרטראָגן ערגעץ? דאָס שיפל איז אויך נעלם געוואָרן. גיי זוך זיי ביידען, — האָט מען געטענהט אין דער משפחה און זיך באַמיט צו באַרויקן דער מומען זעלדע.

— דער ים האָט אים פאַרשלונגען — האָט געביטערט די מומע זעלדע — ווי אין וואַסער אַריין. אפשר האָבן די כוואַליעס אים ערגעץ ווייט פון אונדזערע ברעגעס פאַרטראָגן? — האָט זי זיך פאָרט געטרייסט. נישט איין מאָל איז שוין געשען אַזאַ זאַך.

זי האָט געוואַרט אַ חודש, צוויי, אפשר וועט ער דאָך פון ערגעץ צוריקקומען, ווייל מען האָט זיין קערפער נישט געפונען און אַפילו נישט דאָס שיפל.

עס איז אַריבער אַ יאָר, אויסגעווייינט זיך, אָפּגעטרויערט, און נישט פאַרגעסן האָט די מומע זעלדע דעם מאַן אירן. זי האָט אָנגעהויבן זיך צו באַמיען וועגן פאָרן צו איר ברודער קיין אַמעריקע און פון דאָרט צו איר שוועסטער קיין אויסטראַליע.

דער ווונד נאָך שלמהן, וואָס איז געפאַלן ביי עזה, האָט נאָך טיף געאייטערט ביי איר אין האַרצן און דאָ אַ פרישער אומגליק.

פונקט צו די צוויי יאָר איז געקומען אַ בריוו פון פעטער יעקב, אַז ער האָט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן משהן אין פאַריז. איידער־וואָס, איידער־ווען, איז יענער אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער נאָענטסטער מעטראָ־סטאַציע. ער האָט זיך לאַנג נאָכגעפרעגט, ביז ער האָט זיך דערוווּסט, אַז אין יענעם פאַרנאַכט איז משה נישט דערטרונקען געוואָרן, נאָר אַוועק מיט אַ פראַנצויזישער שיף מיט אַ פרוי, וואָס ער ווייסט נישט איר נאָמען. זיי לעבן

ערגעץ אין דער אומגעגנט, — אַזוי האָבן אים דערציילט עטלעכע באַקאַנטע, וואָס קענען אים נאָך פון אַמאָל, פון די וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט פאַר די צייטן פון מאַנדאַט.

די מומע זעלדע האָט געוויינט, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ, געשאָלטן, ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער קלאַפּ איז געווען פאַר איר זייער אַ פּילבאַרער, ווייל משה איז פאַר איר צוויי מאָל געשטאָרבן.

ברכה פאַרשטייט נישט: ווי אַזוי איז דאָס פּלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען. ביזן פאַרשווינדן פון פעטער משה האָט זי קיינמאָל נישט געהערט פון דער מומע זעלדען קיין איין וואָרט, אַז זי זאָל זיך אויף אים קלאָגן. עס איז נאָר געווען אומרואיק פאַר זיין לעבן. אַ קלייניקייט: אַ מענטש לאָזט זיך אויפן אָפּענעם ים ווי להבדיל גויים — צו דעם האָט זי זיך נישט געקאָנט צוגעוויינען, כאָטש אין הייזל אירס ביים ים האָט זי שוין געוווינט קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר.

ווייזט אויס, אַז די מומע זעלדע איז געווען בלינד. עפּעס פאַרזען. נישט דערזען דעם עיקר. ווי קומט דאָס צו איר, אַזאַ קלוגע און פאַרבלענדט געוואָרן.



און ברכה האָט אָנגעהויבן צו גיין צום ברעג פון ים, כדי אָפּצוהיטן דער מומע זעלדעס הייזל און דאָס גאַנצע אָרעמע פאַרמעגן אירס, אַז די שכנים זאָלן זען, אַז עס איז דאָ אַ לעבעדיק אויג, וואָס קוקט נאָך.

שפּעטער זענען איר די שפּאַצירן אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז זי האָט

אַנגעהויבן קומען צוויי מאָל אַ וואָך, ביז זי האָט זיך צוגעוווינט צום רוישן פון ים און ליב געקריגן זיינע ווייטקייטן, אַז אין שווערע מאָמענטן פון קאָנפליקטן האָט זי גענומען אַנטלויפן צום הייזל פון דער מומע זעלדען און דאָרט אין רויש פון ים דעם אומרו צו דערטרונקען און אַ ביסל רו פאַר זיך געפינען.

פלוצלינג האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז זי האָט כמעט אויפגעהערט צו וווינען אין שטוב ביי טאַטע־מאַמע. ווי אַ מויז האָט זי, ביסלעכוויז אַריי־בערגעשלעפּט אירע זאַכן און צום ווינטער איז זי שוין גוט איינגעפּונ־דעוועט געווען אין דער נייער דירה.

זי האָט אַליין פאַר זיך נישט באַמערקט, אַז זי האָט גענומען רייניקן און פּוצן די צוויי צימערלעך, לסוף אין איינעם אַ שבת אויסגעקאַלכט די ווענט אין העלן זילבער־גרוי און דאַן האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זי האָט אויפגעבויט אַ נעסט, ווי אַ פויגל, וואָס טראַכט נישט, וואָס וועט זיין מאָרגן. בלויז די פּרייטיק־צונאַכטסן האָט זי פאַרבראַכט ביים טיש פון טאַטע־מאַמע.

די מעשה מיטן הייזל איז איר אונטערגעקומען פּונקט אין דער ריכטיקער צייט. פון אָנהויב איז זי טאַקע נישט געווען צופרידן, אָבער איצט האָט זי נאָכן צוריקקער פון ביוראָ געהאַט פולע מנוחה. צייט האָט זי נאָך געהאַט גענוג. כדי זיך צו פאַרגעסן האָט זי באַשלאָסן אין די לאַנגע אָוונטן צו לערנען זיך און האָט אויסגעקליבן דווקא סאָציאָלאָגיע און נישט קיין ליטעראַטור, ווי עס האָט זי שטענדיק געצויגן. ווייטער פון די פּערזענלעכע פּראָבלעמען — נענטער צום אַלגעמיינעם.

אָבער מאָדנע: די ווענט פון דעם הייזל האָבן כסדר איר דערציילט וועגן דער טראַגעדיע פון דער מומע זעלדען, און שטענדיק דערמאָנט איר אירע אייגענע ליידן פון אמנונס אַוועקגיין פון איר. דער אונטערשיד צווישן איר און דער מומען איז געווען קלאָר: איר ליבע איז צעשטערט געוואָרן דורך תמרן, איר בעסטע חברטע — אַ פאַרמאַכטער דריי־עק מיט דריי באַוווסטע פאַקטאָרן און אין דעם טראַגישן שפּיל פון דער מומע זעלדע איז אין דעם דריי־עק געבליבן איין אומבאַקאַנטע, ווי אין אַן אַלגעבראַישע אויפגאַבע.

אין די פיר ווענט האָט זי דערפילט אַן אמתע קרובהשאַפט צו דער מומען זעלדע. זי איז איר געוואָרן טאָפּל טייער.

# שאַלאָמאַ

שמואל האָט אָנגעצונדן זיין קעשענע־לעמפּעלע. יעדעס מאָל, ווען ער שטייט פאַר דער דירה פון פרוי לאַמער, לייענט ער איבער דאָס צעטל וויפל מאָל מען דאַרף קלינגען צו יעדן סובלאָקאַטאָר פון דער גרויסער דירה. זיי זענען געווען פיר און צווישן זיי זיין באַקאַנט פּאָרל, די סטודענטן יעקב און מעלאַ אהרוני.

דאָס מאָל האָט אים נישט געהאָלפן דאָס האַלטן זיך ביי דער פאַר־שריפט. ער האָט אָנגעהויבן צודרינגלעך צו קלינגען, און צום סוף האָט אים געעפנט די באַלעבאָסטע אַליין — די פרוי לאַמער. אויף זיין „שלום״, האָט זי אים עפּעס אַ בורטשע־געטאָן אונטער דער נאָז.

שמואל האָט אָנגעקלאַפּט. דער רעש, וואָס האָט זיך געטראָגן פון הינטער דער טיר האָט אים צוגעגעבן מוט, און נישט וואַרטנדיק אויף קיין איינלאַדונג, איז ער אַריין אין צימער.

ווען ער האָט געעפנט די טיר האָט ער דערזען, אַז אַלע אָנוועזנדיקע זענען געזעסן אַרום טיש, פאַרטיפט אין אַ הייסער דיסקוסיע. איבער זיי האָבן זיך געהויבן פּיאַלעטע רינגען פון רויך. עס איז געווען אָנגערייכערט ווי אין אַ קרעטשמע. דער ריח פון טאַבאַק האָט אים פאַרשטיקט דעם אָטעם. קיינער האָט אים נישט געענטפערט אויף זיין „שלום״.

היינט האָט זיך צונויפגעקליבן די גאַנצע „פּאַטשקע״ באַקאַנטע. צווישן זיי זענען געווען אינטעליגענטן און אַרבעטער, אויך עטלעכע „אייביקע סטודענטן״ פון עקאָנאָמישן אינסטיטוט, וואָס האָבן זייער פרייע צייט צווישן לערנען און אַרבעטלאָזיקייט פאַרווענדט אויף דיסקוסיעס.

די געסט האָבן מיט אַ פאַרביסנקייט געהקרנט זיך וועגן דער ראָל אין דער געזעלשאַפט פון יעדן אינדיווידועלן מענטשן, וועגן „פרייען ווילן״

און צי איז דער מענטשלעכער גורל דעטערמינירט דורך די געזעצן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. די דיסקוסיע האָט זיך אויף אַ רגע איבערגעריסן. מען האָט זיך פונאַנדערגערוקט און אַריינגענומען אין זייער מיט שמואלן. קוים פאַרנומען זיין אָרט, האָט זיך יעקב אהרוני תיכף געווענדט צו אים, אַז ער זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן דער באַרירטער פראַגע.

— יאָ, יאָ! — האָט זיך מעלאַ אַריינגעמישט איבערשלאָגנדיק איר מאַן די רייד — דו, שמואל, ענטפערסט אַלע מאָל אַנדערש ווי אַלע. אַנ־שטאָט צו טעאָרעטיזירן, ענטפער אונדז קאָנקרעט און קלאָר.

— אָבער דערצייל אונדז נישט ווידער וועגן דיינע איבערלעבונגען אין דער סיני־מלחמה — האָט זיך אָנגערופן דער אייביקער סטודענט יוסי בערטיק.

די געסט האָבן זיך נאָך ענגער צונויפגערוקט ביים טיש און געוואַרט.

שמואל האָט אויפגעהויבן זיין בליק. ער האָט אַ קוק־געטאָן אויף די פאַרזאַמלטע און געשוויגן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ און געזוכט עפּעס אַ פּאַסיקע געשעע־ניש, וואָס זאָל זיין אַן ענטפער פאַר אַלעמען, וואָס היצן זיך אַזוי רעשדיק וועגן דער טעאָריע פון „פרייען ווילן", און פאַר די, וואָס האָבן אים אַ שטאָך געטאָן, אַז ער קומט אַרויס אויף די דערציילונגען וועגן שוידער פון דער מלחמה.

— דאָס איז געווען אַזוי — האָט אָנגעהויבן שמואל, — נאָך אַ שווערער שלאַכט, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג, האָב איך מיין אָפּטיילונג איינ־געאָרדנט אין רואינען פון אַן אַראַבישער שול. פון גאַנצן בנין איז נאָר געבליבן גאַנץ דער דאַך.

מיר זענען געווען מיד. די נערוון געשפּאַנט. אונדזער פרייד צו גע־פינען אַן אָרט מיט אַ דאַך איז געווען אין לשער, ווייל נישט נאָר שלאָפן האָבן מיר געוואָלט, מיר האָבן געוואָלט קודם כל פאַרזונקען ווערן אין אַ תהום פון פאַרגעסעניש. מער פון אַלץ האָבן מיר געלעכצט נאָך שטילקייט, וואָס זאָל נישט ווערן געשטערט פון קיינעמען — אפילו פון דעם איין און איינציקן בוים ביים בנין.

כ׳געדענק נישט, צי האָבן מיר אפילו אָפּגעגעסן אָוונט־ברויט. יעדער

האָט זיך וואָס גיכער „איינגעאָרדנט״ ווי ער האָט נאָר געקענט אין די באַדינגונגען און עס איז געקומען אויף אונדז די שטילקייט, נאָך וועלכער מיר האָבן געלעכצט.

פלוצלינג האָט זיך אין דער שטילקייט אַריינגעריסן עפּעס אַ פּישטשען. עס איז געווען שווער צו באַשטימען פון וואַנען עס קומט. מיט יעדער רגע איז דאָס פּישטשען געוואָרן העכער, אָבער מאָמענטנווייז איז עס אינגאַנצן פאַרשטילט געוואָרן. דאָס פּישטשען איז געווען ענלעך צו אַ קעצישן מיאַו־קען. כ׳האָב זיך פאַרדעקט מיטן קאָץ ביז איבערן קאָפּ. דאָס פּישטשען האָט נישט אויפגעהערט.

קיינער איז נישט געשלאָפן, אָבער קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. סוף־סוף האָב איך נישט אויסגעהאַלטן.

— דערשטיקט עס! וואַרפט עס אַריין אין וואַסער אַריין, דאָס פאַר־שאָלטענע קעצל.

— היי, דו, שטערן־זעער, וואָס זעט אין דער וויט אַזוי גוט. און אפשר איז דאָס אַ הינטעלע — האָט זיך אָנגערופן יואל.

— און אפשר האָט דער טייוול אַליין געשיקט זיין קינד אויף דער ערד נאָך אַזעלכע שרפהדיקע טעג, מיינענדיק, אַז דאָ אויף דער מענטשלעכער ערד איז פאַר אים דער בעסטער מקום־מנוחה — האָט זיך פון ווינקל געוויצלט חיים.

אויף זיין וויץ האָט דאָס מאָל קיינער נישט געענטפערט. אַלע האָבן געשוויגן. דאָס פּישטשען איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער.

שמואל איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַלע וואָס זענען געזעסן אַרום דעם טיש האָבן געענדערט זייערע פּאָזיציעס, זיך באַקוועמער איינגעאָרדנט און אויך געשוויגן.

שמואל האָט עטלעכע מאָל אָפּגעהוסט, אָנגעצונדן אַ פּאַפּיראָס און ווייטער געצויגן דעם פאָדים פון זיינע זכרונות:

— יאָ, מיינע נערוון האָבן מער נישט אויסגעהאַלטן און כ׳האָב אַ געשריי געטאָן מיטן גאַנצן כוח: צום טייוול! ווי לאַנג וועט איר זיך אַלע גאַרגלען אָנשטאָט אַרויסצוגיין און מאַכן אַ סוף מיטן קעצל.

— מיר זענען אַרויס דריי. מיר זענען געגאַנגען נאָכן קול נאָך. אין

אַ פּאָר מינוט אַרום זענען מיר דערגאַנגען צום אָרט, פון וואַנען עס האָט זיך צו אונדז דערטראָגן דאָס געוויין, וואָס איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. מיר זענען דורכגעקראָכן דורכן צעשאָטענעם פּאַרקן, די ציגל האָבן אונדז געהאָלפן, זיי האָבן אונדז געשאַפט טרעפּלעך.

אין ליכט פון אונדזערע האַנט־רעפלעקטאָרן האָבן מיר דערזען אַ טויטן קערפּער פון אַ פרוי און אַ קינד, וואָס איז נאָך געווען פאַרבונדן מיטן טראַכט פון דער מוטער און עס האָט געוויינט. ווייזט אויס, אַז די פרוי איז נישט לאַנג געשטאָרבן. איר קערפּער איז נאָך געווען וואַרעם. זי האָט זיך גישט געקענט רירן פון אָרט און אַזוי איבערגעלעגן אין באַהעלטעניש אַ גאַנצן טאָג. לעבן איר איז געלעגן ווי אַ פּלעצל אַ הונט, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין טויט.

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. חיים, וואָס האָט שטענדיק ליב געהאַט מיט אַ וויץ אויפצולייזן אַ דראַמאַטישע שפּאַנונג, האָט דער ערשטער אַ זאָג־געטאָן:

— באַבעס, וויבער, וואָס זענט איר צעקראָכן געוואָרן? חברה, נעמט דאָס קינד און היידאַ!

ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט האָבן אַלע אונדז אַרומגערינגלט. עס האָבן זיך געהערט געשרייען אין דער לופטן, וואָס זענען געווען איבער־געריסן מיט פאַרשידענע פּראָפּאָזיציעס.

— חברה! צום טייוול! שטיל! — האָט געשריגן יואל — מען דאַרף דאָך זי „קרעשטשען". איר געבן אַ נאָמען.

— קודם כל געבן עסן — האָט זיך עמעצער אַריינגעמישט.

— דו, חיים, וועסט דאָס אַמבעסטן מאַכן. האָסט דעם פּאַך „אויסשטור־דירט" ביי זעקס „נחתלעך".

חיים האָט פאַרזיכטיק גענומען דאָס עופהלע און זיך פאַרנומען מיט דעם.

די זעלנער האָבן ווי אויף אַ וועט־געיעג אָנגערופן יעדעס מאָל נייע מיידלשע נעמען: אילנה, סאַלאָמייע, נעמי, סניה — אויפן אָנדענק פון אָרט וווּ זי איז געבוירן געוואָרן.

איך האָב געשוויגן. „שלומה“, האָב איך שטיל געזאָגט. געבוירן איז זי אויפן שלאַכטפעלד. זאָל זי טראָגן די זריעה פון שלום אויף דער וועלט.

אַזוי איז שוין געבליבן. דאָס אַראַבישע קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויפן שלאַכטפעלד, איז געבוירן געוואָרן נישט נאָר אין די געבורט־ווייען פונעם טויט פון איר מוטער, נאָר פון ווייטאָג פון דער מענטשהייט, האָט נישט געקענט טראָגן קיין בעסערן נאָמען ווי „שלומה“.

שמואל איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט געקוקט ערגעץ ווייט פאַר זיך נישט געדענקענדיק וועגן די, וואָס זענען געזעסן אַרום אים.

— און וואָס איז ווייטער געשען מיטן מיידעלע? — האָבן די צוהערער צודרינגלעך געפרעגט.

— ווייטער? דער יינגסטער פון אונדזער אָפּטיילונג האָט אָפּגעטראָגן דאָס קינד אין שטאָב. וואַרשיינלעך האָט מען עס אָפּגעגעבן אין אַן אַנשטאַלט.

— יאָ, — ווי ער וואָלט אַליין אָפּגעלייענט די פראַגע וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון די אויגן פון די צוהערער, וואָס האָבן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געוואַרט.

— ווייטער וואָס איז געשען, ווילט איר וויסן? ווען דאָס מאָרגן־ליכט האָט באַלויכטן אונדזער „זיך־אָרט“, האָבן מיר באַשלאָסן צו באַגראָבן דעם קערפּער פון דער פרוי. דער הונט, וואָס איז געלעגן לעבן דער פרוי, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען אַ לעבעדיקער.

יעדן טאָג איז דער הונט געקומען צום קבר. ער האָט געוואָיעט פון בענקשאַפט נאָך זיין באַלעבאָסטע.

## שוואַלבן

ווען חיה ווערניק איז אַרויס גאַנץ פרי אויפן גאַס, האָט זי דערזען אויף דער וואַנט, אַן אויפגעקלעפּטן פּלאַקאַט מיט אַן אויפשריפט: חיילים משוחררים!

דאָס האַרץ אין איר האָט אַ צאַפּל־געטאָן. זי איז צו צו דער וואַנט און געוואָלט אַראָפּרייסן דעם פּלאַקאַט. אָבער ווען זי האָט אויפגעהויבן איר האַנט, האָבן זיך איר אַ וואָרף־געטאָן אין די אויגן די פעטע אותיות פון דעם רוף: קעגן מלחמה, קעגן אַטאָם־פאַרניכטונג פון דער וועלט. זי האָט זיך אומגעקוקט — פון אַלע זייטן האָבן פאַרביקע פלעקן באַצירט די ווענט מיט אויפרופן פאַר שלום.

זי איז גיך אַריין צוריק צו זיך אין שטוב און אַ שטראָם פון טרערן האָט זיך אויפגעלייזט פון זיך אַליין. זי האָט געוויינט.

מיט אַלע כוחות האָט זי זיך באַהערשט, נישט וועלנדיק, אַז איר טאָכטער, וואָס איז געשלאָפן אין צווייטן צימער, זאָל דערהערן. פאַר אירע אויגן איז אַרויסגעשווומען דער ארון און אויף אים עמוסעס אָפיצירן־היטל.

„מיין עלטסטע קרוין איז אָוועקגערויבט געוואָרן פון מיר, שוין העכער אַ יאָר!", האָט זי שווער אָפּגעזיפצט.

אַ האַסטיקער קלאַפּ האָט זי אַרויסגעריסן פון אירע אומעטיקע רעיונות. עס איז אַריין די שכנה ביילע די גבאיטע, ווי מען האָט זי גערופן און שוין פון דער שוועל, ווי זי וואָלט געענדיקט מיט עמעצן אַ שמועס, האָט זי געזאָגט: „ווי געפעלט איך עפּעס דאָס שטיקל אַרבעט אין מיטן דער

נאַכט? קיין רו האָט מען נישט פון זיי. איך וועל דאָס באַלד מיט די נעגל אַראָפּקראַצן! אַזוינע לאָבוסעס!״

חיה ווערניק איז אַרויס מיט איר. און דאָ האָבן זיי דערזעען, ווי אַ כאָפּטע יונגע זענען געלאָפן פון הויז צו הויז און געפּליקט די שלום־פּלאַקאַטן. ראַפּטעם ווען זיי זענען צו צו חיה ווערניקס הויז, האָט זי מיט דער הייך פון איר קערפּער פאַרשטעלט זיי דעם צוגאַנג. זי האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט די הענט און פאַרטיידיקט דעם פּלאַקאַט — אַזוי ווי זי וואָלט פאַרטיידיקט אירס אַ לייבלעך קינד. ווי פאַרבלאָנקעטע שאָף אין מיטן דער נאַכט, וואָס זענען פּלוצלינג באַלויכטן געוואָרן פון אַ שטאַרקער ליכט, אַזוי האָט די גאַנצע כאָפּטע אַ דערשראָקענע גענומען זיך ציען צוריק.

ביילע די גבאיטע האָט מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן געקוקט אויף אַלע זייטן און מיט גרויס אומרו און פאַרוואונדערונג האָט זי געקוקט אויף חיה ווערניק. און שטיל, כמעט אויף די שפּיצן פינגער, איז זי אַוועק.

אַזוי איז דער איינציקער פּלאַקאַט, אַן איינציקע שוואַלב ניצול געוואָרן פון פאַרניכטונג.

די פעטע אותיות האָבן געלויכטן אין זונשיין פון דער מאַי־זון.

יעדן פרימאָרגן, ווען חיים זאַלקין פלעגט דורכגיין דעם וועג, פלעגט ער מיט אַ צאַרטער ליבשאַפט אָנקוקן דעם פּלאַקאַט, וואָס איז אַן איינציקע שוואַלב געבליבן פון דער אָפּגעטאָגענער אַרבעט, אין וועלכער ער האָט געהאַט זיין חלק.

דער פאַרביקער פלעק אויף דער וואַנט, וואָס האָט גערופן צום קאַמף פאַר שלום, האָט געהאָנגען אַזוי לאַנג ביז... איין טאָג האָט חיים זאַלקין דערזען אַ קלעפּסידרע, וואָס איז אַרויפגעקלעפּט געוואָרן מיט ציטערנדיקע הענט אויפן פּלאַקאַט אַזוי, אַז דער תוך פון אים איז געבליבן לייענבאַר.

עס זענען געבליבן הענגען די מודעה וועגן אומגעקומענעם אויף דער גרענעץ, דעם 20־יאָריקן מרדכי מאַטלין, די מודעה וועגן טויט, און דער פּלאַקאַט. ביידע ווי אַ סימבאָל, האָט גערופן צום זעלבן — צו שלום.

## דער באַנאַנען־בוים

פון צייט צו צייט פלעגט מיר אויסקומען אַדורכצוגיין דורך אַ פאַרוואָרפענעם אָרט אין שייך מוניס, ווו לעבן אַ חרובן הייזל מיט אַ צעשאָטענעם פלויט, אַרום אַ פאַרלאָזן און ווילד־פאַרוואַקסן שטיקל ערד, איז געשטאַנען אַ באַנאַנען־בוים. יעדעס מאָל פלעגט מיין בליק זיך פאַרהאַלטן אויפן בוים, וואָס איז דאָרט איינזאַם געוואַקסן, טיף פאַר־וואָרצלט אין באָדן. זיינע צווייגן, ווי די גרויסע גרינע פעכערס, צעפאַ־טלטע אין לאַנגע פרענדזן, האָבן זיך געצויגן צו דער זון — זי האָט זיי דאָס געגעבן זייער לעבנס־זאַפט.

דער בוים איז געוואַקסן און אָנגעגאָסן זיך מיט אַ פולקייט, וואָס האָט געזוכט ערגעץ־ווו אַרויסצושפּראָצן אין אַ פּורפּור־שיין, וועלכן ער האָט אַריינגעזאַפּט פון דער זון.

אין איינעם אַ טאָג, ווען איך בין דאָרט פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך דערזען אויפן בוים אַן אַראָפּהענגענדיקן רויטן בלום, אָן אָנגעגאָסענעם מיט צייטיקייט, וואָס האָט אַראָפּגעשווערט צו דער ערד.

ווי אַזוי, בליט דאָ, אין סאַמע מיטן ברענענדיקן זומער דער איינזאַמער באַנאַנען־בוים — האָב איך מיר געטראַכט. דער נייגיר איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב באַשלאָסן אַריינצוגיין אין ערשטן בעסטן הייזל, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ מהלך פון דאַנען און דערוויסן זיך דעם סוד דערפון.

— איר פרעגט, ווי אַזוי עס וואַקסט דאָרט — האָט דער ייד געזאָגט — אין אַזאַ ווילדעניש דער איינזאַמער באַנאַנען־בוים? די מעשה דערפון איז אַ גאַנץ פּשוטע:

דער אַלטער אחמד קומט אַהער אַלע וואָך פון טייבה און באַוואָסערט אים. וואָסער דזשוויגעט ער אַזש פון מיין שטוב. און דאָס וואָס איר האָט געזען איז אַלץ, וואָס עס איז אים געבליבן פון זיין האָב־און־גוטס, פון זיין אייגן הויז. די אַלטע זיינע איז שוין לאַנג געשטאָרבן — נישט אויסגעהאַלטן דעם צער. ער אַליין וווינט ביי זיין טאָכטער, ביי פאַטמען — בענקענדיק נאָך אסאַדן דעם ייגנסטן זון, וועמען ער האָט געוואָלט איבערלאָזן טאַקע דאָס הייזל בירושה. אין דער מלחמה־בהלה איז אסאַד אנטלאָפן איבער די גרענעצן. בענקט דער אַלטער נאָכן זון און ס׳ציט אים כסדר צום אָרט וווּ ער האָט געלעבט און אויסגעהאָדעוועט זיינע קינדער; ס׳ציט אים צו זיין גאָרטן און סאַד פון וואַנען ער האָט פרידלעך געצויגן זיין פרנסה.

— ער, דער אַלטער טאַטע — האָט דער ייד ווייטער דערציילט — ווייסט נעבעך נישט, אַז אסאַד איז מיט אַ צייט צוריק געפאַלן ביי דער גרענעץ, ביים וועלן דורכשלאָגן זיך אַ וועג צוריק אַהיים. ביי זיין טויטן קערפּער האָט מען געפונען אַ רענצל מיט עטלעכע שטיקלעך וועש, אַ ביסל קליינקייטן און אַ בריוו פון די קרובים אין לבנון מיט גרוסן און ווונטשן פאַר אחמדן, דעם טאַטן זיינעם. דאָס אַלץ האָט מיר דערציילט מוסטאַפאַ — אחמדס עלטסטער זון, ווען איך האָב אים אַנומלט געטראָפן אין פּתח־תקוה, מיט גרינס אויפן מאַרק.

דער אַלטער אָבער — און דאָ האָט מיין מיטשמועסער טיף אָפּגעזיפצט — וואַרט אַלץ אויף זיין ייגנסטן זון... דאָס עקשנותדיקע קומען יעדע וואָך אַהער, צו באַגיסן דעם באַנאַנען־בוים, איז געפירט דורך דער בענקשאַפט נאָך אסאַדן — האָט דער געוועזענער יידישער שכן, אחמדס, פאַרענדיקט זיינע רייד.

מיט אַ געפיל פון נאָגנדיקן אומעט האָב איך פאַרלאָזן דעם יידנס שטוב, און פון דאַן אָן, ווען עס איז מיר נאָר אויסגעקומען פאַרבייצוגיין דעם באַנאַנען־בוים, פלעג איך אים אַרומנעמען מיט אַ וואַרעמען בליק פון פריינטשאַפט, גלייך ווי איך וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ לעבעדיקן מענטשן.

די צייט איז געגאַנגען און דער באַנאַנען־בוים איז געוואַקסן, ביז איך האָב איינמאָל דערזען אויף אים אַ שטאַנג אַראָפּהענגענדיקע באַנאַ־

נען — די מי פון בוים און פון אחמדן, וואָס האָט געטאָן זיין אַרבעט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט.

אָבער אין שפּעטן האַרבסט, ווען איך בין ווידער פאַרבייגעגאַנגען לעבן חרובן הייזל, האָב איך מיט שטוינונג דערזען, אַז דער שטאַנג מיט באַנאַנען הענגט נאָך אַלץ אַראָפּ פון בוים, אַן אויסגעטרוקנטער און איינגעקאָרטשע־טער. קיינער האָט נישט געגאָסן פון זיין גוטס. האָב איך זיך ווידער געלאָזן גיין צו דעם הייזל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ מהלך ווייט פון פאַרלאָזענעם אָרט און ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן האָב איך זיך געווענדעט צום באַלע־באָס — דעם יידן, וואָס איז אַמאָל געווען אחמדס שכן:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז געשען מיט אחמדן? פאַרוואָס האָט ער נישט אַראָפּגענומען די באַנאַנען?

— ער קומט שוין נישט מער — האָט דער ייד, אַ פּאַראומערטער אַ זאָג־געטאָן — געשטאָרבן אונדזער אחמד. מען האָט אים איין מאָל געפונען זיצנדיק אונטערן באַנאַנען־בוים, אָן סימנים פון לעבן...

— און די קינדער דאָ — האָב איך מיט פאַרוואונדערונג אַ פרעג־געטאָן — האָבן עס אַזוי געלאָזט פאַרדאַרבן די באַנאַנען — זיי האָבן גאָר קיין חשק נישט געהאַט צו פאַרזוכן פון הפקרדיקן פרי?

— ניין, זיי האָבן אַפילו זיך נישט צוגערירט צום בוים. פאַרקערט: נאָכן טויט פון אַלטן אחמד האָבן די צוויי באַקאַנטע קונדסים — די ברידערלעך אברהמל און יוסי, וואָס וווינען אין אַט־אָ יענעם הייזל מיטן רויטן דאַך — האָט דער ייד אָנגעוויזן מיט דער האַנט — קונדסים שבקונד־סים, זאָג איך אייך, וואָס לאָזן קיין מענטשן רואיק נישט אַדורכגיין די גאַס — דווקא זיי האָבן גענומען אָפּהיטן דעם באַנאַנען־בוים, אַז קיינער זאָל אים נישט טאָן קיין שלעכטס. טאַקע זיי האָבן עס געפונען דעם אַלטן אחמד אַ טויטן אונטערן בוים.

דעם באַנאַנען־בוים — פלעגן זיי אַריינטענהן צו די איבעריקע קינדער פון דער גאַס, טאָר מען נישט טשעפּען. אחמדס בוים דאַרפן מיר אָפּהיטן און נישט שעדיקן — אסור!...

# דער נישט־דערפילטער פֿאַרלאַנג

שׂרה איז שטיין־געבליבן ביי דער אַנטיקוואַרניע און פּלוצלינג דערזען אין פענצטער אַן אַלטן זייגער, וועלכער האָט איר אײנגאַנצן דער־מאָנט אין איר שטוב־זייגער. זי וואָלט געשוווירן, אַז דאָס איז איר זייגער. זי געדענקט גוט, אַז דאָס הענטל ביי וועלכן מען פלעגט אים אָננעמען איז געווען צוגעלייט, ווייל ס'האָט זיך געהאַט אָפּגעבראָכן. זאָלן דאָס זיין צופעלי־קייטן: דער זעלבער מעטאַל, אויסזען, גרויס, פאַרב און דער זעלבער פּגם?

דער זייגער האָט איר קיין רו נישט געגעבן. די סומע, וואָס מען האָט פאַר אים פאַרלאַנגט האָט איבערגעשטיגן דעם וועכנטלעכן פאַרדינסט אירן. זי וואָלט אים שוין געקויפט, ווען נישט דאָס, וואָס די וואָך איז געווען אַ וואָך פון צאָלונגען אַזוי, אַז זי האָט זיך נאָך געדאַרפט פאַרבאָרגן אויפן חשבון פון דער צווייטער וואָך.

אַזוי אין שטוב, אַזוי אין גאַס און אַזוי ביי דער אַרבעט, האָט זי פאַר זיך געזען דעם זייגער אויפן קאַמאָד, ווי אַמאָל. און שטענדיק ווען זי האָט דערזען דעם זייגער האָבן אַ פלייץ־געטאָן אויף איר דערינערונגען פון אַמאָל. עס האָבן זיך דערוועקט ביי איר בילדער פון איר קינדהייט, פון איר יוגנט — פון איר לעבן ביז ערב דער מלחמה. אין איר זכרון זענען אַרויס־געשווומען די ערשטע דערינערונגען וועגן זייגער. זי איז נאָך גאָר קליין געווען. דאָס איז שוין געווען נאָכן טויט פון עלטער־זיידן, ביי זיי אין שטוב. ער איז געשטאָרבן אין פינצטערן אַלקערל, ווו ער איז יאָרן געלעגן. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָבן זיך צעקלינגען גלעקלעך, וואָס האָבן זי אויפ־געוועקט פון שלאָף. זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט, צו צום פענצטער און געמיינט, אַז דאָס איז אַ שליטן געקומען. אָבער זי האָט דערזען אַ צעגרינטן

דרויסן און אַ צעשפּילטע, פרילינגדיקע זון. זי געדענקט, ווי זי האָט זיך אַליין געשטראָפט: דו נאַר, וואָס דו ביסט.

דאָס האָט מען נאָכן טויט פון זיידן, נאָך לאַנגע יאָרן פון שווייגן, פאַרריכט דעם זייגער. זי האָט ליב געהאַט זיין קלינגען.

שפּעטער האָט זי פיינט באַקומען דעם זייגער. יעדן פרימאָרגן האָט ער זי געוועקט ווען זי האָט נאָך געוואָלט שלאָפן. נישט אַלעמאָל האָט זיך איר געגלוסט צו גיין אין שול.

שפּעטער איז דער זייגער געוואָרן איר פאַרטרוילעכער פריינד — ווען ער האָט אויסגעקלונגען די צייט צו די באַגעגענישן מיט שימעקן. די צונויפטרעפן זענען פאָרגעקומען אין דער געדיכטעניש פון זייער גאָרטן, וווּ ס׳האָט אַ גאַנץ יאָר געשמעקט: בעז אין מאַי, ליליען אין יולי, און אין האַרבסט — רויזן. זי און שימעק האָבן דאָס ווינקעלע גערופן „דער גן־עדן״. אין די ליבע פאַרנאַכטן פלעגט שימעק פאַר איר אויסזינגען גריגס „סאָלוועגן־ליד״ מיט אַזוי פיל געפיל, ווי דאָס וואָלט ער פאַר איר קאָמפּאָנירט.

נאָר איין מאָל איז דער זייגער אַ קרבן געוואָרן. געווען איז דאָס, ווען זיי זענען שפּעט אין אָוונט געקומען פון אַ פאַרזאַמלונג אין נאָדל־פאַראיין, און גלייך נאָך זיי — צוויי „ציווילע״. זיי האָבן גענומען נישטערן איבערן שטוב, אין יעדן ווינקל. זיי האָבן זיך צוגעטשעפּעט צום זייגער, אַז אין אונטערשטן דעקל איז באַהאַלטן „ביבולע״. זיי האָבן אים צענומען. ער איז געבליבן ליגן ווי אַ רואינירטער מענטש. ערשט אין אַ צייט אַרום האָט מען אים פאַרראַכטן.

פון דעם טאָג ווי זי האָט דערזען דעם זייגער אין פענצטער, האָט ער איר נישט געגעבן קיין רו. נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט.

ס׳האָט זיך איר געחלומט, אַז דער זייגער שטייט גאָר הויך, נישט דאָ, נאָר אין פאַריז, אויפן אייפל־טורעם. און זי ציטביים שטריקל און אַלע גלעקלעך האָבן זיך צעקלונגען און בשעתן קלינגען זענען זיי געוואָרן גרויסע גלאָקן, זיין האָבן גערופן: הערט וואָס מיר זאָגן אַן: שלום פאַר אַלע מענטשן! און פלוצלונג באַווייזט זיך די מאַמע אירע און שרייט: זעט, מען האָט מיך פאַרברענט. און באַלד פאַרוואַנדלט זי זיך אין אַ געשטאַלט פון אַ קינד, שרהס קינד טאַקע. וווּ איז די מאַמע נעלם געוואָרן? זי נעמט זי זוכן. שרה,

לויפנדיק מיטן קינד אויפן האַנט, דערזעענע פּלוצלינג, אַז זי האָט נישט דאָס קינד און ס׳באַוויזט זיך אַ ווייסע טויב. זי שרייט: „נידער מיט היטלערן״.

וואָס אַ חלום איז — טראַכט זי. וואָס ער פלאַנטערט אַלץ אויף. אַלץ דער זייגער. צוואַנציק יאָר ווי זי האָט נישט געזען דאָס פּנים פון איר קינד, אַפילו נישט אין חלום. איר קינד איז פון ערשטן שפּליטער אין 1939, געפאַלן און דער מאַמען האָט מען פאַרברענט. אַלע אירע נאָענטע זענען די ערשטע קרבנות געווען. מיט נאַפט באַגאָסן — לעבעדיקע פאַקעלן. אַלץ דער זייגער, וועלכער האָט נאָך אַמאָל געעפנט אָט די אַלע וווּנדן, וואָס האָבן זיך נישט פאַרהיילט, אָבער, וואָס האָבן זי אויפגעשטעלט, כדי צו לעבן און נקמה צו נעמען.

קיין איינער פון אירע אייגענע איז נישט געבליבן. איר רבקהלען האָט מען ערגעץ אויפן פעלד באַגראָבן. שימעק איז געפאַלן ביי לענינגראַד. די ערשטע און די לעצטע ידיעה איז געווען, אַז ער איז געפאַלן ווי אַ העלד.

און אָט דער זייגער האָט איר כסדר דערמאָנט אין איר פריערדיק לעבן. ער איז געווען אַפילו אָנגעשטעלט אויף דער שעה, ווען זיי זענען אין דרייען אַרויס פון שטוב — דריי פערטל פינף. ווייזט אויס, אַז מען האָט דעם זייגער מער נישט אָנגעצויגן ביזן היינטיקן טאָג. עמעצער האָט אים פון ווייטן פוילן פאַרשלעפּט און דאָ פאַר אַן אַנטיק פאַרקויפט. שטייט ער אין פענצטער און וואַרט אויף אַ באַלעבאָס. זי האָט באַשלאָסן, אַז זי מוז אים פאַר יעדן פּרייז האָבן.

אָבער... ווען זי איז אין איינעם אַ טאָג געקומען אָפּקויפן דעם זייגער, איז ער אין פענצטער מער נישט געווען.

די צונויפגעקליבענע עטלעכע צענדליק פונט, זענען ביי איר געבליבן אין טאַש פאַריתומטע.

# אַ פרעמדער פלאַנץ

סאַליב טאַבורי האָט פון אַלטן בידער אָפּגעקויפט דאָס געשעפט, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע צענטער פון דער מושבה, אַנטקעגן „אגד".

דאָס געוועלב ביים אַלטן בידער איז פאַמעלעך אויסגעטרוקנט געוואָרן פון סחורות, ווי עס איז אויסגעטרוקנט געוואָרן די הויט פון זיינע באַקן. אין לויף פון זיינע יאָרן איז ערגעץ נעלם געוואָרן זיין גיכער טראָט און זיין הויך רעדן. גלייכצייטיק זענען אויף די פּאָליצעס געוואָרן ווייניקער סחורות און ווייניקער אַרטיקלען.

שוין לאַנגע יאָרן ווי ער רעדט מיט אַ ציטערנדיקער שטים, באַהויכט מיט אַ שטילן אומעט.

דאָס געשעפט, געדענקט דער אַלטער בידער, האָט ער געקויפט פאַרן געלט, וואָס ער האָט באַקומען פאַרן פּרדס. ער האָט פאַרקויפט דעם פּרדס אין ערשטן יאָר, ווען עס האָבן אָנגעהויבן שטייגן די פּרייזן אויף באָדן. דווקא זיין באָדן איז געפעלן געוואָרן די רייכע דייטשע יידן, וועלכע האָבן באַשלאָסן אויף זיין באָדן צו בויען זייערע ווילעס.

ער מאַטערט זיך צו דערמאָנען ווי אַזוי ער איז געקומען צום באָדן. יאָ, דער ברודער זיינער האָט פון אַמעריקע צוגעשיקט אַ פּאָר דאָלאַר. און אַזוי איז ער פון אַ חלוץ, וואָס איז אָוועק אין קיבוץ, ווי אַ יינגל, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קרעמער. און די יאָרן זענען געגאַנגען, נישט אַרומגעזען זיך ווי עס זענען אויסגעגאַנגען די כוחות און דאָס געשעפט איז געוואָרן ליידיק.

היינט, ווען בידער גייט פאַרביי לעבן זיין געוועלב, זעט ער, ווי עס לייכט מיט אַ סך ליכט דאָס ברייטע שויפענצטער.

ער פּרובירט אַריינגיין אינעווייניק כאַפּן אַ פרידלעכן שמועס מיטן מגושמדיקן סאַליב, וואָס שטייט היינט אויף זיין אָרט. סאַליב לאַכט מיט דער גאַנצער ברייטקייט פון זיינע גלעלע ציין. ער רעדט אויף זיין האַלדז־שפּראַך ווינקעלדיק פּרעכלעך.

בידער טראַכט: אַנדערע מענטשן, אַנדערע צייטן. עס דוכט זיך אים, אַז סאַליב נעמט אָן צו האַסטיק דאָס צאַרטע זיידנצייג און אַנדערע סחורות. עס דוכט זיך אים, אַז אַט צעפאַלן זיי זיך אונטער זיינע אימפּעטדיקע הענט. בידער קאָן נישט פאַרטראָגן דעם אופן פון באַגיין זיך מיט סחורות און דאָס באַנעמען זיך מיט די קונים. זיין שטילע איידלקייט שטערט אים צו פאַרטראָגן אַט דאָס־אָ. ער געזעגנט זיך און גייט זיין וועג אויף דעם אָונט־שפּאַציר, ביז דאָס וויב וועט צוגרייטן דאָס נאַכט־עסן. ווען ער קומט צו צום וועגעלע פון דוד כהן, דעם בולגאַרישן ייד, בלייבט ער שטיין, און, ווי אַלע אָונט, פאַרפירט ער מיט אים אַ שמועס.

דער אַלטער בידער קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין פאַרוואָס האָט עפּעס סאַליב, דער איראַקער ייד, דווקא געמוזט מיט געשלעגן און מסירות פאַרטרייבן פון אַנטקעגן זיין געוועלב דוד כהנען. אַזאַ געליטענער, טראַכט בידער — דריי יאָר געוואַלגערט זיך אָן אַרבעטלאָזער. גוט, טראַכט דער אַלטער בידער, וואָס דוד כהן האָט זיך מיט די ציין און נעגל איינגעביסן אין ברוק און 50 מעטער פון סאַליבס רייכער קראָם זיך פאַרפונדעוועט.

יעדן טאָג, אין די פרימאָרגן־שעהן האָט ער פונאַנדערגעלייגט זיין ביסל סחורה: זאָקן, סקאַרפּעטן, בענדלעך, שפּיגעלעך און אַנדערע קלייני־קייטן. אין אָונט פאַקט ער איין די סחורה און פירט זי אַהיים אין דער וויטער שכונה. דער אַלטער בידער שטייט און באַוואונדערט דודס געדולד פון איינ־לייגן זיינע אַרטיקלען. מיט וויפל זאָרגעוודיקייט און ליבשאַפט ער מאַכט דאָס. דוד כהן האָט געהאַט אַ לעבעדיקע באַציאונג צו אַט די טויטע זאַכן, פּונקט ווי צו ערד־געוויקסן. און דער אַלטער בידער פילט אַ פאַטערלעכע ליבשאַפט צו דעם איינגעעקשנטן דוד כהן. עס פאַרדריסט אים פאַרוואָס עס איז אים אויסגעקומען אויסצושטיין אַזויפיל פון סאַליב טאַבורי.

ווען דער אַלטער בידער האָט נאָך געהאַט זיין קראָם האָט דוד כהן נישט נאָר ווי דערגאַנצט זיין אייגן געשעפט מיט די אַרטיקלען, וואָס ער,

בידער, פלעגט שוין נישט האַלטן, נאָר לאָזן אַ גרויסן טייל פון זיינע סחורות ביי אים. און היינט האָט סאַליב טאַבורי איינגעשלונגען, ווי אַ וואַלפיש, נאָך און נאָך מינים סחורות.

דער אַלטער בידער באַנעמט דאָס נישט. איינס פאַרשטייט ער גוט — ווען דוד כהן זאָגט מיט זיין אויסגעמאַטערטער שטים, אַז ער האָט זיך איינגעגעסן אין ברוק, נישט געלאָזן זיך פאַרטרייבן, ווייל דאָס שענסטע וואָס עס איז דאָ מקיים צו זיין איז — מפרנס זיין די משפחה.

# דער שמעטערלינג און דאָס זשוקל

איז געפלויגן דער שמעטערלינג אין סאַמע זוניקן ליכט־ראָד פון טאָג, געפרייט זיך, וואָס ער לעבט און איז אַזוי פריי, ס׳איז אים אַזוי גוט אויפן האַרצן און —ער האָט זיך צעזונגען.

— ווער ביסטו? — האָט ער פלוצים דערהערט אַ זיס קול, כמעט לעבן אויער.

ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען עפּעס אַ באַשעפעניש, וואָס איז געזעסן אויף דער זעלבער בלום, אויף וועלכן ער האָט זיך געזעצט רוען. אין דער ערשטער רגע, ווען ער האָט דערזען דאָס שוואַרצע חיהלע, האָט ער זיך דערשראָקן, נאָר באַלד האָט ער זיך צעלאַכט:

— סאַראַ נאַר איך בין. ביסט דאָך אַזאַ באַשעפעניש ווי איך... נאָר שוואַרץ. אָבער אין וויפל שייַנען און פאַרבן שפּיגלט זיך אין דיר די זון. קום, וועלן מיר זיך פרייען צוזאַמען מיט דעם היינטיקן טאָג.

פליען הויך האָט דאָס באַשעפעניש נישט געקאָנט — ווייל אַ זשוקל פליט נישט הויך — איז עס געפאַלן אויף אַן המצאה:

— ווייסטו וואָס — האָט זי גענומען איינרעדן דעם שמעטערלינג — וואָס דאַרפסטו פליען הויך? פול מיט סכנות איז אפילו די לופט אַליין, שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס ס׳טוט זיך אויף די ביימלעך און קוסטעס. און ווער ווייסט וואָס ס׳איז העכער, און העכער און נאָך העכער? מיר לעבן און פליען נאָר צווישן די בלומען — נישט צו הויך, דאָ נישט וויַיט פון דער ערד. זע נאָר ווי שיין דאָ איז. זיי פריילעך, מיין ליבסטער און זינג זיך דיינע לידער. מירן דאָ לעבן.

„מירן דאָ לעבן" האָט שוין ביים זשוקל געהייסן נישט בלויז אַ טאָג, נאָר אויף לאַנג, לאַנג און אפשר אויף שטענדיק.

דער שמעטערלינג איז געווען פאַרכישופט מיטן טאָג, מיט דעם, ווי שיין עס טובלען זיך די שטראַלן אין גלאַנציקן פאַנצערל פון זיין געליבט זשוקל און ער איז איינגעגאַנגען אויף אַלעמען, וואָס מילי האָט געזאָגט.

— זי איז שטאַרקער פאַר מיר און קלוגער. אמת, האָט ער געטראַכט, ס'וואָלט געדאַרפט זיין אַנדערש. ווי אַ מאַן האָט ער געדאַרפט האָבן אַ פעסטן פאַנצער ווי ס'האָט דאָס זשוקל זיינס, מילי, אָבער וואָס זאָל ער טאָן? זינט ער געדענקט זיך האָט ער געהאַט אַזעלכע דורכזיכטיקע, פלאַ־טערנדיקע פליגל. בישקשה, ער וועט זיך ביי איר, ביי זיין מילי, אויסלערנען די חכמה. נאָר געדולד. אמת, דאָס לעבן איז קורץ, אָבער אַ סך זאַכן קען אין דער צייט געשען.

און זשוקל האָט געהאַלטן איר פלאַטערל כסדר אין אַ פלי ביז די קוסטעס און נישט העכער.

— ווי טריי דו ביסט מיר! — האָט ער אויסגעזינגען פאַר איר זיין באַוווּנדערונג — טרעטסט נישט אָפּ פון מיר. אַ דאַנק דיר, מיין ליבסטע מילי.

ווי נאָר די נאַכט איז געקומען, איז דאָס פלי־פלאַטערל אַן איבער־פולטער פון גליק אַריינגעפאַלן אין זיינע שלאָף־חלומות, וואָס זענען פול מיט פאַרביקן שיין פון די בייטאָגיקע בלומען, פול אָנגעזאַפּט מיט ריחות פון פעלדער און לאָנקעס און מיט זעאונגען פון מאָרגנדיקן טאָג.

אין דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט האָט דאָס פלי־פלאַטערל כמעט ווי נישט געזען זיין מילי, ווייל נאָר אין בייטאָגיקן שיין האָט זי געלויכטן מיט דער זוניקער ליכט און איז געווען אַנזעעוודיק... אָן דער זון איז מילי געווען חושך ווי די נאַכט. נישט באַמערקט האָט דער שמעטערלינג, אַז ווען ער איז געשלאָפן אין זיסע חלומות, פלעגט זי נעלם ווערן און ער האָט נישט געוווסט גאָרנישט און אַפילו נישט געפילט, אַז זי איז ערגעץ אַנטרונען געוואָרן.

אויף שטענדיק איז דאָס געבליבן פאַר אים אַ נישט אַנטדעקטער סוד, בעסער געזאָגט — ס'איז פאַר אים אין גאַנצן קיין סוד נישט געווען, ווייל ער

האָט אין זיינע שלאָף־חלומות אַפילו נישט געאַנט, אַז עפּעס אַזוינס קומט פאָר.

מיטן אָנקום פון טאָג האָט מילי ווידער געגלאַנצט מיט אַלע פאַרבן פון איר פינקלדיקן שוואַרצן קערפּער אין דעם זון־רעגן פון פריידיקן שטראַלן־שפּיל. אָבער פליען העכער, ווי איר טבע איז געווען, האָט זי נישט געקענט.

אין האַרץ פון שמעטערלינג, פון פלי־פלאַטערל, איז די בענקשאַפט געוואַקסן: נאָך אַ ביסל לופט, וואָס אין די הויכן, נאָך אַ ביסל ווייטקייט, נאָך דער היים, פון וואַנען ער איז געקומען, איידער ער האָט זיך דאָ פאַרהאַלטן. געוואָלט אַ פיל טאָן דעם ריח פון דער היימישער ערד, זען די אייגענע זיינע, אַ טאַנץ טאָן אין ראָד פון פרייד מיט זיינס גלייכן. די בענקשאַפט האָט גענומען נאָגן, דערגאַנגען ביזן האַלדז און גענומען שטיקן ביז טרערן און ער האָט מיט אומעט אויפגענומען דעם מאָרגנדיקן שיין. זיין בליק האָט גענומען קוקן אין דער ווייט און אַן איבערראַשטער אַליין, אין איינעם אַ טאָג, האָט ער נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס געפינט ער זיך דאָ, ווי אַזוי איז דאָס געשען? — האָט ער זיך געגעבן אַ ריס פאַרויס, אין דער ווייט, אויף זיינע פליגלען און איז אַוועק אַהין, וווּ ס׳האָט אים געצויגן...

# דער הירש און די רויטע הירשיכע

דער הירש האָט זיך אַדורכגעריסן דורך די צעצוויגטע בערגיקע קוס־טעס. אָנגעטרונקענע פון די לעצטע רעגנס, האָבן זיך די הערנער אָ הייב־געטאָן אין דער הייך און גענומען זיך אויפסניי באַגרינען מיט שמאַראַגד־שימער אין דעם אָנקומענדיקן פרילינג. אויף זיינע צוואַקסענע במשך פון די לעבנס־יאָרן הערנער שפּיגלט זיך אָפּ די זון אין די ערטער, וווּ די געוויקסן זענען שיטערער, די פעלדזן העכער און דער גרינער אַרום גרייכט אים נאָר ביזן קאָפּ. אַ גרויסע פרייד נעמט אים אַרום פון דער שפּיל פון ליכט, פון דער גאָלדיקער דורכזיכטיקייט פון דער זון, וואָס שפּיגלט זיך יעדעס מאָל אָפּ אויף זיינע הערנער. ער זעט זיי נישט, אָבער ער פילט די ליבלעכע וואַרעמקייט. פון דער גוטסקייט איז אין זיינע פיס אַריין אַ גרינג־קייט, און ער טראָגט זיך לייכט, לייכט, ווי אַמאָל, ווי אַמאָל.

נאָך אים גייט נאָך די הירשיכע. זי איז לייביקער פון אים, פעטער, ייִנגער. אין לויף פון יאָרן געלאָסענער געוואָרן. זי געדענקט ווי נאָכן צווייטן געבורט, ווען זי איז ווידער אַרויס מיט איר שיינקייט צום קוואַל, וווּ אַלע הירשן האָבן זיך פאַרזאַמלט, האָט זיך צו איר געוואָלט דערנענטערן אַ צווייטער, אַ שיינער און שלאַנקער הירש, אָבער בליץ־שנעל האָט איר הירש מיטן גאַנצן כוח פון זיינע הערנער יענעמען דורכגעשטאָכן, און דאָס וואַסער צופוסנס פון באַרג איז לאַנג געפלאָסן מיט רויט. ביזן אָוונט האָט מען נישט געקענט טרינקען דאָס וואַסער. ס׳האָט דאָך אויך אַנדערש געקענט זיין, יענעמס כוח זאָל שטאַרקער זיין און איר הירשס בלוט זאָל מיטן טייך אַוועק.

און די קינדער — אַלע זיך צעלאָפן. אַליין זענען זיי געבליבן — ער און זי.

אין דער ליבע צו אים איז זי גאָר יונג, נישט קיין אויסגעשעפּטער קוואַל געבליבן, וואָס זידט אין איר.

ווי אַלע אָוונט, גייען זיי איצט צום טייך, וואָס צופוסנס פון באַרג, דעם דורשט צו שטילן.

נייך, ער וועט נישט שטאַרבן! — ראַנגלט ער זיך מיט דער שוואַכקייט אין אַלע גלידער. עס נאָגט אַ ווייַ. ער פילט, אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע מאָל. ער ווייסט, זיין צייט איז געקומען.

די זון נעמט זיך רויטלען, באַגיסט אַלץ אַרום אים מיט שימערירנדיקן גלאַנץ, ווי עמעצער וואָלט גאָלדענע פליטערלעך אין מיטן דעם צעגליטן רויט אַנגעשאָטן.

זי קוקט נאָך זיין פאַמעלעכן גאַנג. נייך, זי וועט אים נישט לאָזן שטאַרבן אין דעם זון־אונטערגאַנג פון אַ נייעם קומענדיקן פרילינגס־טאָג. די נישט אויסגעזונגענע ליבע אין אירע בלוטן שטורעמט אין איר.

דער הירש קערט זיך נאָכאַמאָל אום און ער קוקט, ווי דאָרט אין דער ווייט פון שטח וואָלט געווען פאַרוועבט זיין לעבנס־וועג. ער האָט אויף אים געזוכט די אויסגעטרוימטע ווייסע הירשיכע, וועגן וועלכער ער האָט געהערט דערציילן, ווען ער איז אַ יונגער הירש געווען און צוזאַמען מיט אַנדערע ביים קוואַל וועגן ליבע געטרוימט. אָבער קיין ווייסע הירשיכע האָט ער קיין מאָל נישט געטראָפן. נישטאָ קיין ווייסע הירשיכעס. ברוינע, רויטע זענען זיי אַלע. און זיינע איז אַ רויטע, אַ פלאַמיקע, אין ליבע אַ נאָכגיביקע.

ער האָט זיך אומגעקערט צוריק און גענומען ווייטער פאַמעלעך אַראָפּלאָזן זיך פון באַרג צום טייכל, ווו ס'איז שוין געווען זיין הירשיכע אין דערוואַרטונג צו שטילן דעם דורשט פון נישט אויסגעלעבטער ליבע צום לעצטן מאָל.

ביים זון־אויפגאַנג איז מיט פאַמעלעכע טריט אַוועק פון באַרג־קוואַל די רויטע הירשיכע אַ גליקלעכע, וואָס כאָטש דאָס לעצטע מאָל האָט זי זיין ליבע אין פלאַם־פייער דערקענט.

# II

# געווען

## די פרינצעסין ווערט געבוירן

געווען איז דאָס אין אַ דעצעמבער־טאָג, וואָס האָט מיט פּראַסטיקן ברי געהאַלטן אין קלעם יעדן בעל־חי, יעדן פויגל אין פלי. אַפילו דאָס קוועקזילבער פון מענטשלעכן אויג־אַפּל האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון זיינע צוואַנגען.

די הייבאַס, קלאַטיצקאַ, האָט באַרואיקט רבקהן, אַז ביז דער אָוונט וועט צופאַלן וועט דער נולד אויסלייזן זי פון אירע ווייען.

אין האַלב־טונקעלן צימער האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ דערשראָקענע הון די מאַמע, מלכה. זי האָט זיך אַלץ שטאַרקער איינגעהילט אין איר וויס־גרוי געקעסטלטן וואָלענעם טיכל, וואָס האָט נישט אַרומגענומען אַפילו אירע ברייטע פּלייצעס פון איר וווקסיקער געשטאַלט. עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז עס איז מעשה־בראשית, כאָטש זיבן מאָל האָט זי געטראָטן אויף דעם וועג.

די ליפּן האָבן זיך איר אויסגעקרימט פון ווייטיק און צער. זי האָט געבראָכן די פינגער און שטיל געשעפּטשעט:

— גאָט, שטראָף מיך נישט! נעם מיר נישט צו מיין קרוין, פאַרשעם מיך נישט גאָט!

ביים טיש, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן צימער, זענען געזעסן דער מאַמע מלכהס צוויי שוועסטער. די ווינטערדיקע קאַלטע צעשפּילטקייט פון דער זון האָט נאָך מער ווי אַלע מאָל אונטערגעשטראָכן זייער אַנדערשקייט. די מומע אידעס מיטן גאַווהדיקן גוידער האָט שטאַר געקוקט פאַר זיך. זי האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, כאָטש זי איז שוין לאַנגע יאָרן געווען אַן אַלמנה, אַז איר מאַן איז געווען אברבנל — דער גרויסער יחוס אין לערנען.

זי האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ביי אַ משפּחה־צוזאַמענקום אָנצוטאָן איר שוואַרצן זיידענעם שפּיצן־שאַל, אין וועלכן זי איז אויך היינט געווען איינגעהילט. לעבן איר איז געזעסן איר שוועסטער, באַשע. אַ שטילער זיפץ פלעגט זיך אַרויסרייסן פון איר שוואַר־אָטעמדיקער ברוסט. זי האָט פאַנאַנ־דערגעשטעלט ברייט אירע פיס, ווי זי וואָלט ענדלעך געפונען פאַר זיך אַ פּאַסיקן אָרט זיי אָפּצורוען. זי האָט געהאַלטן פריי אויף די קני אירע פאַרהאָרטעוועטע הענט, און פון צייט צו צייט, פון דער אָנגעלאָדענער, געשפּאַנטער שטילקייט, אונטערגעדרימלט. איר הולך האָט זיך אויסגעטיילט פון איר שוועסטער, אידעס מיט דער גרויקייט פון זאָרגפעליק געוואַשענע קליידער, וואָס יאָרן האָבן פון זיי אויסגעגעסן זייער אָפּשטאַמיקן קאָליר.

די מאַמע, מלכה, האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ בליק אויף רבקהן. ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז נישט רבקה, נאָר זי גייט צו קינד. די ווייען זענען געוואָרן אַלץ אָפטערע. זיי האָבן זיך כמעט ווי נישט איבערגעריסן. נאָר אין די רגעס, וואָס זיי פלעגן אָפּטרעטן איז רבקה איינגעשלאָפן און אַ פּיינפולער שוויַיגן האָט אַרומגענומען דעם אָרום. די מאַמע, מלכה איז אַריין אין קיכל צוצוגרייטן וואַסער. די הייבאַם, קלאַטיצקא איז אַריין נאָך איר און ביידע זענען עפּעס שטיל געווען אַריינגעטאָן אין די לעצטע צוגרייטונגען.

שמואל איז געזעסן אין אַ ווינקעלע מיט אַ ספרל און געזאָגט תהילים, בעטנדיק גאָט, אַז זיין ווייב, רבקה זאָל בשלום אַדורך. ער האָט זיך איבער־געזעצט פון איין אָרט אויפן צווייטן, ווי פאַרגייענדיקע ליכט־שטראַלן פון דער זון, זענען נאָך דערגאַנגען צו אים און ער האָט געקאָנט ממשיך זיין זיין זאָגן תהילים. ער האָט נישט געקוקט צום בעט, ווו אין שניי־פוכיקן געלעגער האָבן ווי מעשה־בראשית זיך אָפּגעטאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס איז ביי אים אָן איבערלעבונג. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן — אַלע זיבן הימלען דאַרפן זיך פאַנאַנדערעפענען, און זיי שוויגן. זיין יונג האַרץ האָט נישט געקאָנט בייקומען דעם ווייטיק און אין די ווערטער פון ספר האָבן זיך איינגעפערלט טרערן.

פלוצלינג האָט רבקה דורכגעשניטן די לופט מיט אַזאַ שאַרפן קול, אַז אַלע פרויען האָבן זיך אַרומגעשטעלט ביים בעט. רבקה האָט אָנגעכאַפּט

דער מאַמען אירער פּאַר די הענט און ווי מיט צוואַנגען זיך איינגעקלאַמערט אין זיי. נישט באַוויזן פון דעם שוידערלעכן ווייִ און דרוק זיך אָפּצורוען, ווי דאָס נפשל מיט אַ קאָפּ גלעלע האָר האָט זיך געגעבן אַ גליטש־אַרויס אויף דער וועלט.

די מאַמע, רבקה, האָט טיף אָפּגעאָטעמט נאָכן שווערן ברוך, וואָס האָט געדריקט אויפן גאַנצן קערפּער. דערזעענדיק אַ לעבעדיקן, אָטעמדיקן נפש, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר אינגעווייד, האָט זי טיף אָפּגעזיפצט און אַן אויפלייזנדיקן שמייכל געטאָן. רבקה האָט אויף דעם אַלעם וואָס איז מיט איר געשען געקוקט ווי מעשה נס.

די הייבאַם, קלאַטיצקאַ, האָט געטאָן אירס און געפּאָרעט זיך ביי דער קימפּעטאָרין.

די באָבע, מלכה, איז שטיל מיט איר ווייכן טריט צו צום בעט און געזאָגט: „מזל־טוב דיר — אַ מיידל!".

שמואל איז געזעסן אָנגעבויגן צום פענצטער. אויף זיין טונקל־קופּערנער באָרד האָבן זיך געשפּיגלט די לעצטע רויט־פייערדיקע זון־שטראַלן. ער האָט אָן אויפהער געזאָגט תהילים. די מומע, אידעס, די עלטסטע שוועסטער דער באָבע מלכהס, איז צו צו אים און אים געזאָגט:

„שמואל, מזל־טוב! אַ מיידל, זאָל זיין אויף לאַנגע יאָר!".

שמואל האָט זיך ווי פאַרשעמט אומגעקערט און געענטפערט דער מומע אידעסן:

„אָמן, הלוואי!"

ער איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, צו צום בעט און מיט אַ ציטערדיקער שטים אין זיינע רייד האָט ער אַרויסגעבראַכט די פרייד פון געבורט פון דעם נפש־חי און געגעבן די ערשטע ברכה זיין טאָכטער:

— זאָלסט, רבקה, האָבן פון איר אַ סך נחת, מזל־טוב!

מען האָט זיך נישט אַרומגעזען ווי עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט.

— זי האָט באַוויזן צו קומען אויף דער וועלט מיט די לעצטע זונען־שטראַלן — האָט אַ טראַכט־געטאָן דער טאַטע, שמואל, און ווי דערמאָנענדיק זיך עפּעס, הויך געזאָגט:

— מירן בענטשן דאָס ערשטע ליכטל.

— זאָל איר מזל לויכטן, ליבער גאָט אין הימל, רבונו של עולם — האָט מיט אַ זיפץ זיך אָפּגערופן די באָבע מלכה.

איבערן שטוב האָט זיך צעגאָסן שמואלס קול־נגינה: „ברוך אתה יהוה אלוהינו מלך העולם אשר קדשנו במצוותיו וציוונו להדליק נר של חנוכה". באַלד דערנאָך האָבן זיך צעקלונגען די ווערטער פון דער ברכה פאַר דער היינטיקער אַנטפּלעקונג פון זיין בלוט און ביין: „ברוך אתה יהוה אלוהינו מלך העולם שעשה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה".

אין דרויסן האָט שוין לאַנג דער שניי מיט ווייכער שטילקייט פאַרדעקט די וועלט, ווי אויסלייזנדיק זי פון פיין און ברענגענדיק איר רו.

אין אַזאַ שנייאיקן דעצעמבער פאַרנאַכט איז געבוירן געוואָרן דער באָבע מלכהס ערשט אייניקל — די געלע פּרינצעסין.

# די מאַמע שיקט מיך אין געוועלב אַריין...

פאַר הינט האָב איך שטענדיק מורא געהאַט — אימת מות. און ס׳איז קיין חידוש נישט. אין דער היים האָט מען מיך געלערנט, אַז אַ הונט טאָר מען נישט אָנרירן — אַ הונט איז א טמא באַשעפעניש, און מען טאָר נישט שטיין אין זיינע דלד־אמות.

— זעסטו אַ הונט — פלעגט מען אַריינטענהן אין מיר — אַנטלויף! אַ הונט איז אַ כלב, אַן עשיו און נאָך ערגער — אַ גאַראַדאָוואָי!...

איז וואָס דער וווּנדער, אַז ווען איך פלעג אַנטרעפן אַ הונט, פלעג איך אויפגעציטערט ווערן און מיין קינדעריש הערצל איז אַנטפאַלן געוואָרן און זיך צעצאַפּלט ווי אַ שמעטערלינג אין אַ נעץ? אין אַזאַ פאַל האָבן מיינע פיס באַקומען אַזויפיל כוח, אַז איך האָב געמאַכט אַ ויברח אויף וואָס די וועלט שטייט. מיין שטייף־פאַרפלאָכטן געל צעפּל האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך מיר און מיך נישט געקאָנט אָניאָגן...

דאַרף זיך עס טרעפן דווקא מיר, צו באַגעגענען זיך מיט אַ הונט, און ווען? אין בין־השמשות... און ווו? אין אַ וויסט אָרט, ווו מען זעט נישט קיין מענטשן.

געווען איז עס אין פּלודי, נישט ווייט פון וואַרשע. מיר האָבן זיך דאַן געפונען אויף דאַטשע. איר מיינט אפשר, אַז מיר האָבן געוווינט דאָרט, ווו די ווילִיעס זענען געשטאַנען? חלילה! דאָרט האָבן געוווינט די „רייכע". מיר, דאַקעגן, האָבן געוווינט ביי אַ פּויער אַריבער דעם באַן־שלאַבאַנט. איז איין מאָל פּאַרנאַכט־צו, האָט אויסגעפּעלט אין שטוב נאַפט און דער אָוונט האָט גענומען צופאַלן. שיקט די מאַמע מיך אין געוועלב אַריין נאָך נאַפט. ווענען דען האָט די מאַמע געזאָלט שיקן אין געוועלב אַריין, אַז פון

גאַנצן „דראַביאַזג״ בין איך געווען די עלטסטע אין שטוב — אַ מויד שוין פון אַ יאָר אַכט.

גיי איך און דאָס הערצל מיינס גלייך עס וואָלט מיר וועלן פון בריסטל אַרויסשפּרינגען. איידער כ׳וועל דערגיין צום געוועלבל — טראַכט איך מיט שרעק — וועט שוין ווערן שטאָק פינצטער. כדי צוצוגעבן זיך קוראַזש, האָב איך אָנגעהויבן אונטערצושפּרינגען און זינגען אויפן קולכל... און אַזוי בין איך געגאַנגען, ס׳הייסט נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן קויפן נאַפט פאַר דער מאַמען.

אין מיטן זינגען און אונטערשפּרינגען, האָט זיך מיר אַרויסגעגליטשט דאָס געלט פון האַנט אַרויס און זיך צעשאָטן אויפן זאַמד, וואָס האָט שוין געהאַט פון לאַנג פאַרלאָרן זיין גאָלד־קאָליר און ווי אַלץ אַרום מיר באַקומען אַ חושכדיק פנים... די חשכות האָט איינגעשלונגען מיינע פאַר גראָשן.

אוי, פאַר וואָסער געלט וועל איך איצט קויפן נאַפט — האָב איך געוויינט און אומבאַהאָלפן געגראַבלט אין אָפּגעקילטן זאַמד.

אָבער פונקט דאַן איז געשען נאָך אַ שרעקלעכערע זאַך: פאַר מיינע פאַרוויינטע אויגן איז אין דער גראָער דעמערונג פּלוצלינג אויסגעוואַקסן אַ גרויסער הונט... מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז נישט קיין געוויינלעכער הונט, נאָר אַ וואָלף... פונקט אַזאַ וואָלף, ווי דער וואָס פונעם „רויטן היטעלע״ וועלכער האָט אויפגעגעסן דער באָבען... און נישט בלויז דער באָבען, נאָר אויך דאָס אייניקל מיטן רויטן היטעל אין איינעם.

דער הונט איז אין מיינע אויגן געוואַקסן און געוואַקסן און די וועלט איז אַרום מיר אַלץ קלענער און קלענער געוואָרן און איך, האָב נישט געהאט ווהין צו אַנטלויפן. מיינע פיסלעך האָבן זיך איינגעגראָבן אַלץ טיפער אין ווייכן זאַמד.

מיינט איר אפשר, אַז דער הונט האָט געבילט אויף מיר? אַ נעכטיקער טאָג! ווען ער וואָלט געבילט וואָלט איך דאָך געמאַכט פיס. אָבער ער האָט געשוויגן און — איך האָב אויך געשוויגן. ווי איך שטיי אַזוי אין הוילער שרעק, איז מיר אַרויפגעקומען אויפן זכרון דער שפּרוך קעגן הינט, וואָס מיר, קינדער, האָבן גוט געקענט אויף אויסנווייניק. האָב איך אויך גענומען צו הילף דעם דאָזיקן הייליקן שפּרוך און שטיל אויסגעזונגען:

## אין אונדזערע טעג

„...הינט, הינט, הינט,
איך בין יעקבס קינד,
דו ביסט עשיוס קינד,
אַז דו וועסט מיאָך וועלן באַסן,
וועט קומען דער טאַוול און דיאָך צעראַסן...“

איך האָב קוים שעפּטשענדיק עטלעכע מאָל איבערגעחזרט מיין שפּרוך און דער כלב איז אַלץ אַרומגעגאַנגען אַרום מיר און מיך באַשמעקט פון אַלע זייטן. געשמעקט און נישט אַרויסגעלאָזן קיין פּיפּס פון זיין הינטישן מויל, ביז ער איז אַוועקגעגאַנגען אַזוי ווי ער איז געקומען. אָבער איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען איינגעגראָבן מיט די פיסלעך אין זאַמד און געשעפּטשעט מיין שפּרוך קעגן הינט.

וואָס עס איז געשען מיטן נאָפט און וואָס האָט אויף דעם אַלעמען געזאָגט די מאַמע — פרעגט שוין גאָרנישט...

ביי אַזאַ בריה ווי מיין מאַמע איז געווען, האָב איך אויסגעזען אַ שלימזל — עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן דאָס, וואָס ביים טאַטן בין איך שטענדיק געווען די „געלע פּרינצעסין“...

## אין יענע טעג

פוילנס אומאָפּהענגיקייט איז געקומען אומדערוואַרט פאַר דער יוגנט, דערצויגענע אויף מיצקעוויטשן און סלאָוואַצקין, אויף „מלאָדאַ פּאָלסקאַ", וויספּיאַנסקין און זשעראָמסקין. אָט די אַלע ווערטן האָט זי אין זיך איינגעזאַפּט, הגם נישט איינער פון זיי האָט געבלאָנדזשעט אויף פאַלשע וועגן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און סתם אומוועגן.

די שילער־יוגנט האָט געשאַפן אין יענער צייט אין די גימנאַזיעס שילער־ראַטן. ביי אונדז בין איך געווען די ערשטע פאַרזיצערין פונעם ראַט. מיר פלעגן אַליין שרייבן אויפרופן צום 1־טן מאַי און נישט גיין דעם טאָג אין שול.

די שטורמישע ידיעות פון דעם נייעם רוסלאַנד, פון זייך סאָציאַליסטישן געבורט, האָט צעטרייסלט אונדזערע געמיטער, אַריינברענגענדיק אין „אונדזער שטורעם־ און דראַנג־פּעריאָד" נייע טענער און נייע פאַרבן — אַ נייעם אינהאַלט.

אַ טייל אומפאַרגעסלעכע לערער, — שטאַנדע, באַשטינסקי און נאָך אַנדערע, וואָס זענען שוין געקומען אַ ביסל שפּעטער צו אונדז אין גימנאַזיע, האָבן אונדז געקרעפּטיקט און באַגלייט אויפן וועג צום סאָציאַליזם.

אין די אַלגעמיינע שילער־ראַטן זענען געווען פאַרטראָטן דאָס בעסטע, וואָס די יידישע וואַרשעווער שילער־יוגנט האָט פאַרמאָגט. פון זיי זענען אַרויס אַ ריי וויכטיקע קולטור־טוער און אַפילו דיכטער. דער תוכן פון די לימודים, וואָס מיר האָבן באַקומען איז געוואָרן אָפּט מטושטש. עס האָבן זיך אויסגעמישט פאָרמולעס פון כעמיע און קאָסמאָגראַפיע. איבער דעם גאַנצן לערער־מאַטעריאַל האָט זיך אַרויסגעהויבן דאָס יאָר 1848, דער

פעלקער־פרילינג, די פּאַריזער קאָמונע, די פרייהייטס־אויפשטאַנדן אויף דער פּוילישער ערד, מיצקעוויטשעס „רעדוטאַ אָרדאָנאַ“, די „אָדע צו דער יוגנט“, „קאָנראַד וואַלענראָד“ און די אימפּראָוויזאַציע פון „דזשאַדי“.

אָנשטאָט צו גיין אין גימנאַזיע, פלעגן מיר אָפט אַוועקגיין אין דער ריכטונג פון אַ דעמאָנסטראַציע, וווהין עס האָבן אונדז גערופן פאַרשידענע פּלאַקאַטן, וואָס ס'האָבן צו יענער צייט אַרויסגעגעבן די אַרבעטער און פּויערים־ראַטן.

*

געווען איז דאָס אין איינעם אַ דעצעמבער־טאָג, אין יאָר 1919. די קפּ״פּ האָט גערופן צו סאָלידאַריטעט מיט דער ערשטער דעלעגאַציע פון דער יונגער ראַטן־רעפּובליק. ווי פאַרשטייער פון סאָוויעטישן רויטן קרייץ איז געקומען אַ דעלעגאַציע קיין וואַרשע מיט ווּעסאָלאָוועסקין בראש, כדי אָנצובינדן באַציאונגען מיט פּוילן, מיט פּוילן פון פּילסודסקין און מאָראַטשעווסקין, וואָס האָבן זיך גערופן „אַרבעטער־רעגירונג“ פון דער פּפּ״ס־פּראַקציע.

און עס איז געקומען דער פאַרראַט. מען האָט דער דעלעגאַציע נישט דערלויבט זיך צו באַוועגן. מען האָט זיי אויפגענומען מיט אַ שטוב־אַרעסט און זיי זענען געבליבן אָפּגעשלאָסענע אין זייער האָטעל.

די קפּ״פּ האָט גערופן צו אַ סאָלידאַריטעט־דעמאָנסטראַציע, כדי אויסצודריקן פּראָטעסט קעגן דער האַנדלונג פון דער מאָראַטשעווסקי־רעגירונג.

די לעצטע האַרבסטיקע זון האָט מיט גאָלדיקע שטראַלן באַגאָסן די גאַסן פון וואַרשע. און מיר, שילער־יוגנט, האָבן מיט אַלע אברים און חושים געצויגן דאָרט, פון וואַנען עס האָבן געווייעט די פרייהייט־ווינטן. אין יענעם האַרבסטיקן ווינטערדיקן טאָג בין איך מיט די ביכער אונטערן אָרעם געגאַנגען דאָרט, ווו די קפּ״פּ האָט גערופן, פּונקט ווי הונדערטער אַנדערע שילער־יוגנט. מיר זענען אַוועק אויפן פּלאַץ סאַסקי.

שוין פון די פרימאָרגן־שעהן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען צום פּלאַץ הונדערטער און הונדערטער אַרבעטער.

נאָך דער קורצער רעדע האָט זיך פאַרמירט דער צוג. די פּילסודסקי־לעגיאָנערן, וואָס זענען געווען דאַן די איינציקע באַלעבאַטים פון די וואַר־שעווער גאַסן, האָבן פאַרמירט אונדזער דעמאָנסטראַציע אין אַ „ד״, וואָס האָט פון איין זייט לענגאויס, פאַרנומען דער זאַקסישער גאָרטן און פון דער אַנדערער זייט די קאַצעבואָ (שפּעטערדיקע פרעדרע) און די ניעצאַלע. און ווען די ערשטע דעמאָנסטראַנטן זענען אַריין אין דער ניעצאַלע און ווען מיר האָבן זיך געפונען אין דעם אָפּגעשלאָסענעם שטח, האָבן די לע־גיאָנערן אָנגעהויבן שיסן אויף אונדז.

איך מיט אַ גרופּע יוגנטלעכע האָבן מיר זיך געפונען אין מיטן פונעם צוג. מיר זענען געווען פאַרמאַכט ביי אַ בלינדער וואַנט פון הויז, וואָס האָט פון אונדזער זייט נישט געהאַט קיין טויער. דער זאַקסישער גאָרטן איז געווען געשלאָסן. מיר האָבן זיך געפונען ווי אין אַ פּולאַפּקע. פון גרויס שטיקעניש און דראַנג זענען מיר געפאַלן איינער אויפן אַנדערן. ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט איז שווער צו זאָגן, פאַר מיר איז עס געווען אַן אייבי־קייט. סוף־סוף איז געוואָרן שטיל. איך האָב זיך אויפגעהויבן און דערזען אַ פּוסטע גאַס. איך בין פלינק אַריין אין ערשטן טויער אויף ניעצאַלע. אָבער דאָרט האָבן די לעגיאָנערן פאַרהאַלטן אַלעמען, ווער עס איז זיי אַריין אין די הענט. דאָ האָב איך שוין געטראָפן מיין חברה.

די לעגיאָנערן האָבן דורכגעפירט אַ „גרינטלעכע״ פּערזענלעכע רע־וויזיע, זוכנדיק געווער דאָרט, ווו מען קען עס אַפילו נישט באַהאַלטן.

איך האָב מיטן גאַנצן יוגנטלעכן צאַפּל פּראָטעסטירט. זעענדיק מיין קעגנשטעלן זיך, האָט מיר אַ לעגיאָנער געזאָגט: „זע נאַר, זע, צו גיין שרעקסטו זיך נישט און איצט האָסטו מורא! פאַרוואָס האָסטו פריער נישט מורא געהאַט?״

פאַרנאַכט צו: פינף געהרגעטע אַרבעטער. דריי פּוילישע און צוויי יידישע — די, וואָס האָבן פאַרטיידיקט די פענער. מידע, אָנגעפילט מיט שטאַרקער שנאה צו די פאַרלעצער פון מענטשלעכן לעבן, זענען מיר אַוועק.

איך געדענק נישט, ווי אַזוי עס האָבן זיך דאַן פאַנאַנדערגעטראָגן אַזעלכע ידיעות, נאָר מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז אויפן דריטן טאָג דאַרף מען זיך געפינען אויפן פּוילישן צמענטאַזש (בית־הקברות) אויף פּאָוואָנזעק.

מיר זענען דאָרט געווען. די געוויינען פון די משפחות, קינדער און איי־ניקלעך איז אויך געווען אונדזער געוויין.

צווישן די געהרגעטע האָט זיך געפונען אַ 65־יאָריקער אַרבעטער, וואָס האָט ביז דער לעצטער רגע פון זיין לעבן העלדיש פאַרטיידיקט די פאָן.

דריי לוויות מיט איין מאָל. אָבער אויך דאָס האָט די מאַראַטשעווסקי־רעגירונג נישט געלאָזט באַקומען, און באַלד האָבן זיך אין שטילן געוויין און באַשיידענעם הספד אַריינגעריסן די ערשטע שאָסן. נאָך דעם אַ פּיי־פּעריי, אַ געדראַנג, אַ לויפעריי, געשלעגן און געוויינען. — ווייטער וואָס עס איז געשען געדענק איך נישט.

די לוויה איז געווען דער לעצטער אַקאָרד אין בלוטיקן צוזאַמענשטויס פאַר פרייִנטשאַפט אין יענע ערשטע טעג פון קפ״פּ מיטן ראַטנפאַרבאַנד.

# טויבן אין פלי

יוסף סארניק האָט זיך פֿאַמעלעך אויפֿגעהויבן אויף די טרעפּ. ער האָט זיך אָפּט אָפּגעשטעלט. זיין אָטעם האָט נישט דערלאָזט אויפֿצוהויבן זיך מיט איין מאָל אויף די פֿיר שטאָק פֿון די געדרייטע, שמאָלע טרעפּ. ער האָט אויך אָנגעהויבן פֿילן אַ ווייטאָג אין די פֿיס. עטלעכע מאָל איז ער געבליבן שטיין און טיף אָפּגעדעכעט.

לאַנגע וואָכן האָט ער נישט געהאַט קיין פּדיון פֿון זיין מעקלעריי. די ייִנגערע און רירעוודיקערע פֿון אים, האָבן אים ממש אַרויסגעכאַפּט דעם ביסן פֿון מויל. זיינע געשווירענע ערטער אויף דער פֿראַנצישקאַנער, האָבן זיך אים אַרויסגעגליטשט פֿון די הענט. אייניקע בכבודיקע באַלע־באַטים זענען איבער נאַכט נעלם געוואָרן. אַראָפּ פֿון דער אַרענע. יעדער אויף אַן אַנדערן אופֿן.

לאַווערן איז די לעצטע יאָרן געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. די דייטשן האָבן קאָנפֿיסקירט די רויע לעדער, און די פּאַרטיקע זעלנערישע שטיוול, וואָס זענען געווען צוגעגרייט אָפּצושיקן קיין רוסלאַנד זענען אַוועק פּונקט פֿאַר דער עוואַקואַציע פֿון דעם צאַרישן מיליטער פֿון וואַרשע און ס׳איז שוין נישט געווען וועמען צו מאָנען. אַפֿילו נאָך דער מלחמה, אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, ווען ער האָט זיך גענומען מיט באַנייטער ענערגיע צו בויען זיין געשעפֿט, איז אים נישט געגאַנגען.

יוסף סארניק באַדויערט אים. נישט געקענט מיטגיין מיט דער צייט, ווייזט אויס נישט געכאַפּט דעם נייעם שניט פֿון ספּעקולאַציע, און געמוזט פּאַרקויפֿן דאָס געשעפֿט. נישטאָ מער קיין לאַווער. אַ פֿיינער ייִד געווען, נישט געקאַרגט, ווען ער האָט אים געדאַרפֿט באַצאָלן דעם פּדיון. אמת,

## אין אונדזערע טעג

יוסף סאַרניק איז זיך געגנוג אָנגעלאָפן ביז ער האָט געשאַפן קונים, דער עיקר צווישן שוסטערס אויפן מקום און ווייט אַרום אין דער אומגעגנט.

און איצט דער אַלטער נתן נאַוויטש האָט גאָר פאַרנאַכלעסיקט זיין לעדער־געשעפט. ער האָט געשמט פאַר אַ לערנער און טאַקע אַ סך גע־לערנט, אָבער זיינע שותפים האָבן אים אויסגעמאַכט אַן אויער. דער זון זיינער, דער עילוי, איז אַוועק אין טאַטנס דרכים. צוליב זיין לונגן־קראַנקייט, האָט ער נישט געקענט העלפן אין געשעפט. לאַנגע חדשים איז ער געבליבן זיצן אין שטוב, דער עיקר אין די געפערלעכע פאַר אים צייטן איז ער געזעסן פאַרטון אין די ביכלעך, געשריבן שירים און נתן נאַוויטשעס חלק אין געשעפט האָט זיך איינגעשרומפּן. כדי פּטור צו ווערן פון אים, האָבן די שותפים דאָס געשעפט פאַרמאַכט און שפּעטער געעפנט אַ ניי לעדער־געשעפט אויף גזשיבאָוו. נתן נאַוויטש איז געבליבן ווי אַ פיש אָן וואַסער. נאָר וואָס האָט יוסף סאַרניק זיך צו זאָרגן וועגן אים. פון דעם וואָס איז אים געבליבן, וועט ער זיך נאָך אויך אַן עצה געבן.

אויך דער דריטער באַלעבאָס זיינער, לעמעש, איז נאָך דער פּליטה וואָס ער האָט געמאַכט, נעלם געוואָרן און אַוועק קיין אַמעריקע. די צרה האָט געטראָפן נאָר אים, יוסף סאַרניקן. עס ווערט אים וואָס אַמאָל שווערער. ער ווערט אַלט. ביז איצט האָט ער דאָס נישט באַמערקט, און אין דער פּרנסה איז נישטאָ ווער ס׳זאָל העלפן.

די געדאַנקען זיינע טראָגן אים אויף די טרעפּ אַרויף. כאָטש ער סאָפּעט אונטער. ווו זענען זיינע קינדער? טראַכט ער. מאָטל און עלקע זענען אַוועק קיין ארץ־ישראל; האַנקע גלייבט אין נייע געטער, אין עפּעס אַ מאַרקסן און לענינען, וואָס האָט זי דערפירט אין דער מאָקאָטאָווער תּפיסה. זעקס יאָר געקריגן. וועגן דעם איז גאָר אַ חרפּה צו טראַכטן. בעסער, מען פאַרגעסט. נאָר צוויי זענען אין שטוב געבליבן.

דאָס איז געווען דער לעצטער געדאַנק זיינער, ווען ער האָט געעפנט די טיר. פון דעם בליך־לאָמפּ, וואָס האָט זיך צעגאָסן איבערן צימער האָט אים אַרומגענומען אַ וואַרעמער, היימישער שטראָם.

— אַלע זענען דאָ! דאָס ביסל וואָס איז מיר נאָך געבליבן, — האָט ער צופרידן אָפּגעעטעמט.

רחל זיצט איינגעבויגן איבער די ביכער נאָכן טאָג אַרומלויפן אויף די לעקציעס. ער קוקט מיט שטאָלץ אויף איר שיינעם קאָפּ, וואָס איז אַרומגענומען מיט אַ געדיכטן שוואַרצן צאָפּ, ווי אַ קרוין. ער קוקט אויף איר מיט ליבע. רחלס שיינקייט איז אַ האַלבער נדן.

ער וואַרפט אַ בליק אויף זיסלען. וואָס פאַראַ אונטערשיד צווישן זיי. און ביידע פון איין מאַמען. פון זעלבן בלוט און פלייש. נישט געוואָלט זיך לערנען. זי ליגט אויף דער סאָפע און לייענט. נישט געזעענערהייט ווייס ער, אַז זי לייענט אַ ראָמאַן. ס׳איז אַ חילול־השם זיי אין שטוב צו ברענגען! ווען ער פלעגט זי פרעגן: זיסל, וואָס וועט זיין דערפון — האָט זי אים מיט צוויי ווערטער פאַרמאַכט דאָס מויל: — תכלית, טאַטע, — און האָט אָנגעהויבן גיין אויף די העברעאישע קורסן. נישט צוליב לערנען זיך, נישט צוליב קענען די שפּראַך, נאָר צוליב דעם העברעאישן לערער, בריקנער מיט די לאַנגע קוטשמעס און שוואַרצן שלייף אָנשטאָט אַ קראַוואַט. געוויס צוליב אים גייט זי דאָרט. דאָס ווייס געני יוסף סאַרניק און דערפאַר, מסתמא, וועט ער אינגאַנצן נישט דאַרפן קיין נדן און ער זיפצט־אָפּ טיף.

— מלכהלע, גרייט וועטשערע, אַז מיר זענען שוין יאָ צוזאַמען אַן אָוונט — זאָלן די קינדער פילן, אַז זיי האָבן אַ שטוב, אַ וואַרעמע, אַ ליכטיקע.

מלכהלע האָט זיך געפאָרעט אין קיך און נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זיסלען:

די מיידלעך לויפן אויף די קורסן צוליב בריקנערן, אַלע זענען זיי פון חסידישע היימען. דער בריקנער זינגט מער ווי ער לערנט. און די בחורים — זיי שטערט נישט זייער חסידישער הולך. דאָס קומען זיי דאָרט אויך זוכן דעם קוואַל פון פריידיקער צעזונגענקייט, פון די שפּראַצן פון דער ערשטער וועלטלעכקייט. זיי גיסן־אויס זייערע שיר־השירימדיקע טרוימען אין פאַרשטעלטע, נישט־דערזאָגטע ווערטער צו די מיידלעך, וואָס יעדע פון זיי זעט־אויס אין זייערע אויגן צו זיין אַ שולמית.

זיסל פילט זיך, מסתמא, צווישן זיי ווי אַ פיש אין וואַסער. אַבי לייכט, אַבי פריילעך. אַ מינוט פאַרן פאַרמאַכן דעם טויער קומט זי אַהיים, אַזוי

יעדן אָוונט. וווּנדערט ער זיך: וואָס איז זי עפּעס היינט אַהיימגעקומען אַזוי פרי?

— וואָס עפּעס, טאַטע? דו וואַרטסט אויף זיין קרענק?

— ניין, טאַכטער, פאַרקערט — פאַרוואָס ברענגסטו אים נישט אַרויף? אדרבא, זאָל מען זען, זאָל מען אַ קוק טאָן דיין סחורה.

צו רחלען, וואָס איז געווען פאַרטאָן אין אירס, איז דאָס אַלץ נישט דערגאַנגען.

זיסל האָט אויף דעם נישט געענטפערט, נאָר אַ וואָרף־געטאָן קאָקעטיש מיט אירע צוויי האַלב־פאַרפלאָכטענע צעפּ, צונויפגעצויגן די פיס, געמאַכט זיך באַקוועמער און ווייטער געלייענט.

— דו וואָלסט בעסער אַ טראַכט געטאָן, ווי מען נעמט אַ פּאָר גראָשן פאַר דער שטוב, אַ פּדיון געזוכט און נישט געמישט זיך אין אַזעלכע זאַכן. לאָז זיסלען צורו, — האָט כלומרשט מיט כעס געזאָגט מלכה, וועלכע איז געראָד אויף די לעצטע ווערטער זיינע אַריינגעקומען פון קיך. אָבער אינער־לעך איז זי געווען אפשר אומרואיקער פון אים. אויף דער מאַמעס הויכע רייד האָט רחל אויפגעהויבן איר קאָפּ און פון איבערן ספר אַ שאַרפן בליק־געטאָן אויף דער מאַמען, וועלכע איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי שטערט איר. אָבער יוסף סאַרניק האָט גאָר אַנדערש געטראַכט וועגן דעם.

— יאָ, רחל, זי איז די איינציקע, וואָס פאַרשטייט מיך, פון די זעקס. ער האָט געשלעפּט דעם יאָך, געשלעפּט, ביז ער האָט זיי אַלע געשטעלט אויף די פיס, און איצט זענען זיי, די פיס זיינע, מיד געוואָרן.

ער פילט שוין לאַנג, אַז דאָ אין שטוב איז ער נישט קיין באַלעבאָס. עס העלפט נישט זיין רעדן, זיין ווערן זיך, זיין שרייען. עס גליטשט זיך אים פאַמעלעך אַלץ אַרויס פון אונטער די פינגער. אַזוי גייט עס. ער האָט אַליין דעם חטא אַריינגעפירט אין שטוב. ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און געווען צופרידן, וואָס מלכה האָט נאָך נישט געענדיקט צו קאָכן די וועטשערע. וואָס איז היינט געשען מיט אים? ער ציט כסדר די זכרונות זיינע.

דער רבי זיינער, רב זורחל, האָט געהאַט צו אים אַ סך טענות. ער איז אים דאָס קיינמאָל נישט מוחל געווען, האָט ער ביי אים געבעטן מחילה.

דעם חטא האָט ער אַליין אַריינגעבראַכט אין שטוב אַריין. ער האָט געוואָלט געבן די קינדער אַ ביסל וועלטלעכע לערע. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געזען ווי אים איז געווען שווער. דאָס ביסל ליכט וואָס ער האָט געוואָלט געבן, האָט זיך צעפלאַקערט אין אַ העליש פייער — זיין בחור איז פאַר־שרפעט געוואָרן, און ער, יוסף סארניק, איז אַ נשרף געבליבן. ער קען אים נישט מוחל זיין, נישט זיין טועכץ און נישט זיין ווייב, וועלכע קען נישט קיין אות פון יידישקייט, אַפילו רעדן יידיש קען זי נישט. וואָלט זי געווען אַ גויע, וואָלט זי זיך מגייר געווען און געמוזט זיך לערנען די יידישע דינים. אין דער אמתן, איז ער, יוסף סארניק, דאָך אינגאַנצן נישט שולדיק. נאָך די פּאָר קלאַסן וואָס ברוך האָט געענדיקט, האָט ער געוואָלט, אַז ער זאָל זיך לערנען אויף קורסן און ווערן אַ בוכאַלטער ביי איינעם פון זיינע באַלעבאַטים. ער וואָלט זיין, יוסף סארניקס כבוד דערהויבן. נישט איין דערנידערונג האָט ער געמוזט אויסשטיין, ווען ער האָט געמוזט בעטן ביי זיינע פּרינציפּאַלן אַ קאַנטע אויפן חשבון פון צוקונפטיקן פדיון, און שפּעטער פלעגן זיי אים שטענדיק אַראָפּרייסן פון פדיון. האָט אָבער ברוך דווקא געוואָלט זיין אַן אַדוואָקאַט. אַזוי ווייט האָט אים דער יצר הרע פאַרפירט. גיי, גיב אַ שטויס אַ פילקע אויף אַ משופּהדיקן וועג, ווען דו ווייסט נישט וויסן ווו זי וועט זיך אָפּשטעלן. האָט ער זיך, ברוך, אינגאַנצן אַראָפּגעקייקלט פון וועג. יוסף סאַרניק וויל אפילו די אייניקלעך נישט זען.

דער ווייטאָג און בענקשאַפט נאָכן זון האָט זיך איצט טיף אַריינגע־שניטן אין האַרצן אַריין. ווי אַ זעג וואָלט זיך מיט אירע ציין אין אים אַריינגעשניטן. צוליב ברוכן איז פון אים אַראָפּ דער גאַנצער גלאַנץ, ווי עמעצער וואָלט אים אויסגעטוישט און אָנגעטאָן אים אַן אַנדערן בגד. ברוך האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן, ווייל ביים האָבן זענען ביידע אין סכנה געווען, סיי מלכה און סיי דאָס קינד. מיט דעם נאָמען האָט ער גע־דאַנקט דעם בורא העולם, אַז ביידע זענען לעבן געבליבן.

פון ברוכן האָט עס זיך אָנגעהויבן און אַזוי איז עס געגאַנגען. אַלע זענען זיך צעלאָפן, קעגן זיין ווילן. ווי פאַרטריבענע טויבן זענען זיי זיך צעפלויגן.

— דו אַלטער נאַר, — האָט אים געטרייסט מלכה, — דו זעסט דאָך די מגיפה האָט אַרומגענומען די גאַנצע פראַנצישקאַנער. זע ביי אפרים גלאָבמאַן, יוסף ציטרין, ביי די מאַנדלוואַסערס, — אַזאַ צייט. זיי נישט האַרט צו די קינדער. זיי זיי מוחל. זי האָט געליטן און געשוויגן. איר פּנים איז פון יאָר צו יאָר מער איינגעשרומפּן געוואָרן. זי איז דאָך שוין ענלעך צו איר מאַמען, כאָטש זי איז מיט צוואַנציק יאָר יינגער פון איר. ער קאָן נישט. דאָס טראַכטעניש ברענט אינעווייניק ווי אַ העליש פייער. מסתמא זענען זיינע קינדער ענלעך צו אים. מילא, זיסל! אָבער צי איז ער זיכער מיט רחלען, וואָס איז אַזוי וויל און געצוימט אין אירע מעשים? אַלטער נאַר, זי ווייסט, מסתמא, אויך אַוועק פון שטוב — האָט ער זיך אַליין געזידלט.

מלכה האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש די צוגעגרייטע וועטשערע, וואָס האָט היימיש געשמעקט מיט האָבער־גריץ און פרישע קאַרטאָפל.

— אַ מער וואָלסטו זיך געגאַנגען וואַשן, אַז מיר זאָלן קאָנען גיין עסן, און נישט דו האָסט זיך אַוועקגעזעצט טראַכטן. גיכער, ריר זיך, — האָט זי איר ווייטאָג, וואָס עס איז שוין אַזוי לאַנג נישטאָ קיין בריוו פון עלקען, אַרויסגעבראַכט אין כעס צום מאַן. זי האָט שטענדיק געהאַלטן, אַז דאָס האָט ער צעטריבן אירע קינדער. צופיל געמישט זיך אין זייערע עסקים און דאָרט זענען דאָך איצט אומרוען. מיט וועמען און צווישן וועמען האָט זי נישט פאַרשטאַנען. צי די יידן מיט די אַראַבער, צי מיט די ענגלענדער, צי די ענגלענדער מיט די יידן, צי מיט די אַראַבער, צי אַלע צווישן זיך. איר צעבענקט מאַמיש האַרץ האָט געבלאַנדזשעט אין דמיון דאָרט אויף די מדבריות, וועגן וועלכע זי האָט געלייענט אין דער צאינה וראינה און האָט שטענדיק געזען נישט די אידילישע בילדער פון יעקבן און רחלען ביים ברונעם, נאָר עקדישן און שלאַנגען און לייבן, וואָס לויערן אויפן מענטשן אויף יעדן טריט און שריט. נישט איין מאָל האָט יוסף סאַרניק דאָס פון איר געהערט. ביידע טראַכטן זיי וועגן די קינדער.

יוסף סאַרניק מאַכט דעם חשבון:

מילא, זיך באַזעצט ערגעץ אין אַ קיבוץ און קאָפּעט די ערד. איז ער

מחלל דעם הייליקן שבת. אָבער עלקע — אויסטערליש: אין שטאָט איז זי אַ מולארקע געוואָרן. אַן עבודה פון אַ מיידל. בויט הייזער.

און חנהקע דאָ? — פיר יאָר נאָך זיצן. קיין איינמאָל נישט געוועזן ביי איר. אַלץ די מאַמע. זי לויפט. שוין אַ טאָג פריער קעמט זי דאָס שייטל. ער וואָלט שוין אפשר געגאַנגען, אויך געגאַנגען זיצן, אָבער דאָס האַרץ לאָזט אים נישט. נחת פון קינדער!

יוסף סאַרניק וואַשט זיך צום עסן און אַלע זעצן זיך אַרום טיש. פּלוצלינג — אַ האַסטיקער קלאַפּן אין טיר. איידער מען קוקט זיך אַרום עפנט זי זיך און אין צימער איז אַריין עלקע. אין דער ערשטער מינוט זענען אַלע געוואָרן אַזוי צעטומלט, ווי זיי וואָלטן דערזען אַ געשפּענסט, ווי זי וואָלט געקומען פון יענער וועלט. די ערשטע איז צו איר צוגעפאַלן מלכה און זיך אַזוי צעהעשעט, אַז אַלע זענען געבליבן ווי געליימט און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. פון מלכהס ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן דער גאַנצער מאַמישער צער פאַר אַלע — פאַר עלקען, מאַטלען, חנהקען און ברוכן, פאַר אַלע קינדער, וועלכע זענען געוואָרן אָפּגעריסן פון איר, ווי אַ בוים פון וועלכן מען ברעכט אָפּ די צווייגן. זי וועט זיך צוזאמענברעכן — האָט יוסף סאַרניק מיט אומרו געקוקט אויף איר. ווען מלכה איז געקומען צו זיך, און אלע האָבן זיך ארומגעזעצט אַרום איר, האָט מען ערשט באַמערקט, אַז עלקע זיצט נאָך אין מאַנטל מיט אַ גראָבן, וואָלענעם שאַל אַרומגעוויקלט אַרום דעם קאָפּ.

— זע נאָר, זע, גיב, כ׳וועל דיר העלפן, — האָט רחל גענומען אויסטאָן פון איר די בגדים, דעם מאַנטל און די צוויי סוועדערס, וואָס זי האָט געטראָגן אונטער אים.

— ביי אייך איז שוין קאָלט און ביי אונדז טראָגט מען נאָך נישט אין דער צייט קיין ווינטערדיקע זאַכן.

יוסף סאַרניק האָט געקאָנט איצט נישט נאָר אין דער מחשבה, נאָר אויף דער וואָר, אַרויסברענגען זיין אומצופרידנקייט און אומרו וועגן זיינע קינדער. ער איז אָבער ווי שטענדיק געווען קאַרג אויף ווערטער.

— מיין קינד, — וואָס אַזוי פּלוצלינג?

— טאַטע, מען האָט מיך אַרויסגעשיקט. אין חנהקעס וועגן בין איך

געגאַנגען. נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין אומרעכט. מען האָט מיך דעפּאָרטירט. קיין ענגלישע בירגערשאַפט האָב איך נאָך נישט געהאַט, האָבן זיי מיר פאַרשאַפן אַ פּאַס ביים פּוילישן קאָנסולאַט, און אויף זייערע הוצאות מיך אָפּגעשיקט אַהיים. דו זעסט דאָך מיין פאַרמעגן, — אַלץ איז אין דער קליינער וואַליזקעלע. מען האָט אויסגעפונען אַז עס איז געפערלעך, כ'זאָל זיך געפינען אין די גרענעצן פון פּאַלעסטינע, וואָס זיין אַפּוטרופּוס איז די ענגלישע קעניגלעכע משפחה. וואָס מיינסטו, טאַטע, די ענגלענדער זענען אַנדערע ווי די פּילסודטשיקעס?

— טאָ וואָס וועט איצט זיין, מיין קינד? חנהקע איז פאַרשפּאַרט, זיסל האָט נאָך קיין פּאַך נישט. רחל לערנט זיך. אָבער וועסטו שוין קומען צום שכל אָוועקוואַרפן די אַלע געשעפטן. שוין צייט חתונה צו האָבן.

— און אפשר האָב איך שוין חתונה געהאַט? — האָט זי מיט אַ שמייכל געענטפערט און באַלד צוגעגעבן:

— טאַטע, קודם־כל דאַרף איך באַקומען אַרבעט. דו זעסט, טאַטע, מיינע מוסקולן? דאָ האָט זי פאַרשאַרצט די אַרבל פון דער בלוזקע און באַוויזן אירע אָפּגעברענטע אָרעמס, פאַרהאַרטעוועטע אין פּראַצע.

פאַר אים, סאַרניקן, זענען די אַלע ווערטער געווען פרעמד און ניי.

— וואָס פאַראַ אַרבעט כ'זאָל נישט באַקומען, וועט מיר נישט זיין שווער. אויף די רושטאָוואַניעס דורכגעגאַנגען אַ גוטע שול. טאַטע, מען מוז דאָך לעבן פון אַרבעט. הלוואַי וואָלסטו אַן אַרבעטער געווען, כאָטש אַ בעל־מלאכה, וואָלסטו דיינע כוחות נישט אַזויפיל געפּטרט ביי דיין מעקלעריי.

יוסף סאַרניק האָט אַ קוק־געטאָן אויף זיין טאָכטער ווי ער וואָלט איר דעם ערשטן מאָל דערזען און האָט זיך געוווּנדערט הערנדיק די רייפע, קלוגע רייד פון זיין טאָכטער.

— דו קאָנסט נישט אַלעמען פאַרזאָרגן, טאַטע, מען מוז דיר העלפן. וואָס שייך „יענע געשעפטן" ווי דו זאָגסט, קאָן איך דיר נאָר זאָגן, אַז כ'האָב דאָרטן אַלע מאָל געדענקט אין חנהקעס רייד: קעגן אומרעכט מוז מען אומעטום קעמפן צי אין פּאַלעסטינע, צי אין פראַנקרייך און בפרט דאָ ווו איך לעב און ווו איך בין געבוירן געוואָרן, ווו מיר לעבן פון דור־

דורות. בפרט איצט, טאַטע, זענען די געפאַרן גרעסערע. ס׳איז ערשט דריי יאָר ווי היטלער איז ביי דער מאַכט און שוין איז אים אַלץ ווייניק. פוילן איז אים אַ דאָרן אין אויג.

יוסף סאַרניק האָט אַ טראַכט־געטאָן: — זע נאַר, זע, אַ גאַנצע פאָליטיקערין, מיין עלקעלע. אוי מיינע טויבן, מיינע טויבן — יעדע פליט אין אַן אַנדערער זייט...

# אַ בלעטל זכרונות

אין דער פאַרשטעלונג און אין דער קונסט איז מלחמה סימבאָליזירט דורך דעם מלאך־המוות, וואָס גייט איבער פעלדער פון מענטשלעכעביינער מיט אַ טייוולאָנישן שמייכל און ציינלאָזן מויל און ווילדער נקמה־פייער אין זיינע לעכער־אויגן. די פאַרשטעלונג אַנטשפּרעכט אָבער ווייט נישט דעם מלחמה־גרויל אין אונדזער תקופה — נאָך דעם וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, אין אַ גאָלדיק־ליכטיקן האַרבסט־טאָג, האָבן זיך מחנות באַשטאָלטע מלאכי־המוות אַראָפּגעלאָזט איבער די שטעט און דערפער פון פּוילן. נישט נאָר וואָס זיי האָבן פאַרפינצטערט דעם הימל, נאָר זיי האָבן פאַרוויסט און פאַרניכטעט דאָס לעבן אויף דער פּוילישער ערד אין די לאַנגע מלחמה־יאָרן.

אַזאַ זאַך איז נישט פּלוצים אַראָפּגעפאַלן פון הימל, נאָר עס איז גוט צוגעגרייט געוואָרן דורכן דייטשן היטלעריזם און פּרייסישן יונקערטום לאַנגע יאָרן. אויך אין פּוילן איז געטאָן געוואָרן די מלאכה דורך דער סאַנאַציע־רעגירונג. די גאַנצע אָנשטרענגונג פון די וועלט־אונטערצינדער איז צוצוגרייטן קודם כל די אַטמאָספער, אַז דער אויסברוך פון קריג זאָל אָנגענומען ווערן ווי אַ נויטווענדיקע זאַך.

אויף אַלע פראָנטן, מיט אַלע מיטלען האָבן זיך באַמיט די רעאַק־ציאָנערן פון פּוילן צו שאַפן די פּאַסיקע באַזע פאַר אַ מלחמה־אַטמאָספער: „דאָס גיין אויף ליטע"; די אַנטיסעמיטישע כוליגאַנישע אָנפאַלן אויף די מערק און אוניווערסיטעטן; די „העלדישע" אָנפאַלן פון די סטודענטישע „פאַלקאַזשעס" אין „יענע גאַסן" אין האַרץ פון דער יידישער געגנט; דאָס

אַנפּאַלן מיט מעסערס אין די אָוונטן אין זאַקסישן גאָרטן אויף יידישע דורכגייער; דאָס אָנפּאַלן אויף אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס; דאָס איבער־פאַלן די פּאַריין־לאָקאַלן — דאָס אַלץ האָט געשטעלט די יידישע באַפעל־קערונג אין אומגעהויער שווערע באַדינגונגען, אַפילו אין פאַרגלייך לגבי די פאַרמלחמהדיקע צייטן פון „זשידאָ־קאָמונאַ״; „אַגענטן פון מאָסקווע״; פון אומצאָליקע אינסצעניזירטע פּראָצעסן פאַר באַליידיקן דאָס פּוילישע פאָלק מיטן זידל־וואָרט „פּאַלסקאַ שוויניאַ״.

דאָס אַלץ איז נאָר געווען די פּרעלודיע, דער ערשטער שטאַפּל צו לינטש־ און נקמה־אַקטן, וואָס האָבן זיך צעבושעוועט אין פּוילן מיטן אויסברוך פון דער מלחמה.

געוווינט האָבן מיר בשעתן אויסברוך פון דער מלחמה אין וואַרשע, אין האַרץ פון דער פּוילישער געגנט אויף אָקאָפּאָווע, דאָס צווייטע הויז פון „מאַידעס״ זייף־פאַבריק, צופוסנס פון קערצעליאַק. מיטן אויסברוך פון דער מלחמה, איז שוין אויף מאָרגן, ווי פון זיך אַליין, דער מאַרק אויסגעטריקנט געוואָרן פון סחורות און הענדלער. אָבער ער איז געווען פול מיט מענטשן. אַלעמען האָט געצויגן אין גאַס, צווישן מענטשן. אפשר ווייסט ווער עפּעס, וואָס איז מיט דער מלחמה, וואָס וועט זיין? ווי לאַנג וועט מען ליידן?

אין מיטן פון אַזאַ אומרואיקן געזעמל, פון פּאָליאַקן און יידן, איז אַנטשטאַנען אַ מהומה: אַ פּוילישע פרוי האָט זיך ראַפּטעם אַריינגעריסן אין מיטן געזעמל און איז צוגעפאַלן צו עפּעס אַ יידישער פרוי, אַז זי האָט געגעבן איר קינד צוקערקעס, כדי עס אָפּצוסמען.

אין איין אויגנבליק, איידער מען האָט נאָר רעכט באַוויזן צו פאַרשטיין אין וואָס עס האַנדלט זיך, האָט מען שוין געשלעפּט די פרוי אַ צעבלוט־טיקטע. עס האָט נישט געהאָלפן וואָס דער אַלטער טראַמוואַיאַזש האָט זיך געבעטן: „נאַ באָגאַ, לודזשיע, אָפּאַמיענטאַיציעשען״. אָבער גאָרנישט, דער המון האָט געטאָן זיינס. ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אַ פּאָליציאַנט און מיטגענומען מיט זיך אַלע די, וואָס זענען געשטאַנען אין רעדל.

ווי אַ לערערין, בין איך לויט דער פאַראָרדענונג פון דער רעגירונג,

געוואָרן מאָביליזירט אַלס סאַניטאַרין אין מיין מעד־פּונקט, וואָס האָט זיך געפונען אין אונדזער הויז.

די ערשטע קרבנות, וואָס מען האָט צו אונדז געבראַכט, זענען געווען פון דער יידישער באַפעלקערונג פון די לעצטע נומערן פון געגשע, ווו עס זענען נישט געווען קיין מעד־פונקטן. ס'רוב זענען דאָס געווען ראש השנהדיקע מתפללים. אומפאַרגעסלעך איז דער טויט פון פוילישן זעלנער, וואָס האָט זיך פּאַרטאָג דערשלעפּט צו אונדזער פונקט און אויסגעהויכט די נשמה זיינע, נאָך איידער מיר האָבן זיך געקאָנט דערוויסן זיין נאָמען. קיין סימן פון קיין דאָקומענט האָבן מיר ביי אים נישט געפונען.

עס איז שווער צו פאַרגעסן די טויטע אירענקע, וואָס עס האָט צו אונדז אין מיטן נאַכט געבראַכט דער יונגער אַרבעטער. זיין געזעגענען זיך מיט איר קלינגט נאָך היינט אין מיינע אויערן. „מיין ליבע אירענקע, טעכטערל מיינס, זיי מיר געזונט".

דער טאַטע, אַ הילפלאָזער, אפילו נישט קאָנענדיק באַגראָבן זיין אייגן קינד, איז אַוועק. זי איז אַ שטייפע געבליבן ליגן ביי אונדז, און פון אונטער דעם ליילעך האָבן זיך צעשאָטן אירע זיידענע לאָקן, וואָס האָבן קוים געבלישטשעט אין דעם פאַרטונקלטן ליכט פון דעם עוצר לילה.

אָנגעפילט מיט געפאַרן איז געווען אונדזער לעבן, אַזוי ביי טאָג און אַזוי ביינאַכט. דער שונא האָט נישט פאַנאַנדערגעטיילט זיין פלאַן לויט פאַזעס פון דער נאַטור, נאָר לויט זיינע באַדערפעניש. 5 אַזייגער זענען ס'רוב באָמבארדיר־פּילאָטן געפלויגן קיין וורא ָצלאַוו טרינקען זייער קאַפע. אָבער אַ חוץ זייערע מאָלצייטן זענען זיי געווען פאַרטאָן מיט דער אַכזריות־דיקער התמדה פון זייען טויט. אין די נעכט זענען אין דער ערשטער וואָך פון דער מלחמה איינגעפירט געוואָרן קעגן־לופט־שוץ שומרים. יעדע שטוב האָט, לויט דער ריי, געדאַרפט געבן אַ מענטש.

אויף דער נאַכט איז מיין מאַן דעם 6־טן סעפּטעמבער אַוועק פון וואַרשע. איז מיר דאַן אויסגעקומען צו פאַרטרעטן זיין אָרט. ווען איך דערמאָן זיך היינט, זעט עס מיר אויס לעכערלעך. איך, וואָס ווייס נישט ווי מען האַלט אַ ביקס, צוזאַמען מיט אַנדערע, פונקט אַזעלכע שיסער, כאָטש מענער — אויף דער וואַך קעגן שפּיאָנאַזש און אָנפאַלן. אָבער די

קאָמפּס־גרייטקייט האָט פֿאַרטושט די אמתע מאַכטלאָזיקייט און זינלאָזיקייט פֿון דער סיטואַציע.

אויך די נאַכט האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו בייזוויליקייט, צו נקמה־אַקטן און געבראַכט צו אַ סך שקרים, אינטריגעס אויף אומשולדיקע מענטשן, וואָס זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין געווירבל פֿון מלחמה און געפֿאַלן ווי אירע קרבנות פֿון שאָוויניזם, נאַציאָנאַליזם און מענטשן־שנאה. נישט איין אומשולדיקער מענטש איז געפֿאַלן פֿון פֿאַלשע חשדים וועגן געבן צייכנס צום שונא אין דער לופֿטן. די אמתע פֿאַרבינדעטע מיטן דייטש, וואָס האָבן געאַרבעט באַרעכנט און פּלאַנמעסיק, האָט מען נישט געכאַפּט. אָבער מען האָט דאָך געמוזט פּאַקן אַזעלכע, האָט מען געזוכט און — געפֿונען. מען האָט געכאַפּט אויפֿן צווייטן שטאָק אַנטקעגן־איבער אונדז אַן אַלטע פּאָר, וואָס האָבן כלומרשט געוויזן ליכט־סימנים. די „פֿאַרברעכער" האָבן קיינמאָל נישט געלערנט און נישט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס געבן סימנים, פּונקט ווי די, וואָס האָבן געכאַפּט די „פֿאַרברעכער". אָבער די אַטמאָספֿער פֿון חשדים האָט געפֿרעסן מיט ביידע באַקן דעם צוטרוי פֿון מענטש צו מענטש אין אָנבליק פֿון דער געפֿאַר פֿון פֿאַרניכטונג — ווען טויזנט עראָפּלאַנען האָבן מיט איין מאָל צו אַנדערטהאַלבן מעת־לעת געשאָטן פֿייער פֿון זיבן גיהנומס אויף וואַרשע.

# אַ מעשה מיט אַ קינדער־וועגעלע

צוויי חדשים נאָך דעם ווי מיר זענען אַנטלאָפן פון וואַרשע, ווען די היטלעריסטן האָבן פאַרנומען די שטאָט, זענען מיר פרייוויליק אַריבער־געפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד. מען האָט אונדזער עשאַלאָן צוגעשטעלט אונטער מינסק־סמילאָוויטש. דאַן האָב איך נאָך נישט געוווּסט, אַז פון דאָרט שטאַמט דער גרויסער יידישער מאָלער חיים סוטין. נאָך דער גרויסער הויפּט־שטאָט וואַרשע האָט זיך מיר אַלץ אויסגעזען קליין און באַגרענעצט.

דאָס איז געווען, נישט געקוקט אויף די 20 יאָר רעוואָלוציע, אַ כתריליוועקע, ווו דער יידישער שטייגער האָט זיך צונויפגעמישט מיט דעם נייעם לעבן. מען האָט געאַרבעט אום שבת און געשטעלט טשאָלנט, מען האָט געהאָדעוועט חזירים און נישט אַלע מאָל געגעסן די אייגענע הודולע. בעיקר איז געווען אַ יום־טוב בשעת מען האָט חנוכה־צייט געקוילעט אַ קאַבאַנטשיק.

די באַפעלקערונג איז געווען אַ געמישטע: יידן, ווייסרוסן, טאַטאַרן, פּאָליאַקן און די יידישע פּליטים פון פּוילן.

די דאמעגטע אין שטעטל זענען געווען די יידן. זיי זענען געווען די פּאָרזיצערס אין די אַרטעלן, אין שניידער־אַרטעל, אין וואַלעטשני און לעדער־קאָאָפּעראַטיוו. אַלע נאַציאָנאַליטעטן האָבן געאַרבעט ביי איין וואַרשטאַט. אָבער פון וואַנען אַ גרויסע צאָל ווייסרוסן האָבן גערעדט יידיש האָב איך נישט באַוויזן צו דערוויסן זיך, צוליב דער קורצער צייט, וואָס איך בין דאָרט געווען. נישט נאָר זיי, נאָר אויך די עסטראַדע־

אַקטיאָרן, וואָס פלעגן קומען פון מינסק און אַנדערע שטעט, ווייסרוסן, פלעגן געבן נומערן פון יידיש געזאַנג.

די צוויי מיטלשולן, אין וועלכע איך האָב געאַרבעט, האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אַנדער בילד: אין דער רוסישער שול, וואָס האָט ביזן יאָר 1938 אונטעררינכט אין דער יידישער שפּראַך האָט, ווי אַ ירושה, פאַרמאָגט אין איר אַן איבערוויגנדיקע צאָל יידישע שילער. די ווייסרוסישע איז שוין געווען אַ געמיש פון ווייסרוסן, רוסן, טאַטאַרן, פּאָליאַקן, און כמעט אַן יידן.

די ידיעה וועגן היטלערס אָנפאַל אויף דעם ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין מיטן אַ מאַרק־טאָג אין אַ העלן מיטן טאָג.

די גרעסטע צערודערונג האָט זי געבראַכט צווישן אונדז, ווייל מיר האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן איינצולעבן אין נייעם אָרט ווי עס געהערט צו זיין — און דאָ נעם ווידער דעם וואַנדער־שטעקן. אָבער מיר האָבן נאָך נישט געקלערט צו אַנטלויפן. דעם 24—25־טן יוני האָבן מיר נאָך אַליין איינגעאָרדנט די פּליטים, די ערשטע קרבנות פון די גרענעץ־געביטן. אָבער גלייך נאָך דעם 25־טן יוני האָבן מיר נישט געקוקט אויף די 25 קילאָמעטער פון מינסק, געהערט די באָמבאַרדירונג. געדיכטע הויפנס פון סמאָלינעס האָבן זיך דערטראָגן ביז אונדז. די פולע לאַסט־אויטאָס מיט די אַנטלאָפענע האָבן זיך נאָר אַ רגע אָפּגעשטעלט ביי אונדז און געצויגן ווייטער.

אָבער אַזוי איז שוין דער מענטש — אפשר, אפשר וועט עס אונדז אויסמיידן. דעם 26־טן האָט אַן עראָפּלאַן אונדז אָנגעהויבן פון זייער נידעריק צו באַשיסן. די צערודערונג איז געוואַקסן און די ערשטע, די פּוילישע פּליטים, האָבן אָנגעהויבן זיך צו גרייטן אין וועג אַריין. מען האָט געדונגען אַ פור פּאַר פרויען מיט קינדער און זקנים און שפּעט אין דער נאַכט געקליבן זיך אין וועג אַריין. אָבער דאָ האָט מען ווידער באַשאָסן. אַלע זענען זיך צעלאָפן און אויפן זאַמל־פונקט האָב איך דערזען אַ שטרויען קינדער־וועגעלע.

אָט, טראַכט איך זיך, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. — הער, חיים, אָט דאָ וועלן מיר אַריינלייגן די זאַכן.

מיין משפחה האָט צוגעשטימט צו מיין „גלענצנדיקן" געדאַנק און מען

האָט זיך גענומען גרייטן. אַפילו אין די טראַגישסטע סיטואַציעס זענען פֿאַראַן קאָמישע מאָמענטן, וואָס ווערן נישט אויפגענומען, טראָץ זייער אומגעלומפּערטקייט, פֿון דער קאָמישער זייט, נאָר פֿון דער דראַמאַטישער, וואָס טראָגט אַריין נייע קאָנפליקטן, און קאָנען אַמאָל גורם זיין צו אַן אומגליק. אַזוי איז געווען מיט דעם שטרויענעם קינדער־וועגעלע.

געלאָזן האָבן מיר אַלץ. נאָר דריי פּעקלעך, וועלכע זענען געווען צוגעגרייט צו טראָגן אויף די פּלייצעס, האָבן מיר אַריינגעלייגט אין דעם שטרויענעם קינדער־וועגעלע.

אונדזער גאַנץ פֿאַרמעגן, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געלאָזן איז באַשטאַנען פֿון אַ קליין חזירל, וואָס מיר האָבן זיך פֿאַרשאַפֿן דעם 22־טן יוני אינדערפֿרי; מיין בילד, וואָס עס האָט געמאָלן רחל סוצקעווער, און — דריי בענדער פֿון היינען אין רוסיש, פֿון וועלכע עס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפֿן מיין נייע שטוב־ביבליאָטעק. עס איז אונדז טאַקע אַ שאָד געווען, אָבער פֿאַרפֿאַלן. דאָס צווייטע מאָל זענען מיר שוין געלאָפֿן איפּערדיקער, נישט טראַכטנדיק וועגן קיין שום אַנדערע ווערטן, ווי נאָר ראַטעווען דאָס לעבן.

ווען מיטן אָנהויב טאָג זענען מיר אַלע דריי אַרויס אויפֿן גאַס, האָבן מיר דערזען אַן אומגעריכטן בילד: כמעט דאָס גאַנצע שטעטל האָט געשטראָמט אויף די גאַסן מיט וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט דעם גאַנצן פֿאַרמעגן זייערס. די אָרטיקע איינוווינער האָבן נישט באַנומען, אַז דאָס איז נישט קיין עוואַקואַציע, נאָר אַ געלויף פֿון טויט. זיי האָבן צוגעבונדן זייערע קי און קאָזעס צו די וועגענער, ווי דאָס זאָל זיין אויף נישט לאַנג, און מ׳וועט זיך אומקערן אַהיים מיט דעם אַלעם.

דער צוג האָט זיך געריַרט מזרחדיק. מיר זענען אויפֿן שאָסיי געגאַנגען מיט האָפֿערדיקע טריט פֿון גלויבן, אַז אויך דאָס מאָל וועט אונדז געלינגען צו אַנטלויפֿן פֿון טויט. דאָס וועגעלע האָט געשטופּט אונדזער טאָכטער. אָבער ווי נאָר מיר האָבן אָנגעהויבן פֿאַרקערעווען אויף זייטיקע, זאַמדיקע וועגן, האָט מיין „גלענצנדע לאָקאָמאָציע” געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, להבדיל ווי אונדזערע אייזלען דאָ ביי אונדז אין לאַנד. איך האָב זיך געהאַלטן ביי מיינס: אַז דאָס וועט אונדז העלפֿן רוקן זיך פֿאָרויס.

„אָבער עס איז דאָך אוממעגלעך" — האָט געטענהט חיים.

ער האָט אַליין אָנגעהויבן שטופּן, אָבער עס גייט נישט ווייטער. די שוואַכע רעדלעך האַלטן נישט אויס דעם טיפן זאַמד. און דער טאָג רוקט זיך פאָרויס. שוין 7 אַזייגער. מען דאַרף זיך אָפּרוען און אָפּעסן עפּעס פון דעם קנאַפּן זאַפּאַס, וואָס מען האָט באַוויזן מיטצונעמען.

דער צוג צעשיט זיך. ווער עס שטייט אָפּ, ווער עס צעזעצט זיך אין וואַלד, ווער עס גייט ווײַטער. מיט גרויס ווייטאָג און חרטה, גיב איך זיך אונטער דעם דרוק פון גרעסערן חלק פון דער משפחה און זאָג זיך אָפּ פון אונדזער „לאָקאָמאָציע". דאָס קינדער־וועגעלע בלייבט אין מיטן פעלד אַליין, אָבער מיר באַוועגן זיך פאָרויס, אַנטקעגן דעם באַפרייען זיך פון מורא און פחד פאַרן טויט, וואָס איז אונדז נאָך לאַנגע יאָרן, ביזן נצחון איבערן היטלעריזם, נאָכגעגאַנגען.

מיר האָבן געזען יידן, וואָס האָבן אָנגעטאָן אַ כאַמאָנט אויף זייערע רוקנס, שלעפּנדיק די קי, וואָס זיי האָבן געדאַרפט פּאַשען און מעלקן. זיי זענען אומגעקומען נישט דערגרייענדיק צו דער בערעזינע. זיי האָבן נאָך דאַן נישט באַנומען די סכנה וואָס האָט זיי געדראָאָט.

היינט זעט מיר אויס קאָמיש די גאַנצע מעשה מיטן קינדער־וועגעלע, וואָס האָט דאַן געקאָנט שפּילן אַ גורלדיקע ראָל אין אונדזער לעבן.

# דאָס לעצטע מאָל

ווײַל ער האָט זיך נישט באַמיט אויפֿצוכאַפּן צום לעצטן מאָל דאָס פֿאַרגײן פֿון דער לבֿנה, איז עס אים נישט געלונגען. אַלץ צוליב דעם געדאַנק, אַז דער סוף פֿון די אכזריותן מוז קומען. אָבער ער וועט שוין דעמאָלט נישט זײַן. ער האָט דערפֿילט אַ שאַרפֿן ווײ. די אײנציקע זאַך, וואָס ער האָט איצט שטאַרק געוואָלט, איז צו זען, ווי די לבֿנה פֿאַרגײט. ער איז צו איר געווען געוווינט. אַלע נאַכט האָט ער זי געזען. נאָר אין די נעכט האָט ער געקאָנט קוקן אומגעשטערט דורכן פֿענצטערל און חלומען וועגן דעם, וואָס עס וועט זײַן, ווען יענער טאָג וועט קומען. נאָר די לבֿנה־שײַן איז געווען דער עדות פֿון זײַערע צוגרײטונגען אין קאַמער, כּדי מאָרגן זאָל זיך דער ווילן צו דערנענטערן אויף דעם געגאַרטן טאָג, צעטראָגן צווישן אַלע אין יענע באַראַקן. עס וועט קומען דער טאָג, אַז אַלע וועלן ווידער באַקומען די צורה פֿון צלם אלוהים.

ער האָט אויפֿגעהויבן זײַן קאָפּ, אָבער די ראָז־גינגאָלדיקע שײַן האָט שוין ארומגעכאַפּט די שפּיצן פֿון הויכן טורעם, וואָס האָט געוואַכט איבערן לאַגער און ברעקלעך פֿון זוניקן אויפֿגײענדיקן טאָג האָבן זיך צעצויגן אַרום אים. אַ באַקאַנט בילד. ער האָט עס געזען טאָג־טעגלעך, ווי אַ זײגער, אַ לעבעדיקער זײגער איז עס געווען פֿאַר אים אין די זומער־טעג. אַנדערש פֿרילינג, אַנדערש האַרבסט, אַנדערש ווינטער.

די פֿאַרגײענדיקע לבֿנה, וואָס איז זיך לײַכט און אומבאַמערקט צעשוווּמען אין די הימלען, האָט אים שטענדיק אין לאַגער דערמאָנט אין אַ מענטשלעכן לעבן דאָ. אָט איז ער דאָ, דער מענטש, און אָט איז ער פֿאַרשוווּנדן, לײַכט מיטן רויך און אומבאַמערקט.

ווי גוט וואָס היינט איז זומער און ער קאָן זיך געזעגענען מיט דער וועלט. אָבער ווי אַנדערש זי זעט אים אויס היינט. ער האָט דאָס בילד געזען אַזויפיל מאָל, און היינט ערשט דערזען די שיינקייט אירע מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון זיין געשפּאַנט אויג.

צום ערשטן מאָל איז אים אַ שאָד געוואָרן זיין יונג לעבן.

אָט זעט ער דעם וועג, אויף וועלכן ער איז יעדן טאָג געגאַנגען. אָט דאָרט לעבן דער פּאַרצוימונג האָבן זיי זיך פּאַרקערעוועט אַרויסצו־מאַרשירן פון טויער צום ליידיקן פּלאַץ, וווּ מען פלעגט זיי אַנלאָדן אויף מאַשינען.

איצט האָבן אים אַפילו די עטלעכע ראַכיטישע ביימלעך ביים טויער אויסגעזען גאָר אַנדערש אינעם פרימאָרגנדיקן שפּיל פון דער זון. יעדעס מאָל זענען זיי געגאַנגען דעם זעלבן וועג און די שיינקייט פון טאָג נישט געזען.

זיין בליק האָט זיך איבערגעטראָגן צום גרויסן לאַגער־הויף. אין מיטן אויפן פּאָדיום, וועלכן ער האָט אין די ערשטע זיינע לאַגער־טעג געהאָלפן בויען, שטייט נאָך דער טיש, ווי אַ שוואַרצער פלעק, ביי וועלכן ער האָט נעכטן זיין פּסק אויסגעהערט. מאָרגן וועלן נייע גזירות קומען. אָבער דער סוף זייערער וועט אויך קומען. אַ שאָד זיין יונג לעבן.

ערגעץ הערט זיך אַ סקריפּען פון געעפנטע טירן. זיין אויער איז אָנגעשפּיצט און שאַרף. יעדן מינדסטן קלאַנג כאַפּט ער אויף.

פונדערווייטנס, העט־העט, קלינגט־אָפּ אין דער פרימאָרגנדיקער שטילקייט דאָס קלאַפּן פון אַ פויערישער האַק, וואָס שפּאַלט זיכער שפּענדלעך, כדי צו מאַכן פרישטיק. דאָרט הויבט זיך באַלד ווידער אָן דאָס לעבן און דאָ, זיינס, וועט זיך באַלד ענדיקן.

ער זעט נישט קיין נאָענט פּנים אין זיין דמיון, נאָר אַ זוניקן טאָג, וואָס אַרום אים, וואָס האָט צעפּראַלט טיר און טויער ווידער פּאַר אַ נייעם גאַנג פון לעבן. און אים האָט דווקא איצט אַרומגענומען אַזאַ בענקעניש.

# די גלעלע שיך

פון האַלב זעקס אין דער פרי האָבן זיך שוין צעקלונגען די קלויסטער־גלאָקן פון הייליקן סטעפאַן. מען הערט זיי אין גאַנץ בראַטיסלאַווע.

קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג — צעגייט זיך דאָס כסדרדיקע קלינגען. עס פארשווינדט און חזרט זיך איבער, און אויפסניי צעשיט זיך דאָס געקלאַנג. ווו ווערן זיי פאַרלוירן, די קלאַנגען? — טראַכט אַנאַ און באַמיט זיך אויפצוכאַפּן דאָס דינע נג־ג־ג־ג־, וואָס ווערט ערגעץ אנטרונען.

אַנאַ האָט ליב זייער קלינגען.

דאָס קלינגען דערמאָנט איר אין אַלטן קופּערנעם מערזשער, וואָס ליגט היינט באַגראָבן פון מורא פאַר די שלעכטע אויגן פון די יידן פון יודענראַט.

ער ליגט ערגעץ אין הויף און אַנאַ ווייסט נישט ווו דער טאַטע האָט אים באַגראָבן. עס איז אַפילו נישטאָ קיין בערגעלע, ווי ביים פויגעלע, וואָס זיי האָבן נישט לאַנג מיט באַשען באַגראָבן.

אין מערזשער האָט אַנאַ שטענדיק געקענט אַרויסרופן דאָס קלינגען — וויפל זי האָט נאָר געוואָלט און געקאָנט יאָגן זיך נאָך דעם פאַנאַנדערגיין זיך פון אָפּקלאַנג. אין מערזשער איז נאָר געווען דער קלאַנג קלינג־קלאַנג — נישט ווי ביי די גלאָקן, אַזוי וויגעוודיק — קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג.

אנא האָט זיך יעדעס מאָל, ערב יום־טוב און יעדן ערב שבת, געריסן מיט באַשען פאַר שטויסן די מאַנדלען.

די מאַמע פלעגט דאַן אויף איר שטענדיק צוגעקאַמטן קאָפּ האָר

אַנטאָן אַ טיכל, ווייס ווי די מעל וואָס איז געלעגן פאַר איר אין הילצערנעם מולטער. באַשע און אסתר פלעגן קוקן אויף די פלינקע הענט אירע, וואָס האָבן צוגעגרייט דאָס טייג צום באַקן.

אַנאַ הערט דעם סקריפּ פון דער פּאָדלאָגע אין קעמערל פון טאַטנס שטיוול. עס צעקלימפּערט זיך מיט אַ ראַציקן קלאַנג דאָס אַראָפּנעמען די עמערס פון האָק. זי הערט ווי ער נעמט דעם לייטער און פאַרמאַכט שטיל די טיר. ער איילט זיך צו קומען צום פּלאַץ פאַר זעקס, איידער מען מאַרשירט אַרויס צו דער אַרבעט, אַנישט הענגט אויף אַ האָר זיין אַרבעט־שיין.

די מאַמע שלאָפט נאָך. נישטאָ וואָס זיך צו איילן. באַשע און אסתר זענען נאָך פאַרטיפט אין ריכטיקן חלומען און שנאָרכן.

אַנאַ קאָן נישט שלאָפן. דאָס נעכטיקע האָט זי שטאַרק איבערגע־שראָקן. עפּעס וועט געשען. אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם טאָג ווען מען האָט אַוועקגעשיקט רענאַן אויף אַרבעט. ווער ווייסט ווען זי וועט קומען.

ווי שרעקלעך עס האָט נעכטן אויסגעזען, ווען די פּאָליציי האָט געשלעפּט איבערן ברוק מענדלען, דעם בעקער פון זייער גאָס. זיי האָבן צוגעבונדן צו זיין רויט־פלאַמיקער באָרד אַ שטריק און אים געשלעפּט איבערן ברוק, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַרויסגעבן אַוווּ עס געפינט זיך זיין זון.

און יהודה קאַפּוסטע, דער עלטסטער פון דער קהילה, האָט זיך נישט אַריינגעמישט און ווייטער געריכערט זיין ציגאַר ביי אַ גלאָז טיי אין דרויסן ביים טישל פון קאַפע און געשעפּט פרישע לופט פאַר זיין אַסטמאַטישן אָטעם און יעדע ווילע אונטערגעהוסט.

זי געדענקט נאָך גוט, ווי עס האָט אַראָפּגעבלישטשעט פון זיין ברוינער סאַמעטענער וועסט מיט ווייסע שטערנדלעך די גאָלדענע קייט פון זייגער אויף זיין לייביקן בויך.

זינט די דייטשן האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט, איז געוואָרן יעדן טאָג ערגער און ערגער.

אַנאַ שרעקט זיך אַממערסטן פאַר די שוואַרצע מונדירן, וואָס ס'טראָגן

די אָפּיצירן. זיי זעען אויס ווי הויכע דעמבעס אין אַ געדיכטן שרעקעוו־דיקן וואַלד — ביינאַכט.

דעם פרימאָרגן האָט אַנאַ נישט געקאָנט שלאָפן. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אויף דער אויפגייענדיקער שיין, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דעם געדיכטן קאַשטאַן־בוים. ער האָט זיך צעבליט מיט בלומען ווי לעמפּלעך לעבן זייער פענצטער.

עס האָט זיך צעליכטיקט מיט אַ גאָלדענעם רעגן דער טאָג — טראַכט אַנאַ.

זי האָט איבערגעטראָגן איר בליק אויף דער טיר, אויף וועלכער עס האָט זיך אָפּגעשלאָגן דער מאָרגנדיקער שפּיל פון דער זון, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורכן געפלעכט פון די צווייגן.

ביי דער טיר האָט זי דערזען ווי עס שטייען אירע הויכע, געשנורע־וועטע געלע שיך.

זי האָט פיינט די געלע שיך. אַזויפיל דאַרף מען זיי שנורעווען. און די מאַמע איז איינגעשפּאַרט, אַפילו היינט, ווען אַ סך קינדער גייען באָרוועס און האָבן נישט קיין שיך.

— מאַמע, מען דאַרף שאַנעווען די שיך — זאָגט אַנאַ.

אָבער דער מאַמען האָט דאָס נישט געאַרט. זי האַלט זיך ביי אירס:

— ביז פּסח, קינדער, ביז פּסח וועט איר זיי טראָגן.

גוט, צו פּסח איז געבליבן אַ וואָך. די מאַמע איז אין כעס. זי זאָגט, אַז זיי זאָלן זיך היטן פון קעלט און פייכטקייט. עס קאָן נאָך ווייען אַ קאַלטער ווינט. זי וויל נישט — זאָגט זי — האָבן אַ פאַרשטערטן פּסח. דערצו נאָך איצט, אין אַזאַ אומרואיקער צייט, אַז די קינדער זאָלן, חלילה, ליגן אין בעט.

אָבער אַנאַ האָט פיינט די געלע שיך. זי פאַרדעקט זיך איבערן קאָפּ מיט דער קאָלדרע, כדי נישט צו זען די הויכע, געלע, געשנורעוועטע שיך.

אַ האַסטיקער ריס אויף פאָרויס און אויף צוריק שלאָגט זי אַרויס פון אירע רעיונות, וועלכע זי האָט אַריינגעפלאָכטן אין האַסטיקן איינטאָניקן קלאַפּן פון וואַגאָן־רעדער.

אַנאַס קאָפּ פיבערט. די גאַנצע פיר טעג, פון דער רגע ווי זיי האָבן פאַרלאָזן די שטוב, פאַרלאָזט איר נישט דאָס בילד פון די געלע שיך, וואָס זענען געשטאַנען יענעם פרייטיקדיקן פרימאָרגן ביי דער טיר דאָס לעצטע מאָל און געוואַרט אויף איר.

אַפילו די צוויי טעג אין סערעטער געטאָ האָט זי נישט אָפּגעלאָזט דאָס בילד.

„הערויס, הערויס, אויסשטייגן!" — האָט זיך דערהערט די הוילע האַלץ־שטימע פון דעם קורצלייביקן וואַגאָן־וועכטער, וואָס האָט זיי דעם גאַנצן וועג באַגלייט פון סערעטער געטאָ.

אַלע אין וואַגאָן האָבן אָפּגעאָטעמט מיט פאַרלייכטערונג.

מען האָט זיך אַ שאָט־געגעבן מיט אַ רעש און שטופּעניש פון די וואַגאָנען, פונקט ווי מען רייסט זיך אַרויס פון אַ פינצטערן, דומפּיקן קעלער, פול מיט געפּאַרן.

„רו און אָרדענונג!" — האָט זיך דערהערט אַ באַפעל פון אַ מיטל־יעריקן ס.ס.־מאַן. ער האָט פאַררוקט טיף פון שטערן זיין היטל, צעשטעלט זיינע דיקע פיס און אַריינגערוקט זיינע גראָבע פינגער אין פּאַסיק. לעבן אים זענען געשטאַנען נאָך אָפּיצירן מיט צעשמייכלטע פּנימער. זיי זענען געשטאַנען רואיק און געקוקט אויפן עולם.

באַלד האָבן זיך מיטן עולם אויסגעמישט די סלאָוואַקישע יידן פון דער „זאָנדער־קאָמאַנדע", וואָס האָבן אָנגעהויבן עפּעס איבערצוצייגן דעם עולם, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט. דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ ביסל רואיקייט צווישן דער דערשראָקענער מאַסע.

אַנאַ האָט פאַרזשמורעט די אויגן פון דער ליכטיקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דער גאַנצער ברייט פון דער צעעפנטער טיר.

אַנאַ איז צו צום אָרט, וווּ זיי זענען געזעסן און גענומען דאָס פּעקל זייערס. דאָ איז צו איר צו די מאַמע און געגעבן אַ ריס דאָס פּעקל פון אירע הענט און זי איז אַראָפּ פון וואַגאָן. אַ צעטומלטע האָט זי גענומען זיך שפּאַרן פאָרויס, ווי נישט טרויעריק קיינעם דאָס ביסל איבער־געבליבענע האָב־און־גוטס.

אַלע דריי זענען נאָך איר אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן.

אַנאַ האָט גענומען פאַר די הענט באַשען און אסתרן און נאָכגעלאָפן די מאַמע.

אַ פאַרמאַטערטע און צעשראָקענע האָט די מאַמע גענומען לויפן אויף צוריק. לויפנדיק איז איר ערגעץ נעלם געוואָרן איר ווייס טיכל פון קאָפּ, וואָס זי האָט געטראָגן יענעם דאָנערשטיק, ווען זי האָט זיך געגרייט צו באַקן די רעטשענע קיכלעך. טאַקע ווען מען האָט זיי אַרויסגעיאָגט פון שטוב.

ווען אַנאַ איז צו צו דער מוטער, האָט זי פאַר זיך דערזען אַן אַלטע, גרויע פרוי. דאָס איז נישט געווען זי, די מאַמע אירע. דאָס איז געווען די באָבע רייזל.

אַנאַ האָט אויסגעגלאָצט אירע אויגן און אַרויסגעלאָזט א געשריי:

— באָבע רייזל! באָבע רייזל! כ׳האָב מורא!

— וואָס שרייסטו? — האָט זיך גענומען צאַפּלען די מוטער און באַמיט זיך זי צו באַרויקן.

— אָבער די באָבע רייזל איז דאָך נישטאָ. זי איז דאָך שוין לאַנג געשטאָרבן.

אַנאַ איז אנטשוויגן געוואָרן, אָבער אין אַ רגע אַרום האָט זי גענומען שעפּטשען מיט ציטערנדיקע ליפּן:

— פיר טעג, פיר טעג...

ווי אַזוי איז עס מעגלעך — האָט זי געטראַכט — אַז מען האָט איר אויסגעטוישט איר מאַמען. אָט שטייט זי פאַר איר מיט אַ גרויער קרוין האָר און מיט אַ פּנים מיט אַ נעץ קנייטשן, וואָס האָבן זיך צעלייגט ווי שפּינוועבעכץ אַרום די אויגן און מויל.

לאַנג האָבן זיי נישט געקאָנט שטיין. דער שטראָם פון מענטשן האָט זיי אַלע פיר מיטגעריסן מיט זיך. זיי האָבן זיך נישט אַרומגעזען ווי דער אָפּפלוס פון מענטשן האָט אָנגעהויבן אָפּשטראָמען אין עטלעכע ריכטונגען, געקערעוועטע פון דער געניטער זשאַנדאַרמען־האַנט.

דער עולם גייט מיט געשפּאַנטן אומרו אין בליק, באַמיט זיך אָבער נוהג זיין לויט די באַפעלן.

פון צייט צו צייט שניידט דורך די לופט אַ געשריי, ווי אַ בראַזג

פון אַ צעקלאַפּטער שויב. קיינער לייגט נישט קיין אַכט אויף דעם און מען גייט ווייטער.

אַנאַ, באַשע און אסתר האָבן זיך נאָך פעסטער צוגעדריקט צו דער מאַמען.

אויף איינמאָל האָט אַנאַ דערפילט, אַז עמעץ האָט זי געגעבן אַ שטויס פאָרויס. מען האָט זי אָפּגעריסן פון דער מוטער — און גלייך האָט זי מיט די שוועסטער זיך געפונען אין אַ צווייטער ריי, וואָס האָט געשטראָמט צום גרויסן, גרויען בנין, אַרומגערינגלט מיט הויכן שטעכיקן דראָט.

די מאַמע איז אַוועקגעשווומען מיט אַ צווייטן שטראָם, וואָס האָט געפירט אין דער ריכטונג לינקס פון טויער, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַן אויפשריפט מיט ריזיקע מעטאַלענע אותיות „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס״.

— זייט געזונט! — האָט זיך צו אַנאַן דערטראָגן דאָס געשריי פון דער מוטער.

— היט, קינדער, דאָס געזונט. גייט נישט באָרוועס. היט די שיך!

אַנאַ האָט נאָר באַוויזן אַ געשריי צו טאָן „מאַמע!״ — ווי זי איז נעלם געוואָרן פון איר אויג. אסתר און באַשע האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען.

אַנאַ האָט זיך אַ ריס־געטאָן פאָרויס, געוואָלט נאָכלויפן דער מאַמען. זי האָט אָבער באַקומען אַזאַ שטויס אין פּלייצע, אַז זי איז געפאַלן און האָט אַפילו נישט באַוויזן צו זען דאָס פּנים פון שלעגער. זי האָט זיך גלייך אויפגעהויבן, נישט וועלנדיק צעטרעטן ווערן פון דער געטריבענער מאַסע.

אַנאַ האָט גענומען ביידע שוועסטערלעך פאַר די הענט און צוזאַמען זיך געלאָזט נאָכיאָגן נאָכן אָרט, ווו זי איז פריער געגאַנגען. אין מיטן לויפן האָט אַנאַ ווידער דערפילט אַ שטויס אין פּלייצע. זי איז געפאַלן. ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן האָט זי פון ווייטנס נאָר דערזען די געלע שיך פון אסתרן און באַשען, וואָס זענען געלאָפן געיאָגטע פון אַ קליינעם ווייסן פודעל מיט אַ גרינעם שלייף אויפן האַלדז, אַ געמוטיקטער פון הילכיקן געלעכטער פון אַ פרײלין אין אַ גרוי־בלויען מונדיר.

אין באַד־קאַמער האָט זיך געפילט אַ שטאַרקער ריח. דער עולם

איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער. אָבער אויפן באַפעל זענען אַלע אַריין — צוערשט קינדער און מוטערס מיט זויגלינגען. אַלע האָבן זיך גענומען אויסטאָן.

אַנאַ האָט אין געדראַנג קוים געפונען באַשען און אסתרן.

אַנאַ האָט זיך גענומען פּאַמעלעך אויסטאָן, אָבער ווען זי איז צוגעקומען צו די געלע, הויכע, געשנורעוועטע שיך, האָט זי זיך פאַרהאַלטן אַ רגע און זיך געוואַקלט. די הענט זענען איר אַרונטער־געפאַלן, ווי זיי וואָלטן געוואָרן געליימט.

דאָ איז צו איר צוגעשפּרונגען אַ פרוי מיט אַ שוואַרצן צעשבויערטן קאָפּ האָר, מיט גרינע בלישטשענדיקע אויגן ווי אַ בייזע קאַץ, מיט אַ רימענעם קאַנטשיק אין האַנט, און אים אַראָפּגעלאָזן אויף איר רוקן.

אַנאַ האָט אַפילו נישט געגעבן קיין געשריי, נאָר פּאַמעלעך אָפּגעשנו־רעוועט יעדעס לעכל באַזונדער, אויסנוצנדיק דאָס, וואָס די אויפזעערין איז אַריבער צו דער גרופּע קליינע קינדער, וואָס איז געשטאַנען אומבאַ־האָלפן און געוואַרט, אַז די מאַמעס, וואָס זענען אַזוי פּלוצלינג נעלם געוואָרן, זאָלן קומען זיי אויסטאָן.

ווען מען האָט דעם עולם אַריינגעפּירט אין די באַראַקן און אים צעלייגט אויף די נאַרעס, איז אַנאַ כמעט אַ גאַנצן טאָג געלעגן אָן לשון. באַשע און אסתר האָבן זיך מיט איר פאַרנומען. זי איז געוואָרן שוואַך און קליין און געבענקט נאָך דער מאַמען מיט אַ נאַגנדיקן ווייטאָג.

באַשע און אסתר זענען געזעסן לעבן איר שווייגנדיקע, און מיט שרעק געקוקט אויף זייער שוועסטער.

*

כמעט צוויי יאָר איז אַנאַ געווען אין אָשוויענטשים.

היינט פרייט זיך אַנאַ, דער צווייטער טאָג פון דער באַפרייאונג. אסתר איז שוין לאַנג דאָרט, ווו די מאַמע — אַוועק מיטן רויך, נאָך דעם ערשטן חודש. באַשען האָט מען ערגעץ אַוועקגעשיקט אין יענער גרויליקער ניי־יאָר נאַכט, ווען מען האָט טויזנטער געברענט אַ טאָג.

## חוה סלוצקאַ־קעסטין

**ווו איז זי איצט?**

אַנאַ, ווי אַלע באַפרייטע פון לאַגער, ראַיעט זיך אין די ריזיקע בערג פון אוצרות און שמאַטעס. זי זוכט, אפשר וועט זי דאָרט עפּעס געפינען. זי איז אַריין ביז איבערן קאָפּ אין דעם באַרג שמאַטעס. און אָט — אַ געלער שוך, אַ געלער געשנורעוועטער שוך. זי פאַלט צו אים צו. זי האָט אים אַ כאַפּ־געטאָן. דאָס איז געווען אסתרס שוך. נאָר איין שוך.

# אומגעריכט

— הער זיך איין, וויקטאָר: די לעצטע זלאָטע גייט שוין אויס, און ביז צו דיין געהאַלט איז נאָך געבליבן עטלעכע טעג.

מיט די ווערטער האָט זיך מרים געווענדעט צו איר מאַן.

דאָס איז געווען אַ שטויס אויפצוברויזן זיין כעס, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט פאַר דער לעצטער צייט.

— דו קאָנסט גאָרנישט פאַרגעסן די זלאָטעס, זלאָטעס, זלאָטעס! עס איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרשטיין, אַז דאָס איז נישט קיין זלאָטע, נאָר אַ שווער־פאַרהאָרעוועטער פונט, דערצו שכר־דחק, ווי עס רופן אים די אַרבעטער: שכר־לעג, דער חוזק־לוין.

— די רעגנס האָבן שוין אויפגעהערט, זאָרג זיך נישט. די טעג זענען שיינע און זוניקע. די מאָרגן־נעפּלען זאָגן נישט אָן קיין רעגן. אויב יאָ, איז עס, מסתמא, אַ סימן אויף אַ חמסין — האָט אים געענטפערט מרים, ווי שטענדיק פול מיט הומאָר.

— כ'וועל צונויפנעמען אַ ביסל ווינטערדיקע זאכן. דער ווינטער ענדיקט זיך שוין. כ'וועל ברענגען צו אַ טאָלק מיין אוצר. וואָס שייך דעם קומענדיקן ווינטער — נישט געזאָרגט, עפּעס וועט שוין זיין.

זי איז געווען צופרידן, אַז זי וועט האָבן עפּעס צו פאַרקויפן. ווי נאָר זי פלעגט הערן דאָס רופן: „אַלטי זאַכין", פלעגט דאָס איר אַריינפירן אין אַ גוטער שטימונג. דער רוף פלעגט זיך ביי איר תמיד אַסאָציאירן מיטן אַלטן גוט־באַקאַנטן היימישן „האנדעל, האַנדעל", וואָס זי האָט געהערט צענדליקער יאָרן אויף די וואַרשעווער הייף.

היינט איז זי געווען צופרידן פון איר באַשלוס און ווי נאָר זי האָט

אויף מאָרגן דערהערט „אַלטי זאכין״, האָט זי מיט פרייד אַריינגערופן דעם אויפקויפער אין שטוב אַריין און צעלייגט פאַר אים אירע זאַכן.

דער שמועס איז געגאַנגען גאַנץ שטומפיק. דאָס איז געווען אַ פּאַנטאָמימע, באַגלייט מיט אָפּגעריסענע ווערטער.

משה האָט געשטאַמט פון טערקיי. אין דער שכונה און אין דער געגנט איז ער געווען פּאָפּולער. מען האָט אים פשוט גערופן „אַלטי זאכין״. ער איז געווען א רירעוודיקער, פריינדלעך אין דער באַנעמונג מיט מענטשן און האָט געקאָנט אויסקומען מיט זיינע „קליענטן״. ווי אַ צוגאָב צו דער קניה, האָט ער פאַר יעדערן געהאַט אַ וויץ, וואָס פלעגט שאַפן אַ גוטע שטימונג ביים פאַרקויפער. דאָס מאָל איז געווען אַ מניעה, וואָס האָט געשטערט משהן אין זיין געוויינלעכער אויפפירונג — די שפּראַך איז ווי אַ מחיצה געשטאַנען צווישן זיי. דער קליינער יונה איז געקומען צוהילף דער מוטער און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער האַנדל.

ווענדיק דעמאָנסטרירן וואָס פאַראַ אוצרות ער קויפט אַלץ אָפּ, האָט ער ארויסגעצויגן פון זאַק אַן אַלטע אויסגעריבענע קורטקע. איר פאַרב איז געווען שווער צו באַשטימען.

דערזעענדיק די קורטקע, האָט זי די האָסטיק אַרויסגעריסן פון די הענט פון הענדלער און האָט זי גענומען מיט גיכע באַוועגונגען דרייען אויף אַלע זייטן.

דער „סוחר״ האָט געמיינט, אַז ער האָט געפונען אַן אָפּנעמער אויף זיין סחורה, און ער האָט רואיק געוואַרט. דאָך האָט ער מיט פאַרוווּנדערונג זיך צוגעקוקט צו אירע מאַניפּולאַציעס. זיין געדולד האָט אָבער געפּלאַצט אין מאָמענט, ווען ער האָט דערזען ווי מרים האָט געכאַפּט א זשילעטקע־מעסערל און האָט אָנגעהויבן אָפּטרענען די פּאַטשעווקע פון דער קורטקע.

זיין פּראָטעסט האָט גאָרנישט געהאָלפן.

מרים האָט נישט פאַרשטאַנען זיינע רייד, וואָס האָבן זיך ווי אַ פייערדיקער שטראָם אַרויסגעריסן מיט אימפעט פון זיין מויל. מיט האַסטיקע באַוועגונגען האָט זי אָפּגעטרענט די פּאַטשעווקע פון דער קורטקע ביז אונטער דער פאַכווע.

— יאָ! — האָט זי אַ געשריי געטאָן. — עס איז דאָ!

## אין אונדזערע טעג

משה האָט מיט נייגעריקייט, ווי אַ צושויער וואָס קוקט זיך צו צו אַן אינטערעסאַנטן ספּעקטאַקל, זיך אָנגעבויגן און האָט ווירקלעך דערזען, אַז אונטער דער פּאַכווע איז געווען צוגעניים אַ שטיקל לייוונט, אַן אָפּגעבליאַקעוועטס פון דער צייט.

— פּעלע לעבט! — האָט מרים אָנגעהויבן קושן די קורטקע. ווי אַ פייל פון בויגן איז זי אַרויס אויף דער גאַס און מיט איין אָטעם איז זי אַריינגעפאַלן צו דער פרוי לאוואני. נאָך איר זענען נאָכגעלאָפן יונה און משה.

שוין אויף דער שוועל האָט זי אָנגעהויבן אין איין אָטעם צו דערציילן די גאַנצע געשיכטע מיט דער קורטקע:

מרים און פּעלע האָבן זיך צעשיידט אין דער צייט פון דער ערשטער „אַקציע״ אין געטאָ. ביידע האָבן דאַן צוגעניית צו זייערע פּאַטשעוועס אַן אויפשריפט מיט אַ ביטע צו וויסן צו געבן דעם רויטן קרייץ אין פאַל פון זייער טויט. לאַנגע יאָרן האָט מרים געוואַרט אויף דער מינוט.

משה איז איצט געוואָרן דער שליסל, וואָס האָט געקאָנט עפענען דעם תהום פון צייט און אַנטפּלעקן דעם גלגולים־וועג פון דער קורטקע. ער איז געוואָרן די בריק, וואָס האָט געפירט צו דער פאַראייניקונג פון צוויי שוועסטער, וואָס ווינענדיק אין איין געגנט, האָבן גאָרנישט געוווסט איינע פון דער אַנדערער און נישט פאַרגעפילט אַזאַ אומגעריכטע באַגעגעניש.

# א פאַרזעץ

זלמן האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול. אויף זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ סאַרקאַסטישער שמייכל און אויף זיין פּנים — אַ נישט־באַהאַלטענע פּאַראַכטונג. ער האָט פאַרזשמורעט זיינע קליינע אויגן, נישט מחמת דעם קאַרגן ליכט אין צימער, וואָס איז געווען ענג אָנגעשטעלט מיט מעבל און דורך זיינע צוויי פענצטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין גערטל האָט זיך פויל און שוואַך אַריינגעריסן די בלאַסע פרימאָרגנדיקע ווינטער־זון, דורכן שיטערן בוים — ער האָט געזשמורעט די אויגן זיינע פון כעס און גריזשעניש.

ער האָט געשפּאַנט הין און צוריק און זיך געהיצט:

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? ווי אַזוי? — דו האָסט דאָך אים, מיין ווייב, געבראַכט אין שטוב אַריין. ווער ווייסט צוליב וואָס? אַזאַ מענטש קאָן דאָך דאָס ווייסל פון אויג אַרויסנעמען, אַזוי ווי אַ קאַץ, — שטיל, אָן נעגל... — אַלץ דו...

דאָ איז זי אויפגעשטאַנען און אים געפּרוּווט איינשטילן מיט בנעימותדיקע רייד:

— און דו ווו ביסט געווען? ווו זענען דיינע געניטע אויגן געווען? דו האָסט שוין פאַרגעסן? ווער האָט מיט אים דיסקוטירט? ווער האָט מיט אים אין שאַך־מאַט געשפּילט — איך, איך? און איצט...

זלמן איז געווען צופרידן, וואָס ענדלעך האָט זי אויפגעהערט צו שווייגן און ער האָט די מעגלעכקייט צו זאָגן אַלץ, וואָס ער האָט זיך שוין לאַנג געקליבן איר צו זאָגן.

זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט און צוריק אָנגענומען די פּאָזיציע

פון זיין אין רעזערוו. זי האָט נאָר נערוועז פון צייט צו צייט געגלעט מיט ציטערנדיקע הענט, איר מאָרגן־קלייד. די גאַנצע צייט, ווען ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער און געשלונגען די ווערטער, וועלכע ער האָט הייס פון זיך אַרויסגעוואָרפן, האָט זי אים נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן. זי האָט געשטיקט אין זיך דעם כעס, ווייל אויף זיינע פאָרוווּרפן האָט זי נישט געטאָרט ענטפערן. זי האָט זיך מיט אַלע כוחות באַהערשט, כדי נישט צו פאַרלירן די זעלבשטענדיקייט פון דענקען. זי האָט זיך באַקוועמער אַוועק־געזעצט אויף דער שטול, פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט און אַן איראָנישער שמייכל האָט געגומען בלאָנדזשען אויף אירע ליפּן.

אויף זיין פּנים האָבן זיך באַוויזן רויטע פלעקן פון אָנשטרענגונג. ער ווייסט איר היינט זאָגן אַלץ, אַלץ וואָס ער טראַכט, — האָט ער זיך איינגערעדט געקאָכט. זיין כעס האָט זיך געטראָגן אויף די שוימיקע וואַסערן פון אייפערזוכט, און עקל, וואָס האָבן זיך כסדר געמישט אין אים.

דער טאָג האָט זיך ביסלעכווייז אַרויסגעריסן פון די אָרעמס פון נעפּל און איז געשטאַנען אין זיין העלסטער ליכטיקייט. אָבער די צוויי מענטשן אין צימער האָבן אים נישט געזען. זיי זענען געווען פאַרטאָן מיט זיך.

זלמן האָט געשפּאַנט איבערן צימער און ווי גערעדט צו זיך, נאָר פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ בליק אויף זיין ווייב.

— ווען כ׳האָב אים דערזען דעם ערשטן מאָל ביי אונדז, ווען כ׳האָב אים נאָר געעפנט די טיר, האָט מיר עפּעס געגעבן אַ שטאָך, אַ קלאַפּ אין האַרצן. עפּעס נישט גוטס האָט אַ ווייע געטאָן פון אים.

— כ׳האָב געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז עפּעס וועט געשען. נאָר איך האָב געמיינט — אפשר אייפערזוכט. כ׳האָב זיך גלייך באַרואיקט. דער נייער מענטש אין אונדזער געזעלשאַפט האָט נישט געוועקט ביי מיר קיין צוטרוי. צו זיסלעך איז ער געווען, אַז מען זאָל אים גלויבן. דער אייביקער שמייכל האָט אויסגעזען ווי אַ צוגעקלעפּטער צו זיינע ליפּן.

זי האָט געשוויגן, ווי אַן עדות פון אַ פּסיכאָלאָגיש־אַנאַליטישן סעאַנס, אין וועלכן נישט זי איז אַריינגעמישט, נאָר עמעץ אַנדערש. זעענדיק פאַר

זיך דאָס ערשטע מאָל זלמנען, נאָך לאַנגע יאָרן פון זייער צוזאַמענלעבן, אין אַזאַ אויסברוך.

— ער איז מיר תמיד געווען עקלדיק! — האָט ער אויסגעשריגן און זיך אַ מידער אַוועקגעזעצט.

— פאַרוואָס וואַרפסטו אויף מיר די שולד פאַר זיין קומען? איצט, רעטראָספּעקטיוו, זעסטו אים אַזוי ווי ער איז. אָבער כ׳געדענק, דאָס איז געווען פאַראיאָרן, — האָט זי טיף אָפּגעזיפצט, — ווען מיר זענען אַלע צוזאַמען געווען אונטער דער שטאָט שפּאַצירן, האָט ער געפונען אַ שטעקן און גענומען קלאַפּן איבער די נאַר־וואָס שפּראָצנדיקע פרילינגס־בלומען. כ׳האָב דיר דעמאָלט געזאָגט, אַז אַ מענטש וואָס האָט פיינט די נאַטור, וואָס האָט פיינט חיות, איז אַ שלעכטער מענטש. האָסט זיך אויסגעלאַכט פון מיר: — דו מיט דיינע אויסטראַכטענישן, דיינע פאַנטאַזיעס, האָסטו מיר געזאָגט.

זלמן האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט טאַקע נישט אויפגענומען אירע רייד, נישט פאַרשטאַנען איר קלאָרן אַנדייט וועגן אים, ווי אַ וועג צו זען די סיבותדיקייט אין זיין כאַראַקטער פון דעם פאַרפלאָנטערטן דריילינג, וואָס איז קיין דריילינג אין געוויינלעכן זין פון וואָרט נישט געווען. און ער האָט ווידער גענומען רעדן, אָבער שוין אַ סך רואיקער.

— דאַכט זיך, אויסערלעך — ווי אַלע מענטשן, אָבער דאָך אַ מאָדנער מענטש. אַזוי איז ער אַ דערצויגענער, אַ באַהערשטער, רעדט ווייניק, שטענדיק גרייט צו דינען מיט אַן עצה, אַפילו צו העלפן. אַ שווערער מיקראָב, נישט צו דערטאַפּן מיטן אויג.

— אָבער, — האָט ער אָנגעהויבן זיך אַליין איבערצייגן אין זיין שולד פון נישט דערזען — אַ פאַרזען. אָבער ס׳האָט זיך דורך אַלעמען דורכגע־שלאָגן אַן אויסגערעכנטקייט ביי אים, וואָס האָט איבערגעשטיגן די געוויינלעכע מענטשלעכע קלאָרקייט. יעדע רגע פון זיין לעבן איז געווען אויסגערעכנט און געקלאַפּט מיט אַ פּינקטלעכקייט פון אַ זייגער. אַפילו זיין פאָרן אין אויטאָבוס איז געווען אויסגערעכנט. אָדער ער פלעגט מאַכן חשבונות פון זיינע געשעפטן אַלס אַגענט פון אַזאַ פירמע ווי „אַמפּאַליך“, וועלכע האָט אַ סך עסקים און פאַרטרעט צענדליקער אַרטיקלען; אָדער

ער פלעגט לייזן אַ רעטעניש אין אַ צייטונג, — קודם „שאַרפט דאָס דעם מוח״, פלעגט ער זאָגן, און צווייטנס קאָן אַריינפאַלן אַ פּריז, — פּאַרוואָס נישט אויסנוצן. „אַ טשודאַק״ — האָב איך וועגן אים געטראַכט, — דער שלמה עסנבוים, אַן אַלטער בחור און שוין. אָבער איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז נישט אַזוי. ווען כ׳האָב איבערגעלייענט אין דער צייטונג, אַז מען זוכט אים, שלמה עסנבוימען פון ראַדאָמסק, געבוירן אין דעם און דעם יאָר, ווייל אַן עדות אין געטינגס פּראָצעס דערמאָנט אים, עסנבוימען, ווי דעם בעסטן, געטרייעסטן געהילף פון געטינגען, — האָט מיך געוואָרפן אַ גאַנצע נאַכט, ווי אין קדחת.

זי, קענענדיק איר מאַן, האָט איצט, אין זייַן גרעסטער אויפרעגונג, מורא געהאַט מודה צו זייַן, אַז אויך זי האָט נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. ווייל ווי קאָן דאָס זייַן אַנדערש! זי האָט איצט געטראַכט, אַז אין געראַנגל פון דערזען דעם אמת וועגן זיי, וועגן דריילינג, האָט זלמן קוים איצט פאַרשטאַנען דאָס, וואָס זי האָט שוין פון לאַנג געוווּסט; אַז זי האָט שוין פון לאַנג אים, שלמה עסנבוימען נישט געקאָנט פאַרטראָגן, נאָר זי האָט נישט געוואָלט קאָמפּליצירן ענינים, וועלכע זענען שטענדיק ביי זלמנען געווען קאָמפּליצירט.

— אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט איז מיר פאַר די אויגן אַרויסגעשוווּמען דאָס מגושמדיק פּנים און זייַנע דיקע, קורצע הענט. די הענט, אויף וועלכע כ׳האָב זיך שטענדיק באַמיט נישט צו קוקן, — האָט זלמן ווייטער גערעדט.

— אָבער זאָג מיר, חנה, — האָט ער דאָס ערשטע מאָל געווענדעט זיך צו איר אינגאַנצן רואיק, — ווי אַזוי האָט ער זיך אַזוי לאַנג אויסבאַהאַלטן? נישט דערקענט געוואָרן דורך קיינעם?

— מען האָט כמעט אַלעמען פאַרברענט פון זייַן לאַגער. בלויז ווייניקע זענען געבליבן. גוט וואָס די פּאַפּירן זענען געבליבן, אַ נישט וואָלט אין עדות נישט געווען גענוג פאַר זוכן אים און באַשטראָפן.

— און ער האָט דאָס געגאַסן פון מיין גאַסטפרייַנטלעכקייט און איז אין מיין שטוב געקומען?!

זלמן וואָלט נאָך לאַנג גערעדט וועגן דעם קאַפּאָ, שלמה עסנבוים,

וואָס האָט זיך געליבט אין חנה, ווייל געווען איז איצט שבת און צו דער אַרבעט האָבן זיי נישט גענדאַרפט גיין, נאָר אָפּגעשוואַכט פון דער אויפטרייסלונג האָט ער געמוזט נעמען זיינע רפואות און לייגן זיך אין בעט אַריין.

— ווער ווייסט, חנה, וויפל אַזעלכע פאַרברעכער ס׳דרייען זיך אַרום אומבאשטראָפט — ווער ווייסט ?

# III

# פון מײַן נאָטיץ־בוך

# יפו

די געשיכטע פון דער שטאָט יפו הייבט זיך אָן פון די צייטן פון קדם. תל־אביב איז, ווי אַ זעלבשטענדיקע שטאָט, אַלט 55 יאָר. אָבער תל־אביב איז שטענדיק געווען אַ יידישע פּעריפעריע צו דער אַראַבישער שטאָט יפו. געשיכטלעך איז זייער גורל אַ געמיינזאַמער.

שוין אין די פּרעהיסטאָרישע צייטן איז געווען אַ מענטשלעך לעבן אויף דעם שטח.

דער אייז־גליטשער, וואָס איז געקומען פון צפון־אייראָפּע, האָט געבראַכט אַ דורותדיקן ווינטער פאַר אַזיע. משמעות, ווי עס זאָגן די געלערנטע, האָט דער „שפּאַציר" ווי אַ פּועל־יוצא געבראַכט אונדז דעם הייסן קלימאַט. גיי האָב צו אים, צום אייז־גליטשער, טענות. אַחוץ דעם האָט ער אונדז איבער־געלאָזט זאַמדיקע, ליימיקע און קאַלכיקע בערגלעך, טאָליקע גריבער מיט זאַמד, זשוויר און מיליאָנען, מיליאָנען מושלעס.

שטחים זאַמד האָבן אויסגעפּילט יעדע פּלאַכלאַנד. אַזאַ איז געווען די פּאַנאָראַמע פון דער שטאָט און איר אומגעגנט.

נאָך פון קדמונים ביזן היינטיקן טאָג, ברענגט דער נילוס צו שלעפּן אין זיין שטראָם, נישט ווייט פון ים־דנאָ, זאַמדן, שטיינדלעך, געוויקסן און חיות, וואָס די כוואַליעס פון ים שליידערן אַרויס אויף אונדזערע ברעגעס.

די שטאַרקע ווינטערדיקע ווינטן טריקענען אויס די אויבערשטע שיכטן פון זאַמד, און ער צעטראָגט זיי צו יעדן נידערלאַנד.

דאָ קומט נאָך צו דער מדבר־ווינט, וואָס טוט דאָס זייניקע: ברענגט־מיט זאַמד־שטויב, וואָס דערגאַנצט די מלאכה פון ים. אַזוי כסדר פון קדמונים ביז היינט.

די טייכן אילון, דער עלטסטער, און ירקון, דער ייִנגסטער, האָבן זייער ריכטונג געביטן. דער אילון האָט זיך אָפּגעווענדט פון דער פריערדיקער ריכטונג צום אויסגוס פון ים מזרח־מערבדיק, דאָרט ווו די אַראַבישע מנשיה און גבעת עליה און כיכר לונדון. אויף אַ לענג פון 6 קילאָמעטער האָט ער צוליב די אונטערשטע שיכטן זאַמד געזוכט אַ וועג צום ירקון, כדי צוזאַמען קומען צום ים דרום־צפונדיק. פון התקווה גייט דער אילון אָן אויסגע־טריקנטער זיין וועג צום ים, נישט ווי אַ טייך, נאָר ווי אַ שטראָם.

די נאַטור האָט נישט אויסגעהאַלטן די סטיכיע פון וואַסער און ווינט, אָבער דער מענטש איז נישט אָפּגעטראָטן פאַר די גרויזאַמקייטן פון די באַדינגונגען און געבויט זיין לעבן.

הונדערטער טויזנטער יאָרן האָט דער מענטש געקעמפט דאָ, אי מיט דער נאַטור, אי מיט דער סטיכיע, מיט אַלע געאָלאָגישע און געאָגראַפישע ענדערונגען, און געבויט זיין ווירטשאַפטלעך, געזעלשאַפטלעך לעבן.

דורות זענען געוואַקסן, דורות זענען אונטערגעגאַנגען. מלחמות און פייער האָבן נישט איינמאָל דאָס אָרט פאַרניכטעט, די מענטשן פאַרטריבן, אַזוי ווי מיר ווייסן דאָס פון דער ייִדישער און פון דער אַראַבישער געשיכטע.

דער רירעווודיקער האַנדלס־שליאַך צווישן אַפריקע און אַזיע איז דורך דער האַלב־אינדזל קליין־אַזיע געגאַנגען, און פעלקער און קולטורן האָבן פריינטשאַפט געשלאָסן. די שטאָט יפו און אירע פּאָרטן איז אַ וויכטיקער האַנדלס־וועג געווען.

די שטאָט יפו איז געווען אונטער אַלע יאָכן: פון עגיפּטן און באַבי־לאָניע, פּערסיע, גריכנלאַנד און רוים.

אָט די אַלע סימנים אַנטדעקן איצט די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, וואָס דערנענטערן אונדז צו די ווייטע קדמון־צייטן. די פעלקער האָבן שטענדיק געלעבט איינער מיטן צווייטן פאַרן קעגנזייטיקן גענוס און שלום. אַזוי אויך אין דער שטאָט יפו.

די רייכע אין דער שטאָט יפו האָבן אַלעמאָל זיך פּאַרפעסטיקט אין זיכערע ערטער, ווייטער פון ים, פון געפאַר פון דער סטיכיע און פון מלחמה. די אָרעמקייט — אין די געפערלעכסטע, אויף די ברעגעס פון ים.

דורות לאַנג האָט דאָ געלעבט די אָרעמקייט, פּונקט ווי זי לעבט היינט אויף די ברעגעס פון דעם רחבותדיקן מיטללענדישן ים פון דער שטאָט יפו.

*

אַזוי ביטער ווי דער קאַמף מיט די פּורעניות און שלעק, וואָס עס ברענגען דער ים, דער ווינט און דער מדבר, אַזוי ביטער איז דער קאַמף פאַרן טאָג־טעגלעכן קיום פון די, וואָס האָבן זיך איינגענעסטעט אין די אָרעמע ווינטיקע הייזלעך אויף די ברעגלעך ביים ברעג פון ים.

דער גאַנצער ברעג איז באַוווינט פון אויבן ביז אונטן, אפילו אין זייטיקע שפּאַרעס און לעכער, ווי אין די קעלערס וווינט מען. די סטעזשקע, וואָס פירט צו די וווינונגען, איז גאָרנישט ענלעך אויף קיין גאַס.

מיט דער פּלייצע צום אהל פון חסן ערפי, נישט ווייט פון דער גאַס ספינה, געפינט זיך אַ משופּעדיק, זאַמדיק, שמאָל סטעזשקעלע.

דו מוזט מיט גרויס פאָרזיכטיקייט שטעלן דיינע פיס, אַז דו זאָלסט זיך נישט אַראָפּקייקלען און גלייך נישט פאַלן אין ים אַריין.

דער זשוויר און זאַמד פּרובירן אויס דיין גלייכגעוויכט, דיין פלינקייט און דיינע שטאַרקע נערוון. זיי מאַכן דיך וואַכזאַם און פאָרזיכטיק און זאָגן כסדר דיר אונטער: געדענק, דיין לעבן הענגט אויף אַ האָר.

צווישן די הייזלעך, האַלב־חרובע געביידעס, געפינט זיך אַ וואַנט, וואָס האַלט ביים איינפאַלן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, וואָס די איינוווי־נער האָבן אַלאַרמירט. די „באַרעמהאַרציקע שטאָט־טאַטעס" האָבן ווייטער געדרשנט וועגן זאָרג און איבערגעגעבנקייט צו די אַראַבישע איינוווינער, וואָס זענען דער רוב מנין און בנין דאָ.

די וואַנט דראָט מיט איינפאַלן, און קינדערלעך זענען דאָ קיין עין־הרע, קיין בייז אויג זאָל זיי נישט שאַטן, אַ סך, אַ סך אַראַבישע און יידישע.

אפילו די פאַווע, וואָס איז מיט אַזויפיל פּיעטעט און ליבשאַפט אויס־געמאָלן אויף איינעם פון די הייזער, וועט נישט אָפּהיטן פון אומגליק די געלאָזענע אויף הפקר איינוווינער, און דער עיקר די קינדער.

וועגן די משפחות, וואָס וווינען דאָ, קען מען זאָגן אַ שפּריכוואָרט: „דרייצן פּאָר שכנים און איין פּאָר שיך". נויט, נויט און נויט.

אומגעהייער איז געווען די פרייד און די גאווה, מיט וועלכע דאָס יידישע מיידעלע האָט מיר דערציילט, אַז זיי גייען שוין אַריבער אין אַ שיכון.

צווישן אַנדערע האָב איך זי געפרעגט צי שפּילט זי זיך מיט די אַראַבישע קינדער.

— אוודאי! — האָט זי מיט אַ נאַטירלעכן טאָן געענטפערט.

איך האָב מיט באַדויערן אַ קוק געטאָן צום „טויט־סטעזשקעלע", אויף וועלכער עס וועלן נאָך דאַרפן דרעטשען אירע דראָבנע קינדערישע פיסלעך ביז זי, די בת־מלכה, וועט קומען אין אַן „אמתער דירה". עס וועלן איר מקנא זיין די אַראַבישע קינדער, וואָס קיינער זאָרגט נישט, נישט פאַר קיין שיכון און נישט פאַר קיין מענטשלעכער דירה. זייער שפּיל־אָרט איז זומער און ווינטער — די חורבות און דער גרויזאַמער ים.

די אָרעמקייט איז אַליין צווישן זיך פונאַנדערגעטיילט לויט מדרגות און שטאַפּלען, —די וואָס האָפן און דערגרייכן ,און די וואָס האָפן און וואַרטן.

צי האָט איר אַמאָל געזען, אַז מען זאָל דאָ ברענגען טוריסטן?

אין „שטח הגדול" פּאַרוואָס נישט. אדרבא — „עקזאָטיק". מען שיקט טאַקע פריער די פּאָליציי, וואָס קאָנטראָלירט יעדן מאַן, וואָס גייט דורך. מען פּאַרטרייבט די שענדלעכע נאַכט־מלאכה, וואָס בליט אויך במשך פון דעם גאַנצן טאָג אין די פינצטערע נאַכטיקע לעכער פון די חורבות.

אין דער סביבה וואַקסן קינדער, קומען־אויף נייע דורות, וואָס ווערן קעגן זייער ווילן פאַרסמט פון פריסטן עלטער אָן מיט מיקראָבן פון פוילונג, פונקט ווי עס פוילן די ווענט פון די אָרעמע הייזער, אָנגעפילט מיט טוכ־לעקייט און פייכטקייט.

*

מיפול, פאַרבלאָז און איינטאָניק איז דאָס לעבן פון דער משפּחה קאָהור־דזי. עס הענגט איבער זיי שטענדיק ווי אַ פּרעגצייכן אַ לעבל ברויט.

ניין קינדער, כמעט אַלע קליינוואַרג. ניין פּיקערס, וואָס עסן מיט

אַפּעטיט נאָכן אַרומלויפן אַ גאַנצן טאָג ביי די ברעגעס פון ים און לאָזן זיך פאַנגען ווי פייגל אין די ראַמען פון פיר ווענט.

אומעטיק איז דאָס לעבן פון די מיידלעך אין די מאַכמעדאַנישע אָרעמע משפחות: געפאַנגען פון שטייגער און דורותדיקע טראַדיציעס, האָבן זיי קליינע מעגלעכקייטן פון פרייען באַוועגן זיך און זענען באַגרענעצט אין באַדינגונגען פון פּילזייטיקער אַנטוויקלונג.

נאַדזי יה איז אַלט אין גאַנצן פערצן מיט אַ האַלב יאָר. איר וווּקסיקע געשטאַלט איז פול מיט מזרח־חן, וואָס שמעקט מיט זיסן ריח פון מאַנדל־בליטן און איר מיידלשע פאַרבענקטקייט אין די אויגן דערמאָנט אין אַ נישט־אַנטוויקלטער בלום.

ווייניק פרייד, ווייניק נייעס איז דאָ אין איר לעבן. אפילו די זעקס יאָר אין דער שטאָטישער אַראַבישער שול האָבן איר ווייניק וואָס געגעבן. צו איר חרפה האָט זי אפילו איר נאָמען נישט געקענט ריכטיק אָנשרייבן. אַ גליק וואָס אין דעם נאָמען זענען נאָר פיר קלאַנגען. פון זיי האָט זי דריי פאַלש אָנגעשריבן.

נעמי קאַהודזי זיפּצט־אָפּ, ווען מען פרעגט זי וויפל דאַרף זי האָבן אויף ברויט אַ טאָג. אַ פונט! און דער פונט וואַקסט אויס אין אירע אויגן צו אַ ריזן־סומע. מיט דעם גרויסן געוויכט פון אַ פונט האָבן זיך אָנגעשטעקט אויך די מיטשמועסער.

זי ווייזט מיר אָן אויף אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס הענגט אין פראָנט פון צימער, אויף וועלכער איך זע אַ שיינעם יונגן מאַן.

— היינט איז ער אַ קראַנקער מענטש, וואָס זוכט אַ טאָג פרנסה. אויס־געדאַרט איז ער. זיבן חדשים — זאָגט זי — האָב איך נישט געשיקט די קינדער אין שול. איך שעם זיך זיי צו שיקן אין צעריסענע קליידער. אמת, אַ גרויסן חלק פון דער צייט האָבן זיי פאַרבראַכט אָנשטאָט אין קלאַס ביים ים, און פון שול איז מען נישט געקומען פרעגן וואָס עס איז געשען מיט די קינדער.

די גאַנצע צייט שטייט נאַדזי יה שווייגנדיק און קוקט אויף דער מוטער.

די מוטער דערציילט וועגן אויסוועג פון לייכטער מאַכן דעם יאָך פון פרנסה מיטן חתונה מאַכן איר פערצן־יאָריקער טאָכטער.

— דו ביסט צופרידן וואָס דו גייסט חתונה האָבן? — ווענד איך זיך צו נאַדזי יה, קוקנדיק אויף איר אויסגעפוצטן אָנטאָן. היינט איז דאָך פרייטיק, און פרייטיק איז שבת ביי די מאַכמעדאַנער.

איך קוק אויף אירע שטאַרק געפאַרבטע קינדערישע ליפּן, אויף די באַשמוקטע הענט מיט ביליקן גאָסן־גאָלד, אויף די גרויסע אוירינגלעך, וואָס קענען אפילו נישט פאַרווישן איר קינדערישן אומבאַהאָלפענעם אויס־דרוק אויף איר פּנים.

אויף מיין פראַגע וועגן איר חתונה לאָזט זי אַראָפּ די אויגן, פאַררויטלט זיך און הייבט ווידער אויף די אויגן, פולע מיט ליכטיקן שיין פון ליב־שאַפט צו דער מאַמעס טרוקענעם ברויט, וואָס שמעקט ווי האָניק.

— כ׳האָב מורא אָוועקצוגיין פון דער מאַמען — זאָגט מיר נאַדזי יה, און אירע גרויסע טונקל־ברוינע אויגן האָבן אויפגעהאָנגען צוויי טרערן, וואָס האָבן אָפּגעגלאַנצט מיט יענעם וואַרעמען בליאַסק פון אַ קינד פון נויט, וואָס האָט ליב די אָרעמע היים, וואָס שיצט זיך פאַר דעם אומבאַ־קאַנטן אַרום און פאַרשטעלט פון אַלדאָס בייז וואָס קומט פון דרויסן.

דער ווילן נאָך פרייד איז ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן פון איר, באַהאַלטן, פאַרשפאַרט, ווי אַ חטא, הינטער פאַרמאַכטע שלעסער פון איינזאַמען יונגן לעבן, ווייל אויף יעדן טריט און שריט פייערט דער פאַרבאָט: „מען טאָר נישט", „נישט פאַר דיר".

ווי פּאַראַדאָקסאַל! דער צוועלפטער יאָר הונדערט. די אַלטע פעאָדאַלע מנהגים צוימען דעם וווּקס און איר אַנטוויקלונג.

— זיי געזונט, נאַדזי יה, זאָל דיר זיין גוט ביי דיין מאַן. לערן זיך, אַז דו זאָלסט קענען דערציען דיינע קינדער צו אַן אַנדער גליקלעך לעבן. לערן זיך. שלום! — האָב איך זי געזעגנט.

מיר גייען אַרויס מיט אַ שווער האַרץ, מיר באַוויזן קוים אָפּצוגיין אַ טריט פון הויז, ווי מיר באַגעגענען די בנים מיט אָפּגעברענטע פנימער און גופים. פון זייערע הויזן הענגען שטיקער צויטן און עס שטראָמט פון זיי נאָך דאָס פרישע ים־וואַסער. אָבער שטיפעריש זענען זיי. זייערע

שוואַרצע אויגן זאָגן אָן ענערגיע און מוט, און זיי זענען מודיע דער וועלט:
יאָ, מיר וועלן לעבן!

*

מיינע באַזוכן איבער דער שטאָט יפו—תל־אביב האָב איך נישט געמאַכט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט מוסטאַפאַ סעיף, וועלכער האָט מיר געדינט ווי אַ דאָלמעטשער און וועגווייזער. מוסטאַפאַ סעיף איז אַ געבוי־רענער אין לאַנד. ער איז אַן איבערגעגעבענער זון פון זיין פאָלק און לאַנד. יעדע עוולה און אונטערדריקונג לגבי דער אַראַבישער מינדערהייט רופט ביי אים אַרויס טיפע עמפּערונג און פּראָטעסט. זיין עברית איז אַ גוטער און פליסיקער. מיט זיין איינגעבוירענער אינטעליגענץ און טאַקט האָט ער פאַרמיטלט צווישן מיר און מיינע מיטשמועסער.

„טעראַ אינקאָגניטאַ" — אַן אומבאַקאַנטע וועלט איז געווען פאַר מיר דאָס אָרעמע אַראַבישע יפו. איך האָב עס נישט געקענט ביז איצט, הגם כ'פלעג נישט איין מאָל זיין אין דער געגנט.

מוסטאַפאַ סעיף איז אַ שטענדיקער לייענער פון דער פּראָגרעסיווער פּרעסע. ער לייענט אויך די וועלט־ליטעראַטור אין ענגליש. פון פאַך אַ שוואַרצער אַרבעטער, ביי וועלכער ער אַרבעט שוין צען יאָר. מיט זיינע חברים ביי דער אַרבעט האָט ער זיך גוט צונויפגעלעבט. אַ שטילער און באַשיידענער מענטש.

ווען מען האָט אים פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל מיך פירן איבער אייניקע גאַסן און ווייזן די אָרעמסטע איינוווינער, האָט ער אָפּגעזאָגט. קודם־כל איז היינט פרייטיק, און פרייטיק איז דער טאָג פון יום־טוב, העלפט ער זיין פרוי ביים איינקויפן. שבת זענען דאָך די מערסטע קראָמען פאַרמאַכט. צווייטנס, די גברת (דאָס הייסט — איך) קען קומען אַן אַנדערש מאָל. נאָר ווען מען האָט אים אויפגעקלערט, אַז איך קום פון דער רעדאַקציע און כ'האָב נישט קיין פרייע צייט, איז ער מסכים געווען אָפּצולייגן זיינע ענינים און מיך באַגלייטן.

מוסטאַפאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַ ספּעציעלע „טוריסטין"

און ער האָט זיך באַצויגן צו זיין שליחות מיט דער גאַנצער ערנסטקייט. ער איז געגאַנגען לעבן מיר מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן־דעקלעך און, ווי זיין טבע, פון אָנהייב געשוויגן אין דער חמסיניקער חמימה.

ווו־נישט־ווו האָט אַ שוואַרצע קאָץ זיך דורכגעשלייכט, אַן איינציקע הון איז דורכגעלאָפן, מורא האָבנדיק, אַז עמעצער זאָל זי נישט כאַפּן. שוואַרץ־זקנישע פרויען־קעפּ, געהילט אין אַראַבישע שלייערן, האָבן זיך ווי צוגע־קלעפּט צום מויער און די מידע הענט האָבן זיי אַריינגעלייגט אין זייערע זיצנדיקע שויסן און עפּעס געשעפּטשעט צווישן זיך, קוים באַרירנדיק די ליפּן.

אויף די מויערן זעט מען סימנים פון דורותדיקער אָרעמקייט, וואָס יחוסט זיך מיט זייער יפוער אָפּשטאַם, וואָס שיקט זייער בעטעניש צום אַללאַ, אַז ער זאָל זיי באַפרייען פון דעם שטענדיקן פּחד פון נישט קענען דורכקומען דעם קומענדיקן טאָג מיט זייערע קינדער.

דער ליכטיקער פלעק אין דער פּאַנאָראַמע זענען די קינדער, וואָס לויפן אַרום אין דרויסן מיט אויסגעצוואָגענע קעפּלעך, פאַרפלאָכטענע אין צוויי שטייפע צעפּלעך פוןביידע זייטן. די פאַרביקע באַנד־שלייפן גיבן צו נאָך מער חן, זייערע שיינע שוואַרצע פּנימלעך און די באָרוועסע פיסלעך שטרייכן נאָך מער אונטער זייער ענלעכקייט אויף נעגער־ליאַלקעס, וואָס איר קענט זען אין די שוי־פענצטער פון שפּילצייג. דאָס ברייטע אָנטקעגנ־שמייכלען אויף מיין „שלום" זאָגט עדות, אַז זיי זענען רירעוודיקע, לעבנסלוסטיקע אַראַבישע קינדער. זעלטן ווען מיר איז אויסגעקומען צו זען אַזאַ סאַמעטענע שוואַרצע הויט ביי קליינע קינדער. אַפילו אין עקזאָ־טישן יפו זענען זיי עקזאָטיק!

מוסטאַפאַ האָט ווי אויפגעוואַכט ווי נאָר מיר זענען אַריין אין ערשטן הויז און איך האָב אָנגעהויבן שטעלן פראַגעס. עס זענען ערגעץ־ווו פאַר־שוונדן זיינע אויגן־דעקלעך און ליכט האָט גענומען גלאַנצן אין זיינע אויגן. דער צוטרוי צו מיר האָט אים געעפנט די צונג.

זאכי שעהדן, דער „יונגער זקן", איז דער טאַטע פון ניין קינדער. אונטער דער ווירקונג פון דעם שמועס, וואָס איך האָב מיט אים פאַרפירט, האָט גענומען טאַיען זיין האַרץ; ווי פון אונטער אַן אייז־גליווער, וואָס איז

געווען יאָרן־לאַנג פאַרשלאָסן אונטער זיבן שלעסער, האָט עס גענומען אויפלייזן. זאכי שעהדן זיפצט נישט און ער קלאָגט נישט — זאָגט ער — אפילו ווען מען האָט אים די לונג אויסגעשניטן און ער האָט יאָרן פאַר־בראַכט אין שפּיטאָל, ווו ער אַרבעט אַלס רוימער ביזן היינטיקן טאָג, אַבי ער קען ברענגען די 70 פונט יעדן חודש. ער זיפצט אויך נישט ווען די סעד־הילף סטייעט נישט אויף קויפן שיך פאַר די קינדער. באַרוועסע גייען זיי אַרום זומער און ווינטער. פאַרן ייִנגל, פאַר דעם צוועלף־יאָריקן, „מוז איך, זאָגט ער, אָפּשניידן פון מיין ברויט, כדי ער זאָל זיך לערנען. נישט נאָר ער, אַלע קינדער וויל איך זיי זאָלן נישט וואַקסן ווילד".

„דער צוועלף־יאָריקער אַרבעט איצט — זאָגט ער מיר, ווען איך פרעג, ווו ער איז — נישט נאָר אין פעריען־צייט אַרבעט ער. מיינע פיר קליינע קינדער, וואָס גייען אין שול, קאָסטן 8 פונט אַ חודש בלויז דאָס לערנען. און וויפל קאָסט דאָס קליינוואַרג אין שטוב!" — גיט ער צו.

— „דיין ווייב איז אַ בריה" — האָב איך געזאָגט, אַרומקוקנדיק זיך אין צימער, וואָס איז נישט מער ווי פיר מעטער אויף פיר, אָבער הויך לויטן אַראַבישן געבוי־שטייגער. — „עס איז דאָ ריין אין יעדן ווינקעלע, און דערצו באַדינט זי קינדער, און דאָס ייִנגסטע איז נאָך ביי דער ברוסט" — האָב איך צוגעגעבן.

„יאָ, זי אַרבעט נאָך, אַנדערש וואָלטן מיר נישט אויסגעקומען. זי גייט וואַשן וועש. איצט איז זי געגאַנגען איו קופּת חולים מיטן קלענסטן".

„איר באַקט אַליין פּיתות?" — האָב איך געפרעגט, זעענדיק אַ קאָדקע צוגעדעקט מיט אַ הילצערנעם צודעק, ווו עס געפינען זיך ססימנים פון מעל.

„יאָ — ענטפערט ער — אויף קויפן ברויט קלעקט אונדז נישט! מיר באַקן ביים בעקער און מיר האָבן אויף אַ צייט!"

צו וואָס די גאַנצע מעכאַניזאַציע, דאָס שאַפערישע דערפינדערישע פון מענטשלעכן מוח, צו מאַכן די אַרבעט פון מענטשן גרינגער, אַז נישט אַלע קענען פון דעם געניסן. אפילו ברויט, דאָס עלעמענטאַרע, דאַרף צונעמען כוח און צייט ביי די, וואָס האָבן עס אַזוי ווייניק.

„ווי אַרבעט איר ביי אייער שווערן געזונט־צושטאַנד?"

„פאַרבאָטן נישט צו אַרבעטן" — זאָגט ער אין עברית מיט אַ טאָן פון אַ פרעדיקער און זיין דאַר, לאַנג פּנים ציט זיך נאָך מער אויס. זיין זיצנ־דיקע הויכע געשטאַלט זעט מיר אויס נאָך קנאָכיקער. איך האָב אויפן אָרט אַ טראַכט־געטאָן: וואָס פאַר אַ טיפע טראַדיציעס פון שטילן טראָגן דעם דורותדיקן יאָך פון אונטערדריקונג.

איך קוק זיך אום — צוויי פענצטער אין איין לענג ברענגען דורך די אייזערנע פאַרצוימטע שטאַנגען די ליכט פון דער זון. אַנטקעגנאיבער אַ טיר און פענצטער. אין צימער צוויי קינדער־בעטלעך, אַ גרויס בעט און אַ שמאָלער, לאַנגער טאַפּטשאַן.

— און די רעשט ווו שלאָפן?

— אויף דער ערד — ענטפערט ער און ווייזט מיר אָן אויף אַ שטרויע־נער מאַטע, וואָס ליגט צונויפגעוויקלט אין אַ ווינקל.

די גלעזערנע טירן פון דער שאַנק (אַמאָל מסתמא געווען אַ סערוואַנט־קע) ליגן אויף הילצערנע שטאַנגען — צונויפגעלייגט אַ סך קינדערישע קליידעלעך, ציצענע, געפּרעסטע, אָנגעגרייטע צום היינטיקן טאָג.

אויפן דעכל אין דרויסן ליגט פויל צעלייגט די גרויע קאַץ. אפילו דער שאָטן־בוים קען זי נישט באַשיצן.

די צוויי מיידלעך, זיינע טעכטערלעך, זענען אויפן הויף. די עלטערע שיילט אין אַ גרויסן טאָפּ אַרייַן קאַרטאָפל. די ייִנגערע, דערשראָקן פון אַזאַ אומגעריכטן וויזיט, איז אַרויס אויפן הויף און דאָס איין־און־איינציקע שפּילצייג אין שטוב, דאָס גומענע ליאַלקעלע, איז געבליבן ליגן אויפן בעט און געבענקט נאָך די וואַרעמע הענטלעך פון קינד, וואָס עס האָט זי דאָ מיט צאַרטקייט אָוועקגעלייגט.

*

פינף טויזנט אַראַבער וווינען אין יפו. אַלע כמעט קאָנצענטרירט לענגאויס דעם ים־ברעג.

איינע פון די רירעוודיקסטע און טומלדיקסטע גאַסן איז די גאַס 60. אין טומל מישן זיך אויס מענטשלעכע שטימען מיטן אומעטיקן אייזלשן

בענקענדיקן ווייגען, וואָס אַפילו אין מיטן העלן טאָג טראָגט עס אָן אויף אייך עפּעס אַן אומרו.

אָבער די סכנות, וואָס לויערן דאָ, קומען נישט פון די אייזלען, נאָר פון די מענטשן, ווייל פאַר אייניקע ווערט דאָ געבוירן דער טאָג נישט צו פרייד פון אַרבעט און לוסט צום לעבן.

אין שיין פון טאָג קריכן דאָ אַרויס, פון די נאַכטיקע באַהעלטענישן איינציקע פיגורן, וואָס זענען ממשיך זייער „היילן זיך" פון אַלע „פאַר־זענלעכע און סאָציאַלע קרענק" מיט אָפּיום און חאַשיש. איר קענט זיי דערקענען פון זייער בליק, וואָס איז מטושטש און פון זייער וואַקלענדיקן פון צייט צו צייט קאָפּ, און דער עיקר פון זייער שווייגן. אַזאַ פאַרשוין זיצט אין התבודדות. די איינזאַמקייט און די פאַרשלאָסנקייט, דער ווייטיק און די אַנטוישונג שטויסן זיי צו דעם, אַז זיי ווילן פאַרן לעבן נאָך „דערגרייכן די הימלען", ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר זייערע „ביטערע לעבנס־טראָפּנס". זיי האָבן דאָ, זיצנדיק אויף די נידעריקע בענקלעך אין דרויסן אַנטקעגן איבער דער קאַפּע, ביי אַ טעפּעלע קאַפּע — ווייזיעס און ווינטיקע ים־לופט, וואָס פעלט זיי אין זייערע וווינונגס־לעכער.

דער עולם איז דאָ צעטיילט. מען קען זיך דאָ נישט לויט עדות, נאָר דורך דעם דראַנג צו גענוס און מגושמדיקן פאַרגעניגן. דאָס געזעץ פון שטאַרקן הערשט דאָ. עס פעלן דאָ נישט קיין כוליגאַנעס. אין דער איבערוועגנדיקסטער מאָס — מזרח־עדות. זיי שפּילן אין ביינער, אין קאָרטן, אָדער זיצן־אָפּ ביי אַ האַלב טעפּעלע לאַנגע שעהן פון טאָג, כדי ווידער אין אָוונט צו זיין אויף דעם פריערדיקן אָרט.

ערגעץ־ווו ליגט פאַרבאָרגן זייער אינערלעך גייסטיק לעבן, וואָס רייסט זיך נאָר דורך אין טראַגישע מאָמענטן פון אויפברויז פון ווילדע אַפעקטן, וואָס בושעווען טיילמאָל ווי אַ צופלוס פון אַ שטאַרקער ים־כוואַליע, מיט אורטימלעכער קראַפט — אַן אומפאַרשטענדלעכע פאַר זיי אַליין.

אויף די גאַס „הספינה" פאַרכאַפּט די זיצנדיקע אין קאַפּע, ביים מויער, וואָס ציט זיך ביז צום ברעג פון ים — מיט צעצווייגטע אָרעמע געסלעך.

וועגן די אַלע הייזלעך וואָלט מען געקענט זאָגן אַ יידיש שפּריכוואָרט:

„בעסער אַ רייכער שכן איידער אַן אָרעמער באַלעבאָס״. אַלע איינגעזעסענע דאָ און אַלע ניי־געקומענע זענען כמעט פון איין מענטשן־מין — מענטשן פון מי און אַרבעט. דאָ און דאָרט רייסט זיך דורך אַ פרעמדע פלאַנץ, וואָס קיינער ווייס נישט פון וואַנען זיי לעבן און ווי אַזוי זיי עקזיסטירן.

*

אין דער סביבה, אויף דער גאַס „הספינה״, אויף אַ זאַמדיקן באַרג, נישט ווייט פון דער קנייפע, געפינט זיך אין אַן אַלטן אַראַבישן בנין די שטאָטישע שול פאַר אַראַבישע קינדער אין יפו.

דער הויף איז אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט. זאַמד און שמוץ, אַן איין שאָטן־ביימל, אַן אַ ביסל גראָז, אַן אַ בלימל. דאָ שפּילן זיך די קינדער — דאָס איז זייער זומער־אַפּרו.

צופוסנס פון דער שול געפינט זיך דער געצעלט פון חסן ערפי, דעם שפּענדער פון דעם בנין, וואָס איז אויך אַן אָרט פון מיסט.

אין דער שול אַרבעטן יידישע לערער און בלויז איין אַראַבער.

דער ניוואָ פון דער שול איז אַ נידעריקער — קלאָגן זיך די עלטערן. מען לערנט די גערעדטע אַראַבישע שפּראַך און נישט די ליטעראַרישע. זינגען לערנט מען בלויז העברעאישע לידער. די געשיכטע פון אַראַבישן פאָלק לערנט מען נישט. דערפאַר לערנט מען, וואָס איז אַזוינס „אגד״, „אתא״ און דאָס גלייכן.

מוסטאַפאַ דערציילט וועגן זיין קינד, וואָס האָט זיך געלערנט דריי יאָר און נישט געקענט דעם א״ב. „ווען איך בין געקומען מיט טענות אין שול, האָט די פּאַרוואַלטערין גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל און אָנגעקלונגען דאָרט, ווו מען קלינגט אין אַזעלכע פאַלן. צוהערנדיק די מסירה אויף מיר, האָב איך איר געזאָגט, אַז איך שרעק זיך נישט אָפּ פאַר קיינעם און איך וועל איר באַווייזן, אַז איך וועל אַליין מיין קינד אויסלערנען לייענען און שרייבן. און אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. נאָכדעם האָב איך מיין קינד אָפּגעפירט אין „טעראַ־סאַנטאַ״, אין דער שול ביים קאַטוילישן קלויסטער אין יפו, הגם מיר זענען מוסולמענער, און מיינע קינדער מוזן אָנטיילנעמען

אין קאַטוילישער רעליגיעזער פּראַקטיק — כ'האָב ליידער נישט קיין אַנ־דערן אויסוועג".

„אַזוי זעט אויס דער פּראָיעקט פון רעליגיע ביי אונדז" — האָט מיט פאַרביטערונג אונטערגעשטראָכן מוסטאַפאַ. אויך זאכי שהבי מוז פון זיין אָרעמער קעשענע אויסגעבן 200 פונט אַ יאָר פאַר זיינע קינדער, וואָס לערנען זיך אויך אין דער קלויסטער־שול, ווייל אין דער שטאַטישער שול לערנט מען זיך גאָרנישט אויס, ווי עס האָט געזאָגט מיר קאַהודזי.

*

אַלס רעזולטאַט פון דער באַציאונג צו די לימודים אין דער אַראַבישער שפּראַך אין שול און פון פאַרשידענע אופנים פון סאָציאַלע און עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציעס, זעט מען אַ דערשיינונג (וואָס אונדז יידן איז זי גוט באַקאַנט), אַז מען שעמט זיך צו רעדן אין אויטאָבוס אַראַביש.

די באַלעבאַטים פון די וואַרשטאַטן שטעלן אַ באַדינג זייערע אַראַבישע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן בייטן זייערע אַראַבישע נעמען — פון אחמד, למשל, אויף אריה, ווייל זיי האָבן מורא אָפּצושרעקן די קליענטן. דער אַראַבישער אַרבעטער איז באַקוועם, ער אַרבעט אויך שבת און ער אַרבעט פאַר קלע־נערע לוינען. ס'איז שווער זיך פון אים אָפּצוזאָגן, און ווייל ער זוכט אַרבעט, גייט ער איין אויף אַלע באַדינגונגען, וואָס דערנידעריקן זיין מענטשלעכן כבוד.

די סאָציאַלע הילף פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג איז אַ ניש־טיקע. נישטאָ אַפילו קיין אַנשטאַלט פאַר זקנים. זיי באַקומען נאָר איין מאָל אין טאָג אַ ביסל שיטערע זופּ.

אויך פון אינעווייניק פעלן נישט קיין פאַררעטער, וואָס שלעפּן זיך נאָך דיסקרימינאַציע־טענדענצן לגבי דעם אַראַבישן פאָלק. סאַיד האַבאַל האָט צוגעגנבעט די נדבות פון דער מוסולמענישער קירך אין יפו. איר קענט זען אויף די ווענט אין אַראַביש אַן אויפשריפט: „מיר פאָדערן אַ משפט אויף סאַיד האַבאַל", אַן אויפטו פון די בירגערלעכע אַראַבישע קרייזן.

*

דאָס אייזעלע האָט זיך האַרט צוגעטוליעט צום צעגליטן מויער, זוכנ־

דיק פאַר זיך אַ ביסל שאָטן. ברידזשיט באַרדאָ האָט פון אַ בילד אַראָפּ־געשמייכלט מיט ברייט־צעעפנטע שורות לויכטנדיקע ציין פון איבער די אַרבוזן,צעלייגטע אויפן סטראַגאַן. אַ טייל פון זיי האָבן מיט זייערע האַלביקע לייבער געריצט דעם גומען מיט רייפער בלוט־רויטקייט.

פול מיט איינדרוקן און מידע פון יולי־חמימה גייען מיר צוריק פון אונדזער ערשטער רייזע „ווי די צייט אַזוי די לייט". אָבער איך טראַכט ווייטער: „צייטן בייטן זיך". איז „וואָס עס וועט נישט מאַכן דער שכל, וועט מאַכן די צייט" — זאָגט אַ העברעאיש שפּריכוואָרט.

מיט גרויס פריינטשאַפט האָב איך געזעגנט מיין וועגווייזער, וואָס האָט מיר געהאָלפן צו אַנטדעקן אַ נייע פאַר מיר וועלט.

# דער וועג קיין חיפה

פלאַכלאַנד. שטיבלעך באַהאַלטענע אין דער געדיכטעניש פון ביימער. וואָס ווייטער זעט מען זעלטענער די נייע הייזער צווישן יונגע ביימלעך, וואָס זענען זאָרגפעלטיק אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס, געהיט ווי זויג־קינדער פאַרן גיריקן אויג פון דער פלאַמיקער זון, ווינטן און שלאַקס־רעגנס.

דאָס פאַרלאָזענע הויז אויפן בערגל לאָקט דיין דמיון. ווי אַ ריזיקע לאַמטערן זעט עס אויס: אָן טירן און אָן פענצטער. גאַר פריילעך וואַקסן לענגאויס דעם גאַנצן וועג די געלע בלימעלעך.

דו באַוויזט קוים אויסצורוען דיין אויג, ווי מיטאַמאָל וואַקסט־אויס פאַר דיר אַ שורה שיכונים — זעקס פירשטאָקיקע הייזער, ווו עס האָט זיך באַהאַלטן דאָס מענטשלעכע לעבן אין זוכעניש נאָך רו און אַ ביסל גליק.

נאָך פתח־תקוה הייבט זיך אָן דאָס פלאַכלאַנד, כדי ווידער צו פאַלן אין פעלדער פול מיט אָפּגעשניטענע און געפּרעסטע פאַשע פאַר בהמות.

און אין מיטן בילד פון דער מיפּולער אַרבעט רייסט זיך אַריין דער פעסטער בנין פון דער משטרה, ווי אַ פעסטונג. ער קוקט מיט האַלבע בלינדע אויגן אין דער ווייט אַריין.

אומגעריכט באַווייזן זיך די זעלטענע פּרדסים אויפן וועג און זעלטן אַ פאַבריק־קוימען.

אָבער נישט ווייט פון ביידע זייטן כביש האָבן זיך צעלייגט קיבוצים, וואָס שלינגען איין זינט יאָרן די יוגנט־חלומות פון טויזנטער יוגנטלעכע

צו אַ ניי לעבן, און זיי בלייבן שטענדיק אין האַלבן וועג אין זייער זוכעניש.

די קיבוצים זענען פון דרויסן געשיצט מיטן שאָטן פון אייקאַליפּטוסן און בראָשן.

וואָס נעענטער צו חדרה — זאַמדן. דער מענטשלעכער ווילן איז זיי שוין אַ סך בייגעקומען: מיט אַספאַלט־כבישים זיך אין זיי אַריינגעריסן און מיט אַ וואַנט פון פּרדסים, בראָשן און הייזער, וואָס פאַרשטעלן זיי דעם וועג.

אָבער דער ווילדער באַרגיקער זאַמדיקער שטח שווימט ווידער אַרויס פאַר דיין אויג.

דאָס ברענגט דיר אויפן געדאַנק, אַז אייגנטלעך איז דאָס דער זעל־בער דורותדיקער קאַמף מיט דער וויסטע, וואָס איז נאָך ווילד, כאַאָטיש ווי אַמאָל. אָבער היינט זענען מיר באַוואָפנט נישט נאָר מיטן בוי און פלאַנצן די שטחים, נאָר מיט דער חכמה פון געדולדיקן אויסדויער אין קאַמף מיטן מדבר.

ווי מאָדנע זעען אויס אויף דעם זאַמדיקן שטח די מאָדערנע רעקלאַ־מעס וועגן נעאָן־באַלייכטונג, וועגן „אל־על"־פּלי און די נעץ־דראָטן — די פאַרקערפּערונג פון מענטשלעכער דערפינדערישקייט.

וואָס ווייטער הייבן זיך אָן זעלטענער צו באַווייזן פעלדער, באַשאָ־טענע מיט געלע און ווייסע בלומען, ווי מיט מאָן.

מיטאַמאָל וואַקסן־אַרויס די כרמל־בערג, וואָס הייבן זיך כסדר פון זכרון אָן. רעכטס גייט די גאַנצע צייט, ווי אַ באַגלייטונג, פלאַכלאַנד.

שטיינערנע בערג, פאַרלאָזענע, זעלטענע גראָזן און קוסטעס, זעלטן זעען זיך ביימער.

פלוצלינג, לינקס, באַווייזט זיך דער ים. צוזערשט מיט אַ שמאָלן פּאַס, וואָס פאַראייניקט זיך מיטן הימל, בעסער געזאָגט, דער ים־האָריזאָנט ווערט דורך אים פאַרשלונגען.

דער ים פון אַזאַ ווייט זעט שטענדיק אויס רואיק.

דער ים זעט זיך און פאַרשווינדט ביז ער באַווייזט זיך אין זיין גאַנ־צער מאַיעסטעטישקייט. און אַזוי ביז מיט איין מאָל באַווייזט זיך חיפה.

זי עסט זיך איין אין געדיכטע בערג פון שטיין און עס דערזעען זיך גרויע פירעקן, וואָס גאָר נאָענט פון כביש פאַרוואַנדלען זיי זיך אין בונטע פלעקן מיט ליכטיקע ברייטע פענצטער און באַבלומטע באַלקאָנען.

אין זומערדיקן פרימאָרגנדיקן שבת איז דער חיפהער וועג רירעוודיק און פאַרביק. אַ שורה אויטאָס שטייען מיט שבתדיקן נחת־רוח. די מושב־משפחה האָט איינגעשפּאַנט אַ טראַיאַקע אויף צוויי ריזן־רעדער אין אַן אייזעלע, אַ טייל פון איר שפּאַנט צופוס, אַ טייל זיצט אויפן וועגעלע. אַ גרופּע יוגנט־טוריסטן פון אויסלאַנד מאַרשירן מיט די רוקזעק אויף די פּלייצעס.

ווי פּאַראַדאָקסאַל — שטילקייט און באַוועגונג, אַ נחת־רוח. גאָר אַנדערש ווי אין תל־אביב.

נאָר די אַלטע זיתים־ביימער, וואָס שטייען ביים וועג און קוקן מיט ביטול אויף דער אַלייע פון געפלאַנצטע פּאַלמעס, וואָס דאַרפן צו זייער שיינקייט פרעמדע הילף, עמעץ זאָל זיי פלעגן, עמעץ זאָל זיי אַרומשניידן. זיי, די זיתים, היטן אַליין זייער דורותדיקע שיינקייט און דערפאַר קוקן זיי מיט ביטול אויף די פּאַלמעס.

# דער וועג קיין ירושלים

די אַראַבער זאָגן, אַז אונדזער ערד איז אַזוי פאַרשידנאַרטיק, אַז קיין איין שפּאַן אירער איז נישט ענלעך צום צווייטן, און גוט איז זי און מוטערלעך: דו שטעלסט אַריין אַ שטעקל אין דער ערד, אַבי גיב אים דאָס זייניקע — אַ ביסל וואַסער, וואַקסט עס און גרינט.

אויב דאָס איז ריכטיק פאַרן גאַנצן לאַנד, איז עס כמה וכמה ריכטיק פאַרן פאַס־ערד, וואָס ציט זיך פון יהוד ביז ירושלים. דאָרטן האָסטו פאַרשידענע פּאַנאָראַמעס — פון פלאַכלאַנד ביז בערג, פון טאָלן און אָפּגרונטן. יעדער פּייזאַזש פאַרכאַפּט דיין אויג מיט דער אַנדערשקייט און פולקייט, איבערהויפּט ווען דו פאָרסט אין אַ געלאַסענעם טעמפּאָ אין פרילינגדיקן פרימאָרגן.

עס אַנטפּלעקן זיך פאַר דיר פרייע פעלדער העט־העט וויט ביזן האָריזאָנט. ווו־נישט־ווו מיט ישובים — צריפים, הילצערנעביידלעך, מאָדערנע בלאָקן־הייזער און גאַסן פון די געציילטע שטעט, וואָס שלאָפן נאָך, אויב דאָס איז שבת אין דער פריאיקער שעה.

די שטחים, וואָס פאַרבינדן די ישובים, זענען פאַרזייט מיט בלומען דורכן באַרגיקן ווינט, וואָס איז נישט דווקא אַזוי שטיפעריש, ווי אין לידל זינגט זיך. די געלע בלימעלעך בליען אומעטום, ווו די ליפּן פון דעם פרילינג קומען אין באַרירונג מיט דער ערד. ער, דער פרילינג, האָט ליב דעם לילאַ־קאָליר, ערשט שפּעטער באַצירט ער די וועלט מיט ווייסע דאַמאַשקע־בלימעלעך, וואָס דערמאָנען דיך אין דעם פרילינג פון דיין ליבע, ווען דו האָסט זיי געריסן און געציילט, אָנהייבנדיק פון קרויז־בלעטעלע: „קאָכאַ, ליובי, שאַנויע, ניע כצע, ניע דבאַ, זשאַרטויע".

די באַנייאונג אין איר דורותדיקן פּאַרמעסט ברענגט אונדז, ווי אומעטום, די ליבלעכקייט פון אונדזער ערד. דער רויטער ווילדער מאָן שפּרינגט דער זון אַנטקעגן און נייגט זיך מיט גראַציע קוים שעפּטשענ־דיק: „ווי שיין איז די וועלט”. זיי זענען נישט אַזוי דויערנדיק ווי זיינע שוועסטער, די כלניות, די רויטע מיניאַטור־טוליפּאַנען. די כלניות וואַקסן־אַרויס פון די ווינטערדיקע רעגנס, גלייך ביים ערשטן שטראַל פון דער פרילינג־זון, פּורים־צייט. אָבער דער ווילדער מאָן מיט זיין רויטקייט פאַרנעמט דעם אויבן־אָן צווישן אַלע פעלד־בלומען אין פרילינג.

פאַר דיר וואַקסן־אויס די יהודה־בערג בהדרגהדיק. זיי הייבן זיך אויף אַלץ העכער און העכער, וואָס נענטער צו ירושלים. זיי פאַרציען זיך אין פרימאָרגנדיקן שיין מיט אַ לילאַ־ווייסן הויך, וואָס מאַכט ווייך זיינע קאָנטורן, עס פאַרשווינדן דאָ און דאָרט זיינע שאַרפקייטן.

אָט זעסטו אַ רעשטל פון סאָסנע־וועלדל. די אויסגעבויגענע ביימער־שטאַמען ווייזן אויף זייער ווילן צום לעבן. נישט צעבראָכן געוואָרן פון דעם שמייסנדיקן ווינטער־ווינט, פון די שטורעמס און שלאַקס־רעגנס.

אַ ווייטיק פילסטו, ווען דו זעסט די פּאַלמע־זקנה אין אירע שוין לאַנג פאַרוועלקטע בלעטער, מיט וועלכע זי האָט דעם שטאַם פאַר־שטעלט, און ערגעץ פון דער הייך גרינט זיך אַ נייער שפּראָץ פון אירע בלעטער. אָבער נישט ווייט פון איר שטייט דער זקן, איר זיווג, ווייל אַ פּאַלמע וואַקסט שטענדיק אין צווייען — אַן „ער” און אַ „זי”. תמיד אַזוי — אויב אַן אכזריותדיקע האַנט האָט נישט אַרויסגעריסן דעם וואָרצל פון זיין קיום. פאַרן שטורעם איז אַ פּאַלמע אין די יאָרן פאַר־זאָרגט. איר שטאַם איז געשטאַלט אין קאַמף מיטן זאַמדיקן חמסין־ווינט און ווינטערדיקע שלאַקס־רעגנס.

קורץ איז אונדזער פרילינג, אָבער ער קליידט זיך מיט אַלע טעמים פון ווייס און רויז, מיט וועלכע ער באַמאַלט זיינע בליטן. די פלוימען־סעדער, וואָס שוועבן פאַרביי פאַר דיין בליק און זענען אַנגעטאָן אין ווייסע שלום־קליידער, ברענגען דיר אַ גרוס פון דעם קינדערישן טרוים דיינעם צו זען אַ מאָל אַ גאַנצן בליענדיקן פלוימען־בוים; און דאָ, מיטאַמאָל, זעסטו אַזוי פיל שנייאיקן ווייס, אין וועלכן ס׳זענען איינגע־

הילט די סעדער, אַז עס פירט דיך אַוועק פון דער האַרטער ווירק־לעכקייט און דו בענקסט נאָך אַ שלומדיקן פרילינג און פרידלעך לעבן פאַר די אַלע, וואָס שאַפן אין מי און אַרבעט די אוצרות פון אונדזער קליין לענדל און גרויס פאַטערלאַנד.

אָבער לאַנג קענסטו נישט טראַכטן. באַלד רייסט דיין אויג דאָס זאַפטיקע גרינס מיטן גינגאָלדיקן גלאַנץ. דו מוזט אַנטרונקען דיין אויג מיט אים, ווייל ווי נאָר די ברענענדיקע זון וועט אַ גלעט־טאָן זייערע פלאַכן, וועט זי געלשטרויאיק ווערן. אין די חמסין־פרימאָרגנס וועט דאָס גרינס חלשן נאָך אַ טויאיקן טראָפן.

איין זאַך האָט מיר געשטערט די פולע שיינקייט — דאָס זענען די בראָשן, וואָס זענען ווי אַ פּלייצע געשטאַנען הינטער די סעדער. בראָשן דערמאָנען מיר אַלע מאָל אין דער שטילקייט פון טויט, וואָס האָט נישט צוזאַמענגעשפּילט זיך מיט דעם פרימאָרגן פון בלי און לעבן.

אָבער באַלד האָט זיך מיין אויג דערקוויקט מיט די ווייַן־גערטנער. אויף נידעריקע געשטעלן פון האָלץ, אויף ווייטע שטחים, האָבן זיך רחבותדיק ווי אַ דאַך צעלייגט די וויינטרויבן־צווייגן און איינגעזאַפּט אין זיך די זוניקע כוחות פון דעם אַלוועלט, וואָס זעצט זיך אָפּ אין מיקראָ־קאָסמאָס, אפילו אין אַ טרויב.

מיר האָבן זיך גענומען דערנענטערן צו ירושלים. די בערג אַרום אונדז זענען געוואָרן העכער. אונדזער וועג אויך. אין דער הייך פון די בערג, ביי די זייטן, האָבן די בראָשן באַקומען אַן אַנדער אויסזען: זיי זענען געווען שלאַנקער, לופטיקער און פריילעכער. זיי האָבן זיך גע־צויגן אין דער הייך צום הימל, ס'האָט זיך געדוכט, אַז מען קען צו זיי דערלאַנגען — אָט, אָט, נאָר די הענט אויסצוציען.



## האַרמאָניע

אַז אַ בוים זאָל האָבן אַ פּנים און ער זאָל דיר אַרויסשווימען אין זכּרון מיט זיין גאַנצער גרויס און אייגנאַרט, פּונקט ווי אַ מענטשיש פּנים — זע איך דעם ערשטן מאָל. דער בוים לאָזט מיך נישט שלאָפן. ער שטייט פאַר מיר אין זיין גאַנצער גרויס און טיילט זיך אָפּ פון באָדן, אויף וועלכן ער וואַקסט. ער טיילט זיך אויס פון הויז, לעבן וועלכן ער איז אויסגעוואַקסן, און פון דעם גאַנצן אַרום.

אייגנטלעך איז דאָס הויז, וואָס שטייט אויפן שפּיץ באַרג „שלום" ווערט צו דערמאָנען מיט זיין אַנדערשקייט. עס איז אַן אויסדרוק פון עמעצנס קאַפּריז, פאַנטאַזיע און אייגנאַרט. דאָס איז אַ געמיש פון באַראָק און מזרחדיקייט, מיט נישעס און אַרקאַדן. כּמעט אויף אַ שטאָק אין דער הייך באַווייזן זיך קיילעכדיקע קליינע פענצטער, ווי אין אַ שיף, און איבער דעם, פון אַ צווייטן שטאָק — הויכע שמאָלע מזרח־פענצטער.

דער עיקר איז דער בוים, דער טראָפּישער נאָדל־בוים, וועמענס נאָמען איז מיר פרעמד און אומבאַקאַנט. ער וואַקסט מיט גראַציע מיט די נאָדלען אַרויף אין דער הייך, נאָר אין איין ריכטונג. די צווייגן־אָרעמס, צעצויגענע סימעטריש, אונטער אַ שאַרפן ווינקל, ציען זיך צו דער זון אין דער הייך און אין דער ברייט. וואָס נידעריקער, אַלץ ברייטער זענען די צווייגן־אָרעמס לענגער, און וואָס העכער — אַלץ קלענער. ביים סאַמע שפּיץ איז דער בוים מיט אַ קרוין פון נאָדלען פאַרענדיקט, ווו די צווייגלעך זענען אַזוי יונג, קליין און שוואַך, אַז זיי האַלטן זיך צוזאַמען מיט איין שטרעבונג — צו דער זון.

ווי אַ פאַרכּישופטע טענצערין זעט מיר אויס דער בוים. אין מיין

נאָטיץ־בוך איז נאָר אָנגעצייכנט אַ סקיצע, נאָר עטלעכע שטריכן, אָבער אין מיין זכרון שווימט דער בוים אַרויס אַ גאַנץ לעבעדיקער, אַ וואַקסנ־דיקער, נאָר אַליין, אָן די ביימער און געוויקסן, מיט וועלכע ער איז פאַרבונדן, און אָן דעם הויז, וואָס מיט זיין אַנדערשקייט טיילט עס זיך אויס פון אַלע מאָדערנע הייזער און קאָטעדזשעס אין דער סביבה.

אָבער דער עיקר איז דאָ דער בוים, וועלכער האָט אויפן שלום באַרג־שפּיץ אויסגעהאַלטן אַלע ווינטן און שטורעמס און זון־גליען און איז געבליבן האַרמאָניש, גאַנץ און אייגנאַרטיק.



# כנרת

פון שניי־ווייסן חרמון פליסט דער ירדן. ער פליסט מיט אַ שמאָלער סטעזשקע און גיסט זיך אַריין אין כנרת, וואָס נעמט אים רחבותדיק אַריין אין זיינע וואַסערן. אויף אייביק האָבן זיך פאַראייניקט אין זייער גאַנג דער כנרת און דער ירדן. ביים קיבוץ דליה רוט זיך אויס דער ירדן און פליסט אַוועק זיין אייגענעם וועג.

אַזוי טאָג־איין טאָג־אויס הייבט אָן דער ירדן אויפסניי זיין וועג.

דעם חרמון זעסטו אינגאַנצן ווען דו שטייסט ביים ברעג פון כנרת אין טבריה.

וואָס מער דו דערווייטערסט זיך פון טבריה אין דער ריכטונג פון מגדל, ווערט דער באַרגיקער ריז חרמון אין דיינע אויגן אַלץ קלענער. אַט זעסטו נישט מער ווי זיינע משופּהדיקע פלאַכן פון ביידע זייטן, אָבער ער שטייט ווי מעשה־בראשית און ביסלעכווייז פאַרשווינדט ער דיר פון דיין האָריזאָנט — ביז קומענדיק קיין מגדל זעסטו נאָר זיין גראָ־ווייסן שפּיץ, זיין אייביק־פאַרטראַכטן קאָפּ.

פון אונדזער עבר דערציילט מיר כנרת און שטילט מיין ווייטיק פון מיין אויסגעבענקט הארץ.

דיינע ברעגעס, כנרת, נעמען־אַרום פון איין זייט רחבותדיקע סטעפּעס בלומען אין פרי־פרילינג, און באַזוימטע מיט ווייכע גראָזן ביים ראַנד פון דיינע גרין־פעלדזיקע בערג. פון טבריה ביז גניסאר רוען אויף דיין רעכטער זייט ווייניק ישובים.

דו האָסט פאַרוויגט אין רו די ערשטע, וואָס האָבן אויף דיינע וואַסערן געוועבט דעם חלום פון פרייהייט אין אייגן לאַנד — די מכבייער.

## אין אונדזערע טעג

דו האָסט געלאָשן דעם דורשט אונדזערע פּשוטע זין, וואָס זענען אויס־געוואַקסן אויף דיינע ברעגעס, די גבורים פון אַרבעט פון אונדזער היינט, און אין דיינע ברעגעס באַהאַלטסטו די סודות פון דער גבורה פון דיין פאַרגאַנגענהייט.

איך קוק אויף דיר, כנרת, און איך טראַכט: ווי קאַפּריזנע דו פליסט און גלייכצייטיק ווי רואיק דו נעמסט־אַרום די געבויגענע אין האַלב־רונד דיינע ברעגעס אין אַ פאַרנאַכט־שעה פון פאַרטראַכטונג. ווי דער־הויבן ס'איז איבערצוגעבן אין פאַרב און אין וואָרט דיין גינגאָלדיקן באַגינען, דיין העל־בלויען פרימאָרגן, דיין גרין־בלויען מיטאָג און גרוי־גראַנאַטן פאַרנאַכט. דיינע פלאַכן אין די שטערנדיקע נעכט, די רחבות פון דיין שפּיגל.

צי איז מעגלעך צו באַרעכענען וויפל זאַמדן פון דיינע בערג נעמסטו מיט אין דיין גאַנג, כנרת?

ווי דראָענדיק און מסוכן דו ביסט מיט דיין אויבערפלעכלעכער רואיקייט, וואָס באַהאַלט אין די טיפן אומרו און שטורעם.

ווי מאָדנע דו ביסט, כנרת, — אין וועלכן אָרט מען זאָל נישט שטיין, נעמט מען דיך אָן פאַר אַן אַזיערע. אין יעדן אָרט ווו מען שטייט זעט מען כמעט דיך אינגאַנצן מיט דיינע וואַסער־פלאַכן. ווו מען באַוועגט זיך פאָרויס, מען רירט זיך נאָר פון אָרט, זעט מען, אַז דו פליסט נאָך ווייט.

ווי טריי און ליבלעך עס קוקט אויף דיר, כנרת, דער חרמון מיט זיין אָפּשיין, וואָס פאַלט אויף דער טיפקייט צופוסנס דיינע וואַסערן. ער פאַרשטעלט דיך פון שטורעמס און בייזע געוויטערס, ווי אַ גוטער פאָטער.

אָבער — דו ביסט קיינמאָל נישט רואיק. קיינמאָל נישט.

צי איז עס דערפאַר, וואָס דו זעסט ווי פון די ביידלעך אויף די בערג אין טבריה קוקן־אַראָפּ הונגעריקע קינדער? צי דערפאַר, וואָס דו האָסט געפילט דעם געבערי פון הייסע טרערן פון די, וועלכע האָבן אין בהלה פאַרלאָזן זייערע היימען און געלאָפן דורך זיינע פעלדזיקע וועגן אין אַן אומבאַקאַנטער צוקונפט?

### חוה סלוצקאַ־קעסטין

שטייט ער, דער חרמון, און קוקט מיט באַדויערן אויף דיר — ער שטייט אָפּגעטיילט מיט אַ גרענעץ און קען דיך, כנרת, נישט אַ גלעט־טאָן מיט זיין פריינטלעכער האַנט.

## אַנדערש

### זיתים

גערבוירן פון ים־ווינט, האָבן די זיתים דורותדיק צוגעגעבן לעבן דער וויסטע. די שטורעמס האָבן פון זיי אַראָפּגעריסן די רעשטלעך גרינס. דער ווינטער קומט דאָ אַנדערש ווי אין אַנדערע לענדער: שטאָט פּראָסטיקער ברען — שלאָקס־רעגנס, און שײַנענדיקע, ברענענדיקע חמימות.

פּאָר זייער אויסדויער זענען זיי, די ווונדערלעכע זיתים־ביימער, באַשאָנקען מיט אומצאָליקע זאַפטיקע פּרוכט.

### זון־אונטערגאַנג

אַנדערש ווי איך האָב עס געזען דאָס גאַנצע לעבן. דער רואיק־קומענדיקער בין־השמשות איז ערגעץ אַנטרונען. דו האָסט שוין דאָס געפיל פון טיפן אַרײַנפאַלן ערגעץ אין דמיון פון פאַרטראַכטונג. פּלוצלינג און אומגעריכט גייט די זון ביי אונדז אונטער.

דורכזיכטיק איז נאָך דער טאָג, וואָס נייגט זיך צום אָפּרו. די פאַרגייענדיקע זון קושט די שפּיצן פון די ביימער מיט איר שטראַלנדיקן ליכט — מיט הייסקייט פון איר האָרץ.

דער הימל הייבט־אָן צו נידערן צו דער ערד. ער נעמט זי אַרום מיט זיין אָנגעגליטן אָרעם, אָנגעזעטיקט מיט פּורפּור פון פאַרגייענדיקער זון אין איר אונטערגאַנג, און באַהעפט זיך מיט איר אין אַן אָטעמלאָזן קוש.

קורץ איז זי ביי אונדז, די רגע פון באַהעפטונג.

יעדן טאָג דאָס זעלבע. יעדן טאָג נידערט דער הימל צו דער ערד און די ערד פאַרשליסט אין זיך די זון, כדי זי זאָל אויף מאָרגן אויפשטיין אין אַ נייעם ווידערגעבורט.

ווונדערלעך קומט צו אונדז די רגע פון זון־אונטערגאַנג, וואָס ווערט שנעל מעוברת מיטן אויפגייענדיקן טאָג.

**האַרבסט**

ווי מאָדנע ביי אונדז אין לאַנד: אַ קורצער, פלאַמענדיקער פרילינג, אַ שרפהדיקער זומער, אַ גרינער האַרבסט, וואָס איז דאָ און דאָרט דורכגע־וועבט מיט גאָלדענע פעדים, וואָס ציען זיך ווייט אין ווינטער אַריין. זיי זעען דאָן אויס ווי אַ שפּאַס אין די וואַרעמע און רעגנדיקע ווינטער־טעג. דער האַרבסט גיט זיך נישט קיין סך אָפּ מיט זיך, נאָר ער פלעכט זיך אַריין אויגנבליקלעך אין גרינעם, נאַסן ווינטער.

**ווינטער**

אַ שרעקלעכער שלאַקס־רעגן. אומעט און איינזאַמקייט.

שעהן־לאַנג קענסטו קוקן דורכן פענצטער און נישט זען קיין מענטשן. דו לעכצסט נאָך די פנימער, אפילו וואָס זענען דיר נמאס געוואָרן.

עפּעס לאָזט נישט צורו. עפּעס שרעקלעך מיט דעם אורטימלעכן כוח פון מבול.

ער האָט פאַרגעסן די גאַנצע גאַס. אָט־אָט גייט ער אין שטוב אַריין. דאָס ערשטע טרעפּל איז פאַרשוווּנדן.

דער הונט אין שרעק שטייט־אויף אין זיין בודע און וואַרפט אומרויִקע בליקן אויף דער סטיכיע.

אומדערוואַרט, מיטאַמאָל שטילט זיך אַלץ איין. דאָס וואַסער פאַלט־אָפּ און עס עפנט זיך אויפן פאַרכמאַרעטן הימל אַ ליכט־שפּאַרע. דו פילסט ווי דו וואָלסט זיך באַפרייט פון עפּעס, וואָס האָט דיך די גאַנצע צייט געשטיקט ביים האַלדז.

איצט איז דאָס ביסעלע זון דיר ווייניק. עס ווילט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס דו האָסט נישט דערוואַרט — עפּעס אַן אומגעהייערע גרויסע פרייד.

# IV

# קינדער

# בן־עמי

— אמא, פאַרגעס נישט, פרעג דעם שניידער, צי האָט ער מיר שוין אויפגעניית די הויזן. אַלץ האָב איך שוין — די כאַקי־בלוזקע, וואָס דו האָסט מיר אויפגעניית, דאָס היטל, דעם פּאַסיק. דעם רעוואָלווער האָט מיר נעכטן דער זיידע געבראַכט. די צווייטע וואָך קומט פאַר דער קאָסטיומען־פּרימאַרגן אין לונאַ־פּאַרק.

— בן־עמי, דו האָסט דאָך אַליין געהערט ווי דער שניידער האָט צוגעזאָגט, אַז דאָנערשטיק וועלן זיי זיין פאַרטיק, און ערשט זונטיק איז דאָך דער פּרימאַרגן. עס וועט זיין אַ פריילעכער יום־טוב אין דעם חופש.

— יאָאָ, יאָאָ, — האָט בן־עמי אַרויסגעלאָזן אַ פרײדיקן אויסגעשריי. — כ׳וועל זיין אַ שוטר, אַ פּאָליציאַנט, ווי מיין אבא. געדענקסט, אמא, ווי מיר האָבן אים געזען שטיין דאָרט ביים כיכר? אַלע מוזן אים פאָלגן. ער גיט אַ ריר מיטן שטעקעלע, בלייבן אַלע שטיין, און אַז ער גיט אַ פייף... — ער האָט נישט געענדיקט זיין געדאַנק און אויסגעשריגן: מיין אבא איז שטאַרקער פון אַלעמען!

— אוודאי איז דיין אבא שטאַרקער פון אַלעמען! ס׳איז שפּעט, שלאָף, מיין קינד.

אַ זוניקער טאָג.

בן־אמי פאָרט מיט דער מוטער. ער זיצט ביים פענצטער פון אויטאָבוס און קוקט מיט הנאה אַרויס. ער דערזעט אין ראָג זיין פאָטער. אין דער זעלבער מינוט בלייבט דער אויטאָבוס שטיין. פון דער דער־בייאיקער גאַס זענען אַרויס אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן אַ ווייסע טויב, און בן־עמי האָט איבערגעלייענט: „שלום״. ער האָט נישט באַוויזן

איבערצולייענען די אַנדערע שילדלעך, ווי ער האָט דערזען, אַז דער אבא זיינער מיט נאָך אַ סך שוטרים האָבן גענומען שטויסן די מענטשן און צעטרייבן זיי, באַנוצנדיק זיך מיט זייערע פּאַלקעס.

— אמא — האָט מוראדיק גענומען שרייען בן־עמי — כ׳האָב מורא. דאָס זענען אַלץ גנבים, אַזוי פיל באַנדיטן!

ווען בן־עמי שפּילט זיך אין גנבים, שלאָגט ער זיי אויך.

— אַזוי פיל גנבים, אמא, קום, איך האָב מורא — האָט בן־עמי געשלעפּט די מוטער פאַר דער האַנט.

— נאַרעלע — זאָגט די מוטער צו אים — זעסט דאָך, אַז דאָרט איז דאָ דער אבא און אַזוי פיל שוטרים.

דאָ האָט בן־עמי פּלוצלינג דערזען זכריהן, דעם מעכאַניקער, וואָס וווינט נישט ווייט פון זיי.

לעבן זיי אין אויטאָבוס איז געשטאַנען אַן עלטערער מענטש, וואָס האָט זיך איינגעהערט צו זייערע רייד און האָט זיך אַריינגעמישט:

— דאָס זענען נישט קיין גנבים. דאָס זענען אַרבעטער. זיי ווילן, אַז אַלע קינדער זאָלן האָבן עסן און ווו זיך צו שפּילן, און דער עיקר עס זאָל זיין שלום.

— יאָ, יאָ, — האָט בן־עמי אייפעריק אויסגערופן — איך האָב געזען אַזאַ שילדל, וואָס זיי האָבן געטראָגן מיט אַ טויב.

בן־עמי האָט מיט אַ פראַגע אין זיינע גרויסע ברוינע אויגן גע־קוקט אויף זיין מוטער און געוואַרט. קיין ענטפער האָט ער נישט באַ־קומען און גענומען ציען די מוטער — הביתה, הביתה!

— בן־עמי, מיר פאָרן דאָך צום שניידער.

— הביתה — האָט אָנגעהויבן וויינען בן־עמי — הביתה.

— נו, קום, מיין קינד. כ׳וועל קלינגען צום אבא ער זאָל אָפּנעמען די הויזן פון שניידער.

*

דעם אָוונט האָט בן־עמי גאָרנישט געגעסן און קעגן זיי טבע גע־גאַנגען אַן געשרייען שלאָפן און איינגעדעקט זיך ביז איבערן קאָפּ.

## אין אונדזערע טעג

די מוטער האָט אים עטלעכע מאָל געטאַפּט דעם שטערן. קיין היץ האָט ער נישט געהאַט.

— דו זעסט, יואל, געדאַרפט פּונקט היינט אָנטרעפן „זיי" אין גאַס — האָט זי מיט ביטול און כעס געוואָנדן זיך צו איר מאַן. — זיי האָבן מיר איבערגעשראָקן דאָס קינד.

— באַרואיק זיך, מזל. ער וועט זיך דורכשלאָפן, וועט אַלץ זיין בסדר.

*

ווען בן־עמי האָט געעפנט די אויגן, האָט ער דערזען אויפן שטול די לאַנגע כאַקי־הויזן, וואָס מען האָט אויפגענייט פאַר אים צום קאָסטיומען־פּרימאָרגן אין לונאַ־פּאַרק. ער האָט גיך אָפּגעקערט דעם קאָפּ צו דער וואַנט.

מזל איז אַריין אין צימער און זעענדיק, אַז בן־עמי שלאָפט נישט, האָט זי זיך געזעצט אויפן בעט און מיט אומרו געזאָגט:

— בן־עמילע, דו זעסט, אַז דער אבא האָט דיר געבראַכט די הויזן פון שניידער? גיב אַ קוק סאַראַ שיינע.

בן־עמי האָט נישט געענטפערט.

— בן־עמי, מיין קינד, וואָס איז מיט דיר? ווי פילסטו זיך?

— גוט, אמא, — האָט בן־עמי געענטפערט דער מוטער, אַריינקוקנ־דיק איר גלייך אין די אויגן מיט זיין שטענדיקן אָפענעם בליק.

— און דו פרייסט זיך נישט? וועסט דאָך זיין אַן אמתער שוטר. אַלע קינדער וועלן דיך באַוווּנדערן און וועלן דיך מקנא זיין. זע, דער אבא האָט דיר געבראַכט אַן אמתע פּאַלקע, ווי אַלע שוטרים האָבן.

בן־עמי שווייגט ווידער.

— דו פרייסט זיך נישט? האָסט דאָך אַזוי געוואָלט זיין אַ שוטר. שוין צוויי יאָר, אַז דו מאַטערסט מיך, אַז מען זאָל דיר מאַכן אַן אמתן קאָסטיום פון אַ פּאָליציאַנט. כ'האָב געטאָן אַלץ, כדי זאָלסט זיין צופרידן. געדענקסט ווי דו האָסט זיך געגרויסט און גערימט פאַר אַלע קינדער, אַז דיין אבא איז אַ שוטר?

### חוה סלוצקא־קעסטין

בן־עמי שווייגט און קוקט אויף דער מוטער מיט זיינע גרויסע ברוינע אויגן, וואָס זענען פאַרלאָפן מיט אַ פייכטקייט און האָבן פאַרלאָרן זייער פריילעכן גלאַנץ.

— בן־עמי, דו ווילסט נישט זיין קיין שוטר?

— ניין, אמא, כ׳וויל נישט! כ׳וועל קיינמאָל נישט זיין קיין שוטר. כ׳האָב געמיינט, אַז אַ שוטר כאַפּט נאָר גנבים און באַנדיטן. עס איז נישט אַזוי — איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און אַראָפּגעלאָזן זיין בליק. — זכריה דער מעכאַניק האָט דאָך נישט געגנבעט. פאַרוואָס האָט מען אים געשלאָגן?

בן־עמי האָט קיין ענטפער נישט באַקומען, און דער אומרו האָט געוועקט אין אים די ערשטע שפּראָצן פון זעלבשטענדיקן דענקען, וואָס האָט פאַרזייט די קערנער פון מענטשן־ליבע.

1962

## ווי אין יענע גאַסן

די זון איז שוין אַריבער איר הויכפּונקט און גענומען זיך קייקלען צו דעם צווייטן טייל פון האָריזאָנט. זי האָט אין די צעשטורעמטע ים־כוואַליעס געשפּילט זיך מיט איר גאָלדיק־רויטן חן.

ווער גייט דאָס אָנזעטיקן זיך מיט דער שיינקייט פון דער זון, מיט איר פולקייט, און איינזאַפּן אין זיך דעם כישוף־געוועב פון איר אַנטרינען? — נאָר יחידי־סגולה: אַ פאַרבענקט יונג מיידל, אָדער אַ צעוויייטיקטער פּאָעט.

די קינדער, וואָס וווינען דאָ נישט ווייט פון ים, זוכן נישט קיין וואַסער און אין אים די פאַרבייגייענדיקע זון — זיי זוכן יבשה.

זיי זוכן פאַר זיך אַן אָרט צו שפּילן. די פאַרנעקייט און די ענגשאַפט פון זייערע נעסטן טרייבן זיי אַרויס אין דרויסן אין די הייסע חמסין־טעג, ווי היימלאָזע פייגל. זיי זוכן אויסצופילן מיט עפּעס זייערע חופש־טעג.

די קינדער, ווי קליינע ראָבינזאָן קרוזאָס, זוכן פאַר זיך אַ שטח מיט גרינס, אָדער מיט אַ שאָטן־בוים. אָבער דאָס איז דאָ, נישט ווייט פון די ברעגעס, נישט בנמצא. בלויז די חורבות צווישן די הייזלעך, ווי אַן אײ־בערבלייבעניש פון דעם, אַז מען האָט דאָ אַמאָל געקעמפט פאַר פרייהייט, זענען אָפן פאַר זיי. בירושה פון די גבורים גייען איבער די חורבות, ווי דער פּלאַץ פאַר קינדערישע שפּילן אין די חמימהדיקע טעג.

די קינדערישע פאַנטאַזיע האָט אויסגעפּוצט די חורבה, אין וועלכער עס באַלעבאַטעווען מרים און זכריה, מיט פאַרשידענע מינים כלים און שטיקלעך מעבל, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפן באַרג מיסט, וואָס

וואַקסט פון פּסח צו פּסח, ווען מען באַגייט אפילו דעם בלעכענעם טעלער און צינענעם לעפל. די חורבה האָבן די קינדער אויסגעשטאַט מיט „כל טוב".

די שפּיל איז היינט צעשטערט שוין ביים סאַמע אָנהייב. עס הערן זיך געוויינען און אַ ראַשיק אַמפּערן זיך.

מזל חזרט איבער עקשנותדיק:

— כ'וויל נישט זיין קיין „עוזרת"! (אַ געהילף, אַ דינסט).

— פאַרוואָס ווילסטו נישט? — האָט איר גענומען איינרעדן מרים, — וועסט פאַרדינען געלט.

— כ'וויל נישט! אַז די מאַמע קומט פון דער אַרבעט, וויינט זי. זי דערציילט דעם טאַטן ווי שווער זי אַרבעט, און די „גברת" זאָגט, אַז זי טוט נאָך אַלץ ווייניק. כ'וויל נישט קיין געלט — האָט מזל ווייטער געהאַלטן זיך ביי אירס. — כ'וויל זיין אַ „גברת" און דו וועסט היינט זיין אַן „עוזרת".

— אָבער אַ „גברת" פאַרדינט דאָך נישט קיין געלט.

— אָבער זי טוט גאָרנישט, נאָר איר מאַן גיט איר געלט. די מאַמע דערציילט, אַז דער „אדון" האָט אַזאַ גרויסע פאַבריק, אַז מען קען דאָרט אַריינפאָרן מיט אַ טעקסי.

— גיי שוין, גיי — האָבן אַלע קינדער אָנגעהויבן לאַכן. — ווי אַזוי קען מען אינעווייניק אַריינפאָרן אין אַ צימער מיט אַ טעקסי?

מרים האָט אַלץ נישט געוואָלט מוותר זיין. זי האָט דווקא היינט געוואָלט זיין די „גברת", ווייל די „גברת" האָט געקענט זיך באַנוצן בשעתן שפּילן מיטן אַלטן רעדיקל, וואָס זיי האָבן געפונען אויפן באַרג מיסט.

— מזל, דו וועסט טראָגן מיין מאַמעס פאַרטעך, וואָס כ'האָב געבראַכט. וועסט זיין אַן אמתע „עוזרת".

— און איך וועל דיר געבן מיין טיכעלע אָנצוטאָן אויפן קאָפּ — האָט זיך אַריינגעמישט עטי.

— דו שווייג. דו ביסט דאָך אַ תינוק (אַ זויג־קינד), און אַ תינוק דאַרף שלאָפן — האָט איר איבערגעריסן די רייד מרים. זי איז צו איר

צו און זי זאַרגעוודיק צוגעדעקט מיט עפּעס אַ שטיקל צייג, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פאַרהאַנג.

דאָ זענען אַריין יוסי און זכריה. זיי האָבן געשלעפּט שטיינדלעך אין אַן עמער אָן אַ הענטל.

און איצט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פונאַנדערטיילן די ראָלן צווישן די צוויי יינגלעך.

— איך וועל זיין דער טאַטע. כ׳וועל האָבן אַ קרעמל פון גרינס — האָט זיך געוואָנדן צו די קינדער זכריה, נישט זוכנדיק די פאַרבינדונג מיט דעם, וואָס עס איז איצט פאָרגעקומען צווישן די מיידלעך, כאָטש זיי האָבן באַשלאָסן צו שפּילן זיך צוזאַמען און „וווינען אין איין הויז״.

— דו, יוסי, וועסט זיין מיין אייזעלע — האָט זכריה מיט אַ פעסטקייט אין קול געזאָגט.

— אַן אייזעלע האָט דאָך נישט קיין כוח צו פירן קיין סך גרינס — האָט זיך געוועירט יוסי.

— וועסטו זיין אַן אייזל — האָט אים באַרואיקט זכריה.

— דו וועסט מיך טרייבן און שלאָגן מיטן שטעקן, ווי מיין זיידע טרייבט זיין אייזל ?

— שטויות. כ׳וועל פאַרדינען אַ סך געלט, וועל איך דיר געבן גוט צו עסן.

— כ׳וועל רויכערן אַ ליולקע און טרינקען אַראַק, ווי מיין זיידע — האָט ווייטער זכריה געמאָלן פאַר די קינדער זיין ראָל.

אלי, וואָס האָט געזען, אַז דערווייל פאַלט ער אַרויס פון שפּיל און אַז אַלע וויכטיקע ראָלן זענען שוין פונאַנדערגעטיילט, האָט זיך אָפּגע־רופן :

— די בעסטע זאַך וואָלט געווען, ווען מיר שפּילן זיך אין קינדער.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט : — מיר זענען דאָך קינדער.

— ניין — האָט געזאָגט אלי — אין קינדער פון „יענע גאַסן״, וווּ אין גאָרטן שפּריצט שטענדיק וואַסער אין דער הייך, אַ פאָנטאַן אַזאַ, שפּריצט און שפּריצט און קיינער זאָגט נישט „גיס נישט אַזוי פיל וואַסער, עס קאָסט טייער״. ביי די הייזער און אין די הויפן זענען דאָרט

דאָ גערטנדלעך. אין דער מיטן איז דער הויף אויסגעגאָסן מיט אַספּאַלט. אוי איז זיך דאָרט גוט צו שפּילן אין פּילקע! — האָט ער אויסגעשריגן מיט שמחה, פּונקט ווי ער וואָלט שוין אַמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון אַזאַ שפּיל. דאָרט האָט יעדעס קינד אַ ראָוער — האָט ער מיט אימפּעט דער־ציילט ווייטער.

— גיי שויך, גיי, יעדעס קינד האָט אַ ראָווער? — האָט אים מיט אומגלויבן איבערגעשלאָגן יוסי. — נישט אמת.

— אַלע — האָט אלי אַ באַליידיקטער געענטפערט — יאָ, אַלע, ווער עס וויל.

— און עסן קענען זיי אויך וויפל זיי ווילן און וואָס זיי ווילן — האָט מרים זיך געווענדעט צו אלי, וואָס איז אין איין מינוט אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון די קינדער צו אַ מומחה — מחמת דער פאָטער האָט אים עטלעכע מאָל מיטגענומען ווען ער האָט אָפּגעטראָגן די פאַרריכטע שיך פאַר דער „גברת", וואָס האָט אַמאָל געוווינט דאָ נישט ווייט און היינט וווינט זי אין „יענע גאָסן".

— וויפל זיי ווילן? — האָבן פאַרוווּנדערטע כמעט אין איין קול געפרעגט די קינדער.

— וויפל זיי ווילן — האָט אלי נאָך אַמאָל באַשטעטיקט.

— עפּל אויך?

— אויך.

— כ'וואָלט אויפגעגעסן אַ קילאָ אויף איין מאָל — האָט זכריה מיט אַ שורה העלפאַנט־ביינערנע ציין זיך צעלאַכט.

— גיי שוין, גיי — האָט זיך מזל אַריינגעמישט. — אין אַ קילאָ איז דאָ אַ סך עפּל.

— אַ סך זאָגסטו — האָט זכריה, דער עלטסטער צווישן די קינדער געגומען דערציילן. — טאָ הערט. אַמאָל האָט די לערערקע געפרעגט: „זאָגט מיר, קינדער, וויפל עפּל איז דאָ אין אַ קילאָ?" האָט זיך שלומי אויפגעהויבן פון אָרט...

— שלומי גרבו — האָט זיך מעשה ווייסערקע אַריינגעמישט מרים.

— נייך, נישט גרבו, נאָר שלומי רורזי.

## אין אונדזערע טעג

— לערערקע, וועלכע גרויס זענען די עפּל? מיין טאַטע פאַרקויפט טאַקע עפּל אין מאַרק. אויב דאָס זענען עפּעלעך קליינע, פאַר אַ פונט אַ קילאָ, איז אַ סך, נאָר אויב דאָס זענען עפּל פאַר 3 פונט אַ קילאָ,

אָדער מערער, איז אפשר דאָ 4 אָדער 5 עפּל. גענוי ווייס איך נישט, ווייל מיט אַזעלכע טייערע עפּל האַנדלט נישט מיין טאַטע.

*

פון שפּילן זיך אין קינדער פון „יענע גאַסן" איז שוין קיין רייד נישט געווען, ווייל די זון האָט זיך שוין געגרייט צו רו, כדי אויף מאָרגן מיט איר גאָלדענער שיין צו דערפרייען די וועלט.

# שולה

שולה האָט גאָרנישט קעגן דעם, אַז די קינדער פון הויף זאָלן שטיין און זיך צוקוקן וואָס פאַר אַ בלויע תריסים מען פאַסט אַריין צו זייער מרפסת.

אדרבא, זאָלן אַלע זעען און וויסן, אַז דאָס זענען תריסים פאַר איר געלט.

שולה געדענקט נאָך גוט ווי מען פלעגט איר נאָכשרייען און אי־בעררופן: שולה־פיזולה (שיקלדיקע) און פלעגן איר נאָכשרייען דאָס לידל, וואָס זיי האָבן אַליין צוגעטראַכט:

„שולמית, שולמית, תגידי לי, איפה שולה־פיזולה? תגידי לי!"

עס האָט אין איר געקאָכט דער כעס, אָבער עס האָט גאָרנישט גע־האָלפן.

דאָס איז אַלץ געווען. היינט שיקלט זי נישט. היינט, נאָך דער אָפּע־ראַציע, קוקט זי ווי אַלע קינדער. זי טראָגט נאָר שטענדיק ברילן, מער גאָרנישט.

היינט איז זי גליקלעך. בלויע תריסים פאַר איר אָנגעזאַמלט געלט פון דער אַרבעט. אמת, עס האָט געדויערט אַריבער אַ יאָר איידער זי האָט עס אָנגעזאַמלט.

זי אַרבעט נישט שווער אין דער גרויסער קאָנפעקציע־פאַבריק. די מאַשין נייט כמעט אַליין. זי נייט צו קנעפּלעך און בענדלעך צו פאַרשידענע בגדים.

די מאַמע פרייט זיך — שולה פאַרדינט. אָבער די באָבע קרעכצט: וואָס פאַר אַן אַרבעט פאַר אַ מיידל איז דאָס?

שולה פֿאַרשטייט נישט פֿאַרוואָס איז די באָבע נישט צופֿרידן. זי איז אַזוי גליקלעך. וואָס אַלע קינדער באַוווּנדערן די בלויע תּריסים, אַז זי האָט אַרויסגעבראַכט פֿאַר זיי אַ בייטעלע צוקערקעס.

— נעמט, שעמט זיך נישט! האָט זי גאַסטפֿריינטלעך געזאָגט צו די קינדער.

די ערשטע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אירע שוועסטערלעך און ברידערלעך.

— פּונקט ווי איר וואָלט שוין יאָרן נישט געגעסן! — שרייט שולה.

— לאָזט צוערשט אַנדערע נעמען.

— זיי זענען ווילד אַזוי — טראַכט שולה. וואָס איז דער וווּנדער, זיי האָדעווען זיך כּמעט אָן אַ טאַטן.

שולה פֿאַרשטייט, אַז דער טאַטע באַעוולהט די מאַמע. דאָס איז היינט. אַמאָל פֿלעגט זי מיט אומגעדולד וואַרטן אויף אים. יעדעס מאָל נאָך זיין קומען פֿלעגט ער ווידער גיך אַנטרונען ווערן. און קיינמאָל האָט מען נישט געוווּסט ווען ער וועט קומען.

„ווי אַ שלעכטער זייגער, וואָס לויפֿט" — האָבן זיך איינמאָל מיט אַ זיפֿץ אַרויסגעריסן פֿון דער באָבעס ברוסט די ברוגזע ווערטער, „קענסט אויף אים קיינמאָל נישט אויסרעכענען, ער וועט דיך אַלע מאָל פֿאַרפֿירן".

מערסטנטייל פֿלעגט ער זיך אַמאָל באַווייזן אויף יום־טוב, און דערנאָך — אין אַ יאָר אַרום.

מיט זיין באַווייזן זיך האָט ער אַלע מאָל אַריינגעבראַכט אַזאַ צערו־דערונג אין שטוב, אַז מען האָט נישט געוווּסט וואָס פֿריער און וואָס שפּעטער צו טאָן. אַלע זענען געוואָרן מבֿולבּל, אַלע, אַלע, אפֿילו די באָבע.

נאָך יום־טוב, נאָכן טאַטנס באַזוך איז ווידער שטיל געוואָרן אין שטוב. דער דלות פֿלעגט גרעסער ווערן, און דער מאַמעס בויך איז געוואַקסן.

„אַ גרויסע חכמה האָט ער באַוויזן, דער בעל־דבר — געקומען און

פאַרשוווּנדן, און נאָך אַ פּיקער האָט זיך באַוויזן" — פלעגט בייזלעך זאָגן די באָבע.

ווען נישט די מומע רוכע, וואָלט שולה אפשר נישט געענדיקט אפילו די שול. היינט לעבט שוין נישט די מומע רוכע, פעלט זי טאַקע שולהן.

היינט אָבער, אַז דער טאַטע פאַלט אַריין איין מאָל אין יאָר, פרייט זיך נישט שולה.

— עס איז שוין באַלד נישטאָ וווּ אויסצובעטן — טראַכט זי מיט שרעק. אָטאָ איצט, ביי די פאַרמאַכטע תריסים, וועלן זיכער צוויי זיך קענען אפילו ווינטער אויסבעטן אויף דער מרפסת. — אַבי עס זאָל נישט קומען מער.

שולה פאַרשטייט שוין דעם וויץ, וואָס די שכנה לאה האָט געזאָגט צו דער מאַמען:

— מרים, דייך מוטער־טראַכט איז פרוכטבאַר, פונקט ווי דו וואָלסט געבוירן געוואָרן אין תימן.

— וואָס מיינסטו, אַז אונדזער ישׂראלדיקע ערד איז אַ שוואַכערע סגולה צו קינדער־האָבן? — האָט די מאַמע נישט געלאָזט די שכנה אַריינרוקן די נאָז אין אירע געשעפטן.

שולה טראַכט כסדר וועגן דעם. שושנה פון אַנטקעגנאיבער האָט נעכטן געזאָגט:

— צו יעדן שלימזל דאַרף מען האָבן מזל. מיין שוועסטער מזל איז שוין דריי יאָר מיטן קליינוואַרג און טליקעט זיך אין לשכת הסעד — און ער לעבט זיך דאָרט אין ירושלים ווי אַן עפענדי, און גיט נישט קיין גט, כאָטש נעם און זעץ אים אַריין אין תפיסה. אייערער שיקט אייך כאָטש יעדן חודש פאַר די קינדער.

— וויפל איז דאָס, משטיינס געזאָגט? אָבער דאָך — האָט די מאַמע מיט אַ שמייכל געענטפערט — הערט, שושנה, דאָס איז אַ טראָפּן פּעטס אין אַ גרויסן טאָפּ עסן.

די מאַמע אַרבעט אויך אויסער דער שטוב דריי מאָל אַ וואָך. זי

וואַשט וועש. ס׳איז איר נישט גרינג, כאָטש עס פעלט נישט אין שטוב פּאַר וועמען צו וואַשן.

די גאַנצע צייט שטייט שולה און קוקט זיך איין ווי מען שטעלט אַריין די תריסים, און פאַרשידענע זאַכן קריכן איר אין קאָפּ אַריין.

די בלויע תריסים זענען שוין אַריינגעשטעלט און שולה פרייט זיך, וואָס אין צימער וועט אַ ביסל זיין געררומער צו שלאָפן. צוויי וועלן שלאָפן אויף דער מרפסת — זי און אסתר וועלן שלאָפן ביי האַלב־אָפענע בלויע תריסים. בלויע תריסים, ווי דער הימל.

# נ ו ר י ת

די הייזלעך האָבן שוין פאַרגעסן ווען מען האָט זיי דאָ צעוואָרפן אין די קרומע רייען, ווו זיי שטייען ביזן היינטיקן טאָג. זיי שטייען דאָ ווי אַרויסגעריסענע פון אַן אַנדער צייט. זיי שטייען צוגעטוליעט צו זיך, אָנגעשפּאַרט איינע אין די אַנדערע, ווי איינהערנדיק זיך וואָס עס טוט זיך ביים צווייטן. זיי ווונדערן זיך אויף די גרויסע בנינים, וואָס זענען אַנטשטאַנען אַרום זיי און פאַרשטעלן זיי דעם האָריזאָנט, דעם אויסבליק אויף דער פאַרגייענדיקער זון און פאַרצוימט פאַר זיי די ווייטע בלויע הימלען. פאַרשוווּנדן זענען די אַלטע זיתים־ביימער, די פּאַלמעס פון דער צווייטער זייט האָריזאָנט און פון דער באַנאַנען־אַלייע איז קיין זכר נישט געבליבן.

אַרום די הייזלעך זענען אויסגעוואַקסן הייזער, שאָסייען. די עלעק־טריע האָט פאַרצוימט פאַר די שאַקאַלן דעם וועג אין שטאָט אַריין אויף אַ מרחק פון די הייזלעך.

קוים מיטן אויג צו פאַרנעמען איז אַנטשטאַנען די שטאָט. די שטאָט אַרום די הייזלעך איז געוואַקסן און זיי זענען געשטאַנען. עס האָבן זיך אין די הייזלעך געביטן אירע איינוווינער. מענטשן זענען געקומען, געבוירן קינדער, די קינדער זענען געוואַקסן און אַוועק פון דאַנען.

כמעט יעדעס הייזל האָט זיך באַצירט מיט אַ ראַכיטיש גערטנדל פון אומבאַשטימטע פלאַנצן און געוויקסן און פעלד־בלימעלעך, אָבער איבער אַלע האָט געקיניגט די ציגל־רויטע פעלאַרגאָניע.

*

אין איינעם אַזאַ הייזל, וואָס האָט מיט אַ זייט אַרויסגעקוקט צום

הויפּט־כביש, האָט געוואוינט די קליינע נורית. מיט דער שווערקייט פון איר גאַנצן קינדערישן גופל האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אין דעם דראָט־פּאַרקאַן, וואָס האָט ווי אַ נעץ זי אָפּגעטיילט פונעם אַרום. דער גרויסער ווילד־צעוואַקסענער בוים, וואָס איז קיינמאָל נישט געפּלעגט געוואָרן דורך קיינעם, האָט מיט זיין ריזן־שירעם פאַרשטעלט דעם צוטריט פון דער מאָרגנדיקער זון צום הייזל.

אַ שאָד — טראַכט די קליינע נורית — וואָס אונדזער שטוב שטייט נישט נענטער צום גאַראַזש. וואָס פאַר אַ שיינע אויטאָס קומען דאָרט.

נורית וואָלט געקאָנט זיי זען בעסער. אפילו ווען די מאַמע קומט פון דער אַרבעט, דערלויבט זי איר אויך נישט צוצוגיין נענטער צום גאַראַזש.

אַז די מאַמע קומט, עפנט זי דאָס שלעסל פון דער פורטקע און נורית לויפט וויפל זי וויל און ווּו זי וויל — נאָר נישט צום גאַראַזש.

נישט אַלע טאָג גייט די מאַמע צו דער אַרבעט. נורית פרייט זיך דאַן, וואָס די מאַמע בלייבט אין שטוב. אָבער די מאַמע וויינט און נישט שטענדיק האָט זי חשק זיך צו שפּילן מיט איר. די מאַמע זאָגט:

— אַז עס איז נישטאָ קיין אַרבעט, וועל איך נישט קענען קויפן קיין זעמעלעך פאַר נוריתן.

און נורית זאָגט:

— מאַמע, כ׳וועל עסן ברויט. — און די מאַמע וויינט.

ווען נורית פרעגט:

— מאַמע, פאַרוואָס האָסטו נישט קיין אַרבעט? — ענטפערט זי איר:

— אַז דו וועסט אונטערוואַקסן, וועסטו פאַרשטיין.

נורית פאַרשטייט איצט אויך, אַז עס איז גוט צו וווינען אין די גרויסע הייזער, באַלויכטענע מיט אַזעלכע בלישטשענדיקע לאָמפּן. נורית גייט דאָרט אַמאָל מיט דער מאַמען שפּאַצירן אין די אָוונטן. אַזעלכע פעסטע ווענט ביי די הייזער, אַז דער רעגן קען זיך דורך זיי נישט אַדורכרייסן. ניין, קיינמאָל נישט. און דער דאַך!

דער דאַך איז אַזוי גלאַטיק, ווי דער כביש ביי זיי פון דער צווייטער זייט פון זייער שטוב. נורית איז איין מאָל געווען אויף אַזאַ דאַך,

ווען די מאַמע האָט דאָרט געוואַשן וועש ביי אַנען. אַנעס מאַמע וואַשט נישט. ווי פריילעך עס איז געווען צו שפּילן זיך אויפן דאַך. אַנאַ און נורית האָבן זיך אַזויפיל אָנגעשפּילט און אָנגעלאָפן, אַז נורית איז מיד געוואָרן און האָט זיך געזעצט לעבן דער מאַמען, וואָס האָט אַלץ געוואַשן. נורית האָט זייער ליב צו לויפן.

זי קוקט אויף די געלע בלימעלעך אין שכנישן גערטנדל און טראַכט: אַ שאָד וואָס די בלימעלעך קענען נישט לויפן.

די בלימעלעך מוזן שטיין אויף איין אָרט. נורית וויל נישט זיין קיין בלימל און די מאַמע קושט זי און זאָגט:

— מיין בלימעלע, נורית וויל נישט זיין קיין בלימל, ניין.

נורית וועט זיכער גיין אין שול, ווען זי וועט גרעסער ווערן, און קענען אַ גאַנצן טאָג לויפן ווו זי וויל.

— מיין פייגעלע — זאָגט די מאַמע. — נורית מיינע...

ניין, זי איז נישט קיין פייגעלע. ווען זי וואָלט געווען אַ פייגעלע וואָלט זי מיטגעפלויגן מיט דער מאַמע, אַוועקגעשטעלט זיך אויפן פענצ־טער־ברעט און געוואַרט ביז זי וואָלט געענדיקט די אַרבעט.

— אָ, אַ קעצל! קום, קעצעלע. עס וויינט. עס זוכט זיין מאַמען. עס האָט נישט קיין מאַמען? ווען נוריתס מאַמע קומט פון דער אַרבעט איז פריילעך.

דאָס קעצל זוכט זיין מאַמען. עס וויל עסן.

פאַר נוריתן לאָזט די מאַמע עסן אויפן טיש, און נורית קאָן זיך אַליין נעמען דאָס עסן. דאָס אָרעמע קעצל לויפט אַרום אַ הונגעריקס.

אַווו איז זיין טאַטע?

נורית ווייסט אויך נישט אַווו עס איז איר טאַטע. נורית געדענקט, אַז אַ סך טאַטעס זענען דאַן אַוועק, לאהס, אברהמס, לוסיקס און נאָך אַ סך טאַטעס. אַלע זענען געקומען, נאָר נוריתס טאַטע איז נישט געקומען. נורית געדענקט, ווען ער איז איינמאָל געקומען, האָט ער געטראָגן אַזאַ שיינעם בערעט מיט אַ בלעכל. נורית האָט געוואָלט, אַז אַלע קינדער זאָלן זען וואָס פאַר אַ שיינער חייל איז איר טאַטע געווען. ווען די מאַמע

איז נישטאָ, ציט נורית אַרויס פון קאַסטן דעם טאַטנס גרינעם בערעט און שפּילט זיך מיט אים. אַוווּ איז איצט דער טאַטע ?

די מאַמע זאָגט, אַז דער טאַטע איז ווייט, ווייט, ביי גאָט, און פון דאָרט וועט ער שוין נישט צוריקקומען. נורית וויל וויסן, ווי עס איז דאָרטן ביי גאָט. נייך, זי וויל נישט זיין ביי גאָט, ווייל זי וועט נישט קענען צוריקקומען צו דער מאַמען. נורית האָט מורא צו זיין אַליין אָן דער מאַמען.

אַזוי איז די קליינע נורית געשטאַנען צוגעטוליעט צום דראָטענעם נעצן־פּאַרקאַן און געטראַכט, וואַרטנדיק אויף דעם צוריקקער פון איר מוטער.

די מיטאָג־זון האָט זיך דורכגעריסן דורך דער געדיכטעניש פון צעצווייגטן בוים און באַשאָנקען דאָס בלאַסע פּנים פון קינד מיט שפּרינ־גענדיקע גינגאָלדענע שטראַלן.

נורית האָט אָנגעשטעלט דאָס פּנים און געוואָלט אָנכאַפּן פולע הויפנס מיט שפּילעוודיקע שטראַלן. נורית האָט געשמייכלט. זי האָט געוווסט, אַז ווען די זון דערגייט צו איר פון הינטער יענער גאַס — וועט די מאַמע קומען.

# מ י ר ע ל ע

ווען דו קוקסט אויף איר, קענסטו איר נישט געבן אירע צען יאָר. דאָס איז אַ קליין מאָגער מיידעלע מיט אַ טונקל־הויטיק פּנימל, וואָס דריקט אויס גיכער שרעק, אומרו, פאַרווונדערונג, ווי דעם אייפער צו וויסן און די דורשט צו דערקענטעניש פון דער וועלט און בעיקר דעם מענטש.

ווען דו וואַרפסט אויף איר דעם ערשטן בליק ביסטו זיכער, אַז איר וויגל איז אין באַגדאַד געשטאַנען — און אויב זי האָט די ליכטיקע שיין פון איר לעבן דעם ערשטן מאָל אויף אונדזער ערד דערזען, ביסטו זיכער, אַז לכל הפּחות האָט איר טאַטע אָדער מאַמע ביי די וואַסערן פון פּרת זיך געשפּילט.

— איך בעט אַ בוך — ווענדעט זי זיך צום ביבליאָטעקאַר. איך בין אַליין אין שטוב, כ׳האָב נישט וואָס צו טאָן. כ׳וויל לייענען.

מירעלע פילט זיך דאָ היימיש און מען זעט, אַז מיט אַזעלכע ביטעס קומט זי דאָ נישט דאָס ערשטע מאָל.

דער ביבליאָטעקאַר שמייכלט איר ליבלעך אַנטקעגן:

— האָסט דאָך נישט לאַנג באַקומען אַ ביכל.

— ס׳ביכל — פאַלט זי אים אַריין אין די רייד — האָב איך נעכטן געענדיקט און געגעבן איטען. איר קענט דאָך זי, מיין חברטע. זאָל זי אויך דאָס איבערלייענען.

— איצט וויל איך — זאָגט מירעלע מיט איין אָטעם, ווי מורא האָבנדיק, אַז עס זאָל איר עמעצער נישט אַריינפאַלן אין די רייד — דאָס „טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק".

— מיין קינד, דאָס איז דאָך נישט פאַר דיר, וועסט אים נישט פאַר־שטיין האָט געענטפערט דער ביבליאָטעקאַר.

— אויב דו וועסט זיך אויסלערנען לייענען יידיש, און ביז דאַן וועסטו עלטער ווערן, וועל איך דיר געבן אַ מתנה „אַנאַ פראַנק" אין יידיש. — האָב איך זיך אַריינגעמישט אין שמועס.

— כ׳קען שוין יידיש — האָט זיך דערהערט איר דייטלעכער ענט־פער, און זי האָט מיט אַ נצחון געקוקט אויף מיר.

איך האָב שוין גאָרנישט געפרעגט, זעענדיק, אַז איך בין דורכגע־פאַלן מיט מיין דיאַגנאָזע, נאָר איך האָב אָנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר אויגן פול מיט פאַרוווּנדערונג.

די קליינע האָט מיין פראַגע, מיט איר טיפער אינטעליגענץ אַראָפּ־געלייענט פון מיין בליק און האָט מיר געענטפערט:

— דאָס קען איך פון שטוב. מיינע עלטערן זענען געקומען פון טשעכיע, — ענטפערט זי מיר.

— דו האָסט חשק צו לערנען יידיש?

— פאַרוואָס נישט? איך קען אַ סך שפּראַכן: העברעאיש, טשעכיש און רוסיש. יידיש לערן איך, מיין מאַמע לערנט מיך.

מיט כוח האָב איך זיך איינגעהאַלטן, כדי נישט אַ קוש טאָן דעם טייערן קאָפּ פון דעם אוצר. אַזאַ זעלטענע דערשיינונג אין די היינטיקע צייטן. אַן אמתע פּערל, מירעלע.

גיי ווייס, ווו עס זענען באַהאַלטן די למד־וואָווניקעס, וואָס ציען דעם גאָלדענעם פאָדעם, דעם המשך פון מענדעלען, שלום־עליכמען און פּרצן.

# ד ל י ה

דליה האָט ליב צו הערן ווי די מומע זהבה דערציילט וועגן איר, דליהס, געבורט און וועגן געבורט פון אַנדערע קינדער:

די שטוב איז געווען אַן אויסגעפּוצטע, ווי צו אַ יום־טוב. די באַלאַטן אַזוי ווייס, אַז עס איז געווען אַ שאָד צו טרעטן אויף זיי. אין די שויבן האָט מען זיך געקענט שפּיגלען. אַ גאַנצן חודש האָט מען נישט אויפגעהערט צו טראַכטן און צו רעדן וועגן אַ נאָמען פאַרן קינד.

— אין חודש אײדער דו ביסט געבוירן געוואָרן, — דערציילט די מומע זהבה, — האָט דײַן טאַטע יעקב געזאָגט: מיר האָבן געטראַכט און געטראַכט און אויסגעטראַכט — וועט דאָס זײַן אַ מיידל, זאָל זי הייסן דליה. דליה איז אַ שיינער נאָמען, אַ בלום, און אונדזער ערשטלינג וועט אויך זיכער זײַן אַ בלום.

— און אפשר וועט דאָס זײַן אַ ייִנגל? — האָט געטענהט דײַן מאַמע.

— וועט מען דאַן טראַכטן.

דליה געדענקט, אַז די באָבע שושנה האָט דערציילט, אַז ווען שרהלע האָט געדאַרפט געבוירן ווערן, האָט מען נאָך גערעדט אַ וואָך פאַרן געבורט וועגן אַ נאָמען פאַרן קינד, וואָס דאַרף געבוירן ווערן. און ווידער צוגעטראַכט אַ נאָמען נאָר פאַר אַ מיידל.

— און טאָמער וועט דאָס זײַן אַ ייִנגל?

— וועט מען דאַן טראַכטן — האָט דער טאַטע באַרואיקט דער מאַמען. אַזוי זיכער איז ער געווען, אַז ס׳וועט געבוירן ווערן אַ מיידל.

ווען ס׳האָט געדאַרפט געבוירן ווערן מזל, האָט מען שוין צוגעגרייט

דעם נאָמען עטלעכע טעג פאַר דעם, ווי די מאַמע האָט געדאַרפט אַרויס־גיין אין שפּיטאָל.

— וואָס איז דאָס מיט אייך, ר׳ יעקב, מיידלעך און מיידלעך — האָבן זיך די שכנים געחכמעט. — איר דאַרפט דאָך זיין אַ גביר צו זיי.

— ביי אונדז איז דאָס קיין חסרון נישט. פאַר יעדן מיידל צאָלט מען נאָך צו, נישט ווי ביי אייך, אַז מען דאַרף דעם חתן נאָך צוצאָלן, — האָט פריילעך געענטפערט דליהס פאָטער.

ווען מען צאָלט צו, וואָס מען צאָלט צו — פאַרשטייט נישט דליה. זי איז צופרידן פון טאַטנס ענטפער. איר געפעלן אויך בעסער מיידלעך ווי יינגלעך. וואָס קענען זיי בעסער, די יינגלעך? שלאָגן זיך. אין קלאַס לערנען זיך אַמאָל די מיידלעך בעסער ווי די יינגלעך.

— וואָס וועט זיין דער סוף מיט אייך, אדון יעקב? — האָט ברוך דער שכן זייערער גענומען לאַכן.

— זאָרגט נישט, שכן. ביז צען איז נאָך ווייט. אפשר וועט זיך נאָך אַ יינגל אויך געפינען, — האָט ער געענטפערט.

דאָס געפינט מען? דליה פאַרשטייט שוין גאָרנישט. נאָר זי זעט, אַז עפּעס פאַרבאַהאַלט מען פון איר. זי פאַרשטייט נישט אַלץ וואָס מען רעדט. אָבער פאַרוואָס, ווען די מאַמע איז דאָס לעצטע מאָל פאַר פסח געפאָרן אין שפּיטאָל, האָט מען אין זעלבן טאָג געטראַכט וועגן אַ נאָמען פאַר איר דריט שוועסטערל.

מרים האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן. פסח איז זי געבוירן געוואָרן, טאָ זאָל זי הייסן מרים, נאָך דער שוועסטער פון משה רבינו, וואָס האָט אונדז אַרויסגעפירט פון מצרים.

דליה זעט נישט אין דעם קיין שום עוולה, וואָס מען האָט קיין סך נישט געטראַכט און אַ נאָמען געגעבן איר דריט שוועסטערל מרים.

אויפן הויף זענען אַלע מקנא דליהן.

— אַלע מאָל איז ביי אייך דאָ אַ תינוק.

פרייט זיך דליה. איר פרייד איז אַ טאָפּעלע. פאַרוואָס נישט? אָבער זי איז דאָך געבליבן די איינציקע וואָס האָט אַ נאָמען פון אַ בלום. דאָס קומט איר — טראַכט זי. — די עלטסטע איז זי אין שטוב. גייט דליה

אַרום אַ ביסל פֿאַרריסן ביי זיך. נאָך אַ תּינוק איז דאָ ביי אונדז אין שטוב — באַרימט זי זיך.

— ביי אונדז קען איך זיך נישט דערוואַרטן, אַז די מאַמע זאָל ברענגען אַ תּינוק פֿון שפּיטאָל. כ׳פֿרעג זי יעדעס מאָל: אפשר וואַקסט שוין ביי דיר אין בויך אַ תּינוק? ניין און ניין! — און רותי צעוויינט זיך שיעור נישט פֿון קנאה צו דליהן.

די דערוואַקסענע רעדן אפשר אַנדערש וועגן תּינוקות — טראַכט דליה. די שכנה, שולמית, האָט געזאָגט דער מאַמען, ווי נאָר זי איז אויף די צווייטע טעג פּסח געקומען צוריק פֿון שפּיטאָל:

— מזל־טוב, רחל. עס גייט ביי אייך, ברוך השם, כּי־כּי־כּי!

וואָס לאַכט זי מיט אַ כּי־כּי־כּי? — איז דליה אין כּעס. — און שושנה רעדט ווייטער:

— אַ נס, וואָס נישט יעדעס יאָר אַ פּאָר. ער איז דאָך ביי אייך אַ שוסטער. איר שלאָפֿט צופּיל מיט אייער מאַן — האָט זי מיט אַן איינגעהאַלטענעם געלעכטער געזאָגט.

וואָס האָט דאָס צום שלאָפֿן? ס׳איז ענג, שלאָפֿט מען צוזאַמען. ס׳טרעפֿט אַז אַמאָל שלאָפֿט זי אויך מיטן אבא. ס׳איז ענג. זומער איז אַ מחיה. מען קען שלאָפֿן אויף דער פּאָדלאָגע.

אָבער דליה טראַכט נישט לאַנג וועגן דעם. זי איז צופֿרידן, וואָס אַלע, רותי, יוסי און מירעלע, זענען איר מקנא: אַלע מאָל איז ביי אייך דאָ אַ תּינוק!

# צילע

צווישן די נידעריקע הייזלעך און דעם פֿאַבריק־בנין, זענען אויף די וועגן געשטאַנען קאַלוזשעס נאָך דעם פֿינפֿטאָגיקן בייזן רעגן. ער האָט זיך דאָס מאָל אַזוי געגעבן צו פֿילן, אַז די פֿייכטקייט איז ממש אַריין אין די ביינער.

אפֿילו דיביימער זענען געשטאַנען דערשראָקענע און איינער האָט געפֿרעגט ביים צווייטן:

— וואָס וועט זיין? מיינע וואָרצלען וועט ער מיר אונטערשווענקען, און מיינע יונגע צווייגן וועלן זיכער אומקומען.

אומגעריכט האָט אויפֿגעשיינט די זון.

פֿון הינטער דעם געדיכטן לעבעדיקן פֿלוימען־בוים אַרום הייזל האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער פֿייף. צוערשט האָט זיך באַוויזן אַ צעקודל־טער געקרייזלטער קאָפּ קאַשטאַן־האָר און אַ סוועדער מיט רויט־ווייסע פּאַסן. איינס־צוויי איז צילע אַריבערגעקראָכן דעם פּאַרקאַן, נאָך איר האָט זיך דורך ערגעץ אַן עפֿענונג באַוויזן פּיפּי, דער שוואַרצער קודלאַ־טער פּודעל. דאָס איז געשען אַזוי גיך, ווי ביידע וואָלטן דאָס פֿון פֿאָרויס אויסדרעסירט.

זי האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף דעם פֿייף. אָבער ווען זי האָט פֿאַר זיך דערזען יעקבן, האָט זיך איר ליכטיק פּנים פֿאַרצויגן מיט אַ כמאַרע. זי איז אַריין אין כעס און צעשריען זיך אויף אים:

— חמור! דו מאַכסט נאָך דודס פֿייף! און כהרף עין איז זי מיטן הונט נעלם געוואָרן אויף דער צווייטער זייט פּאַרקאַן.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּיען אין דעם ברודערס סוועדער

וואָס האָט כמעט געדינט ווי אַ קלייד. דער סוועדער האָט געהערט צו יוסין, ער איז אין צבא. איז איר איצט גוט.

שוין דעם צווייטן טאָג ווי זיי גייען נישט אין שול אַריין. די לעצטע פאַרפּלייצונג האָט צעשטערט די וואַסערלייטונג און דער וועג צו דער שול איז אויך נישט בסדר. מען פאַרריכט אים. איז פאַרוואָס דוד נישט אַרויס, ווי מען האָט זיך אָפּגערעדט?

די זון האָט גענומען העלער שיינען. דער הימל האָט זיך באַפרייט פון די שוואַרצע כמאַרעס. דאָ און דאָרט האָבן נאָך געהאָנגען די לעצטע צוויטן זייערע.

זיצט צילע און וואַרט. ווי גוט וועט זיי ווידער זיין צו זיצן אויפן אַלטן צעוואַקסענעם זיתים־בוים. ווו איז ער? זי מוז אים היינט דער־ציילן „די יתומה" טשארסקעס. צו וואָס דאַרפן זיי לייענען אַזעלכע ביכער? ער לייענט און דערציילט איר, און זי לייענט און דערציילט אים. דוד לייענט איצט „טאָם סאָיער" טווענס. כאָטש זי האָט עס שוין געלייענט וועט זי הערן נאָך אַ מאָל די מעשיות פון טאָם סאָיערן און זיין מומע. און די מאַמע מיטן צאָן? זי האָט זיך צעלאַכט.

ווי גוט זיי איז ווען זיי זיצן דאָ אויף דעם פּיען. קיינער קומט דאָ נישט. ווען עס קומט אפילו עמעצער פון קלאַס ווערן זיי אַנטשוויגן. אַלע מיינען, אַז זיי באַהאַלטן עפּעס אַ סוד. און אפשר ליגט אַ סוד צווישן זיי?

נישט נאָר זי און דוד האָבן אַ סוד, נאָר רינה און מרים אין קלאַס סודן זיך. דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. זי און דוד רעדן הויך און לאַכן. זיי שעפּטשען איינע דער צווייטער אויפן אויער און כיכיקען. זיי טרייבן זי ווען זי קומט אומגעריכט צו.

— גיי, תינוק, אַזעלכע זאַכן זענען נישט פאַר דיר.

— וואָס איז? — שטעלט זי זיך איין און פרעגט.

— דו וואַקסט און וואַקסט און ביסט נאָך נישט דערוואַקסן, — האָט זיך רינה נעכטן צעלאַכט און די מיידלעך זענען ווידער אַוועק אין אַ ווינקל זיך סודן. פיר מיידלעך זענען אין קלאַס אינגאַנצן און אַזויפיל יינגלעך.

זיי מיינען, אַז זי ווייסט נישט. די מאַמע האָט איר אַנומלט געזאָגט:

צילע, זאָרג זיך נישט. ס׳וועט קומען דיין צייט, וועסט רייף ווערן, ווי אַ בלום.

צילע האָט מורא, ווייל מען זאָגט, אַז דאַן קען מען שוין חתונה האָבן. נאָר אויב שוין יאָ חתונה האָבן, איז נאָר מיט דודן. אָבער ס׳קען זיך אָנהייבן אַזאַ מעשה, ווי ביי די וואַרשאַווסקיס, וואָס האָבן נישט געוואָלט קיין שוואַרצע כלה און עליזה, וואָס האָט נישט געוואָלט קיין ווזווז. זי וויל נישט, אַז עמעצער זאָל זיך אַריינמישן צווישן איר און דודן. אַמבעסטן איז ווי היינט. אָבער ווו איז ער, דוד?

צילע האָט צוגעזאָגט דער מאַמען, וואָס גיכער צו קומען אַהיים. דער טאַטע אַרבעט די וואָך אין באר־שבע, מוז זי מיט דער קליינער גיין צום דאָקטער און צילע דאַרף אָפּהיטן שושנהן און רבקהלען. אָבער זי איז אומרואיק. וואָס איז מיט דודן? יעקב ווייסט זיכער, דעריבער איז ער געקומען. ער וויל שוין לאַנג ווערן אַ חבר מיט איר. אויפן לעצטן מבחן פון חשבון האָט ער איר צוגעשיקט אַ צעטעלע און זי גערעטעוועט. און דאָס וואָס ער האָט איר נעכטן געוואָלט געבן אַ גאַנצן באַנאַן? און צילע האָט ליב באַנאַנען. זי האָט שוין געוואָלט אויסציען די האַנט, אָבער זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם פילם „נקמה פון אייפּערזוכט״. די העלדין האָט גענומען אַ מתנה און באַצאָלט מיטן לעבן. דער מאַן האָט זי דערשאָסן.

צילע האָט זיך געכאַפּט, אַז זי זיצט דאָ שוין צו לאַנג און די מאַמע וועט איר פרעגן: — סילוויאַ, אַזוי האָלטסטו וואָרט? באַלד האָט זי אַ קאָמאַנדעווע געגעבן:

— פּיפּי — היידאַ, האָפּ! — און זיי זענען אַריבער דעם פּאַרקאַן און פּאַרקערעוועט זיך צו דודס הויז.

פאַרוואָס גייט זי אַריין דרייסט אין יעדער שטוב פון די קלאַס־חברים, נאָר צו זיי נישט? זי קומט צו גאָענט פון דער שטוב און ווען זי דערזעט דודס מאַמען קערט זי זיך אום און נעמט גיין אויף צוריק. אָבער דודס מאַמע איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון שפּיז־געוועלבל. זיין טאַטע, דער וועבער־אַרבעטער איז ביי דער אַרבעט. האָט צילע אומגעריכט אַ קאָמאַנדעווע געגעבן:

## אין אונדזערע טעג

— פיפי — רוף דודן, גיכער!

און פיפי האָט זיך צעבילט מיט אַזאַ אייפער, אַז דאָס בילן האָט אָפּגעקלונגען ווי ווייט.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ווי די טיר האָט זיך געעפנט און דודס שוועסטער האָט אַריינגעבעטן צילען אין זייער שטוב, ווייל דוד איז קראַנק.

צילע איז שנעל אַנטלאָפן און נאָך איר איז נאָכגעלאָפן פיפי, אַ פריילעכער, אַ צופרידענער, וואָס זיין באַלעבאָסטע שפּילט זיך מיט אים.

# רותי

בלויז דער קאָפּ ביי איר איז געוואַקסן און דער בליק אין די אויגן איז געוואָרן עלטער, פאַרנונפטיקער. אַן אומהיימלעכע טיפקייט האָט פון זיי אַרויסגעשיינט. אין איר בליק איז געווען באַהאַלטענע, נישט־פאַרשטענדלעכע פייערלעך. איר גאַנץ לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אין די אויגן.

זי איז שוין צוועלף יאָר. זי האָט קלאָר דאָס פּריקרע געפיל פון איר מאָנסטערלעכקייט — אַנדערשקייט. דער גוף אירער וואַקסט נישט. זי איז ווי געבליבן שטיין ביי פיר יאָר. נאָר איר בלאָנדער קאָפּ איז געוואַקסן און רייף געוואָרן.

מיר זענען געזעסן און געשמועסט. זי האָט ווי פאַרגעסן וועגן איר אויסטערלישקייט. איר שטים, וואָס האָט געקלינגען וואַרעם און מענטשלעך, האָט געהייסן פאַרגעסן, אַז עס זיצט פאַר דיר אַ מאָנסטער. איר בליק האָט פאַרלוירן יענע אומפאַרשטענדלעכע פייערלעך און דו האָסט מיט גרויס הנאה געקוקט אין דער ימיקער טיפקייט פון אירע אויגן. איר אינערלעכע רייפקייט, איר גייסטיקייט, האָט געדעקט די אַנאָמאַליע אירע. זי איז געווען אינגאַנצן אַ רייפער מענטש. געפּענטעט האָט זי איר גוף.

— כ׳וויין ביינאַכט, די מאַמע זאָל נישט הערן. ווייל פאַרוואָס זאָל איך זי מצער זיין. אַזוי דאַכט זיך, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך, אָבער וואָס יעדער טראָגט אין זיך — דאָס זעט מען נישט און מען ווייסט נישט. איך שוויג.

— די מאַמע מיינע, נישט נאָר, וואָס זי טראָגט דעם נומער אויפן

## אין אונדזערע טעג

האָנט ווי אַ סך אַנדערע, אָבער דאָס וואָס איז איר געשען אַ נאָכט פאַר דער באַפרייאונג, מיטן שיכורן דאָקטאָר, וואָס האָט איר געלאָזן מיך פאַר אַ מתנה — איז פיל ערגער.

— רותי!

— כ׳בין שוין גענוג רייף — געלייענט וועגן דעם. די מאַמע ווייסט אפילו נישט, וויפל איך פאַרשטיי. און דער, וואָס וואָלט מיין טאַטע געדאַרפט זיין, איז נישט צוריקגעקומען נאָך דער מלחמה.

יוסף איז גוט צו מיר, אָבער אַלע מאָל דוכט זיך מיר, אַז עפּעס דאַרפן מיר זיך ביידע — זי און איך, — אויסקויפן פון זינד.

ווען נישט דאָס מאָלן כאָטש מיט מיינע קינדערישע הענט, וואָלט איך פון זינען אַראָפּ.

## יורם

זינט די מאַמע האָט אים דערציילט, אַז זי איז נישט זיין אייגענע, האָט ער זיך קיין אָרט נישט געפונען.

געפילט האָט ער דאָס שוין לאַנג. נישט מצד דער מוטער, נאָר מצד דעם פאָטער. אַמאָל מיט אַ שמייכעלע, וואָס האָט געשטאָכן; אַמאָל — מיט אַ בייז וואָרט, וואָס האָט געשטראָפט; מיט פאַרגעסן אויך צו ברענגען אַ מתנה, ווי ער פלעגט דאָס טאָן פאַר זיינע צוויי יינגלעך.

אין יורמען האָט געברענט אַ ווייטאָגדיקער כעס אויף אים. ס'וואָלט גוט געווען ווען ער וואָלט אומגעקומען צוזאַמען מיט די עלטערן. אַ בלימל, וואָס וואַקסט נישט צווישן זיין מין, איז פאַראיינזאַמט.

יורם וויל אַ סך זאַכן. ער האָט ליב פּאָעזיע, מאָלעריי. ער שרייבט אַליין אַ ביסל. אין דער שול און אין דער וואַנט־צייטונג איז געווען זיין ליד. דווקא וועגן אומקום פון יידן אין געטאָ. אַלע האָבן אים גערימט. די מאַמע האָט זיך געפרייט, אָבער דער טאַטע האָט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט.

נאָכן ענדיקן די פאַלקסשול וועט ער גיין אַרבעטן. ער מוז זיך אָנזאַמלען געלט. אַ וועג געפינען צום לערנען ווייטער.

אין שלאָפלאָזע נעכט דאַכט זיך אים, אַז ער זעט זיין אמתע מוטער. אַז אירע אויגן זענען זיינע אויגן, אַז איר מויל איז זיין מויל, און ער דערזעט זיך — ווי שרעקלעך!

# זכריה

זלמן האָט מיט חוזק אַ זאָג־געטאָן צו רבקהן:

— וועמען האָט איר געבראַכט צו דער אַרבעט? ווער דאַרף זיך דאָס לערנען שלאָסעריי? ער איז דאָך נישט קיין חיה און נישט קיין פויגל.

— אליהו! — האָט ער מיט צופרידנקייט אַרויסגעבראַכט דעם נאָמען, — אָט דאָס איז געווען אַ ברען, אַלץ איז געפלויגן אונטער זיינע הענט. אָ, ער איז אַוועק אויף שלעכטע וועגן. אָבער דאָס!... — האָט ער ווידער מיט אַ ביטול אַ קוק־געטאָן פון אויבן־אַראָפּ אויף דעם דאַרן, הינקענדיקן זכריה.

— אדון זלמן, איר קוקט אויף זיין אויסזען, גיט אַ קוק אויף זיינע קלוגע אויגן וואָס פאַרשטייען גלייך, נאָך איידער איר זאָגט אַרויס אייער ווילן, פּרובירט־אויס די פלינקע הענט, וואָס לייגן זיך צו אַלע אַרבעטן. פּרובירט.

— ער איז פּונקט ווי דער טאַטע זיינער. אַזוי לעבעדיק געווען, אַזוי בריהש. דאָס האָט אים טאַקע דעם טויט געבראַכט. ער האָט זיך דווקא געמוזט באַרימען, אַז אַליין וועט ער, אָן הילף, דעם ריזן־קאַסטן אויפן דריטן שטאָק אַרויפטראָגן. האָט ער זיך איינגעבראָכן און געפאַלן.

— אַזוי אויך זכריה, — האָט זי מיט אַ זיפץ ממשיך געווען — ווען נישט דער געיעג מיטן ראָווער אין דער ענגשאַפט פון דער געדיכטער באַוועגונג, וואָלט ער דאָך נישט געפאַלן און נישט צעבראָכן דעם פוס.

— אָ! — האָט זלמן געזאָגט האַלב־ערנסט און האַלב מיט חוזק, — אין אייערע אָדערן פליסט פייער־בלוט, ווי ביי אַלע גריכן. געזען איצט

אַ גריכישן פילם „זאָרבאַ“. וואָס פאַראַ כוח שטעקט אין זיי, אין די גריכן!

— אדון זלמן, פּרובירט, וועט איר זען.

און אַזוי גייט שוין אַריבער אַ יאָר ווי רבקה טראָגט יעדן טאָג, האַלב איינס אַ זייגער, עסן פאַר איר זכריהן. און זכריה לערנט געדולדיק שלאָ־סעריי. נאָך די זעקס שעה לערנט ער ווייטער. דער כוח אין אים, וועלכן ער קען אין באַוועגונג נישט אַרויסברענגען, האָט זיך אָנגעזאַמלט און דער אומרו, האָט אים קיין רו נישט געגעבן.

ווי אַזוי דערגייט מען צו דעם — טראַכט ער — אַז ער זאָל אָט דעם זלמן זאַקן איבערשטייגן? דעם, וואָס האָט פון אים געחוזקט. נישט אין רייכטום, נאָר אין בריהשאַפט, אין קענטעניש.

ער וועט דאָס ווערן. ער וועט אַ סך לערנען, ער וועט מוזן דערגיין.

# דער איבעריקער

דורון האָט פֿיינט ווען אלי קומט. אלי זיצט די גאַנצע צייט לעבן טאַטן און דער טאַטע רעדט נאָר מיט אים.

אַלע שמייכלען צו אליען. די מאַמע זיינע, שמחה, שמייכלט אויך צו עליען.

— סאַראַ גוטע זאַכן מען גיט אים. וויפֿל ער וויל נאָר!

— אלי, אפשר ווילסטו נאָך אַ ביסל ווייַנטרויבן? — פֿרעגט די מאַמע שמחה און זאָגט צום טאַטן — שמעון, דערלאַנג אים נאָך אַ ביסל ווייַנטרויבן.

אליען דערלויבט מען אַלץ אָנצורירן. ער מעג אַלץ נעמען אין האַנט אַרייַן. אַפֿילו צוגיין צום פֿרידזשידער.

ווי נאָר דורון רירט עפּעס אָן, שרייַט מען אויף אים:

— דורון, טשעפּע דאָס נישט, ריר נישט די טיר, נעם נישט די שליסלען, קריך נישט אויפֿן בענקל, דו וועסט אַראָפּפֿאַלן. און אלי מעג אַליין אַראָפּגיין אויפֿן הויף, ווייל ער איז שוין אַ תלמיד אין שול. דורון גייט אין גן. און ער וועט אויך גיין אין שול.

עקיבא, וואָס ברענגט אַלע אינדערפֿרי די מילך, איז שטאַרקער פֿון אליען. עקיבא גייט נישט אין שול, ווייל ער העלפֿט דעם טאַטן שלעפּן די פֿלאַשן מילך אויף די טרעפּ. עקיבא איז שטאַרק. ווען ער גיט אַ ריר מיט אַ פֿינגער, ליגט ער. דורון וויל, אַז עקיבא זאָל אַ ריר טאָן אלין — זאָל ער ליגן ווי אַ פּלעצל און זאָל ער וויסן — זאָל ער נישט קומען צו זיי.

ווען אלי קומט, גייט דער טאַטע שפּאַצירן נאָר מיט אים.

דער טאַטע גייט אַוועק מיט אליען, און דורון וויינט, מזל וויינט אויך, דער טאַטע זאָגט:

— וויינט נישט, וויין נישט, מזל, וויין נישט, דורון. כ׳וועל אייך ברענגען שאָקאָלאַד. דורון וויל נישט קיין שאָקאָלאַד.

און דער אבא קומט לאַנג, לאַנג נישט צוריק. שטייען דורון און מזל אויפֿן באַלקאָן און רופֿן:

— אבא, א־בא, א־א־א־ב־א־א־א...

אלי האָט דאָ נישט לאַנג געהאַט יום־הולדת. דער טאַטע האָט אים געקויפֿט אַ ראָוער, אַן אמתן, אַזוי ווי עס האָט אַבראַמטשיק פֿון צווייטן הויז. דורון וויל אויך האָבן אַ בר־מצווה, ער וויל אויך אַ ראָוער.

דורון וויל זיין אַ גרויסער. מען זאָגט, אַז אלי איז זיין ברודער. נישט אמת, אלי וווינט ווייט, ווייט. אויב ער איז אַ ברודער, פֿאַרוואָס וווינט ער נישט מיט זיי? אלי איז פּויה...

*

אלי האָט ליב צו קומען צו גאַסט צום טאַטן. ווען ער קומט אַריין, פֿרייען זיי זיך ביידע, ער און דער טאַטע. אַלע פֿרייען זיך, אַז אַלי קומט.

אלי האָט ליב דורונען. ער האָט ליב ווי דורון קוקט אויף אים מיט זיינע גרויסע, אָפֿענע אויגן. אַזאַ שטילער איז ער, דורון. מען זאָגט, אַז דורון איז אַ לאַבוס, אָבער ווען אלי קומט איז ער אַזוי שטיל און רואיק. ער האָט קיינמאָל נישט געזען, אַז דורון זאָל פּראָווען שטיק און מאַכן קונצן.

אלי האָט ליב מזלן. ווי אַ קליין מייזעלע זעט זי אויס מיט אירע קליינע שוואַרצע אויגעלעך און אירע שפּיציקע ציינדעלעך.

ווען מזל לאַכט, ווערן אירע אויגעלעך ערגעץ פֿאַרלוירן, נאָר עס לאַכן די שפּיציקע ציינדעלעך — לאַכן און לאַכן.

ביים טאַטן שמעון איז אליען אַזוי פֿריילעך אין דער קליינער ענגער דירה. דאָ איז קליין און ענג, אָבער אַלע זענען צוזאַמען.

אלי האָט פיינט די שטוב זיינע אין ירושלים. אין די גרויסע העלע צימערן איז אַזוי ליכטיק, אָבער אַזוי אומעטיק.

ברכה, די מאַמע זיינע, איז צו אים גוט.

פאַרוואָס ווײַנט נישט די מאַמע מיטן טאַטן שמעון, נאָר מיט אריהן? שמעון איז דאָך אַ גרויסער, אַ שיינער. אַלץ קען ער, דער טאַטע שמעון. ווען ער קומט נאָך דער אַרבעט אַהיים, צייכנט ער, האַקט פון בלעך פאַרשידענע פיגורן און בילדער.

ער האָט אַזעלכע גרויסע גוטע אויגן, ווי ביי דורונען. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אריהס בליק — וואָס פאַראַ אויגן האָט ער. זיי טאַנצן ביי אים, אַז עס איז שווער צו דערכאַפּן זייער קאָליר — אַמאָל גרוי, אַמאָל בלוי, אַמאָל גאָר גרין...

אלי מיידט אויס אים צו קוקן אין די אויגן אַריין. עס איז טאָקע נישטאָ אויך ווען.

ווען אריה קומט פון ביוראָ און עסט אָפּ מיטאָג, שלאָפט ער, און ווען ער שטייט אויף, נעמט ער די מאַמע ברכה און גייט מיט איר אַוועק.

אלי הערט יעדעס מאָל ווען זיי קומען צוריק. ווי נאָר ער דערהערט דאָס אַריינשטעקן דעם שליסל אין טיר, דעקט ער זיך איבער מיט דער קאָלדרע און באַהאַלט דאָס ביכל אונטערן קישן.

איינמאָל האָט ער זיך פאַרלייענט און נישט באַוויזן אויסצולעשן די עלעקטריע. ער האָט שפּעטער געהערט נאָר איינציקע ווערטער, וואָס זענען צו אים דערגאַנגען פון עס־צימער, פון אריהס געשריי:

— עלעקטריע... אין דער האַלבער נאַכט... דיין בנאָק!

ווען די מאַמע זאָל וועלן זיך פאַרנעמען מיט אליען, האָט זי אויך נישט ווען. ווי נאָר זי ענדיקט דערלאַנגען דאָס מיטאָג, איז זי ווידער פאַרנומען מיט נעמין און איתנען. זיי האָבן דקוואַ געמוזט ביידע געבוירן ווערן אין איין טאָג? וואָס?

אַלץ קעגן מיר... מיר אויף צו להכעיס — טראַכט אלי.

ער וועט זאָגן ער וויל נישט מער זיין קיין בייבי־סיטער. פאַרוואָס האָט ער דאָס נישט געזאָגט ביז איצט?

ער וועט שוין זיין שטאַרק, ווי דאָס וואונדער־יינגל פאל ראקערדאָ,

דאָרט אין בוך, וואָס איז איינער אַליין געשטאַנען קעגן אַ גאַנצער באַנדע און מיט זיין חכמה זיי באַזיגט. ער וועט זיין שטאַרק...

אלי האָט פיינט נעמין און איתנען... מען זאָגט, אַז נעמי איז זיין שוועסטער און איתן איז זיין ברודער. דורונען און מזלען האָט ער ליב, זייער ליב. ער האָט געוואָלט זיי צו סוכות קויפן צוויי פענער — געזאַמלט די פּאָר גראָשנס, וואָס די מאַמע פלעגט אים מיטגעבן אין שול אַריין אויף נאַשוואַרג. איינמאָל האָט ער אומפאָרזיכטיק געלאָזן דאָס פּושקעלע מיטן געלט אויפן טישל. גלייך האָט אריה דאָס דערשנאַפּט. און ווידער האָט ער זיך צעשריגן אויף דער מאַמען, און נישט אויף אים, מיט זיין הייזעריקן קול, ווי פון אַ פאַרזשאַווערטן טרומייט האָט זיך געטראָגן זיין כריפּען:

— דיין בנאָק... געלט... פון וואַנען? ער וועט גנבענען. פאַרוואָס שרייט ער קיינמאָל נישט אויף אים, נאָר אויף דער מאַמען?

אלי ווייסט שוין גוט — ווי נאָר ער דערהערט דאָס וואָרט בנאָק, וועט די מאַמע וויינען און אירע בלויע אויגן וועלן ווערן ווי שטיק־לעך ים פול מיט טרערן. זי וויינט אין די ווינקעלעך, אריה זאָל נישט זען.

נאָך דער מעשה מיטן געלט איז אלי אויך נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. אלי האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז ער וואָלט געשטאָרבן, וואָלט דאָך די מאַמע נישט געמוזט צוליב אים וויינען.

אויף מאָרגן, ווי נאָר ער איז געקומען פון שול, האָט ער אַרויס־געצויגן פון אונטער די ביכער די דריי פונט, וואָס דער טאַטע שמעון גיט אים אויף פאָרן קיין תל־אביב, און מיטן ערשטן אויטאָבוס איז ער אַוועקגעפאָרן פון שטוב — קיין תל־אביב.

ער האָט געוואַנדערט איבער אומבאַקאַנטע גאַסן און געסלעך. מאָדנע געסלעך דאָ אין יפו.

וואָס מער ער האָט געוואַנדערט, אַלץ מער האָט ער זיך דערווייטערט פון אָרט, וווּ עס האָט געוווינט דער טאַטע שמעון. ער האָט געטראַכט וועגן טאַטן. ער האָט געוואַנדערט לאַנג־לאַנג, ביז עס האָבן זיך גענומען לעשן די פייערן אין די מאַשינען און טאַקסיס.

## אין אונדזערע טעג

ער האָט געוואַנדערט ביז ער איז געקומען צום ים. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן באַנק און איינגעדרימלט.

פלוצלינג האָט ער דערהערט:

— שלאָף נישט, יינגל, וואָס שלאָפסטו?

אלי האָט זיך מיט שרעק אויפגעכאַפּט, ווייל אין דער זעלבער רגע האָט ער טאַקע געחלומט, אַז דער לייב פון זאָאָ־פּאַרק האָט אים מיט אַ שטאַרקן שלעפּ געוואָלט אַריינציען אין דער שטייג. ער האָט זיך מיט אים געראַנגלט.

און אלי האָט ווידער דערהערט דאָס קול פון בחורל, וואָס איז געזעסן לעבן אים, אין דער שוואַרצער בלוזע, באַשאָטן מיט גאָלדענע שטערנדלעך, געדיכט, געדיכט, ווי אין אַ שטאָק־פינצטערער נאַכט וואָלט זיך דער הימל אויסגעשטערנט מיטן רונדן שוואַרצן בערדעלע, וואָס איז געוואַקסן פון אונטער די אויערן.

— יינגל, וואָס שלאָפסטו, קום מיט מיר. איך וועל דיך אַוועקפירן אין אַזאַ אָרט, ווו עס איז פריילעך. ס׳וועט דיר דאָרט גענויס געפעלן.

אלי האָט אים שטאַרק, שטאַרק אָנגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס בחורל וויל פון אים. אָבער דאָס בחורל האָט ווידער מיט אַ זיס קול גערעדט צו אים:

— קום, קום! — און דאָ האָט ער אַרויסגעצויגן פון דער הינטער־שטער הויזן־קעשענע אַ קליין מעסערל און געזאָגט:

— ווילסט עס? נעם עס דיר, חביבי.

אַ שאָד וואָס אלי איז נישט אַלי־באַבאַ, נאָר אלי שמרני — ער וואָלט פאַרוואַנדלט דאָס בחורל אין אַ שוואַרצער שלאַנג מיט גאָלדענע שופּן און אַליין וואָלט ער צעשפּרייט דעם כישוף־טעפּיך און אַ פלי געטאָן.

אָבער דערפילנדיק דעם גליענדיקן בליק פון די קויל־שוואַרצע אויגן פון בחורל, וואָס איז געזעסן לעבן אים אין דער שוואַרצער בלוזע, אַ באַשאָטענע מיט גאָלדענע שטערנדלעך, האָט אים דאָס האַרץ גענומען קלאַפּן שטאַרק, שטאַרק. — יאָ, דאָס איז עס. דאָס איז דער לייב, וואָס האָט אים אין חלום געשלעפּט צו זיך אין דער שטייג.

און אומגעריכט פאַר זיך אַליין האָט אלי זיך אַ ריס געטאָן אין אַ געלויף, שרייענדיק: אבא — אבא — א־א־א־ב־ב־א־א־א!

דאָס איז דאָך אַלץ געשען אָט נעכטן. ער ציט אויס די מידע פיס און טראַכט, ווי גוט וואָס עס איז שוין היינט...

מיט פרייד קוקט ער זיך איין אין דער אויפגייענדיקער זון, וואָס שיינט מיט ראָזלעך־גאָלדענער ליכטיקייט דורך דעם גרויסן פענצטער אין שטוב פון טאַטן שמעון און מאַמע שמחה. מיט זיי איז אים גוט.

אלי האָט זיך געפרייט, וואָס קיינער אַרום אים ווייסט נישט וועגן זיין חלום.

# י ו נ ה

די נאָר־וואָס אויפגעשטעלטע צווי שורות הייזער פּאַר עולים בליש־טשען מיט נייקייט און קאַלך. הינטער די הייזער ציט זיך אַ שטיק פעלד, וואָס איז אייגנטלעך אַ זאַמדיק שטיק ערד, ווו עס וועט אַמאָל זיין אַ גערטנדל פּאַר די קינדער זיך צו שפּילן. די קינדער שפּילן זיך אויפן גאַס, וואָס צווישן די צווי שורות הייזער.

יונה האָט ליב דווקא צו זיצן אונטערן איינציקן בוים אין עק גאַס, דעם טאָפּאָל, מיט דער צעצווייגטער קרוין ווי אַ ריזן־פעכער. ווען ער זיצט אונטערן בוים דוכט זיך אים, אַז ער זיצט אין אַ וואַלד, ווייל דער בוים גיט שאָטן פּונקט ווי אין אַ וואַלד. ער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין קיין וואַלד, אָבער ער ווייסט, אַז אין וואַלד איז דאָ אַ סך שאָטן און ס׳לעבן דאָרט שרעטעלעך. די שרעטעלעך קענען אויספירן אַלץ וואָס זיי ווילן — פּאַר זיך און פּאַר יענעם.

אמת, אין דער מעשה גייען זיי אַרויס נאָר ביינאַכט פון זייערע הייז־לעך. אפשר וועלן זיי דאָך אַמאָל פאַרשלאָפן און אַרויסקומען בייטאָג. וועט ער זיי בעטן, וואָס עס ער וויל שטאַרק, שטאַרק.

ווען יונה שטייט אונטערן הויכן טאָפּאָל מיט דער צעצווייגטער קרוין, זעט ער אַליין אויס ווי אַ שרעטעלע, נאָר צוצוקלעפּן אים אַ גרויע באָרד, און פּאַרטיק.

זיין שטרויענער בלויער קאַפּעליושל מיט דער פעדער, זיינע רויטע הויזן אויף זיינע דאַרע פיסלעך, איצט זיין פלאַמיקער רויטער קאָפּ האָר, זיינע גאָר העל־בלויע אויגן, וואָס זעען אויס כמעט דורכזיכטיק — אַלץ אין אים דערמאָנט אַ שרעטעלע.

זיצט יונה אונטערן הויכן טאָפּאָל און טראַכט: אפשר איז דאָס גאָר

אַ וואַלד, און אפשר וועלן זיי צו אים טאַקע קומען און אפשר אויך אים העלפן. ער האָט אַ סך דאגות, יונה. אָט האָט ווידער די זון זיך אָנגעזעצט אויף אים און באַשיט זיין פּנים מיט פּינטעלעך, מען רופט זיי זומער־שפּרינקעלעך.

די מאַמע זאָגט, אַז דאָס זענען קושן פון דער זון. די באָבע זאָגט, דאָס זענען ראָזשינקעס אַריינגעקנאָטענע אין זיין פּנים. ווען זי קושט אים, זאָגט זי: אוי ווי זיס, זיס־צוקער.

פאַר יונהן זענען דאָס נישט קיין קושן און נישט קיין ראָזשינקעס, נאָר אַ מאַסע זומער־שפּרינקעלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט בעיקר אויף דער נאָז און אויף די באַקן. די קינדער לאַכן פון אים צוליב דעם. „דזשינדזשי" רופט מען אים. דאָס אַרט אים נישט אַזוי. אָבער פאַרוואָס איז אומעטום דאָס זעלבע, טראַכט יונה — אין קינאָ, אַז מען וויל וויַיזן אַ שטיפער, אַ שטערער, מוז דאָס שטענדיק זיין אַ געל יינגל מיט אַ סך זומער־שפּרינקעלעך און מיט אַ קורץ נעזל. יונה האָט זיך היינט געזען אין שפּיגל. אַ נאָז האָט ער ווי אַלע קינדער, נאָר וואָס — די זומער־שפּרינקלעך.

יונה איז היינט אומעטיק. אַלץ די זומער־שפּרינקעלעך. נורית האָט ליב איתנען. זי האָט אים געגעבן אַפילו אַ מאַראַנץ, פון די, וואָס איר מאַמע האָט געבראַכט פון קיבוץ. אויף אים קוקט זי אַפילו נישט.

ווען ער פרעגט דער מאַמען, צי מען קען אַראָפּנעמען די פּינטעלעך פון פּנים, לאַכט זי:

— זע נאָר, יוסי, וואָס דיין יונה וויל. פיר אים אַוועק אין אַ שיינ־הייט־סאַלאָן (יאָ, יאָ, ער געדענקט גוט דאָס וואָרט).

— אוי, נאַרעלע, נאַרעלע — זאָגט דער טאַטע. — דו האָסט דאָך די וווּנדערבאַרע האָר פון דיין באָבען, ווען זי איז געווען יינגער. היינט איז זי שוין גרוי. הדסהלע וויינט, פאַרוואָס זי האָט נישט דיינע האָר און דו, יונה, אירע...

יונה פאַרשטייט באמת נישט פאַרוואָס עס איז אַזוי געשען. ער וואָלט זיך מיט איר גליַיך געביטן. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צו די זומער־שפּרינקעלעך?

# מ נ ח ם

מנחם האָט אָפגעווישט דעם שווייס פון פנים מיטן אַרבל פון זיין העמד, אויפגעהויבן זיין בליק צום הימל און אַ קוק־געטאָן אויפן וועג.

ער האָט ווידער זיך איינגעבויגן איבערן מייערן־פעלד און גענומען רייסן דאָס וואַלד־גראָז צווישן די פריילעך־צעוואַקסענע גרינסן, וואָס האָבן זיך שטיפעריש געשאָקלט אונטער זיינע אומדערפאַרענע הענט.

די זון האָט זיך שוין אויפגעהויבן איבערן פרדס. זי האָט אַרומגע־נומען מיט ליבשאַפט אַלץ און אַלעמען — ביזן מינדסטן ווערימל. דעם וועג, וואָס האָט זיך איינגעשניטן אין זאַמדיקן בערגל, האָט זי באַגילדט מיט איר פרימאָרגנדיקן גלאַנץ. זי האָט רחבותדיק צעלייגט זיך אויף אים. קיין זאַך האָט איר נישט געשטערט אין דעם.

יעדן טאָג אין דער צייט גייען זיי שוין. מנחם האָט מיט אומגעדולד געוואָרט. און היינט — נישט מען זעט זיי, נישט מען הערט זיי.

אָט האָט זיך פון ווייטנס באַוויזן שמעון, ווי אַ פאָנען־טרעגער. נאָך שמעונען דעם שטיפער גייט שטענדיק משה. ער גייט אים נאָך ווי אַ הינדעלע דער מאַמען.

אַ שאָד וואָס היינט גראָד אַרבעט ער ווייט פון וועג. ער שטרענגט אָן זיין בליק — ווער איז דאָס אין ווייסן קליידל? יאָ, דאָס איז מרים. כמעט צוויי יאָר איז ער געזעסן מיט איר אויף איין באַנק. שוין דריי חדשים ווי ער האָט פאַרלאָזן זיין קלאַס. אַ גוטע חברטע איז מרים, אַ שטילע. וואָס טראָגט זי דאָרט אין האַנט? בלומען פאַר דער לערערין. מיט איין מאָל האָט זיך אויפן שפיץ בערגל באַוויזן אַ פאַרביקע, פריילעכע חברותא, וואָס האָט זיך מיט אַ געלויף געלאָזן פון בערגל.

אַט איז מנשה, יונה, חמדה, אברהם, עמוס, דני. אַט דאָס איז יאָסעלע דער שניידערקעס, וואָס וווינט מיט זיי אין שכנות. מנחם דערמאָנט זיך ווי ער האָט אים דאָס ערשטע מאָל געפירט אין שול אַריין. שוין אַוועק אַ יאָר — און יאָסעלע וועט אין האַרבסט גיין שוין אין צווייטן קלאַס.

מנחם האָט אַריינגעלייגט פיר פינגער אין מויל אַריין און אַרויסגע־לאָזט אַ שניידיקן פייף, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין פּרדס, פון דער צווייטער זייט פון בערגל.

— מנחם! — האָט ער דערהערט אַן ענטפער אויף זיין פייף. — מנחם! — האָבן די קינדער געשריגן, גענומען אים זוכן ווו ער אַרבעט, און דערזעענדיק אים, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַלע מיט איין מאָל אַזאַ הילכיקן „יאָ־יאָ־יאָ", וואָס קיין לערער פון געזאַנג וואָלט נישט געקענט אַרויסבאַקומען פון זיי אַזאַ איינהייטלעך קלינגענדיקן אויסדרוק פון פרייד.

די קינדער האָבן זיך געאיילט, און נאָר פון דער וווייטנס זענען צו אים דערגאַנגען איינצלנע ווערטער: אָוונט — מסיבה...

— יאָ, יאָ, — האָט זיי געענטפערט מנחם און געפאָכעט מיט זיין האַנט פון שמחה.

ווען די קינדער זענען נעלם געוואָרן האָט ער נאָך טיפער אָנגע־רוקט זיין שטרויענעם הוט אויפן פּנים און ווייטער געאַרבעט.

— אפשר וועט דער טאַטע געזונט ווערן און צום נייעם שול־יאָר וועל איך ווידער גיין אין שול.

# אינהאַלט:

## I. מענטש מיט מענטש


| | זייט |
|---|---|
| דאָס געסל | 9 |
| אין די חנוכה־טעג | 68 |
| ווען די מאַראַנצן בליען | 91 |
| דער מענטשן־קענער | 118 |
| די שכונה „איתן" | 130 |
| „אונטער דער גרינער לאָמטערן" | 140 |
| איר געשיכטע | 161 |
| אויף אומוועגן | 175 |
| חבצלת | 192 |
| לייזער דער קיסר | 196 |
| די מאָדעלקע | 203 |
| איבערגעבעטן זיך | 213 |
| אַ באַגעגעניש | 218 |
| פאַרגעסן... | 222 |
| מומע זעלדעס הייזל | 227 |
| שאַלאָמאָ | 231 |
| שוואַלבן | 236 |
| דער באַנאַנען־בוים | 238 |
| דער נישט־דערפילטער פאַרלאַנג | 241 |
| אַ פרעמדער פלאַנץ | 244 |
| דער שמעטערלינג און דאָס זשוקל | 247 |
| דער הירש און די רויטע הירשיכע | 250 |


## II. געווען


| | |
|---|---|
| די פרינצעסין ווערט געבוירן | 255 |
| די מאַמע שיקט מיך אין געוועלב | 259 |
| אין יענע טעג | 262 |
| טויבן אין פלי | 266 |
| אַ בלעטל זכרונות | 275 |
| אַ מעשה מיט אַ קינדער־וועגעלע | 279 |
| דאָס לעצטע מאָל | 283 |

זייט


די געלע שיך . . . . . . . . . . . . 285
אומגעריכט . . . . . . . . . . . 293
אַ פּאַרזען . . . . . . . . . . . 296


## III. פון מיין נאָטיץ־בוך


יפו . . . . . . . . . . . . 303
דער וועג קיין חיפה . . . . . . . . 317
דער וועג קיין ירושלים . . . . . . . 320
האַרמאָניע . . . . . . . . . . 324
כּנרת . . . . . . . . . . . . 326
אַנדערש . . . . . . . . . . . 329


## IV. קינדער


בן־עמי . . . . . . . . . . . 333
ווי אין יענע גאַסן . . . . . . . . 337
שולה . . . . . . . . . . . 342
נורית . . . . . . . . . . . 346
מירעלע . . . . . . . . . . . 351
דליה . . . . . . . . . . . 353
צילע . . . . . . . . . . . 356
רותי . . . . . . . . . . . 360
יורם . . . . . . . . . . . 362
זכריה . . . . . . . . . . . 363
דער איבעריקער . . . . . . . . . 365
יונה . . . . . . . . . . . 371
מנחם . . . . . . . . . . . 373


## צייכענונגען פון ח. עווים אויף די זייטן:

38, 66, 89, 117, 131, 135, 150, 174, 229, 252, 316, 319, 323, 325, 336, 341, 345, 350, 359, 370.